STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07527

# TROYMERS FUN'M GETO

Israel Zangwill

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# טרוימערס פונ'ם געטאָ

פון
ישראל זאַנגוויל

איבערזעצט פון ענגליש פון
מאַרק שווייד

ערשטער באַנד

פאַרלאַג מ. יאַנקאָוויטש
179 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.
1929

TRADES COUNCIL 200

# אינהאַלט


| | |
|---|---|
| פאָרוואָרט פונ'ם איבערזעצער | 7 |
| פאָרוואָרט | 9 |
| פאָרשפּיל: משה און ישו | 11 |
| אַ קינד פונ'ם געטאָ | 13 |
| יוסף דער טרוימער | 36 |
| אוריאל אַקאָסטאַ | 89 |
| דער טערקישער משיח | 143 |
| ברוך שפּינאָזאַ | 223 |
| דער בעל שם | 264 |
| מימון דער נאַר און נתן דער חכם | 343 |
| פון אַ מאַטראַצען קבר | 395 |
| דער פאָלקסדערלייזער | 433 |
| דער בלוטיגער ספינקס | 493 |
| טרוימערס אין קאָנגרעס | 499 |
| דער וואַנדערער קיין ארץ ישראל | 511 |
| דער איבערגעווינער פון קריסטענטום | 525 |
| דער פריידיגער חבר | 555 |
| חד גדיא | 570 |
| עפּילאָג: אַ הייַנטיגער סופר אין ירושלים | 594 |

# פאָרוואָרט פונ׳ם איבערזעצער

דאָס איז די ערשטע פולשטענדיגע איבערזעצונג אין אידיש פון די „טרוימערס פונ׳ם געטאָ״. און איך גלויב עס איז נישט איבעריג ביי דער געלעגענהייט אויפמערקזאם צו מאכען דעם לעזער אויף עטליכע וויכטיגע מאָמענטען אין זאנגוויל׳ס לעבען און שאפען.

ישראל זאנגוויל איז געבוירען געוואָרען דעם 14טען פעברואר, 1864, אין לאָנדאָן, ביי עלטערען וואָס זענען מיט זעכצען יאָר פריער געקומען אהין פונ׳ם ליטווישען שטעטעל רידעלישקי. זיין פאָטער, משה, איז געווען א פעדלער, און זאנגוויל האָט עס אָפט מיט שטאָלץ דערמאָנט. אין דער יוגענט, נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט דעם לאָנדאָנער אוניווערסיטעט, האָט זאנגוויל געהערט צו א גרופע יונגע שריפטשטעלער, פון וועלכע ער און דזשעראָם ק. דזשעראָם, זענען געווען די וויכטיגסטע. דאָס וואָס די גרופע האָט געשריבען איז דאמאָלס בארימט געווען אין ענגלאנד אלס דער נייער הומאָר.

זאנגוויל איז געווען עטליכע יאָר א לערער, דערנאָך דער הויפט־לערער אין א אידישער שול אין ווייטשעפעל, ביז ער האָט זיך צוקריגט מיט די באַלעבאַטים, איז ארויס און האָט זיך אינגאנצען אָפגעגעבען דער ליטעראטור.

צוערשט האָט ער געשריבען א הומאָריסטישען קאָלום „מרור און חרוסת״ פאר א אידיש־ענגלישען זשורנאל און האָט ארויסגעגעבען א זשורנאל „פורים״. דערנאָך האָט ער ארויסגעגעבען זיינע ערשטע צוויי ביכער „דער קלוב פון אלטע בחורים״, „דער קלוב פון אלטע מוידען״. ער האָט געצויגען אויף זיך אויפמערקזאמקייט מיט זיין בליציגען שארפזין און פלינקען הומאָר. אין אידיש־אמעריקאנישע קרייזען האָט ער געמאכט אַן איינדרוק מיט זיינע קורצע אידישע סקיצען, און זיין ערשטער סענסאציאָנעלער דערפאָלג איז געקומען, ווען די „דזשואיש פאָבליקיישאָן סאָסייעטי״ אין אמעריקע, האָט באשטעלט ביי אים א בוך פון אידישען לעבען. דער רעזולטאט איז

געווען זיין וועלט־בארימט בוך „קינדער פונ׳ם געטאָ", וואָס האָט געגומען אמעריקע און ענגלאנד מיט שטורעם, און האָט געווירקט אין ענגלאנד אז געוויסע פרעמדען־פיינטליכע געזעצען זענען אָפּגעוואָרפען געוואָרען. שפּעטער האָט ער דאָס בוך דראמאטיזירט און עס איז געווען א גרויסער ערפאָלג אויף דער אמעריקאנער בינע.

זיין נעכסט בוך איז געווען א סענטימענטאלער ראָמאן „נישט מער ווי מערי ען", וואָס זיין דראמאטיזירונג האָט אים געבראכט מער געלט ווי יעדעס אנדערע ווערק.

נאָך דעם גלענצענדען „קעניג פון די שנאָררערס" איז דערשינען זיין קרוינווערק „טרוימערס פונ׳ם געטאָ", וואו ער האָט אין יעדען טרוימער פארקערפּערט די נשמה וואס מאכט אים לעבען ווייטער.

זיינע וויכטיגסטע ווערק זענען אין דער ריי ביכער פונ׳ם געטאָ לעבען און א צאָל דראמען. „דער שמעלץ טאָפּ", וואו ער דריקט אויס זיין טיפען גלויבען אין אמעריקע. „דער קריגסגאָט", וואו ער איז דער גרויסער פּרעדיגער פון פרידען, און אנדערע.

זאנגוויל׳ס געזעלשאפטליכע טעטיגקייט איז א באזונדער קאפּי־טעל. ער איז געווען פון די ערשטע אונטערשטיצער פון די סופרא־זשיסטקעס און א מעכטיגער רעדנער פאר זיי. זיין אידעע פון וועלט־פרידען איז געווען אפּצושאפען גרענעצען, פאספּאָרטען, וויזעס, צאָל־הייזער א. א. וו. זיין באגייסטערטע טעטיגקייט אלס ציוניסט און טעריטאָריאליסט איז אונז אלעמען באקאנט.

ישראל זאנגוויל איז געשטאָרבען אין זיין היים אין ענגלאנד אין 1926, זיין לעצט ווערק איז געווען אן ארטיקעל: „שומר מה מליל?"

מ. ש.

# פארווארט.

דאס איז די געשיכטע פון טרוימערס, וואס זיינען אויפגעשטאנען אינ׳ם געטא פון דער צייט פון זיין באגרינדונג אינ׳ם זעכצענטען יארהונדערט ביז זיין פאמעלאכדיגען אונטערגאנג אין אונזער אייגענער צייט. א טייל זיינען געווארען היסטאריש אין אידענטום. אנדערע האבען דערגרייכט אז די גרויסע וועלט זאל זיי דערזעהן און זיינען געווארען מוסטערען פאר הערליכע קינסטלער אין דער ליטעראטור, און ווען נישט די נויטווענדיגקייטען פאר מיין טעמע און די שוואכע האפנונג אז איך וועל ווארפען ניי ליכט אויף זיי, וואלט איך מיך אינגאנצען נישט גענומען זיי אויפסניי צו באהאנדלען. די איבעריגע קען איך פערזענליך, אדער זיינען, ווי „יוסף דער טרוימער”, די קינסטלערישע טיפיפיצירונג פון א סך נשמות, דורך וועלכע דער גרויסער געטא חלום איז דורכגעגאנגען. קינסטלערישער אמת איז פאר מיר בוכשטעבליך דער העכסטער אמת. קונסט קאן אויפכאפען די עסענץ פון מענשען און באוועגונגען נישט ווייניגער אמת׳דיג, און זיכער א סך לעבענס־קרעפטיגער, איידער א וויסענשאפטליכע פאראלגעמיינונג איינינגט אוים א כאאס פון דערשיינונגען. צייט און רוים זיינען בלויז די באדינגונגען, דורך וועלכע גייסטיגע פאקטען וואנדלען. דערפאר האב איך מיר דא און דארט דערלויבט פרייקייטען מיט אט די קאטעגאריעס. אויב איך האב, צום ביישפיל, נישט געשטעלט אויפ׳ן ריכטיגען ארט דעם מאמענט פון שפינאזא׳ס טונקעלען ליבעס־עפיזאד, האב איך בלויז נאכגעפאלגט זיין אייגענעם פרינציפ, צו זעהן זאכען פון שטאנדפונקט פון אייביגקייט, און אפילו ווען זיין נייעסטער האלענדישער רעדאקטאר איז גערעכט, ווען ער פארלייקענט אינגאנצען דעם עפיזאד, וועל איך אים אלץ האלטען פאר אמת׳דיג אלס א סך הכל פון די עמאציעס, מיט וועלכע דער פילאזאף אפילו מוז זיך רעכענען. פון היינע׳ן האב איך פרובירט צו געבען א מין צוזאמענגעשטעלטע קאנווערזאציאנס־פאטאגראפיע, אויסמישענדיג דא אויך, די אמת׳ע העלדען פון דעם קליינעם עפיזאד מיט „לא מוש”. די וואס האבען אים שטודירט,

וועלן דערקענען אַלע זיינע ווערטער — איך קען בלויז האָפן, אַז מען קען נישט דערקענען וואו זיי פּאַראייניקן זיך מיט מיינע. מיינע אַנדערע קוועלן ליגן אויך אָפּטמאָל פּונקט אַזוי קלאָר אויף דער אויבערפלאַך, נאָר אָפט האָב איך מיך געמוזט אַריינגראָבן אין ווייניקער צוגענגליכע שטיינגרובן. למשל, דעם בעל שם׳ס הימלישע זעהונג האָב איך צו פאַרדאַנקען אַ העברעאישן אָריגינאַל, וואָס מיין פריינד, דאָקטאָר ס. שעכטער, פּראָפעסאָר פון תלמוד אין קעמברידזש, האָט מיר געוויזן, און וואָס איך בין אים נאָך מער שולדיג פאַר זיין באַלויכטענדיגער עסיי איבער׳ן חסידיזם אין זיינע „שטודיען אין יודאַאיזם“. מיין באַריכט איבער „מיימון דער נאַר“ איז באַגרינדעט אויף זיין אייגענער (נישט אַלעמאָל צופאַרלעסיגער) אויטאָביאָגראַפיע, פון וועלכער איך האָב אַרויסגעצויגען דעם דראַמאַטישען עסענץ, כאָטש אין דעם צוגעגעבענעם טייל פון דער געשיכטע האָב איך געמוזט צושרייבען אַ פריהעריגע דאַטע צו דער אויסגאַבע פון מענדעלסאָן׳ס „ירושלים“ און צו קאַנט׳ס באַרימטקייט. מיט איין וואָרט, איך האָב מיך קיינמאָל נישט אָפּגעשטעלט צו נעמען ווי אַ היסטאָריקער אָדער אויסטייטשען ווי אַ דערפינדערישער קינסטלער.

איך האָב אוועקגעשטעלט „אַ קינד פון׳ם געטאָ“ צוערשט, נישט נאָר דערפאַר ווייל די אידענשאַפט פון וועגעדיג האָט די ערשטע געטראָגען דעם נאָמען געטאָ, נאָר דערפאַר ווייל דאָס קאַפּיטעל קען באַטראַכט ווערען אַלס אַ פאָרשפּיל צו אַלע אַנדערע. צו דער חלום גייט דורך סמירנאַ צו אַמסטערדאַם, דורך רוים אָדער קאַירא, דורך ירושלים אָדער די קאַרפּאַטען, דורך לאָנדאָן אָדער בערלין אָדער ניו יאָרק, כמעט אַלע טרוימערס האָבען געהאַט אַן ענליכע קינדהייט, און זי קען דינען זיי אויסצוטייטשען. דאָס איז די פריהע סביבה, פון וועלכער זיי זיינען אַלע מער אָדער ווייניגער אויפגעקומען.

און עס איז אויך דאָ אַ זין, אין וועלכען אַלע דערציילונגען פירען צו דער וועלכע איך האָב אוועקגעשטעלט צום סוף. „דאָס קינד פון׳ם געטאָ“ מעג באַטראַכט ווערען אַלס דער „פאָטער פון׳ם מאַן“ פון „חד גדיא“ אין דער אייגענער שטאָט ביים ים.

ווייל דאָס בוך איז די געשיכטע פון אַ חלום, וואָס איז נישט מקוים געוואָרען.

י. ז.

## משה און ישו

איך האָב געחלומ׳ט ס׳טרעפען זיך צוויי אידען שטום,
ס׳איז איינער אַלט, שטאַר־אויגיג, שטרענג, נאָר זיין קאָפּ טראָגט
אַ קראַנץ פון לעבענס־ליכט וואָס ליבשאַפט בלויז פאַרמאָגט,
דער צווייטער יונג און קוקט מיט מלאך־בליק זיך אום.
דעם שטנ׳ס טאַנץ גייט ברייט אין שטאָט אַרום,
הונגער פייפט, ווען בלוטפּיין האָט זיין האַרץ גענאָגט.
שלום עליכם האָט יעדער טרויעריג געזאָגט,
און ביידע האָבן אָנגעקוקט זיך קרום.

נאָר פלוצלונג קלינגט פון קירך אַן אָרגעל־ליד,
און הויך און קלאָר אַ נגון פון דער שול,
און יעדער לויבט זיין נביא אָן אַ צאָל.
דאָ טרעפען זייערע בליקן זיך צום ערשטען מאָל
אין איין בליק, שטיל, רחמנות׳דיג און מיד,
מיט גסיסה־טרערען זייערע אויגען פול.

# אַ קינד פונ'ם געטאָ

## I.

די ערשטע זאַך וואָס דאָס קינד האָט געדענקט איז געווען דאָס אַראָפּקוקען פון אַ פענסטער און דאָס זעען, גאַנץ ווייט אונטען, גרין וואַסער פליסענדיג, און אויפ'ן וואַסער פאַרענדיגע גאָנדאָלעס און פישער־שיפלאַך מיט קאָלירטע זעגלען, וואָס די מענשען אין זיי האָבען אויסגעזעען קליין ווי קינדער. ווייל ער איז געבוירען געוואָרען אינ'ם געטאָ פון ווענעדיג, אויפ'ן זיבעטען שטאָק פון אַן אוראַלט הויז. עס זיינען געווען נאָך צוויי שטאָק, וועלכע ער איז קיינמאָל נישט אַרויפגעגאַנגען, און וועלכע זיינען געבליבען פאַר אים פרעמדע רעגיאָנען, וואָס האָבען געפירט אַרויף צום בלאָען הימעל. אַ טונקעלער טרעפּגאַנג, מיט חושכ'דיגע וויים־געקאַלכטע ווענט, האָט געפירט אַראָפּ און אַראָפּ — פאַרביי טירען, וואָס אין זייערע ראַמען זיינען געהאַנגען אין צין־איינגעפאַסטע מזוזות — אַראָפּ אינ'ם שמאָלען הויף אריין פון דעם עלטסטען געטאָ אין דער וועלט. אַ פּאָר איילען רעכטס איז געווען אַ טויער, וואָס האָט געפירט צום ברעג פונ'ם קאַנאַל, נאָר אייזערנע שטאַכעטען האָבען פאַרצוימט דעם וועג. דאָס וואַסער פון אַנאַנדער קאַנאַל איז צוגעקומען ביז דעם סאַמע הינטערטייל פונ'ם געטאָ און האָט אָפּגעשניטען יעדען אַרויסגאַנג; און די אַנדערע טויערען, וואָס האָבען געפירט צו דער אויסערער וועלט, האָבען געהאַט אייך אייזערנע גיטער, וואָס זיינען באַוואַכט געווען פון ווענעציאַנישע היטער. די טויערען זיינען געשלאָסען געוואָרען אום האַלבע נאַכט און געעפענט אינדערפרי, סיידען עס איז געווען שבת אָדער אַ קריסטליכער יום טוב, ווען זיי זיינען געבליבען פאַרמאַכט אַ גאַנצען טאָג, אַזוי אַז קיין איד האָט נישט געקענט אַריין אָדער אַרויסגיין פונ'ם הויף, פון דער גאַס, דעם גרויסען און דעם קליינעם סקווער און דעם איינעם אָדער צוויי שמאָלע געסלאַך, פון וועלכע עס איז באַשטאַנען דאָס

געטאָ. אינ׳ם געטאָ, פּונקט ווי אין גאַנץ ווענעדיג, זיינען נישט געווען קיין וועגן; גאַרנישט, אויסער טראָטוארען, וואָס האָבן אַלעמאָל אָפּגעהילכט דעם טראָט פון פיס. ביינאַכט האָבן די היטערס געוויאָסלעט אַרום און אַרום די קאַנאַלען אין גרויסע שיפלאַך, פאַר וועלכע די אידען האָבן געמוזט באַצאָלען. אָבער דאָס קינד האָט זיך נישט געפילט אַלס געפאַנגענער. אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין שום פאַרלאַנג אַרויסצוגיין פון די טויערען, האָט ער נישט געפילט די קייט, וואָס וואָלט אים צוריק אַריינגע־צויגען, ווי אַ הונט אין אַ בודע אַריין; און כאָטש אַלע מענער און פרויען, וואָס ער האָט געקענט, האָבן געטראָגען געלע הוטען און גרויסע רינגען אויף זייערע ברוסטען, ווען זיי זיינען אַריינגע־גאַנגען אין דער אַנדערער וועלט, האָט דאָס קינד דאָך אַ לאַנגע צייט קוים באַגריפען אַז עס זיינען געווען אין דער וועלט מענשען, וואָס זיינען נישט געווען קיין אידען, און נאָך וויניגער, אַז די הוטען און די רינגען פון געלער לייווענט זיינען געווען צייכענס פון שאַנד — אָפּצוצייכענען די אידען פון די אַנדערע מענשען. ער האָט אַפילו נישט געוואוסט, אַז נישט אַלע קליינע אינגלאַך האָבן גע־טראָגען אונטער זייערע וועסטלאַך אַרבע כנפות׳ען פון קאָלירטע אַקסעל־בענדלאַך, און האָבן נישט געזאָגט: „שמע ישראל, ה׳ אלהינו, ה׳ אחד!“, קושענדיג די ציצות. ניין, דאָס געטאָ איז געווען זיין גאַנצע וועלט, און אַ מעכטיג גרויסע וועלט איז עס געווען, פול מיט יעדער זאַך וואָס דאָס האַרץ פון אַ קינד קען באַגערען.

וואָס פאַר אַ גיריגער שוויבעל פון לעבען אין דעם גרויסען זוניגען סקווער, וואו דער ווענעצישער מאַסט האָט געטורעמט צום הימעל, און צווישען דער מאַסע זיינען טיילמאָל אַרומגעגאַנגען טויבען, וואָס האָבן געהאַוועט אַרום די צאַללאָזע קראָמען אונטער דער קיילאַכדיגער קאָלאָנאַדע — לאָמבאַרדען, אַלטע־קליידער־גע־שעפטען, יאַטקעס, וואו אידען מיט שוואַרצע בערד און געלע טורבאַנען האָבן זיך גערונגען אין לשון קודש! וואָס פאַר אַ כשוף עס איז געלעגען אין די הויכע, פיל־פענסטערדיגע הייזער, מיט זייערע אָפּגעשיילטע באַפּלאַסטערטע פראָנטען און לאַטעם פון נאַקעטע רויטע ציגעל, זייערע גרינע און ברוינע לאָדענס, זייערע

פאַרזשאַווערטע באַלקאָנען, זייערע אויפגעוואָרפענע פון פילפאַרביגע וועש! אין דער פרי און אין אָוונט, ווען דער פאַרשלאָסענער ברונעם איז געעפענט געוואָרען, וואָס פאַר אַ פרייד עס איז געווען צו זען, ווי די פרויען האָבען געשעפּט וואַסער, אָדער אַפילו צו העלפען שלעפּען די קייט, וואָס האָט געדרייט דאָס אַקסעל. און אויף דער בריק, וואָס האָט געפירט פון אַלטען געטאָ צום נייעם, וואו דער קאַנאַל, כאָטש מען האָט אים ווייניג געקענט זען, איז פאַרשוואונדען הינטער צוויי ראָגען, ווי פאַרכאַפּענדיג עס איז געווען צו שטיין און נאָכטראַכטען וואָס עס קען אַרויסקומען פון איינעם פון די צוויי ראָגען, און פון וועלכען ראָג ווערט מען פריער קענען עפּעס זען! אפשר וועט אָנקומען אַ סאַנדאָלאַ געוויאָסלעט פון אַ מאַן וואָס שטייט פון אונטען, זיינע צוויי וויאָסלעס גראַציעז איבערלייגט; אפשר שווימענדיגע ברעטער, אויף וועלכע באָרוויסע איינגלאך לויפען אַרום; אפשר אַ פלאַך שיפעל געטריבען פון מענער אין בלויע העמדלאך, איינער פאָרענט און צוויי פון הינטען מיט אַ משא גאָלדען היי, אָדער מיט פראָוויאַנט פאַר'ן געטאָ — לייכטענדיגע פרוכטען און רייך־פאַרביגע גרינוואַרג, אָדער בלעקע־צענדיגע שאָף און רעוועדיגע אָקסען, וואָס קומען געקוילעט ווערען פונ'ם אידישען שוחט. דער קאַנאַל, וואָס האָט אַרומגעצוימט דאָס געטאָ פון הינטען, האָט געהאַט אַ סך אַ ברייטערען אויסזיכט, אָבער דאָרט האָט מען קוים געוואָגט צו שטיין, ווייל דער אַנדערער ברעג איז געווען פרעמד, און פרעמדע מענשען, וואָס מען האָט גערופען ווענעציאַנער, האָבען דאָרט געוואוינט, און טייל פון אָט די רויע היידען קענען נאָך אַריבערוואַרפען שטיינער, ווען זיי זעען אימיצען. דאָך, ביינאַכט, האָט מען געקענט צוקריכען אַהין און קוקען אויף דעם לבנה־באַלויכטענעם וואַסער און צו די שטערען. וועגען דער וועלט, וואָס איז געלעגען אויף יענער זייט פונ'ם וואַסער, האָט ער בלויז געוואוסט, אַז זי איז געווען גרויס און פיינדלאך און גרויזאַם, כאָטש פון זיין הויכען פענסטער האָט ער ליב געהאַט אַרויסצוקוקען צו אירע גרויסע אומבאַקאַנטע ווייטקייטען, סודות'דיג מיט זייערע קופּאָלן און שפּיצען פון מעכטיגע געביידעס, אָדער צו יענע פרעמדע בערג, וואָס האָבען זיך אויפגעהויבען צום ים, ווייס און נעפּעלדיג, אַזוי ווי די בערג פון חלום, און וועלכע, ער

האָט געמיינט, מוזען זיין אזוי ווי דער בארג סני, וואו גאָט האָט גערעדט צו משה'ן. ער האָט קיינמאָל נישט געטראכט, אז דאָרט קענען זיין עלפען, צוויבער־מענשעלאך אָדער פעען, ווייל ער האָט קיינמאָל נישט געהערט פון אזעלכע באשעפענישען˙ עס זיינען געווען גוטע גייסטער און שלעכטע גייסטער אויף דער וועלט, נאָר זיי זיינען ארומגעפלאָסען אומגעזעענע אין דער לופט, און האָבען פרובירט מאכען קליינע אינגלאך גוט אָדער זינדיג. זיי האָבען אלעמאָל געפירט מלחמה צווישען זיך פאַר די נשמות פון קליינע אינגלאך. נאָר שבת האָט דיין שלעכטער מלאך קיין מאכט נישט געהאַט, און דיין שבת'דיגער היטער־מלאך האָט זיגעריש ארומגע־פלאָטערט, העלפענדיג דיין וואָכעדיגען גוטען מלאך, א זאך וואָס דו האָסט געקענט באמערקען ווען דו האָסט געוואָרפען צוויי שאָטענס אנשטאָט איינעם, ווען די צוויי שבת־ליכט זיינען געווען אָנגעצונדען. ווי שיין זיינען געווען יענע פרייטאגצונאכטסען, ווי שניי־וויס דאָס טישטוך, ווי זיס אַלץ האָט געשמעקט, און ווי מנוחה'דיג עס איז געווען אין דער לופט! אזא הערליכע רוהיגקייט פאַר דעם טאַטען מיט דער מאַמען נאָך זייער וואָך ארבייט!

די שבת־גויה איז עס געווען, וועלכע האָט קלאָר ארויפגע־צוואונגען אויף דעם קינד'ס פאַרשטאַנד — וואָס עס איז לאַנג געווען בלויז א טונקעלער באַגריף אינ'ם הינטערגרונט פון זיין שכל — אז די וועלט איז נישט באַשטאַנען בלויז פון אידען, ווייל אין דער צייט וואָס די מענשען, וועלכע האָבען געלעבט אין דעם געטאָ, זיינען געווען אויסדערוויילט און געהייליגט צו דינען דעם גאָט פון ישראל, וועלכער האָט זיי ארויסגעפירט פון דער שקלאַפעריי פון מצרים און האָט זיי געמאַכט צו זיין שקלאַפען פאַר אים אליין, זיינען אָבער אין דרויסען פון די טויערען געווען מענשען, וועלכע האָבען נישט באַדאַרפט אָפּהיטען משה רבינו'ס געזעצען. אזוי, אז ווען ער טאָר נישט אָנרירען קיין פייער — אפילו נישט די לייכטער, וואָס האָבען געהאַלטען פייער — פון פרייטאָג־צו־נאכטס ביז שבת־צו־נאכטס, האָט די שבת־גויה געקענט גריבלען און גריבלען זיך ביים פייער ווי לאַנג איר האַרץ האָט געגלוסט. זי האָט זיך געגריבעלט ביים פייער פון סאַמע אונטען ביז אַרויף צום זיבעטען שטאָק, און איז געגאַנגען אַלץ העכער, ווי א מין פייער־גייסט,

וואָס האָט זיך געגריבעלט אַרויף צום הימעל. זי האָט געהאַט נאָך אַנדערע מאָדנע פּריווילעגיעס, אַט די קליינע אַלטע פרוי מיט׳ן שאַל איבער איר קאָפּ, לויט דאָס קינד האָט שטופּענווייז אַנטדעקט. ווייל זי האָט געמעגט עסען חזיר־פליישׁ אָדער ראַקעס אָדער פייגעל אָדער בהמות ווי עס איז געקוילעט. זי האָט אַפילו געמעגט עסען פּוטער גלייך נאָך פליישׁ, און נישט באַדאַרפט צו וואַרטען זעקס שעה — ניין, זי האָט אַפילו געמעגט האָבען פּוטער און פליישׁ אויף דעמזעלבען טעלער, אין דער צייט ווען דעם קינד׳ס מוטער האָט געהאַט באַזונדערע טעפּ און כלים פאַר פליישיגס אָדער פאַר מילכיגס. אודאי איז די שבת־גויה געווען אַ נידעריגערער סאָרט באַשעפעניש, וואָס האָט געלעבט בלויז צו קאָכען דעם געטאָ׳ס טשיינעקעס און שמעקען דאָרט די ליכט, און זי איז גוט באַלוינט געוואָרען מיט קופּערנע מטבעות, וואָס זי האָט צוזאַמענגענומען אין יעדען הויז אַזוי גיך ווי מען האָט געמעגט אָנרירען געלט. ווייל ווען דריי שטערען האָבען זיך באַוויזען אויפ׳ן הימעל, איז די שבת־גויה צוריק פאַרזונקען אין איר פּרימיטיווער אומבאַדייטליכקייט, און דעם קינד׳ס פאָטער האָט געמאַכט הבדלה אָפּצושיידען די וואָך פונ׳ם שבת, און דאַנקען גאָט וואָס ער האָט אָפּגעטיילט דעם יום טוב פונ׳ם ארבייטסטאָג און ליכט פון פינסטערניש. איבער אַ בעכער וויין פול ביז צום אויג, האָט ער געמאַכט די הבדלה, געהאַלטען די איינגעבויגענע פינגער פאַר דער וואַקסענער הבדלה־ליכט צו מאַכען אַ סימבאָלישע דערשיינונג פון ליכט און שאָטען, און אַרומטיילענדיג יעדען די שמעקענדיגע פּסאַמביקס. און נאָך די ברכות האָט מען דעם קינד געגעבען אַ זופּ צו טאָן פונ׳ם וויין. אַ סך מאָל איז אַ מוילפול מיט וויין געווען פאַרבונדען אין זיין געדאַנק מיט דעם אידישען גלויבען. ער פלעגט אָפט קריגען אַ מויל מיט וויין אין שול פרייטאָג צו נאַכט און יום טובים ביינאַכט, און אין דערהיים אויך, באַזונדערס פּסח, די ערשטע צוויי סדרים, ווען זיין קליין כוס׳עלע איז אָנגעפילט געוואָרען נישט ווייניגער ווי פיר מאָל מיט מילדען, זיסען וויין. אַ גרויסער כוס איז אויך געשטאַנען פאַר אליהו הנביא, וואָס דער אומגעזעענער גאַסט האָט געטרונקען, כאָטש דער וויין איז קיינמאָל נישט געוואָרען ווייניגער אינ׳ם כוס. עס איז אין אַלגעמיין געווען אַ פריילאַכע צייט, אַט

דער פסח, פון דעם טאג פאר פסח אן, ווען מען האט פייערלאך פארברענט די לעצטע קרישקעס חמץ (אויף גאנצע אכט טעג צו בלייבען אן ברויט), ביז צו דער לעצטער רגע פונ׳ם אכטען טאג, ווען דאס לאנג־פארבאטענע ברויט האט געשמעקט אזוי זיס און אויסטערליש אזוי ווי לעקאך. און דאס איבערבייטען די חמצ׳דיגע כלים אויף יום־טוב׳דיגע האט געהאט א געווויסען רייץ: נייע פאנען, נייע טעלער, נייע כלים, נייע לעפעל, אלץ ניי, ווי עס פאסט פאר די מצות, וואס האבען פארנומען דאס ארט פון ברויט, מצות געבאקען אן הייוועון, פול מיט לעכעלאך. און ווען דער טיש איז געווען געדעקט צום סדר, און האט אויסגעזען, אה! אזוי וואונדערלאך און רייכפארביג, מיט וויין־כוסות און מאדנע מאכלים, די זריעה, דער מרור, די חרוסת און די אנדערע זאכען, און יעדער איינער אנגעלענט אויף ווייסע קישענס, דעם קינד׳ס נשמה איז געווען פול מיט א צארטער פאעזיע, און עס איז געווען א פרייד פאר אים צו פרעגען אין לשון קודש: „מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות. שבכל הלילות אנו אוכלים בין חמץ ובין מצה, הלילה הזה כלו מצה“. ער האט געפרעגט די קשיה פון א גרויסער דינער הגדה, מיט בילדער פון די צען מכות אין מצרים און פון דעם גרויליכען פרעה׳ן, וואס איז געזעסען מיט א הארט הארץ אויף א הארטען טראן. זיין פאטער׳ס ענטפער, וואס איז אויך געווען אין לשון קודש, האט געדויערט ארום צוויי אדער דריי שעה, ווייל עס איז געווען דורכגעמישט מיט עסען און טרינקען די פיינע זאכען און די מאדנע מאכלים; וואס דאס איז געווען דער איינ־ציגער טייל פונ׳ם ענטפער וואס דאס קינד האט באמת פארשטאנען, ווייל דאס לשון קודש אליין איז געווען זייער שווער. נאר ער האט געוואוסט אין אלגעמיין וועגען וואס דער יום טוב איז געווען, און זיין קשיה איז בלויז געווען א פארמעלע זאך, ווייל ער איז אויפגעוואקסען פרעגענדיג די קשיה יאר נאך יאר, מיט א געמאכטער פארוואונדערונג. און כאטש ער האט זיך אויסגעלערענט גוט צו פארשטיין לשון קודש, און האט אפילו געקענט איבערזעצען זיינע טעגליכע תפילות אויף שלעכט איטאליעניש, א צובראכענער ווע־נעציאנער דיאלעקט, וואס האט זיך אריינגעבאפט אין געטא דורך די מיילער פון די אידען, וואס האבען געהאנדעלט מיט דער דרוי־

סענדיגער וועלט, האָט ער אָבער קיינמאָל נישט געדענקט וועגן דעם זין פון די תפילות, ווען ער האָט זיי אָראָפּגערעדט אין דערפרי, ביימאָג און ביינאַכט. עס איז געווען אַזוי פיל צו זאָגען — גאַנצע ביכער. עס איז געווען אַ גרויסער נסיון אריבערצוהיפּען די טרוי־סענסטע בלעטלאַך, נאָר ער האָט זיך קיינמאָל נישט אונטערגעגעבען און האָט מיט אַ ריין געוויסען אראָפּגעזאָגט אפילו די קלענסטע אותיות'לאַך, וואָס האָבען אויסגעזען אַזוי ציטערדיג, גלייך זיי וואָלטען דערוואַרט, אַז בלויז ארבייטס־פעהיגע דערוואַקסענע מענשען זאָלען זיך אויף זיי אומקוקען.

אַ טייל פון דער פרייד פון שבתים און יום־טובים איז באַ־שטאַנען פון דעם, וואָס מען האָט געזאָגט אַנדערע תפילות. אַפילו דאָס בענשען נאָכ'ן עסען האָט געהאַט קליינינקע ענדערונגען, וואָס זיינען געווען אַן אָפּפרישונג. ווייל, פונקט אַזוי ווי דאָס קינד האָט אָנגעטאָן זיינע בעסטע מלבושים אויף יום טובים, פונקט אַזוי האָבען זיך זיינע תפילות אַזוי ווי איבערגעטאָן אין שענערע ווערטער, און מען האָט זיי באַדאַרפט ארויסזאָגען פון שענערע ספרים, מחזורים, און מיט שענערע נגונים. דער נגון האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביים דאַוונען אין שול, אַזוי, אַז כאָטש ער האָט נישט געטראַכט וועגן דעם טייטש פון די תפילות, האָבען זיי אָבער געלעבט אין זיין געדאַנק אַזוי ווי מוזיק, און, טרויעריג צי פריילאַך, האָבען זיי זיך אָפּט אליין געזונגען אין זיין מח אין שפּעטערע יאָרען. עס זיינען געווען דריי פאַרשידענע „אמן'ס" אינ'ם דאַוונען פון די דריי יום טובים — פסח, שבועות, סוכות — וואָס האָבען געהאַט אַ מאָדנעם חן פאַר אים. די ערשטע צוויי האָבען געקלונגען אָפּגעהאַקט, דער לעצטער האָט פאַרקיילאַכדיגט די תפילה, און איז אָפּגעשטאָרבען פּאַמעלאַך און איינגעהאַלטען. און כאָטש מען האָט באַדאַרפט זאָגען מאָפּעלטע תפילות אַזעלכע יום טובים, זיינען זיי אים פונדעסטוועגען נישט געווען שווער ווי אַ לאַסט, ווייל די עקסטרע פסוקים זיינען געווען אריינגעשמוגעלט צווישען די באַקאַנטע פסוקים, אַזוי ווי קליינע בערג אָדער בלומען זיינען זיי פּלוצלונג ארויסגעשפּרונגען אין אומדערוואַרטע ערטער גרינגער צו מאַכען די מאָנאָטאָנקייט פון אַ פיל־באַרייזטען וועג. און אחוץ דעם זיינען די עקסטרע תפילות געווען געדרוקט אַזוי שיין, זיי האָבען זיך

אזוי אַפּט געגראַמט. אַ סך פון זיי זיינען געווען קונציגע אַקראָס־טיכען, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען דעם גאַנצען אלף בית, פון אלף ביז תו. אָט די אַקראָסטיכען, תפילות, וואָס די ערשטע אותיות פון די שורות ליגען אויס אַ נאָמען אָדער אַ וואָרט פון אויבען אַראָפּ, וואָס זיינען פאַרפאַסט געוואָרען אין מיטעלאַלטער פון פרומע רביים, האָבען דורכגעדרונגען דעם מחזור, און אפילו ווען דאָס קינד האָט זיך באַדאַרפט מתודה זיין פאַר זיינע זינד — אָדער בעסער געזאָגט, פאַר די זינד פון גאַנץ קהל, ווייל יעדער איינציגער פון אחינו בני ישראל איז געווען פאַראַנטוואָרטליך פאַר די איבע־ריגע — האָט ער געזינדיגט זיין זינד מיט אַן „אלף", האָט ער געזינדיגט זיין זינד מיט אַ „בית", און אַזוי ווייטער, ביז ער האָט שוין מער נישט געקענט זינדיגען. און, ווען די תפילות האָבען זיך געגראַמט, וואָס פאַר אַ דערפרישונג עס איז געווען צו לייגען דעם דרש אויף יעדען גראַם און טאָפּעל־גראַם, און זיי פרום אַרויסשרייען. און טיילמאָל, אַנשטאָט גראַמען, האָבען זיי זיך געענדיגט מיט דער איינענער פראַזע, אַזוי ווי דער צושפּיל פון אַ פאָלקסליד, אָדער דער רעפריין פון אַ ליד, און דערנאָך וואָס פאַר אַ פריילאַכע דער־לייכטערונג, נאָך אַ לאַנגער אויסטערלישער שטראָף, צוריק אַרויס־צוקומען אויף באַקאַנטער ערד, און אויסשרייען באַגייסטערט „כי לעולם חסדו" אָדער „לעדי עד ימלוך, מלך עליון". טיילמאָל איז דער פּסוק געווען אַ קירצערער — בלויז איין שורה — און האָט זיך געענדיגט מיט איין־איינציג וואָרט, ווי „מים" אָדער „אש".

און וואָס פאַר אַ פרומער שפּאַס עס איז געווען צו געבען אַ קום אַראָפּ מיט אַמאָל אויף „אש" אָדער „מים"! זיי זיינען אַרויסגעשטאַנען פון'ם סידור פריינדלאַך און פשוט, דאָס איבעריגע איז געווען אַזאַ טשיקאַווע און פאַרדרייטע לשון קודש, אַז טיילמאָל, אין אַ געוואַגטער רגע, האָט זיך דאָס קינד געוואונדערט אויב אפילו זיין פאָטער האָט דאָס אַלץ פאַרשטאַנען, כאָטש ער האָט גאַנץ נישקשה'דיג און ביטערלאַך געוויינט איבער טייל פון די שירים, באַזונדערס ראש השנה און יום כפור. עס האָט אָנגעוואָרפען אַ מורא צו דיינקען, אַז די מלאכים, וואָס האָבען זיך צוגעהערט אויבען אין הימעל, האָבען פאַרשטאַנען יעדעס איינציגע וואָרט. און ער איז געווען גענייגט צו דיינקען, אַז דער חזן, דער בעל תפילה, האָט

אויך פארשטאנען; ער האט געזונגען מיט אזא געפיל און האט זיך געגארגעלט מיט אזא הייסער פרומקייט. א סך סאלאס האט דער חזן אויסגעזונגען, צו וועלכע דער עולם האט זיך צוגעהערט מיט א דורכגענומענער שטילקייט. די איינציגע צייט, ווען דאס דאווענען אין שול איז דעם קינד געווארען לאנגווייליג, איז געווען אום שבת, ווען מען האט געלייענט די פרשה פון דער תורה; ווייל די פרשות ווערען געלייענט א גאנץ יאר וואך ביי וואך אין א מאדנעם זינג־זאנג, מיט בלויז טיילמאל א ניגון. דער ניגון איז געגאנגען לויט דעם טראפ אונטער די ווערטער, און דער טראפ, וואס האט געמאכט שיינע מוזיק, איז גראד געווען זעלטען, און דער שענסטער טראפ פון אלע, וואס האט אויסגעשפונען דאס ווארט מיט אלערליי דריידלאך און טרעלען, ווי א פויגעל־געזאנג, איז פארגעקומען בלויז עטלאכע מאל אינ'ם גאנצען חומש. דאס קינד, זיך איינהערענדיג צו דעם זינג־זאנג אן א סוף, האט געטראכט, אז ער וואלט באשפרינקעלט די פרשה מיט פויגעל־געזאנג און ער וואלט געמאכט אז די תורה זאל זינגען. אבער ער האט געוואוסט, אז דאס קאן נישט זיין. ווייל די תורה איז געווען ערנסט און שטרענג און בכבוד'יג, אזוי ווי די וויכטיגע בעלי בתים פון שול, וואס האבען זי געטראגען הויך, אדער האבען זי צוזאמענגעוויקעלט און איר אנגעטאן דאס מענטעלע מיט דער כתר תורה מיט די קלינגעלדיגע זילבער־גלעקלאך. אפילו דער פשוט'סטער טראפ איז נישט געווען אנגעצייכענט אויף דער תורה, ניין, אפילו קיין צייכען האט זיך אויף איר נישט געפונען. בלויז די לשון קודש'דיגע אותיות האט מען געקענט זען אויף דעם הייליגען פארמעט, און זיי זיינען געווען געשריבען, נישט געדרוקט, ווייל די דרוק־מאשין איז נישט אזוי ווי די כשר'ע האנט פונ'ם סופר.

דאס קינד האט געטראכט, אז עס איז געווען א וואונדערלאכער אויפטו צו קענען דאס לייענען, און א נישט פיל קלענערער אויפטו צו וויסען גענוי ווי אזוי דאס אויסצוזינגען. זיבען אידען — צוערשט א כהן, דערנאך א לוי און דערנאך פינף פשוט'ע ישראלים — זיינען אויפגערופען געווארען אויף דער בימה צו שטיין און זיך צוהערען ווי דער בעל־קורא לייענט דאס ספר, און זייער

ארויפקומען און אראפגיין האט איבערגעריסען די מאנאטאנקייט פונ'ם לייענען.

נאך דער תורה זיינען געקומען די נביאים, וואס האבען אויפגעלעבט דעם קינד'ס אינטערעס, ווייל זיי האבען געהאט אן אנדערען און א מער אויסטערלישען ניגון, מינארנע, פול מיט האלבע טענער און זיסער טרויעריגקייט, וואס האט זיך געענדיגט אין א געקלאנג פון באגייסטערונג. ווייל די נביאים, כאטש זיי האבען געדונערט נעגען די זינד פון די אידען, און האבען געפריידיגט „הוי ואבוי“, האבען אויך נביאות געזאגט אויף טרייסט, ווען די צייט פון גלות און פארלכטונג וועט פארביי און משיח וועט קומען און צוזאמענ־נעמען זיין פאלק פון די פיר עקען פון דער ערד, און דאס בית המקדש וועט צוריק אויפגעבויט ווערען אין ירושלים, און אלע פעלקער וועלען דינען צו דעם גאט וואס האט געגעבען זיין תורה צו די אידען אויפ'ן בארג סני. און דערוויל איז בלויז ישראל געווען פארפליכטעט אויסצופאלגען יעדען אות, ווייל בלויז די אידען — געבוירען צי אומגעבוירען — האבען איינגעשטימט דאס צו טאן אונטער דונערען און בליצען אויפ'ן בארג סני. אפילו דעם קינד'ס נאך נישט־געבוירענע נשמה איז דארט געווען און האט אנגענומען דעם יאך פון דער תורה. ער האט אפט געפרופט צו דערמאנען זיך דעם עפיזאד, נאר כאטש ער האט זיך געקענט פארשטעלען דאס בילד גאנץ קלאר, און האט געזען ווי די נשמות קרייזלען זיך איבער די בערג אזוי ווי ווייסע וואלקענס, האט ער אבער נישט געדענקט, אז ער זאל האבען געוועזען צווישען זיי. קיין צווייפעל נישט, אז ער האט עס פארגעסען, צוזאמען מיט די אנדערע דערפארונגען וואס ער האט געהאט איידער ער איז געבוירען געווארען — אזוי ווי די צוויי מלאכים, וואס האבען אים געלערענט תורה און האבען אים איינמאל אין דערפרי געוויזען דעם גן־עדן און יעדען אווענט דעם גהינום — ווען אין דער רגע וואס ער איז געבוירען געווארען האט אים דעם מלאך'ס פינגער א שנעל געטאן אין דער אויבערשטער ליפ און האט אים געשיקט אין דער וועלט אריין ווייגענדיג פון ווייטאג, און מיט דעם קנייטש אונטער די נאז־לעבער, וואס איז אין יעדען מענשען'ס פנים דער שטעמפעל, אז מען האט פארגעבען אלץ וואס אין הימעל טוט זיך. נאר יעדען

**שבועות** — אין דעם יום טוב פון מתן תורה — איז די שול געווען אויסגעפוצט מיט גרינס און בלומען. בלומען זיינען נישט געווען גרינג צו באַקומען אין ווענעדיג — די שטאָדט פון שטיינער און דעם ים — דאָך האָט יעדע שול (און עס זיינען געווען זיבען אין דעם שמאָלען געטאָ, טייל אַלט און שיין, טייל אָרעם און שפּל'דיג) געהאַט אירע זיילען אָדער באַלקאָנען ארומגעפלאָכטען מיט רויזען, נאַרציסען, ליליען און שוועסטערלאַך. נאָך שענער זיינען געווען די מנהגים פון סוכות, ווען אין דעם סקווער אָדער אין די הויפען פון די שולן האָט מען אויפגעשטעלט סוכות צום זכר פון די טעג, ווען די בני ישראל האָבען געלעבט איןביידלאַך אין דער מדבר. דעם קינד'ס פאָטער, ווייל ער איז געווען באַזונדערס פרום, האָט געהאַט א ביידעל פאַר זיך אליין, באַדעקט מיט גרינעם סכך און באַהאַנגען מיט פרוכטען, און אויסגעמעבעלט מיט שטולען און מיט א טיש, ביי וועלכען דאָס קינד איז געזעסען, און דער בלויער הימעל האָט זיך געשפּילט אין „איך זע דיך" דורך די בלעטער, און דאָס ווייסע טישטוך איז געווען באַלייגט מיט ציטערדיגע שאָטענס און פינקעלדיגע זון־שטראַלען. און ארום די לעצטע טעג יום טוב האָט ער אָנגעהויבען אוועקצועסען דעם דאַך, אוועקעסענדיג די הענגענדיגע עפּעל און פאָמעראַנצען, און די רייצענדיגע וויינטרויבען. און דורך דעם גאַנצען שיינעם יום טוב האָט די שול געשורשעט מיט לולבים, ארומגעבונדען מיט ווערבע־צווייגען פונ'ם טייכעל און מיט צווייגען פון אַנדערע ליבליכע ביימער — אזוי ווי עס שטייט גע־שריבען אין ויקרא — וואָס די אידען פלעגען בייגען און שאָקלען צו מזרח און מערב און דרום און צפון, און דערנאָך צום הימעל, און שמעקענדיג די אתרוגים, וואָס זיי האָבען געהאַלטען אין שאַכטעלען אויסגעבעט מיט ווייסער וואָל.

אזוי ווי מען האָט נישט געטאָרט עסען קיין זאַך פאַר אתרוג בענשען, האָט א איד ארומגעטראָגען א לולב מיט אַן אתרוג צו יענע ווייבער, וואָס האָבען נישט געקענט פאַרלאָזען דאָס הויז צוליב היימישע פליכטען — און די היים איז טאַקע געווען א פרוי'ס וויכטיגסטער אָרט, און צינדען שבת־ליכט א פרוי'ס הייליגסטע פליכט, און אפילו אין שול איז זי געזעסען אויף א פּאַרצוימטען באַלקאָן, אוועק פון די מאַנסלייט אונטען.

דעם זיבעטען טאג סוכות האט דאס קינד געהאט א קליין בינטעל באבלעטערטע צווייגען, הושענות, וואס ער האט געשלאגען אויף דער שול־באנק, און זיינע זינד זיינען אוועקגעפאלען מיט די בלעטער, וואס זיינען זיך צופלויגען אויף דער ערד, זוען ער האט געשריען „הושענא, הושיעה נא“. א גאנצע נאכט האט זיין פאטער געדאווענט אין שול, נאר דאס קינד איז אהיים געגאנגען שלאפען, נאך א העלדישען קאמף מיט זיינע צופאלענדיגע ברעמען, האפענדיג נישט צו זען זיין שאטען אן א קאפ אויף די שטיינער, ווייל דאס איז געווען א סימן פון טויט. נאר דער ניינטער טאג סוכות איז געווען דער בעסטער, שמחת תורה, ווען מען ענדיגט די לעצטע פרשה פונ'ם חומש און מען הויבט גלייך אן די ערשטע אויפסניי, צו באווייזען, אז די שמחה ביים עולם איז נישט געווען דערפאר וואס מען איז פארטיג געווארען . דעם, וואס מען האט אויפגערופען צו דער לעצטער פרשה, האט מען גערופען דער „חתן התורה“, און דעם, וואס מען האט גערופען צו דער ערשטער פרשה, האט מען גערופען „חתן בראשית“, און מען האט געמאכט א חתונה, צו וועלכער אלע זיינען געווען געלאדען. די אינגלאך האבען זיך גע־ריסען איבער זיסע זאכען אויף דעם דיל פון שול. די ספרי תורות האט מען געטראגען ארום און ארום זיבען מאל, און די אינגלאך זיינען נאכגעגאנגען מיט פאנען און הבדלות, אין לייכטערס פון אויסגעהוילטע מייערלאך, און האבען פריילאך מיטגעזונגען „אנא, הושיעה נא“, „הצליחה נא“. דער חזן איז געווען אזוי פריילאך, אז ער האט זיך קוים געקענט איינהאלטען פון טאנצען. אודאי האט זיין קול געטאנצט ווען ער האט געזונגען. עס איז נישט געווען נאך אזא פריילאכע צייט, חוץ פורים — דער יום טוב, ווען אסתר המלכה האט באפרייט איר פאלק פון המן הרשע — ווען מען האט זיך געשיקט שלח מנות איינער צום אנדערען, און די מענער האבען זיך פארשטעלט און אנגעטאן ווי ווייבער און פארגעשטעלט קליינע שפילען. דאס קינד איז ארומגעגאנגען מיט א גרויסער פאלשער נאז, און ווען מען האט דערמאנט דעם נאמען „המן“ ביים לייענען די מגילה, וואס איז אויסגעזונגען געווארען אויף א נייעם פרישען אופן, האט ער נקמה'דיג געקלאפט מיט א קליינעם האמער אדער געמאכט א גרויסען טומעל מיט א גראגער. דער אנדערער יום טוב

פון אַ אידישער באַפרייאונג — חנוכה — איז אויך געווען במעט אַזוי איינדרוקספול, ווייל צום זכר פונ'ם נס פונ'ם קריגעל בוימעל, וואָס האָט געהאַלטען דאָס ליכט ברענענדיג אין בית המדרש, ווען יהודה המכבי האָט עס אויפסנייַ באַזייגט פון די גריכישע געטער, האָט מען אין געטאָ אָנגעצונדען חנוכה־ליכטלאַך, איינס די ערשטע נאַכט און צוויי די צווייטע נאַכט, און אַזוי ווייטער ביז אַכט האָבען געברענט אין אַ ריי, חוץ דעם שמש־ליכטיל, וואָס האָט אָנגעצונדען די אַנדערע, און דאָס קינד האָט געזונגען „במה מדליקין“ און אַנדערע תפילות, קוקענדיג אויף די געדיכט צוזאַמענגעדריקטע פלעמלאַך.

און אַזוי האָט דאָס קינד געלעבט און געוואַקסען אין דער אינערלאַכער וועלט פון חלומות, זיין פאַנטאַזיע האָט אים צוריקגעפירט אין אוראַלטען ארץ ישראל און פאַראויס צו עפּעס אַן אומקלאָרער אויפלעבונג. זיינע טעג ארומגעגאַרטעלט מיט תפילות און שיינע מנהגים, אפילו זיינע שפּילערייען אין באַלען אָדער ניט געהייליגט פון סנדלפון, דעם אינגעל־מלאַך, צו וועמען ער האָט געבעטען: „אוי, סנדלפון, האר פון וואַלד, באַשיץ אונז פון צער“.

## II.

עס זיינען געווען צוויי זאַכען אינ'ם געטאָ, וואָס האָבען געהאַט אַ מאָדנע צוציאונג פאַר דעם קינד: איינס איז געווען אַ גרויסע מאַרמאָרנע פּליטע אויף דער וואַנט נעבען זיין הויז, וואָס ער האָט בּיסלאַכווייז אָנגעהויבען צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז אַ גזירה, אַז אידען, וואָס זיינען געשמד'ט אויף קריסטען, טאָרען זיך קיינמאָל נישט אומקערען צוריק אין געטאָ און טאָרען נישט האָבען קיין באַציאונגען מיט די איינוואוינער פונ'ם געטאָ, אונטער אַ שטראָף פון שטריק, די תליה, די תפיסה, דעם קאַנטשיק, אָדער דעם מאַרטער־געשטעל; דאָס צווייטע איז געווען אַ מאַרמאָרנע פיגור פון אַ שיין מיידעל אין אַ פאַלענדיג געוואַנט, וואָס איז געלעגען אויף דער אויסערסטער וואַנט פונ'ם געטאָ, אַראָפּקוקענדיג אויף דעם געטאָ מיט מילדע אויגען.

אַן איבערבלייבאַכץ און צייכען פון אַ פריערדיגער צייט, האָט זי, צוזאַמען מיט דער מאַרמאָר־פּליטע, דערמאָנט דאָס קינד אַן דער

פרעמדער אומקלאָרער וועלט אין דרויסען, וואו מענשען פון א פאַרבאָטענעם גלויבען האָבען אויסגעשניצט פאַרבאָטענע געשטאַל־טען. אָבער ער איז קיינמאָל נישט ארויסגעגאנגען אין דרויסען, וויינינגסטענס קיינמאָל נישט מער פון עטלאכע גאסען, ווייל וואָס וועט ער טאָן אין וועגעדיג?

ווען ער איז אויסגעוואַקסען גענוג צו זיין נוצליך, האָט אים דער פאָטער אָנגעשטעלט אין זיין לאָמבארד, און פאר א צושטרייאונג איז אַלעמאָל געווען די שול און דאָס לערנען תנ"ך מיט פאר־שידענעם פשט, און די גרויסע גמרות, דער כאָאָס פון רבנישער לערע און געזעצען. און איידער ער איז אלט געוואָרען דרייצען יאָר האָט ער זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צו דער בר מצוה. ווייל ביי דרייצען יאָר איז שוין א קינד געוואָרען א מאַן. זיינע זינד, וואָס די פאַראנטוואָרטליכקייט פאר זיי איז ביז איצטער געלעגען אויף דעם פאָטער'ס אקסלען, וועלען איצטער פאַלען אויף זיינע אייגענע, און פון איצטער אָן וועט ער נישט זיין מער ווי בלויז א אידענע אין שול, מען וועט אים קענען צורעכענען צו א מנין. און אזוי האָט ער נישט נאָר בלויז באַקומען א טלית'ל, נאָר ער האָט אויך אָנגעהויבען צו לייגען תפילין, ארומוויקלענדיג די רציעות אויף דער לינקער האַנט און פינגערס — דעם „של יד" און דעם „של ראש" אויפ'ן קאָפּ, און האָט דערביי געטראַכט אזוי ווי אין חומש שטייט געשריבען: „ושמתם את דברי אלה על לבבכם ועל נפשכם וקשרתם אותם לאות על ידכם והיו לטוטפות בין עיניכם". און ער האָט אָנגעהויבען לערנען זיין פרשה, ווייל דעם ערשטען שבת פון זיין דרייצענטען יאָר וועט מען איהם אויפרופען, אזוי ווי א איד, צו לייענען די הייליגע תורה, נאָר אנשטאָט צו הערען, וועט ער דאַרפען אליין לייענען פון דער ספר תורה, וואו עס זיינען נישטאָ קיין שום נקודות און קיין שום טראָפּ.

דאָס איינגעל איז געווען שעמעוודיג, און דער געדאַנק, אז ער וועט זיך דאַרפען דרייסט באווייזען אויף דער בימה פאר דעם גאנצען עולם, האָט אויף אים אָנגעוואָרפען א שרעק. אחוץ דעם קען ער מאַכען טעות'ן אין די ווערטער אָדער אין טראָפּ. דאָס איז געווען א ביטערע צייט, וועלכע דער געדאַנק פון נייע קליידער,

בר מצוה מתנות און פרייליכקייט האט קוים פארלייכטערט. טייל־מאל האט ער זיך אויסגעכאפט אין מיטען דער נאכט אין א קאלטען שווייס, נאכדעם ווי עס האט זיך אים גע'חלומ'ט, אז ער איז געשטאנען אויף דער בימה אין א שטומער פארגעסענקייט, אלע אויגען געווענדעט אויף אים. דערנאך האט ער איבערגעזונגען זיין פרשה שטיל פאר זיך אליין, צו פארזיכערען זיך, אז ער געדיינקט זי. און א מאדנע זאך, דער פסוק האט זיך גראד אנ־געהויבען מיט „ויהי בחצי הלילה“. אין אמת'ען האט ער עס געקענט אזוי גוט ווי דעם אלף בית, ווייל ער האט זיך זייער שטארק געגומען די מי, קיינמאל נישט פארפעלט אויסצולערנען א שיר, אדער אויספילען א פליכט, און זיינע גיריגע אויגען האבען אויסגעקוקט אויף א לעבען פון אמת און געהארכזאמקייט. און וואס אמבאלאנגט לשון קודש און נקודות, האט עס אים שוין פון לאנג אויפגעהערט צו שרעקען; נקודות זיינען בלויז געווען פאר קינדער און נאראנים, און ער איז שוין געווען א ידען אין גמרא, דורכגעטריבען אין פלפול און אין צוזאמענפאסען פסוקים — א גאנץ רבי'לע! פלעגט מען זאגען אין געטא. און ווען דער גרויסער מאמענט איז ווירקליך געקומען, נאך עטלאכע ציטערדיגע וועגדונגען און דריידלאך אינ'ם נגון, האט ער אויסגעפונען, אז זיין קול איז געפלויגען הויך, זיגעריש, און דאן איז עס געווארען פאר אים אן איידעל פארגעניגען צו האלטען און צו באהערשען דעם גאנצען צוהערענדיגען עולם. דערנאך האבען זיינע טאטע־מאמע באקומען א סך באגריסונגען פאר דעם שטייגער ווי אזוי ער האט „געזאגט זיין פרשה“.

און אצינד, ווען ער איז שוין געווארען א מאן, האבען אנדערע טיילען פון דער אידישקייט אנגעהויבען שפילען א וויכטיגע ראלע אין זיין לעבען. ער איז געווארען א מיטגליד אין דער חברה קדישא, וועלכע האט מטהר געווען די מתים איידער מען האט זיי מקבר געווען אויף דעם קליינעם אינזעל־בית־עלמין, וועלכעס מען האט גערופען בית עלמין, ווייל עס איז נישטא קיין טויט אויף דער וועלט, ווייל, לויט ער האט זיגעריש געזונגען פרייטאג־צו־נאכט, איז גאט א „מחיה מתים ברחמים רבים“. און אצינד האט מען אים שוין אויך געקענט פאררעכענען פאר א מאן, ווען עס איז

געקומען צו א שבעה, ווען מען דארף זיצען זיבען טעג אויף דער ערד און תפילה טאָן פאר'ן מת. דאָס אינגעל האָט זיך געוואונדערט וואָס עס פלעגט ווערען פון אט די נשמות; טייל, האָט ער זיך געשראָקען, זיינען געגאַנגען אין גהינום אריין, ווייל ער האָט גע־וואוסט, אז די מענשען האָבען געטאָן און געגעסען פארבאָטענע זאכען. עס איז געווען א טרייסט צו טראכטען, אז אפילו אין גהינום ברענט נישט קיין פייער אום שבת, און עס איז נישטאָ קיין שבת־גויע. ווען משיח וועט קומען, וועט מען זיי אפשר אלעמען מוחל זיין. האָט דען נישט די גמרא געזאָגט, אז דאָס גאַנצע פאָלק ישראל — צוזאמען מיט די גוטע מענשען פון אלע פעלקער — וועט האָבען א חלק אין יענער וועלט?

## III.

עס זיינען געווען א סך תעניתים אויפ'ן לוח פונ'ם געטאָ, די מערסטע פון זיי צוועלף שעה לאַנג, און טייל פיר און צוואַנציג. קיין ביסען שפייז און קיין טראָפּען וואסער טאָר מען נישט נעמען צו די ליפּען פון זונאונטערגאַנג פון איין טאָג ביז די נאכט פאָלט צו דעם אַנדערען טאָג. דעם קינד איז בלויז דערלויבט געוואָרען צו האַלטען עטלאכע תעניתים, און די אויך בלויז טיילוויז, אָבער אצינד האָט שוין זיין נשמה אליין געהאט דאָס רעכט צו באשליסען ווי לאַנג און ווי אָפט זי זאָל זיך פייניגען, און זי האָט באשלאָסען דאָס צו טאָן ביי יעדער געלעגענהייט. און די גרויסע געלעגענהייט איז גיך געקומען. נישט דער שווארצער תענית, ווען דער עולם איז געזעסען אין די זאָקען אויף דער ערד אין שול, וויינענדיג און קלאָגענדיג אויף חורבן ירושלים, נאָר דער גרויסער ווייסער תענית, דער שרעקלאכער יום כפור, וואָס שטייט געבאָטען אין דער תורה. פאר דעם איז געקומען א לאַנגער חודש פון פייערלאכע תפילות, וואָס האָט אריינגעפירט דאָס נייע יאָר. דאָס נייע יאָר אליין איז געווען דער הייליגסטער פון אלע יום טובים, מיט א האַלבען טאָג לאַנג מיט תפילות, און מיט שרעקלאכע בלאָזערייען פונ'ם שופר. עס זיינען געווען דרייערליי אויסרופען אויף אט דעם פרימיטיווען טראָמפּייטער — איינפאך, ציטערדיג, קלאָגענדיג; און מען פלעגט

זיי אַלע אויסבלאָזען אין מאָדנע מיסטישע קאָמבינאַציעס, דורכגעד וואָרפען מיט ליידענשאפטליכע אויסברוכען פון געבעט. דער זינדער איז געוואָרענט געוואָרען תשובה צו טאָן, ווייל דאָס נייע יאָר איז געווען דער יום הדין. ניין טעג האָט גאָט גע'משפט די נשמות פון די לעבעדיגע, און באַשלאָסען זייער גורל אויף דעם קומענדיגען יאָר — ווער עס זאָל לעבען און ווער עס זאָל שטאַרבען, ווער עס זאָל רייך ווערען און ווער עס זאָל פאַראָרימט ווערען, ווער עס זאָל קראַנק זיין, און ווער עס זאָל זיין געזונט. נאָר צום סוף פונ'ם צענטען טאָג, דעם טאָג פונ'ם גרויסען ווייסען תענית, זיינען די ביכער אויבען מיט די משפטים פאַרמאַכט געוואָרען אויפ'ן גאַנצען יאָר. ביז בין השמשות איז נאָך געווען צייט, נאָר דאַמאָלט — וואָס עס איז אָנגעשריבען געוואָרען איז שוין פאַר'חתמ'עט געוואָרען, און ווער עס האָט נישט באמת תשובה געטאָן האָט פאַרלוירען זיין לעצטע געלעגענהייט פון מחילה. וואָס זשע פאַר אַ וואונדער, ווען פרי אין די עשרת ימי תשובה, פלעגט די באַפעלקערונג פונ'ם געטאָ גיין סטאַדעווייז צו דער קאַנאַל־בריק תפילה צו טאָן אַז אירע זינד זאָלען איינגעזונקען ווערען אינ'ם וואַסער און זאָלען פאַרטראָגען ווערען צום ים!

ס'איז געווען דער צענטער טאָג, און אַ שרעקלאַך געפיל פון הייליגען גורל איז געהאַנגען איבער דעם געטאָ. אין יעדען הויז האָט געברענט אַ ריזיג וואַקסען ליכט, ווייס און פייערלאַך, אַ גאַנצע נאַכט, און מען האָט געשלאָגען כפרות מיט הינער אָדער מטבעות אַרום די קעפּ פון די מענשען מכפר צו זיין פאַר זייערע זינד. דער פרימאָרגען איז אויפגעגאַנגען גרוי און קאַלט, נאָר מיט'ן פרימאָרגען איז שוין די באַפעלקערונג געווען רירעוודיג, ווייל מען האָט אָנגעהויבען דאַווענען זעקס אזייגער אין דער פרי און עס האָט געדויערט אָן אונטערבראַך ביז זיבען אַ זייגער ביינאַכט. אַ סך פון די מענער האָבען געטראָגען קיטלען אַזוי ווי תכריכים, און די גאַר פרומע זיינען אַ גאַנצען טאָג געשטאַנען, זיך שאָקלענדיג אַהין און אַהער און זיך געקלאַפּט ודוי אין האַרצען. אַ לאַנגע צייט האָט דאָס אינגעל אויך געוואָלט שטיין, נאָר אין דער געפּאַקטער שול האָט געשמעקט מיט שווערע ריחות, און צום סוף, אַרום האַלבען טאָג, צאַרט און שוואַך, האָט ער זיך געמוזט זעצען. אָבער ער

איז געווען אַנטשלאָפען צו פאַסטען ביז נאַכט. ביז דאַמאָלס האָט ער אַלעמאָל איבערגעריסען זיין פאַסטען ערגעץ אין מיטען דאַוונען, איז אַהיים געגאַנגען אַרום עק גאַס און זיך געקוויקט מיט חלה און פיש. ווען ער איז אַלט געוואָרען זיבען אָדער אַכט יאָר איז זיין אָנבייסען געקומען אום האַלבען טאָג. נאָר וואָס עלטער ער איז געוואָרען, אַלץ לייננער האָט ער געפאַסט, און עס איז ביי אים געוואָרען אַ כבוד זאָך זיך אַליין איבערצושטייגען יעדעם יאָר. דאָס לעצטע מאָל האָט ער געבראַכט זיין אָנבייסען ביז שפּעט נאָך האַלבען טאָג, און איצט וואָלט עס געווען נישט מוחל צו זיין ווען ער זאָל נישט קענען אויספאַסטען און אַהיים גיין, שטאָלץ און אָן זינד, צו טרינקען וויין מיט די מאַנסלייט. ער איז אַזוי בלאַס געוואָרען, ווען דער מוסף האָט זיך פאַרצויגען, אַז זיין פאָטער האָט אים עטלאַכע מאָל געבעטען ער זאָל אַהיים גיין עסען. אָבער דאָס אינגעל איז געווען אַנטשלאָסען אויסצוהאַלטען דעם גאַנצען תענית. און פון צייט צו צייט האָט ער פאַרגעסען זיין קאָפּ־ווייטאָג און דאָס נאָגעניש אין מאָגען אין דער ערנסטקייט פון זיין לײדענשאַפטליכען דאַוונען און אין דעם צויבער פון די גייסטער־האַפטע פיגורען וואָס האָבען געוויינט און געקלאָגט אין דער חושכ׳דיגער שול, און איינמאָל האָט ער געזען אין זיין פאַנטאַזיע ווי דער הימעל איבער׳ן קאָפּ האָט זיך געשפּאָלטען און גאָט איז געזעסען אויף דעם כסא המשפט, אַן אומגעזעענער דורך דעם איבערפלוס פון בלענדענדיג ליכט, און אַרום אים די פיר־פליגעלדיגע כרובים און די פייערדיגע רעדער און די הייליגע באַשעפענישען האָבען געזונגען „קדוש, קדוש, קדוש ה׳ צבאות כל הארץ מלא כבודו״. דערנאָך האָט אַ גרויסע מורא געשוועבט איבער דער שול, און די גרויסע מאַכטיגקייטען פון דער וועלט זיינען געווען אַזוי ווי קאָנצענטרירט אַרום איר, גלייך יעדעס באַשעפעניש וואָלט געוואַרט אין אָנגעשטרענגטער שטילשוויגעניש אויף די שרעקלאַכע ווערטער פון׳ם משפט. דערנאָך האָט ער געפילט אַ קילען, זיסען ריח באַשפּריצט אויף זיין שטערען, און אַזוי ווי פון די ווייטע עקען פון דער וועלט, האָט ער געהערט אַ קול, וואָס האָט געקלונגען אַזוי ווי זיין פאָטער׳ס, וואָס האָט אים געפרעגט צי ער פילט זיך שוין בעסער. ער האָט געעפענט זיינע אויגען און קוים געשמייכעלט,

און האָט געזאָגט, אַז עס איז אים גאָרנישט, נאָר איצט איז זיין פאָטער באַשטאַנען, אַז ער מוז אַהיים גיין עסען. און אַזוי, נאָך אַלץ איבערראַשט פון די גרויסקייטען וואָס ער האָט געזען, האָט ער זיך פאַר׳חלום׳ט דורכגעשלעפּט דורך דער ענגשאַפט פון די שאָקלענדיגע, וויינענדיגע דאַוונערס, איבער וועלכע עס האָט, ווייזט אויס, נאָך אַלץ געשוועבט עפּעס אַ גרויסע, פייערלאַכע מורא, און ער איז אַרויסגעקומען אין דעם קליינעם סקווער און אַריינגעצויגען אַ דערקוויקענדיגען אָטעם פרישע לופט, זשמורענדיג זיינע אויגען פונ׳ם פלוצלונגען פלאַם זונליכט און בלויען הימעל. אָבער דאָס געפיל פון מורא איז נאָך אַלץ געווען מיט איהם, ווייל דאָס געטאָ איז געווען פאַרלאָזען, די געשעפטען זיינען געווען פאַרמאַכט, און אַ הייליגער הויך פון שטילקייט איז געווען איבער די שטיינער און איבער די הייזער, וואָס האָט זיך נאָך שטאַרקער געפילט דורך דעם דונער פון אומאויפהערלאַכע תפילות פון שול.

ער איז געגאַנגען צום הויכען ניין־שטאָקיגען הויז, און ער האָט זיך שרעקלאַך פאַרשעמט. אודאי האָט ער צו פרי נאָכגעגעבען. ער האָט זיך שוין געפילט בעסער, די לופט האָט אים אויפגעלעבט. ניין, ער וועט נישט איבעררייסען זיין פאַסטען; ער וועט אַביסעל אַרומשפּאַצירען, דערנאָך וועט ער צוריקגיין אין שול אַריין. יאָ, אַ רירערודיגער שפּאַציר וועט אים אינגאַנצען צוריקברענגען צו זיך.

עס איז נישט געווען קיין וועכטער ביים אָפענעם טויער; די היטערס פונ׳ם געטאָ האָבען זיך אַראָפּגע׳גנב׳עט אַ יום טוב, וויסענ־דיג אַז אין דעם טאָג פון אַלע טעג איז נישט נויטיג צו היטען. דאָס היטער־שיפעל איז נעלעגען צוגעאַנקערט צו אַ זייל אָן מאַנ־שאַפט. אַלץ איז געווען אין איינקלאַנג מיט דעם אינגעל׳ס געפיל פון פייערלאַכער אויסטערלישקייט. נאָר ווען ער איז געגאַנגען פאַזע דעם קאַנאַרעדזשאָ ברעג, און ווייטער אין דער אומבאַקאַנטער שטאָט אַריין, האָט אַ מאָדנע אומרוהיגקייט און דערשטוינונג אָנגעהויבען אַריינצודרינגען אין זיין נשמה. אומעטום, נישט קוקענדיג אויף דער גרויסער מורא וואָס האָט געשוועבט איבער דער וועלט, זיינען געשעפטען געווען אָפען און מענשען זיינען אַרומגעגאַנגען אומפאַרזאָרגט אין די אויסטערלישע שמאָלע געסלאַך;

קינדערלאך האבען געלאכט אין די ארעמס פון זייערע אמען, די נאנדאלירס זיינען, ווי געוויינלאך, געשטאנען גלייכגעוויכטיג אויפ'ן שטערען פון זייערע שיינע שווארצע שיפלאך, און האבען רוהיג געוויאסעלט. דאס וואסער האט געפינקעלט און געטאנצט אין דער נאכמיטאג זון. אויפ'ן מארק האבען די זון־פארברוינטע אלטע פרויען לעבעדיג געפלאפעלט מיט זייערע קונים.

ער האט געוואנדערט אלץ ווייטער און ווייטער אין א שטייגענדיגער פארוואונדערונג און אומרוהיגקייט. פלוצלונג האט זיין זארג אויפגעהערט, אן אויסברוך פון א וואונדערליכער מעלאדיע האט דערגרייכט צו אים; עס איז נישט נאר געווען א פריידיגער מאטיוו, נאר אנדערע מאטיווען האבען זיך, האכט זיך, אויסגעמישט מיט דעם און האבען צושמאלצען זיין הארץ מיט אומדענקבארען צויבער; ער האט נאכגעיאגט די מאדנע קלאנגען, קומענדיג אלץ נענטער און נענטער, און צום סוף איז ער אומדערווארט ארויסגעקומען אויף א ריזיגען סקווער ארומגערינגעלט מיט קאלאנעס, אונטער וועלכע עס זיינען געזעסען שיין געקליידעטע הערען און דאמען און האבען געטרונקען ביי קליינע טישלאך, און האבען זיך צוגעהערט צו מענער אין רויט, מיט גרויסע שווארצע קאקארדעס אין זייערע הוטען, וועלכע זיינען געזעסען אין א ריי אויף א מיטעלסטער פלאטפארמע, און האבען געבלאזען גרויסע גלאנצענדיגע טראמפייטערס; א סקווער אזוי גרויס און אזוי געפאקט מיט גליקלאכע פלאפלענדיגע מענשען און פלאטערדיגע טויבען, אז ער האט געגלאצט ארום און בלענדענדיגער דערשטוינונג. און דערנאך, אויפהויבענדיג זיינע אויגען, האט ער דערזען אן אויסזיכט, וואס האט אים פארכאפט דעם אטעם — א וואונדערליכע געביידע, אזוי ווי זיין חלום פונ'ם היכל פון ציון, שיינענדיג מיט גאלד און שטראלענדיג ארויף אין כשופ'דיגע קופאלען און שפיצען, און באקרוינט מיט פיר בראנזענע חיות, וואס ער איז געווען זיכער, אז דאס מוזען זיין די באשעפענישען וואס מען רופט פערד, מיט וועלכע פרעה האט נאכגעיאגט די אידען צום רויטען ים. און הארט דערנעבען האט זיך געהויבען א ריזיגער טורעם, ווי דער טורעם פון בבל, וואס האט געצויגען דאס אויג

ארויף און אראפ. זיין ברוסט האט זיך אנגעפילט מיט א מאדנעם תענוג, וואס איז כמעט געווען ווייטאג. דער פאר'כשופ'טער טעמפעל האט אים געצויגען אריבערצוגיין דעם סקווער; ער האט געזען אז ארעמע פרוי אין די בלויזע האר איז אריינגעגאנגען און ער איז איר נאכגעגאנגען. דערנאך איז אים עפעס באפאלען א וואונדערבארע גאלדענע מרה שחורה, און א געפיל פון וועלבונגען און זיילען און שטייענדיגע דעכער און געבויגענע ווענט באשיינט מיט קאלירטע בילדער. און דער תענוג, וואס איז געווען כמעט ווייטאג, האט אלץ מער אנגעפילט זיין הארץ, ביז עס האט זיך אים אויסגעוויזען, אז זיין ברוסט מוז פלאצען. דערנאך האט ער געזען די ארעמע פרוי אין די בלויזע האר אנידערקניען, און אין א רגע האט ער פארשטאנען, אז זי בעט צו גאט — יא, און דאס נאך אין דער אפטיילונג פאר מאנסלייט — און אז דאס איז נישט געווען קיין טעמפעל, נאר איינער פון יענע פארבאטענע פלעצער, וואס מען רופט קירכען, צו וועלכע עס זיינען געגאנגען יענע שוידערליכע משומדים, וועגען וועלכע עס האט זיך גערעדט אויף יענער מארמארנער פליטע אינ'ם געטא. און, אין דער צייט וואס ער האט געקעמפט מיט דער צומישעניש פון זיינע געדאנקען, איז א פרעכטיג, גלאנצענדיג באשעפעניש צוגעגאנגען צו אים מיט אימה און שטרענג געהייסען אראפנעמען דאס היטעל. ער איז ארויסגעלאפען פון דער וואונדערליכער געביידע אין גרויס שרעק, זיך אנשטויסענדיג אן די פילע שפאצירער אין סקווער, און ער האט זיך נישט אפגעשטעלט ביז די פריילאכע מוזיק פון די גרויסע גלאנצענדיגע טראמפייטערס איז אפגעשטארבען הינטער אים. און אפילו דעמאלט איז ער געגאנגען גיך, גלייך עס וואלט אים נאכגעיאגט די פרעמדע גרויסע וועלט, אין וועלכער ער האט אריינגעדרונגען צום ערשטען מאל. און פלוצלונג האט ער זיך געפונען אין א שמאל געסעל אן אן אויסגאנג, און ער האט געוואוסט, אז ער קען נישט געפינען זיין וועג צוריק אין געטא. ער האט זיך שוין געוואלט נאכפרעגען ביי א פרוי, וועלכע האט אויסגעזען גוטהארציג, ווען ער האט זיך דערמאנט, מיט א שוידער איבער'ן רוקען, אז ער האט נישט געטראגען די געלע לאטע O, אזוי ווי א מאן דארף טראגען, און אזוי ווי ער איז שוין איצט

געוועז בר מצוה, וועלען אים די וועגעציאַנער באַטראַכטען פאַר אַ מאַן. אויף איין מאָמענט פון פאַרלאָרענקייט האָט זיך אים אויסגעוויזען, אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט געפינען דעם וועג צוריק אין געטאָ אריין; נאָר צום סוף האָט ער זיך באַטראַכט נאָכצופרעגען אויף דעם קאַנאַרעדזשאָ, און אַזוי ביסלאַכווייז, מיט אַ פאַרקילט האַרץ און ציטערענדיג, האָט ער דערגרייכט דאָס באַקאַנטע אייזערנע טויער און האָט זיך אַריינגעשמוגעלט.

אַלץ איז געווען אַזוי ווי פריער אינ'ם געטאָ. די אייגענע הייליגע שטילקייט אין הויף און סקווער, נאָך דייטליכער געמאַכט דורך דעם תפילה־געוויש פון שול, און דער אָנקומענדיגער פאַר־נאַכט האָט נאָך צוגעגעבען אַ געוויסע פייערליכקייט.

„נו, האָסט געגעסען?“ האָט דער פאָטער געפרעגט. דאָס איינגעל האָט צוגעשאָקעלט „יאָ“. זיינע בלאַסע באַקען האָבען זיך לייכט אַ רויטל געטאָן פון אַ געפיל פון דערהויבונג. נאָך אַלעמען וועט ער דוקא אויספאַסטען. די מענער האָבען זיך געקלאַפט אין האַרצען ודוי. „על חטא שחטאנו לפניך בכחש ובכזב“, האָט דאָס איינגעל מיטגעזאָגט. נאָר כאָטש ער האָט אין זיין אויפמערקזאַמקייט צום וויינענדיגען נגון פון די ווערטער קוים באַמערקט דעם טייטש, איז דאָך עפעס פון זיין אַלטער ליידענ־שאַפט און ערנסטקייט פאַרשוואונדען פון זיין קול. דער פאַרנאַכט איז צוגעפאַלען; די שאָטענס זיינען טונקעלער געוואָרען; די ווייסע געשטאַלטען, קלאָגענדיג און וויינענדיג אין זייערע קיטלען, זיינען געוואָרען מיסטיש. עס האָט זיך דערנענטערט די צייט ווען מען פאַר'חתמ'עט דעם ספר המשפט. די געשטאַלטען האָבען זיך אינגאַנצען איינגעבויגען, מיט די שטערענס ביז צו דער ערד, אויסרופענדיג מיט ליידענשאַפט איינמאָל נאָך דעם אַנדערען: „יהוה הוא האלהים; יהוה הוא האלהים!“ עס איז געווען די שעה, ווען דעם איינגעל'ס געפיל פון באַהאַלטענער אימה איז אַלעמאָל געווען אַממערסטען אָנגעשפּאַנט. אָבער ער האָט נישט געקענט אַפּטרייסלען פון זיך דעם געדאַנק פון דער פרייליכער פּיאַצאַ און דער וואונדערליכער קירך, וואו אַנדערע מענשען האָבען

תפילה געטאָן מיט אנדערע תפילות. ווייל עפּעס גרעסערס איז אריינגעטראָטען אין זיין לעבען, א געפיל פון א גרעסערער וועלט אין דרויסען, און איר ברייטקייט און פרעמדקייט האָט אָנגעפילט זיין נשמה מיט א נאָמענלאָזער פיין און אַן אומבאַשטימטער אומרו. ער איז שוין מער נישט געווען קיין קינד פונ'ם געטאָ.

# יוסף דער טרוימער

## I.

„מיר טאָרען לייגגער נישט וואַרטען, רחל“, האָט מנשה געזאָגט שטיל, טרויעריג, אָבער מיט זיכערקייט אין טאָן. „ס'איז באַלד האַלבע נאַכט“.

רחל האָט איינגעהאַלטען אירע זיפצען און זיך פאַרהאַלטען מיט דרך ארץ, ווען איר מאַן האָט אָנגעהויבען זאָגען די ברכות, אָבער איר האַרץ האָט נישט געפילט קיין שום פרומע פרייד אין געדענקען ווי אזוי גאָט פון אירע אבות האָט געראַטעוועט זיי און זייער בית המקדש פון דער גריכישער פאַראומרייניגונג. עס איז געווען צוריסען פון זאָרג איבער דעם גורל פון איר איינגעל, איר זון דעם למדן, וואָס איז פלוצלונג צום ערשטען מאָל נישט געווען אין דערהיים צו חנוכה־ליכט בענשען. וואָס האָט ער געטאָן — אין דרויסען פון די געטאָ־טויערען — אין דער גרויסער, פינסטערער, געדיכט־געבויטער שטאָדט רוים, אנטקעגען דעם פויפסט'ס געזעץ, און פון אַלע נעכט פון א גאַנץ יאָר פונקט אין יענער וויסטער נאַכט, ווען דורך א מיטצופאַל פון צייט האָבען די גויאישע פאַרפאָלגערס געפייערט די געבורט פון זייער משיח? דורך נעפּעלדיגע אויגען האָט זי געזען איר מאַן'ס פנים, שטרענג און פעסט, דאָך בכבוד'יג דורך דער פליסענדיגער ווייסקייט פון זיין באָרד און פאות, ווי דורך דער פיל־פאַרפלאָכטענער הבדלה, וואָס ער האָט צוגעגרייט אָנצוצינדען די וואַקסענע ליכטלאך אין דער זילבערנער מנורה. ער האָט געטראָגען א לאַנגען באַמיצטען מאַנטעל, וואָס האָט געגרייכט ביז די פיס, און פאָרענט, וואו דער מאַנטעל האָט זיך פאַרבויגען אויף צוריק, האָט זיך אַרויסגעזען א ברוינער גאַבערדין אַרומגענומען מיט א גאַרטעל. אָט די טונקעל־געפאַרבטע קליידער זיינען געווען שוין געניצטע, ווי די שטרענגע

פשטות האָט געפאָדערט. דער אידישער ראַט פון זעכציג האָט נישט דערלויבט זיינע אידען צו טראָגען די קליידער אין פאַלדען, אזוי ווי די רוימער פון יענע טעג פון פורפורנער רייכקייט. די יוגענט, וועלכער עס איז געווען פאַרבאָטען פונ'ם קריסטענטום צו רופען זיך סיניאָרי, איז פאַרבאָטען געווען פון די אידען צו פאַר־מעסטען זיך מיט די סיניאָרי אין לוקסוס.

„ברוך אתה אדני אלהינו“, האָט אויסגעזונגען דער אַלטער מאַן, „מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצואנו להדליק נר של חנוכה“.

מיט אַ ציטערדיג קול האָט רחל קוים מיטגעזונגען די אוראַלטע ברכה וואָס האָט פאַרענדיגט די מצוה. „מעוז צור ישועתי לך. נאה לשבח, תכון בית תפלתי ושם תודה נזבח. לעת תכין מטבח, מצר המנבח. אז אגמור, בשיר מזמור חנכת המזבח“.

אָבער איר פאַנטאַזיע האָט ארומגעבלאָנקעט אין די טונקעלע איילבאַלויכטענע גאַסען פון דער חושכ'דיגער שטאָדט, און גע־שטרעבט צו זען קלאָר מיט די אויגען פון ליבע. זיכער איז, אַז די סבירי האָבען אים ארעסטירט; עס האָבען אויך געדראָט אַנדערע געפאַרען. טומלען און שלעגערייען זיינען געווען איבער־געגוג. אמת, אַז אָט די שטאָדט רוים איז געווען אַ סך זיכערער פון אַנדערע שטעדט פאַר אירע אידען, וועלכע האָבען, דורך אַ נס מער וואונדערליך ווי דאָס נס פון חנוכה, וואָס זיי האָבען איצט געפייערט, פון קריסטוס געבורט אָן, געוואוינט אינ'ם סאַמע הארץ פון קריסטענטום, דאָס אייביגע פאָלק אין דער אייביגער שטאָדט. דאָס געטאָ האָט נישט צוגעזען אַזעלכע זאכען ווי עס האָבען געזען באַרצעלאָנאַ אָדער פראַנקפורט אָדער פראַג. די בלוטיגע אָרגיעס פון די קרייץ־ציער האָבען געבושעוועט ווייט אַוועק פון דער הויפטשטאָדט פונ'ם קרייץ. אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך, אין דייטשלאַנד האָט דער איד, דאָס כפרה־הינדעל פון די פעלקער, פאַר'סם'ט די ברונעמער און געבראַכט די שוואַרצע מגפה, האָט דורכגעשטאָכען דעם הייליגען יעזוס, גע'הרג'עט קינדער פאַר זייער בלוט, געלעסטערט די הייליגע, און געטאָן אַלץ וואָס די פאַנטאַזיע פון שווינדלערישע בעלי חובות האָט אויף זיי אויסגעטראַכט. נאָר די רוימישע אידען זיינען בלויז געווען פעסטיגע גאָט־פאַרלייקענער.

קען זיין עס איז געווען די פאַרהעלטניסמעסיגע אַרימקייט פונ'ם געטאָ וואָס האָט געמאַכט זיין טראַגעדיע מער אַ טראַגעדיע פון שטענדיגער דערנידעריגונג איידער פון אַ פּלעצליכער שחיטה. דאָך איז בלוט־פאַרגיסונג נישט געווען אינגאַנצען אומבאַקאַנט, און דאָס געזאַנג איז אָפּגעשטאָרבען אויף רחל'ס ליפּען, כאָטש דער שטאַרקערער מנשה האָט ווייטער געזונגען. „יונים נקבצו עלי, אזוי בימי השמנים. ופרצו חומות מגדלי וטמאו כל השמנים, ומנותר קנקנים, נעשה נס לשושנים, בני בינה, ימי שמונה, קבעו שיר ורננים“.

זיי זיינען געווען פאַרמעגליכע מענשען און רחל'ס קלייד האָט עדות געזאָגט אויף דער גרענעץ פון לוקסוס, וואָס דער אידישער דין האָט דערלויבט — אַ גענוצט זיידען קלייד מיט אַ בראָשקע ביים האַלז איינגעפאַסט מיט איין איינציגער פּערל, אַ בראַזלעטעל אויף איין אָרעם, אַ רינג אָן אַ שטיינדעל אויף איין פינגער, אַן איינפאַכיג שנירעל אויפ'ן האַלז, אירע האָר פאַרקאַמט אין אַ וואָלוועל הייבעל.

זי האָט געקוקט אויף דער מנורה און אַ סודות'דיגע טרויעריגקייט האָט זי אָנגעפילט. וואָלט זי געהאַט ניין שפּראַצונגען פון איר הויז, אַזוי ווי מרים'ס מוטער, אַן אמת'דיגע אם בישראל; אָבער, זע! זי האָט בלויז געהאַט איין ליכט — איין ליכטעלע. אַ בלאַז און אוים, און דאָס לעבען וואָלט געווען פינסטער.

אז יוסף איז נישט געווען אין געטאָ, דאָס איז געווען זיכער. ער וואָלט איר קיינמאָל נישט פאַרשאַפט אַזאַ צער אומיסטען, און, אַחוץ דעם, איז זי דאָך שוין און איר מאַן און מרים געלאָפען צו אַלע מעגליכע ערטער אינ'ם קוואַרטאַל, אפילו צו יענע זומפּיגע געסלאַך, וואו יעדער איבערפלוס פונ'ם טיבער האָט געלאָזט אָפּפאַל פון מאַלאַריישער בלאָטע, וואו משפחות האָבען זיך אויפגעהאַלטען, צעהן אין אַ הויז, וואו פאַרטומעלטע אידען און אידענעס מיט צעקנייטשטע פנים'ער האָבען זיך געשלעפּט דורך די גאַסען, און אַ קרענקליכע כאַפּטע פון האַלב־נאַקעטע קינדערלאַך האָט זיך געפּלאָנטערט אונטער די פיס. זיי האָבען געהאַט גענוג צרות, אָבער קיינמאָל נישט אַזאַ צרה ווי די. מנשה און רחל, מיט דעם

מאָדנעם יורש זייערן, דעם יוסף דער טרוימער, ווי מען האָט אים גערופען, דעם שיינעם, נאָכלעסיגען שווארצאויגיגען זון זייערן, מיט זיין פיין לענגלאָכדיג פנים, זיין צאַרטען איילבירט־אויסזען. אָט דער יונגערמאַן, וואָס האָט זיך נישט געקענט צופאַסען צו די באַגרעניצטע פאָרמען פון האַנדעל מעגליך אין'ם געטאָ, וועלכער האָט אמאָל באַדאַרפט ווערען רב פון דער קהילה, כאָטש זיין בליציגקייט האָט טיילמאָל געבלענדעט די ניכטערע רביים, וועלכע ער האָט באַלייכטען מיט זיין פלוצלונגדיגען געדאַנק, וואָס האָט אויפגעריכט דאָס וואָס עס וואָלט בעסער באַדאַרפט בלייבען שלאָפען. פאַרוואָס איז ער נישט געווען אזוי ווי אַנדערע זין, פאַרוואָס פלעגט ער גיין איבער דער גאַס און זיך נישט אומקוקען, פאַרוואָס פלעגט ער וויינען איבער דעם גראָבען לשון קודש פון די שפּאַנישע ליבע־זינגער, גלייך זייערע לידער וואָלטען געווען סליחות? פאַרוואָס האָט ער נישט חתונה געהאַט מיט מרים'ען, ווי מען האָט געקענט זען דאָס מיידעל האָט באַגערט? פאַרוואָס האָט ער צונישט געמאַכט דעם מנהג אינ'ם געטאָ, זיך שטיל צוריקהאַלטענדיג פון אזא נאַטירליכען שידוך צווישען די קינדער פון צוויי אַלטע פריינד, אַלצאַיינס פאַרמעגלאָך, און וואָס ביידע האָבען געהאַט די יום גאַצאַגא, די פאַכט אויף די הייזער, אין וועלכע זיי האָבען געוואוינט. הויכע, אויסטערלישע הייזער, אָפּגעטיילט בלויז דורך אַן אַלטער געביידע מיט אַ געשניצטער ווערענדע, און זיינען געשטאַנען ביים סוף פון דער וויא רוא, וואו זי האָט זיך פאַראייניגט מיט דעם שמאָלען געסעל, דעלע אַצימעלע, וואו מען פלעגט באַקען די מצות אויף פסח. מרים'ס משפחה, אַ גרויסע, האָט געהאַט דאָס הויז פאַר זיך, נאָר מנשה האָט אַ שפּאַרען טייל פון זיין הויז פאַרדונגען, ווייל פלאַץ איז אַלץ טייערער געוואָרען אינ'ם געטאָ, וואָס איז געווען אַ באַגרענעצטער פלאַץ פאַר אַ באַפעלקערונג וואָס האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט.

## II.

זיי זיינען געגאַנגען שלאָפען. מנשה איז באַשטאַנען אויף דעם. זיי האָבען בשום אופן נישט געקענט דערוואַרטען יוסף'ען פאַר אין דער פרי. רחל איז געוואוינט געווען אַנצולענען זיך

אויף איר מאַן׳ס שטאַרקייט, אָבער אין דעם מאָמענט איז איר זיין שטאַרקייט אויסגעקומען ווי רויקייט. די נאַכט איז געווען לאַנג. א הונדערט שרעקליכע פאַנטאַזיעס זיינען פאַרבייגעגאַנגען פאַר אירע שלאָפלאָזע אויגען. די זון איז אויפגעגאַנגען איבער׳ן געטאָ און זיך באַמיט אריינצושמוגלען אירע שטראַלען צווישען די הויכע צוזאַמענגעדריקטע דעכער פון די אנטקעגענדיגע הייזער. די פינף געטאָ טויערען זיינען געעפענט געוואָרען, אָבער יוסף איז נישט געקומען דורך קיין איינעם פון זיי. די אידישע הענדלערס זיינען ארויסגעקומען, זיך צורעכטמאַכענדיג די געלע היטלען און האָבען געשטופּט פאַראויס די קליינע וועגעלאך אָנגעלאָדען מיט ספּעציעלע סחורות אויף קריסמעס. זיי האָבען אויסגערופען זייערע סחורות דורך די גאַסען פון רוים. טייל האָבען פאַרקויפט קרייטיכצער און רפואות און קמיעות אין דער פאָרם פון קלייניניקע מאַנדאַרעס אָדער פיר־סטרונעדיגע האַרפּעלאַך צו פאַרהיטען קינדער פון קראַנק־הייטען. מנשה, מיט א שטרענגקייט אויף זיין פרישען פנים, איז אוועק צו זיך אין געשעפט אריין. ער האָט פאַרבאָטען זיך נאָכ־צופרעגען אין דרויסען פונ׳ם געטאָ ביז שפּעטער אין טאָג; דאָס וואָלט בלויז געפירט דערצו, אַז מען וואָלט געמסר׳ט פאַר דעם שונא, אז יוסף האָט געבראָכען דאָס געזעץ. דערווייל וועט אפשר דער וואַנדערער צוריקקומען. מנשה׳ס געשעפט האָט זיך געפונען אין דער פּיאַצאַ דזשודעא. א סך געשעפטען האָבען פאַרלייגט דעם צוגאַנג צו זיין געשעפט, מערסטענס געשעפטען פון אַלטע קליידער, ווייל אידען איז געווען פאַרבאָטען צו האַנדלען מיט נייע זאַכען דורך א פאַראָרדנונג פונ׳ם פּאַפּסט, נאָר אַלערליי גענוצטע זאַכען קען מען דאָ קריגען צו קויפען, פון די פּראָסטע קליידער פון אן אָברוצישען פּאַסטוך ביז די אָפּגעבליאַקעוועטע שמאַכטעס פון א הויף־קאַוואַליר. אין מיטען האָט א נייער פאָנטאַן, מיט צוויי פּיפּערנאָטערס פאַרזאָרגט דאָס געטאָ מיט וואַסער פון דער וואַסערלייטונג פון פּאָול דעם פינפטען, אנשטאָט דעם פאַסקודנעם וואַסער פונ׳ם טיבער, און האָט געטראָגען א דאַנקבאַרע לאַטיינישע אויפשריפט. ארום די ברעגען פונ׳ם סקוועאר זיינען געשטאַנען עטלאַכע געביידעס אין אָפּגעקראַכענער פּראַכט און האָבען איבער־געריסען די מאָנאָטאָנקייט פון די געטאָ־קאַזאַרמעס; דער אַלטער

פּאַלאַץ פון די באַקאַפּאַדולי, און אַ פּאַלאַץ מיט אַ הויכען טורעם און דריי פּאַרלאַזטע קירכען. אַ מאָנומענטאַל נאָר אָפּשטויסענדיג טויער, וואָס איז פאַרמאַכט געוואָרען ביי זונאונטערגאַנג, איז געווען דער צוגאַנג צו אַ צווייטער פּיאַצאַ דזשודעאַ, וואו קריסטען האָבען זיך פאַרזאַמעלט צו דינגען זיך מיט אידען — עס איז געווען כמעט אַ פאַרשטאָדט פונ׳ם געטאָ. מנשה האָט נישט געהאַט ווייט צו גיין, ווייל זיין עק פון דער וויאַ רואַ איז אַרויסגעקומען אויף דער פּיאַצאַ דזשודעאַ. דער אַנדערער עק, וואָס איז געלאָפען פּאַראַלעל מיט דער וויאַ פּעסקאַריאַ און דעם טייך, האָט זיך פּלוצלונג פאַרבויגען נעבען דעם אָקטאַוויוס־טויער און האָט זיך געענדיגט אויף דער בריק קואַטראַ קאַפּי. אַזוי איז געווען דאָס געטאָ אינ׳ם זיבעצענטען יאָרהונדערט.

באַלד נאָכדעם ווי מנשה האָט פאַרלאָזט דאָס הויז, איז מרים אַריינגעקומען מיט אַ פאַרזאָרגט פּנים זיך נאָכצופרעגען צי יוסף איז צוריקגעקומען. עס איז געווען אַ שיין אָריענטאַליש פּנים, וואָס אין זיינע אויגען האָט געבלאָנקעט דאָס ליכט פון ליבע און רחמנות, אַ פּנים פון דעם טיפּ וואָס מאָלערס האָבען געגעבען צו דער מאַדאָנאַ ווען זיי האָבען געדיינקט, אַז די הייליגע מוטער איז געווען אַ אידישע טאָכטער. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַן איינפאַך וואָלען קלייד, אָן שפּיצען אָדער האַפטען, איר איינציגע צירונג איז געווען אַ זילבערנער בראַסלעט. רחל האָט געוויינט, ווען זי האָט איר געזאָגט, אַז עס איז קיין נייעס נישטאָ, אָבער מרים האָט נישט מיטגעוויינט. זי האָט זי געבעטען זיך צו האַלטען מוטיג.

און טאַקע גאָר אינגיכען האָט זיך יוסף באַוויזען, מיט אַן אויסדרוק וואָס איז געווען אין איין צייט צורודערט און באַגייסטערט. זיינע שוואַרצע האָר און באָרד נישט געקעמט, זיינע אויגען מאָדנע פינקעלדיג אין זיין פאַרפלאַמט איילבירט־פּנים, אַ טשיקאַווע פּאַטעטישע פיגור אין זיין רויטלאַך־ברוינעם מאַנטעל און טונקעל־געל היטעל.

„פּאַקס וואָביסקום“ (שלום עליכם!) האָט ער אויסגעשריען הויך און זיגעריש.

„יוסף, וואָס פאַר אַ שיכּור'ע שטיק איז דאָס?" האָט רחל אַרויסגעשטאַמעלט.

„גלאָריאַ אין אַלטיסימיס דעאָ, (געלויבט איז גאָט אין זיינע הויכקייטען) און פרידען אויף דער ערד צו אַלע מענשען וואָס מיינען גוט", האָט יוסף ווייטער געשריען. „עס איז קריסמעס אין דער פרי, מאַמע". און ער האָט אָנגעהויבען אויסצווזינגען אַ קריסמעס־לידעל, „שמעון, דער אַלטער הייליגער".

רחל האָט רוי אַ שפּאַר געטאָן איר האַנט אויף איר זון'ס מויל.

„לעסטערער!" האָט זי אויסגערופען, און איר פּנים איז גע־וואָרען אַש־גרוי.

יוסף האָט צערטליך אַוועקגענומען איר האַנט. „דו לעסטערסט, מאַמע, נישט איך", האָט ער אויסגעשריען. „פריי זיך, פריי זיך, היינט איז אונזער ליבער האַר קריסטוס געבוירען געוואָרען — דער וואָס איז דערנאָך געשטאָרבען פאַר די זינד פון דער וועלט.

רחל האָט אויפסניי אויסגעבראָכען אין טרערען. „אונזער קינד איז משוגע, אונזער קינד איז משוגע. וואָס האָבען זיי אים געטאָן?" דאָס האָט נאָך אַריבערגעשטייגט אַלע אירע דערוואַר־טונגען פון שרעק.

פּיין האָט פאַרשאַטענט דאָס זיסע שווייגען פון מרים'ס פּנים, ווי זי איז געשטאַנען אין דער ראַם פון'ם פענסטער.

„משוגע! אָ מאַמע מיינע, איך בין ווי איינער וואָס האָט אויפגעוואַכט. פריי זיך, פריי זיך מיט מיר. לאָמיר פאַרזינקען אין דער פרייד פון דער גאַנצער וועלט, לאָמיר זיין איינס מיט דער גאַנצער מענשהייט".

רחל האָט אַ שמייכעל געטאָן דורך אירע טרערען. „גענוג שוין גע'ליצ'עוועט", האָט זי געזאָגט מיט געבעט. ס'איז היינט חנוכה, נישט פּורים. מען דאַרף זיך נישט פאַרשטעלען.

„יוסף, וואָס טוט דיר ווי?" האָט זיך אַריינגעמישט מרים מיט איר זיס קול. „וואָס האָסטו געטאָן? וואו ביזטו געוועזן?

„דו ביזט דאָ, מרים?" זיינע אויגען האָבען זי דערזעהן צום ערשטען מאָל. הלואי וואָלסטו דאָרט געווען מיט מיר!"

„וואו?"

„אין סענט פּעטערס. אָ, די געטליכע מוזיק!"

„אין סענט פּעטערס!“ האָט רחל הייזעריג איבערגע'חזר'ט. „דו, מיין זון יוסף, דער לערנער פון דער הייליגער תורה, האָסט זיך אַזוי פאַראומרייניגט?“

„ניין, דאָס איז נישט קיין פאַראומרייניגונג“, האָט זיך מרים טרייסטענדיג אריינגעמישט. „האָסטו אונז נישט דערציילט ווי אונזערע פּאַטערס פלעגען גיין אין פּויפּסט'ס קירך אין וואַטיקאַן שבת אינדערפרי?“

„יאָ, אָבער דאָס איז געווען ווען מיקעל אַנדזשעלאָ בואָנאַראָטי האָט געמאָלען די פרעסקען פון די באפרייאונגען פון ישראל. און זיי זיינען אויך געגאַנגען זען די געשטאַלט פון משה רבינו אינ'ם פּויפּסט'ס מאַזאָלעאום. און איך האָב אפילו געהערט װעגען אידען וואָס האָבען זיך אליין אריינגע'גנב'עט אין סענט פּעטערס צו קוקען אויף דער געפלאָכטענער זייל פון שלמה'ס טעמפּעל, וואָס די גוים האַלטען פאַר אונזערע זינד. אָבער דער אפיקורס איז געגאַנגען הערען דאָס מיטנאַכט געבעט“.

„אפילו אַזוי“, האָט יוסף געזאָגט אין פאַר'חלום'טע אונטער־טענער, „דאָס מיטנאַכט געבעט — ווייראויך און ליכט און די געשטאַלטען פון די הייליגע, און וואונדערלאך געמאָלטע פענסטער, און אַ גרויסער עולם וויינענדיגע דאַוונערס און מוזיק וואָס האָט געוויינט צוזאַמען מיט זיי, טיילמאָל קווויטשענדיג, ווי די לייי־דענשאַפּטליכע געשרייען פון מארטירער, און טיילמאָל קוים ארויס־הויבענדיג דעם פרידען פון דעם הייליגען גייסט“.

„ווי האָסטו דערוועגט צו ווייזען זיך אין דער קאַטעדראַל?“ האָט רחל געוויינט.

„ווער זאָל גאָר חלום'ען װעגען אַ אידען אין דער ריזיגער מאַסע? אין דרויסען איז געווען פינסטער, אינעווייניג איז געווען טונקעל. איך האָב באַהאַלטען מיין פּנים און האָב געוויינט. זיי האָבען געקוקט אויף די קאַרדינאַלען אין זייערע הערליכע קליידער, אויפ'ן פּויפּסט, אויפ'ן אַלטאַר. ווער האָט זיך דען אומגעקוקט אויף מיר?“

„אָבער דאָס געלע היטעל, יוסף!“

„אין קירך טראָגט מען נישט קיין היטעל, מאַמע“.

„דו האסט געזינדיגט צו גיין אין בלויזען קאפ, און דארט געבעטען צו גאט?“

„איך האב נישט געמיינט דארט צו בעטען גאט, מאמע. א גרויסע בייגעריגקייט האט מיך אהין געצויגען — איך האב געוואלט זען מיט מיינע אייגענע אויגען, און הערען מיט מיינע אייגענע אויערען, ווי זיי פארגעטערען קריסטוס'ן, פון וועלכען מיינע רביים מאכען חוזק. אבער איך בין פארכאפט געווארען אין א מעכטיגער כוואליע פון ארגעל־מוזיק, וואס האט זיך געכוואליעט פון דער נידעריגער ערד צום הימעל ארויף, כדי צו צושפאלטען זיך אן גאט'ס פוסבענקעלע אינ'ם קרישטאלענעם הימעל. און פלוצלונג האב איך געוואוסט נאך וואס מיין נשמה האט געלעכצט. איך האב געוואוסט וואס עס האט געמיינט דאס אומרוהיגע באגערען וואס האט מיך אייביג פארצערט, כאטש איך האב נישט גערעדט וועגען דעם, די מאדנע נאכקלאנגען, די טונקעלע עמפפינדונגען — אין א רגע האב איך פארשטאנען דעם סוד פון פרידען“.

„און דאס איז — יוסף?“ האט מרים צערטליך געפרעגט, ווייל רחל האט אזוי שווער געאטעמט, אז זי האט נישט געקענט ריידען.

„זיך מקריב זיין“, האט יוסף שטיל געזאגט מיט א פאר־כשופ'טען בליק. „צו ליידען, זיך פריי אוועקצוגעבען צו דער וועלט; שטארבען פאר זיך אליין אין זיסען ווייטאג, ווי די לעצטע ציטערדיגע טענער פון דער זיסער אינגעל־שטים וואס האט ארויפגעשטייגט צו גאט אין דעם געזאנג פון דער יונגפרוי, מארי. א, מרים, ווען איך וואלט געקענט אונזערע ברידער ארויס־פירען פונ'ם געטא, ווען איך וואלט געקענט שטארבען, כדי זיי צו ברייגגען גליק, צו מאכען זיי פרייע זין פון רוים“.

„א גוטער וואונש, מיין זון, נאר גאט אליין קען אים דערפילען“.

„אפילו אזוי, לאמיר בעטען אויף גלויבען. ווען מיר זיינען קריסטען וועלען די טויערען פונ'ם געטא פאלען“.

„קריסטען!“ האבען רחל און מרים איבערגע'חזר'ט אין איינ־ציטיגער שרעק.

„יא, קריסטען“, האט יוסף געזאגט אומדערשראקען.

רחל איז געלאפען צו דער טיר און די פענסטער פארשפארט.

אירע אברים האָבען געציטערט. „ששש!" האָט זי צרויסגעאָטעמט. „זאָל דיין משונעת נישט גיין ווייטער. גאָט פון אברהם, וועט אימיצער זאָל דיך הערען און אָפטראָגען דיינע רייד צו דיין פאָטער". זי האָט אָנגעהויבען צו ברעכען די הענט.

„יוסף, באַדענק זיך", האָט מרים געבעטען מיט אַ בראָך אין הארצען. „איך בין נישט קיין למדן, איך בין בלויז אַן אישה. אָבער דו — דו מיט דיין תורה — דיך האָבען זיי דאָך נישט געקענט אָפּנאַרען, די, וואָס מאַכען קונצען מיט דער הייליגער תורה. דו קענסט דאָך אודאי פארענטפערען זייער רייד־פאַר־דרייעניש פון אונזערע נביאים?"

„אָ, מרים", האָט יוסף צערטליך געענטפערט, „ביזטו אויך אַזוי ווי אונזערע ברידער? זיי פארשטייען נישט. עס איז אַ פראַגע פונ'ם הארץ, נישט פון רייד־פאַרדרייעניש. וואָס איז דאָס וואָס איך פיל אין זיך אַלס דאָס העכסטע און געטליכסטע? קרבן! און דערפאַר מוז ער, וועלכער איז געווען אונגאַנצען קרבן, אינ־גאַנצען מאַרטירעריי, זיין געטליך".

„טענה נישט מיט אים, מרים", האָט זיין מוטער אויסגערופען. „אוי, דו אפיקורס, וואָס איך האָב דיך אויף דער וועלט געבראַכט פאַר מיינע זינד. פארוואָס פארצוקט דיך נישט אַ פייער פונ'ם הימעל, ווי דו שטייסט דאָרט?"

„דו רעדסט פון מאַרטירעריי, יוסף", האָט מרים אויסגעשריען, נישט אַכטענדיג אויף איר. „מיר אידען זיינען די מאַרטירערס, נישט די קריסטען. מיר זיינען דאָ איינגעצוימט ווי בהמות. מיר זיינען באַצייכענט מיט שאַנד־צייכענס. אונזערע ספרים ווערען פארברענט. אונזער האָב און גוטס ווערט דורך שטייערען אַוועק־גענומען פון אונז. מיר טאָרען נישט צוטרעטען צו קיין שום אנשטענדיגער פראָפעסיע. מיר טאָרען אפילו נישט באַגראָבען אונזערע מתים בכבוד אָדער אויסקריצען מצבות אויף זייערע קברים". די ליידענשאַפט אויף איר פנים איז געווען גלייך ווי זיינע. איר חן איז פארביטען געוואָרען אויף פייער. זי האָט אויסגעזען ווי אַ יהודית.

„אונזער שרעקעדיגקייט ברענגט אויף אונז זייער שפייאכץ, מרים, וואו איז דער גייסט פון די חשמונאים, וועלכע מיר באַזינגען

אין דעם איצטיגען יום טוב פון חנוכה? דער פויפסט גיט ארוים פאראָרדנונגען, און מיר גיבען זיך אונטער — אויסערליך. אונזער ווידערשטאנד איז שטיל, געשלענגעלט. ער באפעלט געלע הוטען; טראָגען מיר געלע הוטען. נאָר ביסלאכווייז ווערט דאָס געל טונקעלער; עס ווערט אָראנזש, דערנאָך טונקעל־רויט, ביז, צום סוף, גייען מיר אין רויטע היטלען אזוי ווי קארדינאַלען, און בריינגען דערצו, אז די פאראָרדנונג מוז אויפסניי ארויסגעגעבען ווערען. מיר זיינען באַגרעניצט צו איין שול. מיר האָבען פינף געבעט־הייזער פאר אונזערע פארשידענע לאנדסלייט, נאָר מיר בויען זיי אלע אונטער איין דאך און פיער פון זיי רופען מיר תלמוד תורה'ס.

„שטיל, דו אידענפיינט!“ שרייט אוים די מוטער. רייד נישט הויך אזעלכע ווערטער. מיין גאָט! מיין גאָט! מיט וואָס האָב איך מיך פאר דיר פארזינדיגט?“

„וואָס ווילסטו, יוסף?“ האָט מרים געזאָגט. „מען קאָן זיך נישט אויס'טענה'ן מיט וועלף. מיר זיינען אזוי ווייניג אין צאָל — מיר מוזן זיי באגעגענען מיט כיטרעקייט“.

„יאָ, אָבער מיר דארפען זיין גאָט'ס עדות, מרים. אונזער גלויבען איז נישט מער ווי א תפילה־מורמלען און א פרום פאר־שטעלען זיך. די קריסטליכע אפאָסטאָלן זיינען דורכגעגאנגען די וועלט אליין זייענדיג דער ביישפיל. בעסער א קורצע העלדישקייט, איידער אָט די לאנגע חרפה“. ער האָט פלוצלונג אויסגעבראָכן אין טרערען און איז געפאלען אין א שטול א פארמאטערטער.

זיין מוטער איז גלייך געווען ביי זיין זייט, זיך איינגעבויגען איבער אים, מיט איר פייכט פנים נעבען זיינעם.

„א דאנק גאָט! א דאנק גאָט!“ האָט זי געזיפצט. „דאָס משוגעת איז אריבער“.

ער האָט איר נישט געענטפערט. ער האָט קיין כח נישט געהאט מער אויסצו'טענה'ן זיך. עס איז א לאנגע, געשפאנטע שטילקייט. פלוצלונג האָט די מוטער געפרעגט:

„און וואו ביזטו געשלאָפן די נאכט?“

„אין אניבאלע דע פראנקי'ס פאלאץ“.

מרים האט זיך פארוואונדערט. „ביים פאטער פון דער שיינער העלענא דע פראנקי?" האט זי געפרעגט.

„יא", האט יוסף געזאגט, רויט ווערענדיג.

„און ווי קומסטו אהין, אין אזא נאבעל הויז, אונטער דעם דאך פון דעם פויפסט'ס א פריינד?"

„האב איך דיר נישט דערציילט, מאמע, ווי איך האב פאר זיין טאכטער ביים לעצטן קארניוואל געטאן א קליינעם דינסט, ווען זי איז ארומגעגאנגען אליין מאסקירט צווישן דער מאסע אינ'ם קארסא, און איז שיער צעטראטען געווארען פון די בופעל־אקסען וואס זיינען געקומען אנצולויפען פונ'ם לויף־וועג?"

„ניין, איך געדענק נישט", האט רחל געזאגט און געשאקעלט מיט דעם קאפ. „נאר דו דערמאנסט מיך, ווי אזוי די קריסטען מאכען אונז לויפען אזוי ווי די חיות".

ער האט איגנארירט איר באהאלטענעם פארוואורף.

„סיניאר דע פראנקי וואלט פאר מיר זייער א סך געטאן", האט ער ווייטער גערעדט. „אבער איך האב בלויז געבעטען ער זאל מיך לאזען נוצען ביכער פון זיין גרויסער ביבליאטעק. דו ווייסט ווי שווער עס איז פאר מיר וואס די קריסטען ערלויבען אונז נישט קיין ספרים. און א סך טעג פלעג איך דארטען זיצען און לעזען ביז די אוונט־גלאקען האבען מיך געווארענט אז איך מוז זיך איילען צוריק אין געטא אריין".

„אה, דאס איז געווען בלויז דיך אפצו'שמד'ען".

„ניין, מאמע, מיר האבען נישט גערעדט וועגען רעליגיע".

„און נעכטען ביינאכט ביזטו געווען צו פארטיפט אין דיין לעזען?" האט מרים געפרעגט.

„אזוי איז עס טאקע געשען, מרים".

„אבער פארוואס האט דיך העלענא נישט געווארענט.

איצט האט זיך יוסף פארוואונדערט. אבער ער האט גע־ענטפערט איינפאך:

„מיר האבען געלעזען טאסא. זי לעזט זייער גוט. טיילמאל לעזט זי פאר מיר פלאטא און סאפאקלעס".

„און דו, אונזער קומענדיגער רבי, האסט געהערט?" האט רחל געוויינט.

„אין די ביכער איז נישטאָ קיין וואָרט וועגן קריסטענטום, מאַמע, און זיי זעטיגען נישט די נשמה. זייער קלוג האָט געזונגען ר' יהודה הלוי: „גיי נישט נאָהענט צו דער גריבישער חכמה".

„ביזטו געזעסן נעבען איר ביי זייער תפילה?" האָט מרים געפרעגט.

ער האָט אויפריכטיג אַ קוק געטאָן אויף איר.

„זי איז נישט געגאַנגען", האָט ער געזאָגט.

מרים האָט פּלוצלונג געמאַכט אַ באַוועגונג צו דער טיר.

„אצינד, אַז דו ביזט שוין דאָ געזיכערט אין דערהיים, יוסף, האָב איך דאָ מער נישט וואָס צו טאָן. זיי געזונט".

איר ברוסט האָט זיך באַוועגט. זי איז גיך אַרויס.

„אָרימע מרים!" האָט רחל אַ זיפץ געטאָן. „זי איז אַ ליב, טרייהאַרציג מיידעל. זי וועט קיין פּיפּס נישט טאָן וועגן דיין גאָטלעסטערונג".

יוסף איז אויפגעשפּרונגען.

„זי וועט קיין פּיפּס נישט טאָן! אָבער, מאַמע, איך וועל דאָס אָראָפּשרייען פון אַלע דעכער".

„שטיל! שטיל!" האָט די מוטער אויסגעאָטעמט אַ ווילד־דערשראָקענע. „די שכנים וועלן דיך דערהערען".

„אַט דאָס וויל איך".

„דיין טאַטע קען יעדע רגע אַריינקומען אויסצוגעפינען צי דו ביזט דאָ".

„ניין". זי האָט אים אָנגעכאַפּט ביים מאַנטעל. „איך וועל דיר ניט לאָזען גיין. שווער מיר, אַז דו וועסט אים פאַרשפּאָרען דיין גאָטסלעסטערונג, אַז נישט קען ער דיך טויט־שלאָגען ביי זיינע פיס".

„ווילסטו איך זאָל אים ליגען זאָגען? ער מוז וויסען וואָס איך האָב דיר געזאָגט".

„ניין, ניין; זאָג אים אַז דו ביזט געבליבען אין דרויסען, ביזט געקומען צו שפּעט, און דו האָסט זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטען".

„בלויז דער אמת איז גרויס, מאַמע. איך גיי אים ברייגנען דעם אמת".

ער האָט אַרויסגעריסען זיין מאַנטעל פון אירע הענט און איז אַרויסגעלאָפען.

זי איז געזעסען אויף דער ערד, זיך געוויגט אַהין און אַהער און געציטערט וואָס דאָ וועט ווערען. די בלייענע שעה'ען האָבען זיך געצויגען. קיינער איז נישט געקומען, נישט איר זון, נישט איר מאַן. שרעקליכע בילדער פון דעם וואָס עס איז צווישען זיי פאָרגעקומען האָבען זי געפּייניגט. אַרום האַלבען טאָג איז זי אויפגעשטאַנען און אָנגעהויבען מעכאַניש צוצוגרייטען איר מאַן'ס מאָלציים. צו דער זעלבער מינוט, ווי אין אַלע יאָרען, איז ער געקומען. אין אירע פאַרזאָרגטע אויגען האָט זיין שטרענגער פּנים אויסגעזעזען נאָך בלאַסער ווי געוויינליך, אָבער עס האָט גאָרנישט דערציילט. ער האָט זיך געוואַשען צו שאו ידיכם און זיך געזעצט ביים טיש. הונדערט מאָל האָט געשוועבט די קשיא אויף רחל'ס ליפּען, אָבער נישט פריער ווי במעט ביים סוף פון דער מאָלצייט האָט זי זיך דערוועגט צו זאָגען: „אונזער זון איז דאָ צוריק. האָסט אים נישט געזען?"

„זון? וואָס פאַר אַ זון? מיר האָבען נישט קיין זון". ער האָט געענדיגט זיין מאָלציים.

## III.

דער געלערנטער אַפּאָסטעל, פון וועלכען זיין אייגען בלוט און פלייש האָט זיך אָפּגעזאָגט, איז גיריג אויפגענומען געוואָרען פון דער הייליגער קירך, נאָך וואָרימער דערהפאַר, ווייל ער איז געקומען פון זיין אייגענעם אינערליכען גוטען ווילען און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דעם ציינז פון יערליכע קרוינען, מיט וועלכע די פּויפּסטען האָבען אָפט באַלוינט אמת'ע רעליגיע — אויפ'ן חשבון פונ'ם געטאָ, וועלכעס האָט געמוזט צאָלען אָט די איינקונפטען צו אירע משומדים. עס איז געווען אין דער מאָדע אָפּצושמד'ען אידען גרופּענווייז — די מצוה איז געווען גרעסער — אריינצייהענדיג זיי פון דרויסען, ווען הייממיש־געמאַכטע משומדים זיינען געווען זעלטען. טיילמאָל פלעגט צו דער גרופּע זיין אַ צוליינ אַן אָפּגע'שמד'טער טערק. נאָר צוליב דער וויכטיגקייט פון זיין שמד און ווייל עס

איז געווען גאָהענט צום יום טוב פון די דריי מלכים, איז באַשלאָסען געוואָרען צו געבען יוסף בן מנשה'ן דעם כבוד אים אָפּצו'שמד'ען באַזונדער. די צווישענטעג האָט ער פאַרבראַכט אין אַ קלויסטער, שטודירענדיג זיין נייעם גלויבען, נישט האָבענדיג די מעגליכקייט צו שטיין אין פאַרבינדונג מיט זיינע עלטערען אָדער מיט אנדערע אידען, אפילו ווען ער אָדער זיי וואָלטען עס געוואָלט. אַ קאַרדי־נאַל'ס עדיקט האָט אים פאַרבאָטען זיך אומצוקערען צום געטאָ, צו עסען, טרינקען, שלאָפען אָדער ריידען מיט זיין ראַסע אין פאַרלויף פון דער צייט פון זיין פּראָבע. די בייטש, די שנור האָט אים ערוואַרט, ווען ער זאָל דאָס איבערטרעטען. בייטאָג זיינען רחל און מרים געגאַנגען אין דער געגענט פון'ם קלויסטער, האָפענדיג אים צו דערזעהן; נעהנטער פון ניינציג איילען האָבען זיי זיך נישט געטאָרט דערנענטערען אונטער אַ שטראָף פון קריגען גע־שמיסען אויף די זוילען און אַרויסגעטריבען ווערען. איין וואָרט צו אים, איין שליחות, וואָס זאָל אים נאָר וועיכער מאַכען, איין בקשה, וואָס קאָן אים נאָך אומקערען צוריק — און דער זינדיגער איז פאַראורטיילט אויפ'ן לעבען צו שיף־שקלאַפעריי.

דער יום־טוב פון די דריי קעניגען איז אָנגעקומען. אַ גרויסער צוזאַמענלויף האָט אָנגעפילט די באַזיליקאַ די לאַטראַן. דער פּויפּסט אַליין איז געווען אָנוועזענד, און אין מיטען פון דעם רויטען פּאָמפּ און דער הויכער מוזיק האָט יוסף, אָן אויפגעציטערטער ביז זיין מאַמע טיפעניש, באַקומען די שמד. אַניבאַלע דע פּראַנקי, וואָס זיין שטאָלצער צונאָמען האָט פון איצט אָן באַדאַרפט זיין יוסף'ס, איז געווען זיין טויפּפאָטער. דער פּאַרזיצענדער קאַרדינאַל האָט אין זיין פייערלאַכער דרשה גראַטולירט די פאַרזאַמעלטע מיט דעם נס, וואָס איז פאַר זייערע אויגען פאַרגעקומען און דערנאָך, אָנגעטאָן אין ווייסען אַטלעס, האָט מען דעם נייעם משומד פאַמעליך דורכ־געטריבען דורך די גאַסען פון רוים, אַז אַלע זאָלען זען ווי אַזוי אַ נשמה איז געראַטעוועט געוואָרען פאַר דעם אמת'ן גלויבען. און אין דער באַגייסטערונג פון אָט דער פאַראייניגונג מיט דער מענש־ליכער ברודערשאַפט און דער געטליכער פאַטערליכקייט, און מיט קריסטוס'ן, דעם סימבאָל דערפון האָט דזשיוזעפּע דע פּראַנקי נישט געזען די טונקעלע פאַר'חושכ'טע פּנימ'ער פון זיינע ברידער צווישען

דער מאסע, דעם האס וואס האט געגליט אין זייערע טונקעלע אויגען, ווען די פייערליכע פראצעסיע איז פארבייגעגאנגען. און ווען ער האט יענע נאכט געקניט פאר דעם צלם מיט יעזוס'ן, האט ער אפילו נישט גע'חלומ'ט וועגען דער אנדערער צערעמאניע אין דער שול פון דער פיאצא פונ'ם טעמפעל, וואס שטייט האלבוועגס פונ'ם טייך. א סצענע וואס איז מער איינדרוקספול אין איר פייער־ליכקייט איידער די גאנצע פראכט פונ'ם קירכען־ספעקטאקעל.

די שול איז געווען א באהאלטענע געביידע, וועלכע האט זיך אויסערליך נישט אונטערשיידט פון די ארומיגע הייזער. אינעווייניג האבען גאלד און זילבער געפינקעלט אין די מילגרוימען און גלעקליך פון דער תורה, אדער אינ'ם אויסהעפטעכץ פונ'ם פרוכת. די שויבען פון איין פענסטער האבען געהאט צוועלף קאלירען פאר די צוועלף שבטים און פארגעשטעלט דעם אורים ותומים. אינ'ם הויף איז געשטאנען א מוסטער פונ'ם בית המקדש, אויסגעצירט מיט וואונ־דערליכע איינצעלהייטען, א זכר פון פארלוירענער פראכט.

די זעכציג עלצטע האבען אפגערעדט. יוסף בן מנשה האט געמוזט ליידען דאס אויסערסטע פונ'ם אידישען דין. אלע אידען זיינען צונויפגערופען געווארען אין שול אריין. אן אימה איז געהאנגען איבער די פארזאמעלטע. אין א שטילקייט ווי אין א קבר האט יעדער איינער געהאלטען א שווארץ ליכט, וואס האט מורא'דיג געפלאקערט אין די שאטענס פון שול. א שופר האט געבלאזען גרילצענדיג און אימה'דיג, און צוזאמען מיט דער עלעמענטארער מוזיק האט זיך געהערט דער חרם, די שוידערליכע קללה, וואס ציט ארויס יעדעס מענשליכע רעכט פון דעם אויסגעשטויסענעם, לעבעדיג אדער טויט, און די פארזאמעלטע, אויסלעשענדיג זייערע ליכט, האבען געשריגען „אמן". און אין א גייסטיגער פינסטערניש פונקט אזוי שווארץ, האט זיך מנשה געוואקעלט אהיים צו זיצען שבעה מיט זיין ווייב און באקלאגען דעם טויט פון זייער יוסף, ווען א יארצייט־ליכט האט געפינקעלט, ארומשווימענדיג שוואך אין א שיסעלע בוימעל און די תפילות פאר דער נשמה פונ'ם מת האבען זיך ליידענשאפטליך ארויסגעריסען אין דער פארדארבענער געטא־לופט. און מרים, איר מאדאנע־פנים נאס פון הייסע טרערען,

האָט פאַרברענט דעם טלית, וואָס זי האָט בסוד געוועבט פאַר דעם מאַן, וואָס האָט זי אפשר אמאָל געליבט, און איז געגאַנגען מנחם־אָבל זיין די אבלים, און האָט געהאַלטען רחל׳ס רויע האַנט אין אירע צאַרטע, זיסע פינגער, וואָס קיין ליבהאָבער וועט קיינמאָל נישט צודריקען צו זיך.

אָבער רחל האָט געוויינט אויף איר קינד און האָט זיך נישט געלאָזט טרייסטען.

## IV.

העלענאַ דע פראַנקי האָט איבערגעגעבען די נייעס פון׳ם חרם צו דזשיוזעפּע דע פראַנקי. זי האָט עס געהערט פון איינער פון אירע הילף־מיידלאַך, וועלכע האָט עס געהערט פון שלמה דעם ליץ, אַן אומבאַקאַנטער קאָמישער ליץ, וואָס האָט זיך געדרייט אַהין און אַהער צווישען אידען און גוים צוליב זיין פּרנסה.

דזשיוזעפּע האָט געשמייכעלט מיט אַ זיסען שמייכעל כמעט דורך טרערען. „זיי ווייסען נישט וואָס זיי טוען", האָט ער געזאָגט.

„דיינע עלטערען באַוויינען דיך ווי אַ טויטען".

„זיי באַוויינען דעם טויטען איד; אָבער די ליבע פון דעם לעבעדיגען קריסט וועט זיי טרייסטען".

„אָבער דו טאָרסט צו זיי נאָענט נישט צוקומען, נישט זיי צו דיר".

„מיט גלויבען קען מען בערג רירען; מיין גייסט אומאַרעמט זייערען. מיר וועלען זיך נאָך פרייען צוזאַמען אין דעם ליכט פון׳ם משיח, ווייל געוויין קען דויערען אַ נאַכט, אָבער פרייד קומט אין פרימאָרגען". זיין בלאַס פּנים האָט געשיינט מיט הימלישער לויטערקייט.

העלענאַ האָט אים באַטראַכט מיט פאַרוואונדערונג און רחמנות.

„דו ביזט מאָדנע איינגעגלויבט, סער דזשיוזעפּע", האָט זי געזאָגט.

„עס איז נישט מאָדנע, סינאָראַ, עס איז גאַנץ איינפאַך, — אַזוי ווי אַ קינד׳ס געדאַנק", האָט ער געזאָגט, באַגעגענענדיג אירע לויטערע אויגען מיט זיין טיפען מיסטישען בליק.

זי איז געווען הויך און שיין, מער ווי יענע גריכישע סטאַ־טועז, וועלכע די סקולפּטאָרען פון איר צייט פלעגען נאָכמאַכען, איידער ווי אַ רוימישע טאָכטער. אַן איינפאַך קלייד פון ווייסער זייד האָט אַנפּלעקט די שיינע קארבען פון איר פיגור. דורך דעם גרויסען עקיגען פענסטער, ביי וועלכען זיי זיינען געשטאַנען, האָט דאָס קאַלטע זונליכט באַרירט אירע האָר און געמאַכט ליכט־פלעקען אויף די געשטרייפטע חיה׳שע פעלען, וואָס האָבען באַדעקט דעם דיל און אויף הענגענדיגע טאַפּעטען. די בילדער און עלפאַנטביין שניצערייען, די מאַנוסקריפּטען און די ביוסטען, האָבען אַלע צוגעגע־בען דער וואוינונג אַ האַרמאָנישקייט פאַר איר איידעלער פיגור. קוקענדיג אויף איר האָט ער געציטערט.

„און וואָס וועט דאָס לעבען זיין פון איצט אָן?״ האָט זי געפרעגט.

„אונטערטעטיגקייט, אַ קרבן״, האָט ער געזאָגט האַלב מור־מלענדיג. מיינע עלטערען זיינען גערעכט. יוסף איז טויט. זיין ווילען איז גאָט׳ס, זיין הארץ איז קריסטוס׳עס. פאַר מיר איז נישטאָ קיין לעבען אַ חוץ דינסט.״

„און וועמען וועסטו דינען?״

„מיינע ברידער, סיניאָרא״.

„זיי זאָגען זיך אָפּ פון דיר.״

„איך זאָג זיך נישט אָפּ פון זיי.״

זי האָט געשוויגען אַ ווייל. דערנאָך האָט זי מיט מער ליידענ־שאַפט אויסגערופען: „אָבער סער דזשוזעפּע, דו וועסט גאָרנישט דערגרייכען. הונדערט דורות האָבען נישט געקענט זיי רירען. נישט קוקענדיג אויף אַלע דעקרעטען פון די פּויפּסטען זיינען זיי געבליבען פאַר׳עקשנ׳ט.

„קיינער האָט נאָך נישט פּראָבירט ליבע, סיניאָרא.״

„דו ווילסט אוועקוואַרפען דיין לעבען?״

ער האָט טרויעריג געשמייכעלט. „דו פאַרגעסט, אַז איך בין טויט.״

„דו ביזט נישט טויט. דער זאַפט רינט אין דיינע אָדערען. דער

פרילינג קומט איצט אָן. זע ווי די זון לייכט שוין אין בלויען הימעל. דו טאָרסט נישט שטאַרבען. דו דאַרפסט גליקליך זיין אין דער זון און אין דער שיינקייט פון אלץ."

„די זון איז בלויז א סימבאָל פון דער געטליכער ליבע. די יונגע בליטען זיינען בלויז אן אָנזאָג, אַז אַלץ לעבט אויף צו נייעם לעבען."

„דו חלום'סט, מיין דזשוזעפּע. דו חלום'סט מיט דיינע וואונדערבאַרע אויגען אָפען. איך פאַרשטיי נישט אָט די ליבע דיינע, וואָס ווענדט זיך אָפּ פון ערדישע זאַכען, וואָס צורייסט דיין פאָטער'ס און מוטער'ס הארץ אין צוויי."

זיינע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען. „טייערע! ערדישע זאַכען זיינען בלויז אַזוי ווי שאָטענס וואָס גייען פאַרביי. דו גאָר חלום'סט, סיניאָרע, נישט איך. פילסט דו דען נישט די פאַרגענגליכקייט פון דעם אַלעם, אַפילו פון אָט דער פעסטער ערד־פלאַך און פונ'ם שיינעם הימעל און פון די שיינע ליכט, וואָס זיינען דאָרט פאַראַן פאַר אונזער פאַרגעניגען! אָט די זון, וואָס שווימט יעדען טאָג דורכ'ן רוים אויבען איז בלויז א געמאָלטע פאַנטאַזיע אין פאַרגלייך מיט דעם אייביגען פעלז פון קריסטוס' ליבע."

„דיינע ווערטער זיינען קלינגענדיגע צימבלען פאַר מיר, סער דזשוזעפע".

„דאָס זיינען ווערטער פון דיין גלויבען, סיניאָרא."

„ניין, נישט פון מיין גלויבען", האָט זי האסטיג א געשריי געטאָן. „דו ווייסט, אַז איך בין נישט קיין קריסטין אין הארצען. קיינער פון אונזער הויז איז נישט, כאָטש זיי פילען דאָס נישט. מיין פאָטער פאַסט אין די פאַסט־וואָכען, אָבער דער הייד אַריסטאָטעל איז דער וואָס שפייזט זיין געדאַנק. רוים ציילט אירע קרעלען און פרעפעלט איר „פאָטער־אונזער", אָבער זי איז שוין אויסגעוואַקסען פון איר פרימיטיווען גלויבען. אונזערע ספעקטאַקלען און פראָצעסיעס, אונזערע הערליכע פעסטען, אונזערע פרעכטיגע קאָסטיומען, וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיט אונזער בלייכען קריסטוס, וועלכען דו ווילסט נאָריש נאָכמאַכען?"

„דאָן האָב איך ארבייט צו טאָן, אַפילו צווישען די קריסטען", האָט ער מילד געזאָגט.

„ניין, דו ווילסט בלויז אָנטאָן צרות, מיט דיין ליידענשאַפטסלאָזען גייסט פון א גלויבען. די קינסטלער זיינען די, וואָס האָבען צוריקגעבראַכט פרייד אויף דער וועלט, וועלכע האָבען דערפילט די נשמה פון שיינקייט אין יעדער זאַך און כאָטש זיי האָבען אויסגעטראַכט צו מאָלען די הייליגע משפחה און די קרייציגונג און דעם טויטען קריסטוס און „דאָס לעצטע אָווענט־ברויט”, איז עס דאָך דער חן פון לעבען וואָס האָט באַגייסטערט זייער קונסט. דער שטאָלץ פון לעבען, די הערליכקייט פון דער מענשליכער געשטאַלט, די פרייד פון קאָליר, די פאַרגעטערונג פון די מוזען. יאָ, און האָבען זיך נישט אונזערע נאָבעל־לייט געלאָזט אויסמאָלען אלס אַפּאָסטאָלען, האָבען זיי נישט אריינגעשטופּט זייערע פּנים'ער אין די הייליגע בילדער, האָבען זיי נישט פאַרשטאַנען אויף וואָס די רעליגיעזע קונסט איז געווען בלויז אַן אויסרייד? איז דען רוים נישט פול מיט היידנישער קונסט? האָט מען דען נישט אוועקגעשטעלט דעם לאַאָקאָז און קלעאָפּאַטראַ'ן און ווענוס'ן אינ'ם סאַמע אָראַנזשען־גאָרטען פונ'ם וואַטיקאַן?”

„פונדעסטוועגען האָבען דיינע מאָלערס מער פון אַלץ ליב געהאַט צו מאָלען די מאַדאָנאַ מיט דעם קינד.”

„דאָס איז נישט מער ווי אַן איבערחזרונג פון ווענוס און קופּיד.”

„ניין, אָט דער חוזק איז נישט דער אויסדרוק פון דער איידעלער סיניאָרא דע פראַנקי. דו קענסט נישט זיין בלינד צו דער געטליכער באַגייסטערונג וואָס איז געלעגען הינטער דער מאַדאָנאַ פון סאַנדראָ באָטיטשעלי.”

„דו האָסט נישט געזען זיינע פרעסקאָס אין דער ווילא לעמי, נעבען פלאָרענץ, די צאַרטע גראַציע פון זיינע פאָרמען, דעם חן פון די קאָלירען, אז נישט וואָלסטו פאַרשטאַנען, אז נישט בלויז גייסטיגע שיינקייט האָט זיין נשמה טייער געהאַלטען.”

„אָבער ראַפאַעלאָ דא אורבינאָ, אָבער לעאָנאַרדאָ ——”

„לעאָנאַרדאָ”, האָט זי איבערגע'חזר'ט. „האָסטו געזען זיין באַכוס אָדער זיין קאַמף־פרעסקאָ? קענסטו די שפּעטערע ארבייטען פון ראַפאַעלאָ? און וואָס זאָגסטו צו אונזער ליפּאָ ליפּי? א קריסטליכער מאָנאַך, ווידען? וואָס זאָגסטו צו דזשיאָרדזשאָנע פון ווענעדיג און זיינע שילער, צו אָט דעם אויפבלי פון ליבליכקייט, צו אונזערע

סקולפּטאָרען און בויערס, צו אונזערע גאָלדשמידען און מוזיקער? אָ, מיר האָבען אויפסניי אַנטדעקט דעם סוד פון גריכענלאַנד. האָמער׳ן האָבען מיר ליב, פּלאַטאָ׳ן, די אידעלע איינפאַכקייט פון סאָפאָקלעס. אונזער דאַנטע האָט ליגען געזאָגט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ווירגיל איז געווען זיין פירער. דער דיכטער פון מאַנטוא האָט קיינמאָל נישט געפירט קיין שטערבליכען מענשען צו יענע פיינליכע ראַיאָנען. ער זינגט פון סטאָדעס און בינען, פון פייגעל און לויפענדיגע טייכלעך, און די פּשוט׳ע ליבע פון פּאַסטוכער. און מיר הערען זיך ווידער איין צו אים און אָטעמען איין די זיסע לאַנד־לופט, וועלכע איז נאָך זיסער ווען מיר געדענקען די גהינום־רויכען וואָס פאַר׳סמ׳ט דאָס לעבען דורך יאָרהונדערטען. אַפּאָלאָ איז האַר, נישט קריסטוס.״

„אַזוי פּרוואווט אַפּאָליאָן רוים, מיט דער וועלט און מיט דעם גוף.״

„דו האָסט פאַרלאָזט דיין שכל, מעסער דזשוזעפּע. דו ווייסט, אַז די זאַכען דערהויבען, נישט דערנידעריגען אונזער נשמה. ביזטו נישט אַנטציקט געוואָרען גלייך מיט מיר פון דער שיינקייט פון אַן אויסגעמאָלט פּנים, פון דעם שיין פון ליכטיגע קאָלירען, פון דער ווייסער ליכטיגקייט פון אַ סטאַטוע?״

„איך האָב געזינדיגט אויב איך האָב ליב געהאַט שיינקייט צוליב שיינקייט אַליין, און — פאַרגיב מיר, דאַמע, אויב איך באַליידיג דיך — אָט די פאַרגעטערונג פון שיינקייט איז פאַר די רייכע, די גוט־געשפּייזטע, די געצײילטע. אָבער וואָס וועגען די אָרימע, וועגען די געטראָטענע, וואָס וויינען אין דער פינסטער? וואָס פאַר אַ טרייסט האָט דיין גלויבען פאַר זיי? אָט די אַלע וואונדער פון דער מענשליכער האַנט און פון מענשליכען מאַרך זיינען אַזוי ווי שטרוי אויף דער וואָגשאָל אַנטקעגען אַ ריין האַרץ, אַ רעכטפאַרטיגע טאַט. די עפּאָכען פון קונסט זיינען אַלעמאָל געוועזען די עפּאָכען פון שוידערליכקייט, סיניאָרא. נישט אין דורכגעטריבענקייט, נאָר אין איינפאַכקייט אַנטפּלעקט זיך אונזער האַר. סיידען איר וועט ווערען אַזוי ווי קליינע קינדער, אַנדערש וועט איר נישט אַריינקומען אין קיניגרייך פון הימעל.״

„דער הימעל איז דאָ״. אירע אויגען האָבען געפינקעלט. איר

ברוסט האט זיך געכוואליעט. דאס פייער פון איר בליק איז איבער־געגאנגען אין זיינעם. איר חן האט אים געמאכט אומרואיג, איר אומפארגלייכליך פנים און געשטאלט וואס האט איצט פאריייניגט די ריינינקייט פון סטאטוע מיט דער ווארימקייט פון א לעבעדיגער פרוי.

„פירוואר, וואו קריסטוס איז, דארט איז דער הימעל. דו האסט פארבראכט אין אזא הערליכקייט פון ליכט, סיניארא דע פראנקי, דו באגרייפסט נישט דיין פארצוג. אבער איך, וואס בין תמיד געגאנגען אין פינסטערניש, בין ווי א בלינדער מאן, וואס האט זיין ראיה צוריק באקומען. איך בין געווען אמביציעז, גיעריג, צוריסען פון ספיקות און פראגען. איצט בין איך געבאדען אינ'ם געטליכען פרידען, אלע מיינע פראגען זיינען פארענטפערט, מיין אויפרודעריש בלוט איינגעשטילט. ליבע, ליבע, דאס איז אלץ. דאס אונטערגעבען פון א מענשענ'ס ווילען צו דער ליבע וואס באוועגט די זון און אלע שטערען, אזוי ווי דיין דאנטע זאגט. און זון און שטערען באוועגען זיך בלויז צו דעם צוועק, סיניארא — אז מענשליכע נשמות זאלען געבוירען ווער־רען און שטארבען צו לעבען, אין אייניגקייט מיט ליבע. א, מיינע ברידער" — ער האט בענקשאפטליך אויסגעשטרעקט זיינע ארעמס, און זיינע אויגען און זיין קול זיינען געווען פול מיט טרערען — „פארוואס קריגט איר זיך אויפ'ן מארק? צו וואס לייגט איר אן גאלד און זילבער? צו וואס יאגט איר זיך נאך די פוסטע שאטענס פון ערדישער פרייד? דאס איז די אמת'ע באגייסטערונג, זיך אפצוגעבען צו גאט, אלץ אין אלעם, צו בעטען בלויז צו זיין די רינע פון זיין הייליגען ווילען."

העלענא'ס פנים איז געווען פול מיט ערנסטער פארוואונדערונג. א רגע איז עס געווען באלויכטען מיט אן ענטפער־ליכט, גלייך זי וואלט געבענקט נאך דער מאדנער אנטציקונג וואס זי האט נישט געקענט פארשטיין.

„דאס אלץ איז פוסטע נארישקייט. דיינע ברידער הערען דיך איצט אזוי וויניג ווי זיי וועלען דיך ווען עס איז הערען."

„איך וועל בעטען טאג און נאכט, אז מיינע ליפען זאלען באריירט ווערען מיט דעם הייליגען פייער."

„ליבע איז אויך א הייליגער פייער. האסטו ברעה צו לעבען אן

דעם?" זי איז צוגעגאנגען נעענטער. איר אָטעם האָט באַרירט די שוואַרצע לאָק אויף זיין שטערן. ער האָט אַפּגעטראָטען אויף א טראָט, מיט א ציטער.

„איך וועל האָבען געטליבע ליבע, סיניאָרא."

„ביזטו געגוינגט צו ווערען א דאָמיניקאָנער?"

„איך בין אַנטשלאָסען."

„און דער קלויסטער וועט דיך צופרידענשטעלען?"

„דאָס וועט זיין דער הימעל."

„יאָ, דאָרט וואו עס עקזיסטירט נישט קיין חתונה. וואָס פאַר א שמשון־גלויבען איז דאָס, וואָס רייסט אראָפּ די זיילען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט?"

„ניין, חתונה איז אויך פאַראַן אין דעם. דאָס איז דער סימבאָל פון א מער געטליכער פאַראייניגונג. אָבער דאָס איז נישט פאַר יעדען. עס איז נישט פאַר די, וועלכע סימבאָליזירען געטליכע זאַכען אנדערש, וועלכע שטעלען מיט זיך פאַר צו זייערע מיטמענשען דעם געקרייציגטען גוף, די דערהויבענע נשמה. דאָס איז נישט פאַר פּריסטער."

„אָבער דו ביזט דאָך נישט קיין פּריסטער."

„דאָס איז בלויז א פראַגע פון טעג. אָבער ווען מען זאָל מיר אפילו נישט ערלויבען צו ווערען א פּריסטער, וועל איך אַלץ בלייבען אומפאַרהייראַט."

„אַלץ בלייבען אומפאַרהייראַט! פאַרוואָס?"

„ווייל מיין אייגען פאָלק איז אָפּגעשניטען פון מיר. און ווען איך זאָל חתונה האָבען מיט א קריסטין, אזוי ווי א סך משומדים טוען, וועט די קראַפט פון מיין ביישפּיל פאַרלוירען גיין. זיי וועלען זאָגען ווענען מיר, דאָס אייגענע וואָס זיי זאָגען וועגען זיי, אז עס איז איז נישט געוועזען דאָס ליכט פון קריסטוס'ן, נאָר א קריסטליך מיידעל'ס אויגען וואָס האָט מיך פאַרבלענדט און צוגעצויגען. זיי זיינען האַרט. זיי גלויבען נישט אין דער מעגליכקייט פון אן אמת'ער באַקערונג. טייל זיינען רייך געוואָרען פון זייער שמד, אָדער זייענדיג רייך, האָבען זיי אויסגעמידען געלט־שטראָפען און צינזען, וואָס וואָלטען זיי פאַראַרימט. אָבער איך האָב פאַרלוירען מיין גאַנצע ירושה, און איך וועל קיין זאַך נישט אָננעמען. דערפאַר האָב איך

אָפּגעזאָגט דיין פּאָטער'ס גוטהאַרציגען פּאָרשלאַג אָנצונעמען אַ שטעלע אין זיגעל־אַמט, אָדער אַפילו די קלענערע שטעלע פון סצעפּטער־טרעגער פאַר'ן פּויפּסט. און ווען מיינע ברידער וועלען נאָך זען, אַז איך צווינג נישט אַרויס פון זיי קיין געהאַלטען און קיין געלדער, אַפילו קיין קופּערנעם גראָשען נישט, אַפילו ווען איך פּרעדיג פאַר זיי אָן אַ געהאַלט, אין אמת'ן בלויז אויס ליבשאַפט צו גאָט, ווען זיי וועלען זען אַז איך לעב ריין און איינזאַם, דאַמאָלסט וועלען זיי זיך צוהערען צו מיר. אפשר וועלען זייערע הערצער געריהרט ווערען און זייערע אויגען וועלען זיך עפענען." זיין פּנים האָט געלויכטען מיט אַ בלאַסער אויסשטראַלונג. דאָס, האָט ער געפילט, איז זיכער דאָס נויטיגסטע. קיין איד איז נאָך נישט געשטאַנען פאַר זיינע ברידער אַלס אומבאַפלעקטער קריסט, אָן פּאַרדאַכט, אָן שרעק און אָן פּאָרוואורף. אָ, ווי גליקליך איז ער וואָס אים איז באַשערט אויסצופילען אָט די אַפּאָסטאָלישע שליחות!

„אָבער אין פאַל—" העלענע האָט אויסגעוואַרט; דערנאָך האָט זי אויפגעהויבען אירע חנ'עוודיגע אויגען און באַגעגענט זיינע אין פורכטלאָזער אויפריכטיגקייט, „ווען דו וואָלסט געליבט איינע וועלכע איז נישט קיין קריסטין?"

ער האָט געציטערט, געמאַכט פּויסטען צוריקצוטרייבען די ווילדע כוואַליע פון ערדישער אויפרעגונג, וואָס האָט אים פאַרגאָסען, אונטער דעם פייער פון אירע אויגען, אַזוי ווי דער ים־צופלוס שטראָמט אויף צום לאַנד.

„איך וואָלט אַלץ איינס מיין ליבע דערשטיקט אין זיך", האָט ער געזאָגט הייזעריג. „די אידען זיינען פאַר'עקשנ'ט. זיי קענען נישט מאַכען קיין פיינעם אונטערשייד. זיי קענען נישט קיינעם חוץ אידען און קריסטען."

„מיר דאַכט זיך, אַז איך זע מיין פאָטער רייט אַהער", האָט העלענאַ געזאָגט זיך אומקערענדיג צום ברייטען פענסטער. „עס זעט מיר אויס ווי זיין פעדער און ווי זיין ברוין טערקיש פערד. נאָר די זון פאַרבלענדט מיך, איך וועל דיך פאַרלאָזען."

זי איז נעגאַנגען צו דער טיר, נישט אומקוקענדיג זיך אויף אים. דערנאָך האָט זי זיך פּלוצלינג אומגעדרייט, אַז זיינע אויגען האָבען אַ בלענד געטאָן, און האָט געזאָגט:

„מיין הארץ איז מיט דיר, וואס דו זאלסט נישט טאן. נאר באטראכט דיך גוט, איידער דו טוסט אן דאס מאנאכישע קלייד, וואס סימבאליזירט לויט דיינע אייגענע רייד, אלץ וואס איז אומליבליך. אדיא."

ער איז איר נאכגעגאנגען און גענומען איר האנט, און, איינ־בויגענדיג זיך, זי פרום א קוש געטאן. זי האט די האנט נישט אוועקגענומען.

„האסט די קראפט פאר דעם וואס דו נעמסט זיך אונטער, מיין דזשוזעפע?" האט זי צארט געפרעגט.

ער האט זיך אויסגעגלייכט, האלטענדיג איר האנט אין זיינער.

„יא, האט ער געזאגט. „דו וועסט מיך באגייסטערן, העלענא. דער געדאנק פון דיין שטראלענדיגער ריינקייט וועט מיך האלטען ריין און פעסט."

אן אומדערגרינדליכער אויסדרוק איז אריבערגעגאנגען העלע־נא'ס פנים. זי האט אוועקגענומען איר האנט.

„איך קען נישט באגייסטערן צום טויט", האט זי געזאגט.

„איך קען נאר באגייסטערן צום לעבען."

ער האט פארמאכט זיינע אויגען אין א באגייסטערטער זעאונג.

„ס'איז נישט טויט. עס איז דאס לעבען און תחית המתים", האט ער געמורמעלט.

ווען ער האט געעפענט די אויגען איז זי געווען אוועקגעגאנגען. ער האט אנידערגעקניט אין א ליידענשאפטליך געבעט, אין דער נסיסה פון דער קרייציגונג פונ'ם גוף.

V.

אין דער צייט פון זיינע לערניארען אינ'ם קריסטענטום, איידער עס איז אים ערלויבט געווארען צו ווערען א מאנאך, האט ער געפרעדיגט א פראבע „דרשה צו די אידען" אין א גרויסער אדיטאריע נאענט פונ'ם געטא. א קירך וואלט פאראומרייניגט געווארען פון די אומהייליגע, און אפילו פון דער אדיטאריע האט מען ארויסגעטראגען אלע הייליגע זאכען, וואס זיינען דארט געלעגען. עס זיינען געקומען א סך פארנעמע קריסטען, אין גאלד־באזוימטע מאנטלען און הוטען מיט זיידענע סטענגעס. ווייל ער האט געהאט א נאמען פאר א

גוטען רעדנער, און אַניבאַלע דע פראַנקי איז דאָרט געווען דער פרע־זידענט מיט גרויס פּאָמפּ. איין איד איז געקומען — שלמה דער ליץ, ווייל ער האָט זיך געהאַלטען פאר פייאיג ארויסצודרייען זיך פונ'ם חרם און נאָך פאַרדינען א מאָלצייט אָדער צוויי ווען ער וועט דערציילען וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, צו די גבאים און פּני פונ'ם געטאָ, אויף וועמענס מענשליכער נייגעריגקייט מען קען זיכער רעכענען. שלמה איז געווען רייך אין שפּיצלאַך. גאַנצע חדשים זיינען פאַרביי ווען ער האָט געטראָגען א רויטען הוט פאר די אויגען פון אַלע קריסטען און ווען מען האָט אים ענדליך געבראַכט פאר די קאַפּאָריאָני, האָט ער זיך פאַרענטפערט, אַז דאָס איז בלויז געווען א מוסטער פון די הוטען, וואָס ער פארקויפט און אז זיין אמת'דיגער געלער הוט איז אומאבזיכטליך באַהאַלטען אונטען. אָבער דזשוזעפּע דע פראַנקי האָט זיך איצט דערפרייט ווען ער האָט אים דערזען.

„ער איז א פּלאַפּלער, ער וועט פאַרשפּרייטען די זאַמען", האָט ער געטראַכט.

שפּעט נאָכמיטאָג דעם נעכסטען טאָג האָט דער פּרעדיגער שפּאַצירט אין דער וויא לאַפּידאַ נעבען דעם קלויסטער פונ'ם הייליגען דאָמיניק. אימיצער האָט באַרירט זיין מאַנטעל. ער האָט זיך אומגעדרייט. „מרים", האָט ער אויסגעשריגען מיט א טראָט צוריק.

„פאַרוואָס אַנטלויפסטו פון מיר, יוסף?

„ווייסטו נישט, אַז איך בין אין חרם? זע, איז דאָס נישט א איד דאָרט וואָס באַטראַכט אונז?"

„מיך אַרט נישט. איך האָב דיר עפּעס צו זאָגען."

„אָבער מען וועט דיך פאַרשעלטען."

„איך דאַרף דיר עפּעס זאָגען."

זיינע אויגען האָבען אויפגעלויכטען. „אָ, דו גלויבסט!" האָט ער באַגייסטערט אויסגערופען. „דו ביזט ענדליך א געבענשטע."

„ניין, יוסף, דאָס וועט קיינמאָל נישט זיין. איך האָב ליב דעם גלויבען פון אונזערע אָבות. מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אים בעסער פאַרשטאַנען פון דיר, באַטש איך בין נישט אריין אזוי טיף אין דער הייליגער תורה. איך פאַרשטיי בלויז מיט מיין האַרץ."

„צו וואָס זשע קומסטו? לאָמיר גיין צום קאָליזעאום צו. עס איז שטילער דאָרט, און דאָרט נייען ווייניגער אידען."

זיי האָבען פאַרלאָזט די ראַשיגע גאַס מיט איר טומעל און וועגענער און וואַסער־פירער מיט זייערע אייזלען, און טרעגער, און איידעל־לייט רייטענדיג מיט זייערע נאָכפאָלגערס, און מיליטער מיט בלאַנקע שווערדען, וואָס אימיצער פון זיי האָט געקענט באַליידיגען מרים׳ען, וועלכע האָט זיך אָנגעזען דורך איר שיינקייט און דורך איר פיערקאַנטיגער געלער לאַטע פון אַ האַנט־און־אַ־האַלב ברייט אויף אירע האָר. זיי זיינען געגאַנגען און געשוויגען ביז זיי זיינען געקומען צום טיטוס טויער. נישט ווילענדיג זיינען ביידע שטיין געבליבען, ווייל דורך דער מנורה וואָס איז געווען אריינגעשניצט אין דעם טיטוס־טויער אַלס רויב פונ׳ם בית־המקדש, איז קיין איד נישט דורכגעגאַנגען אונטער דעם טויער. טיטוס און זיין מלוכה זיינען פאַרשוואונדען, אָבער דער איד האָט נאָך אַלץ טייער געהאַלטען זיינע זכרונות און זיינע חלומות.

אַ בייזער שוועבעל־בלויער זונאונטערגאַנג, געשטרייפט מיט גרין, איז געהאַנגען איבער די חרוב׳ע טעמפּלען פון די אַלטע געטער. אַזוי ווי מיט אַ גלי פון בלוט האָט דער זונאונטערגאַנג באַרירט דעם אויבערשטען טייל פון דער קאָליזעאום־וואַנט, הינטער וועלכער חיות און מענשען האָבען געשפּילט ספּאָרט פאַר די הערשער פון דער וועלט. דער רעשט פון דער טיטוס חורבה איז געווען אין שאָטען.

„זיינען מיינע עלטערען געזונט?״ האָט יוסף ענדליך געזאָגט.

„האָסטו דאָס פּנים צו פרעגען? דיין מאַמע וויינט אַ גאַנצען טאָג, חוץ ווען דיין טאַטע איז אין דערהיים. דאַמאָלסט מאַכט זי זיך אַזוי פאַרשטיינערט אַזוי ווי ער. ער — אַ גבאי אין שול! — דו האָסט אים מיט זיינע גראָע האָר געבראַכט צום קבר.״

ער האָט אַראָפּגעשלונגען אַ טרער. דערנאָך, אַזוי ווי מיט זיין פאָטער׳ס פאַרשטיינערטקייט, האָט ער זיך אָנגערופען: „צרות לייטערן אוים, מרים; דאָס איז גאָט׳ס כלי זין.״

„באַשולדיג נישט גאָט אין דיין גרוילקייט. איך האַס דיך.״ זי האָט גערעדט שטיל. „מען זאָגט אינ׳ם געטאָ, אַז דו גייסט ווערען אַ מאָנאַך פון סענט דאָמיניק. שלמה דער לץ האָט געבראַכט די נייעס.״

„אַזוי איז עס מרים. איך גיי גלייך נעמען די שבועה.״

„אָבער ווי אַזוי קענסטו ווערען אַ גלח? דו ליבסט אַ פרוי.״

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, דערשטוינט.

„וואָס זאָגסטו, מרים?"

„ניין, דאָס איז נישט קיין צייט פאר אָפּלייקענען. איך קען זי. איך ווייס דיין ליבע צו איר. העלענא דע פראנקי."

ער איז געווען בלייך און אויפגערעגט. „ניין, איך ליב נישט קיין פרוי."

„דו ליבסט העלענא'ן".

„ווי אזוי ווייסטו דאָס?"

„איך בין א פרוי."

זיי זיינען געגאנגען ווייטער און געשוויגען.

„און דאָס ביזטו מיר געקומען זאָגען?"

„ניין, דאָס בין איך דיר געקומען זאָגען: דו מוזט חתונה האָבען מיט איר און זיין גליקליך".

„איך, איך קען נישט, מרים. דו פארשטייסט נישט."

„פארשטיי נישט! איך קען דיך לעזען אזוי, ווי דו קענסט לעזען די תורה — אָן נקודות. דו מיינסט, אז מיר אידען וועלען טייטלען אויף דיר מיט די פינגער, מיט פאראכטונג, אז מיר וועלען זאָגען, אז דו האָסט געליבט העלענא'ן, נישט דעם געקרייציגטען, אז מיר וועלען זיך נישט צוהערען צו דיינע דרשות."

„אָבער איז דאָס דען נישט אזוי?"

„עס איז אזוי."

„וואָס זשע—"

„אָבער אזוי וועט עס סיי ווי זיין, וואָס דו זאָלסט נישט טאָן. מעגסט זיך צושניידען אויף קליינע שטיקלאך וועלען מיר נישט גלויבען אין דיר און אין דיין שליחות. איך אליין גלויב אין דיין אויפריכטיגקייט, און פאר מיר ביזטו אזוי ווי איינער וואָס איז משוגע פון צופיל לערנען. יוסף, דיין חלום איז פוסט. די אידען האסען דיך. זיי רופען דיך המן. זיי וואָלטען דיך גערן געזען אויפ־געהאנגען אויף א הויכען בוים. דיין זכר וועט זיין פארשאָלטען ביז'ן דריטען און פערטען דור. דו קענסט זיי אזוי רירען, אזוי ווי די זיבען בערג פון רוים. זיי זיינען שוין צופיל אויסגעשטאנען."

„יאָ, זיי זיינען געשטאנען אזוי ווי שטיינער. איך וועל זיי צושמעלצען. איך וועל זיי אויסלייזען."

„דו וועסט זיי אומברענגען. לייז בעסער אוים זיך אליין — האָב חתונה מיט דער פרוי און זיי גליקליך."

ער האָט זי אָנגעקוקט.

„זיי גליקליך", האָט זי איבערגעחזרט. „ווארף נישט אוועק דיין לעבען צוליב א פוסטען שאָטען. זיי גליקליך. דאָס איז מיין לעצט וואָרט צו דיר. פון איצט אָן, אזוי ווי א געטרייע אידישע טאָכטער, היט איך אָפּ דעם חרם, און ווען איך זאָל זיין א אידישע מאמע, וואָלט איך געלערענט — די קינדער דיך צו האסען אזוי ווי איך האס דיך. גיי בשלום."

ער האָט זי אָנגעכאַפּט ביים קלייד. „גיי נישט איידער איך דאנק דיר, כאָטש איך מוז מיך אָפּזאָגען פון דיין עצה. מאָרגען וועל איך אויפגענומען ווערען צווישען די ברידער פון רעכטפערטיגקייט". אין דעם פארנאכטיגען ליכט האָט זיין פּנים געלויכטען ווימט און אומערדיש אונטער זיינע גרא־שווארצע האָר. „אָבער פארוואָס האָסטו איינגעשטעלט דיין גוטען נאָמען מיר צו קומען זאָגען, אז דו האסט מיך ?"

ווייל איך ליב דיך. זיי געזונט."

זי איז אנטלאָפען."

ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע אָרעמס נאָך איר. זיינע אויגען זיינען געווען בלינד פון נעפּעלדיגקייט. „מרים, מרים", האָט ער נעשריגען. „קום צוריק, דו ביזט אויך א קריסטין! קום צוריק, מיין ליבע שוועסטער אין קריסטום!"

א שכור'ער דאָמיניקאנער האָט זיך אריינגעוואקעלט אין זיינע אָפענע אָרעמס.

## VI.

די אידען האָבען נישט געוואלט קומען הערען פרא דזשוזעפּע'ן. זיין גאנצע ליידענשאפטליכע גייסטליכקייט איז געווען פארשווענדט אויף אַן עולם פון קריסטען און אָפּט־גע'שמד'טע משומדים. שוין נישט וויסענדיג וואָס צו טאָן, האָט ער אָנגעהויבען באנוצען געלע־רענטע ארגומענטען, אבער אומזיסט האָט ער אָנגעהויבען באנוצען תלמוד'ישע ארגומענטען אנטקעגען די תלמודיסטען אליין. אפילו זיין אנטדעקונג לויט חשבונות פון קבלה, אז וועגען דעם פויפּסט'ס נאָמען

און זיין אמט ווערט נביאות געזאגט אין תנ"ך, האָט נישט געהאָלפען צוצוציען די אידען, און בלויז אין גאַס האָט ער באַגעגענט די פינס־טערע פּנימ'ער פון זיינע ברידער. חדשים דורכאַנאַנד האָט ער געפּרעדיגט אין געדולדיגער צופרידענקייט, ביז איין טאָג, נישט וויסענדיג מער ווי אַזוי זיך צו העלפען, האָט ער געזוכט אַן אינ־טערוויו מיט דעם פּויפּסט, צו בעטען אים, אַז אַ באַפעל זאָל אַרויס־געגעבען ווערען צו די אידען צו קומען צו זיינע דרשות. ער האָט געפונען דעם פּויפּסט אין בעט, נישט געזונט, נאָר שמועסענדיג מונטער מיט דעם בישאָף פון סאַלאַמאַנקאַ און דעם פּראָקוראַטאָר פון דער שאַצקאַמער, הפּנים ווענגען עפּעס אַ פרייליכער פּאַסירונג, וואָס האָט געטראָפען מיט דעם פראַנצויזישען •לעגאַט. דאָס איז געווען אַ בלאַס געלערענט פּנים וואָס איז געלעגען אויפ'ן ווייסען קישען הינטער אַ פּורפּורנער יאַרמעלקע, אָבער אויך מיט שטאַרקע געזיכטס־שטריכען פון טעטיגקייט. דזשוזעפּע איז געשטאַנען אומדרייסט ביי דער טיר, ביז דער גאַרדעראָבער, אַ דזשענטעלמאַן פון אַ נאָבעלער פאַמיליע, האָט אים געהייסען קומען נעענטער. ער איז מיט ערפורכט געגאַנ־גען פאָראויס, און אנידערקניענדיג האָט ער געקושט דעם פּויפּסט די פיס. דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און פאַרגעלייגט זיין ביטע. אָבער דער פירער פון קריסטענטום האָט איראָניש געשמייכעלט. ער איז געווען אַ געלערנטער און אַ דזשענטעלמאַן, אַ גרויסער פּאַטראָן פון ליטעראַטור און קונסט. זיין פּאָליטיק בנוגע אידען, קליגער פון דער פּאָליטיק פון פאַרגאַנגליכע מלכים, איז אַלעמאָל געווען פאַר־העלטניסמעסיג מילד. זיין אויסלענדישע פּאָליטיק האָט אים אינ־גאַנצען פאַרכאַפּט, כאָטש זיין פּאָפּולאַריטעט אין דער היים איז דער־פאַר געשטאַנען אין פאַראורטייל. אין דער צייט וואָס דזשוזעפּע דע פראַנקי האָט ליידענשאַפטליך געבעטען דעם געלאַנגווייליטען פּויפּסט, ערקלערענדיג אים ווי אַזוי ער קען לייזען די אידישע פראַגע, ווי אַזוי ער קען שפּילען אויף זיינע ברידער אַזוי ווי דוד אויף דער האַרף, ווען ער זאָל זיי נאָר קענען קריגען אונטער דעם צויבער פון זיין קול, האָט אַ דזשענטעלמאַן פונ'ם שלאָפצימער אריינגעבראַכט אַן איבער־ביים אויף אַ זילבערנער טאַץ. האָט אַ באַדינטער פריער פאַרזוכט דאָס עסען צו פאַרזיכערען, אַז עס איז דאָרט נישט געווען קיין סם, כאָטש עס איז געקומען פונ'ם פּויפּסט'ס קיך, און אויף אַ צייכען פון

זיין הייליגקייט. דזשוזעפּע האָט געמוזט אָפּטרעטען אָן א זייט, און איידער דער פּויפּסט האָט געענדיגט זיינע געוועזן אנדערע אונטער־ברעכונגען. דער הויפּט פון זיין אָרקעסטער איז געקומען נאָך אינ־סטרוקציעס פאר דעם קאָנצערט דעם ערשטען אויגוסט. און — דאָס האָט אים מער צוטומעלט ווי אַלץ — עטליכע גאָלדשמידען זיינען געקומען מיט זייער ארבייט און מיט קאָנקורירענדיגע מאָדעלען פאר א קנאָפּ פאר דעם פּויפּסטליכען מאַנטעל. דזשוזעפּע איז געווען אויפגערעגט און צורודערט ווען דער הייליגער פאָטער האָט אָנגעטאָן זיינע ברילען צו עקזאמינירען די גרויסע זילבערנע וואזע, אין וועלכער עס האָט באַדאַרפט אריינגיין דאָס אָפּפאַל פון זיין טיש, אירע פיין געשניצטע הענטלאך און לאָרבער־קראנצען און גייסטרייכע מאסקען און איר שוועסטער־וואזע וואָס האָט באַדאַרפט שטיין אין שראנק און האלטען וואסער און האָט געהאט א פיינע שניצעריי וואָס האָט פאַרגעשטעלט ווי דער הייליגער אַמבראָדזשיאָ אויף א פערד פאר־יאָגט די אריער. און ווען מען האָט איינעם פון די גאָלדשמידען אוועקגעשיקט, אָנגעלאָדען מיט דוקאטען פונ׳ם פּויפּסט׳ס קארדינאַל, איז דער צווייטער געבליבען א שרעקליך לאנגע צייט, ווייל עס האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז זיין הייליגקייט איז געווען זייער שטאַרק צו־פרידען מיט זיין וואקסענעם מאָדעל, שטוינענדיג ווי טאַלאַנטפול דער קינסטלער האָט פאַרגעשטעלט גאָט דעם פאָטער אין א בארעליעף, זיצענדיג אין א לייכטער פּאָזע, און ווי עלעגאנט ער האָט איינגעפאסט דעם פיינעם ברעג פון דעם גרעסטען בריליאנט פונקט אין מיטען. „אייל דיך צו מיט דער ארבייט, מיין זון", האָט זיין הייליגקייט געזאגט און האָט אים ענדליך ערלויבט צו גיין, „ווייל איך וויל אַליין טראָגען דעם קנאָפּ איידער איך וועל שטאַרבען". דערנאָך, מיט א שטראַלענדיג פּנים צו מיר: „ווילסטו נאָך עפּעס פון מיר, פרא דזשוזעפּע? אָ, יאָ, איך געדענק! דו ווילסט פרעדיגען צו דיינע פאר׳עקשנ׳טע אידען. יאָ, דאָס איז זייער א ווירדיגער באַגער. לואידזשי, דערמאָן מיך מאָרגען ארויסצוגעבען א פאראָרדנונג וועגען דעם."

מיט שטראַלענדיגע אויגען איז פרא דזשוזעפּע פלוצלינג ווידער געפאלען דעם פּויפּסט צו די פיס, געקושט זיי און געמורמעלט אָן

אומפארשטענדליכען דאנק. דערנאָך האָט ער זיך ארויספארנויגט און האָט זיך מיט פרייד געאיילט צוריק אין קלויסטער אריין.

די פאראָרדנונג איז אין דער ריכטיגער צייט ארויסגעקומען. די אידען האָבען געמוזט קומען צו זיין נעקסטער דרשה. ער האָט דער־ווארט דעם שבת נאָכמיטאָג אין א משוגעת פון גייסטיגען עקסטאַז. ער האָט צוגעגרייט א וואונדערליכע דרשה. די אידען וועלען זיך נישט דערוועגען נישט אויסצופאָלגען די פאראָרדנונג. מען האָט דאָס נישט געקענט אויסמיידען. און זייער אפּאטישער ווידערשטאנד איז ערשט געקומען שפּעטער, נאָך א געהאָרכזאמען אָנהייב. טעג זיינען פארביי. די פאראָרדנונג איז נישט צוריקגעצויגען געווארען, כאָטש ער האָט געוואוסט, אז די באַנקירען פון דער קהילה האָבען געזוכט איינפלוס הינטען ארום. די פאראָרדנונג איז אפילו נישט געענדערט געווארען אונטער'ן אויסרייד פון אויסטייטשונג, אזוי ווי פויפסטען פלעגען זיך פירען מיט צו שטרענגע פאראָרדנונגען. ניין, קיין זאך האָט נישט געקענט ראטעווען די אידען פון זיין דרשה.

דאָנערשטאָג האָט אויסגעבראָכען א מגפה אינ'ם געטאָ, פרייטאָג איז א צענטעל פון דער באפעלקערונג געווען טויט. א נייער איבער־פלוס פונ'ם טייך טיבער האָט מיטגעהאָלפען די מגפה'דיגע אויס־פלוסען פון די פארשטיקטע געסלאך, וואו די שטרענג באגרענצטע הייזער זיינען געווען איבערגעפּאקט מיט קליינווארג וואָס האָט זיך געמערט. שבת זיינען די טויערען פונ'ם געטאָ אָפיציעל פארמאכט געווארען. די מגפה איז איינגעשלאָסען געווארען. דריי חדשים זיי־נען די אויסגעשטויסענע פון דער מענשהייט געווען איינגעשלאָסען אין זייער פארפעסטעטער תפיסה, טאָג און נאכט צו לעבען און שטארבען ווי זיי האָבען אליין געוואָלט. ווען די געטאָ איז ענדליך געעפענט און דיזינפעקצירט געוואָרען, זיינען די טויטע, נישט די לעבעדיגע, געווען אין ענגשאפט.

## VII.

יוסף דער טרוימער איז געווען האלב צומישט פון דעם וואָס זיינע טרוימען האָבען צום צווייטען מאָל באקומען אזא קלאַפּ. אן ערדישער פחד וואָס ער האָט זיך אליין נישט געוואָלט צוגעבען האָט אים געפרעסען אין דער צייט פון דער מגפה, וועלכע איז טראָץ אלע

אַנשטרענגונגען דאָך ארויסגעלאָפּען פונ'ם געטאָ, אזוי ווי צו באַ־שטראָפען די, וועלכע האָבען באַשאַפען די באדינגונגען פאר דער מגפה. אָבער זיין פּחד איז נישט געווען פאר זיך אליין, נאָר פאר זיין מוטער און פאָטער און פאר דער איידעלער מרים'ן. ווען ער איז נישט אומגעגאנגען אָן מורא ארום קראנק־געוואָרענע קריסטען איז ער ארומגעגאנגען נעבען דער שטאָט פון די טויטע, פון וואנען קיין נייעס האָט נישט געקענט אָנקומען. ווען ער האָט ענדליך אויסגעפונען, אז זיינע טייערע לעבען נאָך, איז נאָך א קלאַפּ געפאלען. די פאַראָרדנונג איז אלץ געווען אין קראפט, נאָר דעם פּויפּסט'ס אויער איז געווען צארטער געגנויגט צו די לעבען־געבליבענע. ער האָט רעספּעקטירט זייער האס צו פּרא דזשוזעפּע'ן, זייער פּראָטעסט, אז זיי וואָלטען גערנער געהערט א וואָסער עס איז אנדערן פּרעדיגער. אָט די פליכט האָבען זיך באַדאַרפט אונטערנעמען זיינע ברידער דאָמיניקאַנער לויט דער ריי. בלויז דזשוזעפּע'ן אליין איז געווען פארבאָטען צו פּרעדיגען. אומזיסט האָט ער געזוכט צוצוקומען צו זיין היילינקייט. דער צוטריט איז אים געווען פארבאָטען. אויף אזא אופן האָט זיך אנגעהויבען די אויסטערלישע אינסטיטוציע, די געצוואונגענע דרשה.

יעדען שבת נאָך זייער אייגענעם לייענען די תורה אין שול, האָט א דריטעל פון דער באפעלקערונג פונ'ם געטאָ, איינגעשלאָסען אלע קינדער אריבער צוועלף יאָר אלט, געמוזט אין דער ריי באקומען דעם געגענגיפט אין דער קירך פון סאן בענעדעטא אלא רעגאָלא, וואָס מען האָט פאר זיי ספּעציעל צוגעגרייט, וואו א דאָמיניקאנער האָט געגעבען די אמת'ע פארטייטשונג פון קאַפּיטלען תנ"ך, וואָס דער אידישער חזן אליין האָט פארגעלייענט. זיין היילינקיים, וואָס האָט אלע מאָל געהאַט מער אייגזען פון זיינע משרתים, האָט באפוילען זיינע פּרעדיגער אויסצומיידען די נעמען פון יעזוס און דער היילינער יונגפרוי, וואָס האָט אזוי באַליידיגט אידישע אויערען, אָדער ארויס־צורײדען זיי זייער שטיל, אָבער די מאָנאַכען ביים שטענדער האָבען פארגעסען דעם גייסט פון אָט די רעקאָמענדאציעס, ווען זיי האָבען געהאַט פאר זיך אַן עולם, וועלכען זיי האָבען געקענט סטראַשען און זידלען מיט זייער גאַנצער ווילדער רעדנער־מאכט. א סך אידען האָבען זיך געשלעפּט פאַמעלאָך אויפ'ן וועג צו דער קירך. אַן אפּטיי־לונג פּאָליציי מיט בייטשען האָט זיי געטריבען צו ווערען היילינע

שאָף. אָט די מאָדנע קירכען־פּראָצעסיע פון מענער, ווייבער און קינדער איז אויסגעוואַקסען צו א ספּעקטאַקעל אין רוים. א נייע פאַרגעניגען איז ערפונדען געוואָרען פאַר דער פינסטערער מאַסע. אָט דאָס געצוואונגענע גאָטעס־דינסט האָט אָפּגעקאָסט א שיין ביסעל געלט. א איראָנישער וויץ איז געווען וואָס די אידען האָבען אליין באַדאַרפט באַצאָלען פאַר זייער שמד. אויסמיידען די דרשה איז געווען אוממעגליך. ביי דער טיר פון קירך איז געלעגען א רעגיסטער, וואָס האָט געהאַלטען חשבון פון די וואָס זיינען געווען אַפּוועזענד, וואָס זיינען געלייטערט געוואָרען דורך שטראָף און תפיסה. צו האַלטען אָט דעם רעגיסטער איז נויטיג געווען א יונגער משומד, איינער וואָס האָט געקענט יעדען איד פּערזענליך און האָט געקענט אויפדעקען א שטעלפאַרטרעטער. און ווער וועט זיך בעסער טויגען צו דעם ווי דער נייער ברודער? אומזיסט האָט דזשוזעפּע פּראָטעס־טירט. דער פּריאָר האָט זיך נישט געוואַלט צוהערען אפילו. און אזוי האָט דער מאַכטלאָזער פאַראורזאַכער פון דער גאַנצער צרה, אָנשטאָט צו זיין דער געטליכער, נישט־באַצאָלטער אַפּאָסטעל, זיך איינגעבויגען איבער דעם טישעל, פאַרזיכערט די פּערזענליכקייט פון יעדען שטיל־אָנגעקומענעם, דורך זייטיגע בליקען, מיט דעם באַוואוסטזיין, אז ער האָט נאָך פאַרגרעסערט די פּיין פון זיינע ברי־דער, וואָס האָבען געמוזט קומען אין באַרירונג מיט א משומד, וואָס זיין שרייב־פען האָט אָן חרפּה אויסגעדריקט פאַראַכטונג צו זייער שבת. א סך שבתים האָט ער געזען זיין פאָטער, א טראַגישער, ווייס־האָריגער חורבן, ווי מען האָט אים באַרירט מיט א שפּילעוודיגער בייטש זיך אונטערצואיילען צו דער טיר פון קירך. יוסף'ן אמ־מייסטען האָט די בייטש געשטאָכען. ווען דער באַאַמטער וואָס האָט באַדאַרפט זען, אז די פאַרזאַמעלטע זאָלען זיין אויפמערקזאַם, און הויפּטזעכליך, אז זיי זאָלען נישט אויסמיידען די דרשה דורך איינ־דרעמלען, האָט א שטויס געטאָן רחל'ען מיט אָן אייזערנער רוט, איז איר אומגליקליכען זון באַפאַלען א קאַלטער שוויים. ווען מרים איז פאַרביי־געגאַנגען זיין טישעל מיט פעסטע בליקען פון פאַראַכטונג יעדען דריטען שבת, איז אים באַפאַלען א פיבער פון חיים און קאַלט. זיין איינציגע טרייסט איז געווען צו זען רייען פרומע פּנימער וואָס הערען זיך איין צום ערשטען מאָל אין זייער לעבען

צו דער עוואנגעליע. וויניגסטענס האט ער עפעס דערגרייכט. אפילו שלמה דער ליץ איז געווארען ניי־געבוירען. ער האט זיך איינגעהערט צו די פרעדיגערס מיט גרויס פארערונג.

יוסף דער טרוימער האט נישט געוואוסט, אז נאכטוענדיג שלמה דעם ליץ, האבען די אלע פרומע אידען געהאט וואטע אריינגעשטאפט טיף אין זייערע אויערען.

אבער דערוויילע, אין אנדערע קירכען, איז פרא דזשוזעפע געווא־רען גרויס בארימט. קריסטען זיינען געקומען פון נאענט און פון וויים אים צו הערען. ער איז ארומגעגאנגען צווישען פאלק און מען האט אים ליב באקומען. ער האט געפרעדיגט ביי טויט־שטראפען, זיין שווארצער מאנטעל און זיין ווייסע לויזע וועסט זיינען באגריסט געווארען אין עקעלהאפטע תפיסות. ער פלעגט באפרייען פון זינד שטארבענדיגע, פלעגט ארויסטרייבען טייוואלים. נאר איין זינדיגער איז געווען, וואס ער האט אים נישט געקענט באפרייען פון זינד, אפילו נישט דורך א הארינג העמד אדער שמיץ, און דאס איז געווען ער אליין. און איין טייוועל איז געווען, וואס ער האט אים נישט געקענט ארויסטרייבען, דעם, וואס איז געזעסען אין זיין אייגענער ברוסט. די פיין פון זיין אייגענער נשמה וואס האט זיך אייביג אנגע־שלאגען מיט ווייטאג אן די ווירקליכקייטען פון לעבען און וועלכע איז איצט אזוי צוריסען דורך די חסרונות פונ׳ם קריסטענטום, אזוי ווי פריער דורך די חסרונות פונ׳ם געטא.

## VIII.

עס איז ווידער געוועז די קארניוואל־וואך — די ווילדע לעס־טערונג־וואך פון ווילדער שפיל און טייוולישקייט. די גאסען זיינען געווען א רעגענבויגען פון קאלירטע קליידער און האבען געדונערט מיט דעם טומעל און געלעכטער פון דער מאסע, מערסטענס דורך א גרויסען צופלוס פון פרעמדע. פון די פענסטער און דעכער, שווארץ פון קעפ, האבען שטיפערישע הענט געווארפען האניג, שמוציג וואסער, פוילע אייער און אפילו קאכעדיגען אייל אויף די פארביי־גייער און קאוואלירען אונטען. בלוטיגע גערודערייען האבען אויס־געבראכען, לעסטערישע מאסקירטע האבען זיך אריינגעריסען אין די

קירכען. זיי האָבען חוזק געמאכט פון אלע מענשליכע און געטליכע זאכען. די בייטש און די תליה וואָס מען האָט פריי באנוצט האָבען נישט געהאָלפען איינצוהאלטען דעם פאָלק'ס בייזוויליגקייט. יעדער פארבאָט איז געווען א טויטער בוכשטאב. אין אזא צייט מעגען די אידען ציטערען, זיי זיינען אין די הענט פון די לצים־קריסטען. זיי זיינען אלעמאָל געווען גוטע שלייפשטיינער פאר וויצען, באזונדערס נאָך אין קארניוואל־צייט. דעם ערשטען טאָג איז א דעפוטאציע פון די הויפט־אידען, איינגעשלאָסען די דריי הויפט־גבאים און רבנים, געגאנגען פאראויס פון דער סענאטאָרישער פראָצעסיע, און אָנגעטאָן אין פיל־פארביגע קליידער פון רויט און געל, האָבען זיי מארשירט דורך דער גאנצער שטאָט, פון דער פאָלקס־פיאצא ביז דער קאפיטאָליע, דורך א טאָפעלטען פייער פון גראָבען שפאס. אָנגעקו־מען אין דער קאפיטאָליע, האָט די פראָצעסיע אריינמארשירט אין טראָנזאל, וואו די דריי קאָנסערוואטאָרס און דער פריאָר פון די קאפאָרנים זיינען געזעסען אויף רויטע סאמעטענע שטולען מיט דעם פינאנץ־ראט פון דער קאפיטאָליע אין זיין שווארצער טאָגע און סאמעטען היטעל. דער הויפט־רב האָט אנידערגעקניט אויף דער ערשטער טרעפ פונ'ם טראָן, און, איינבויגענדיג זיין בכבוד'יגען קאָפ צו דער ערד, האָט ער ארויסגערעדט דעם טראדיציאָנעלען שפרוך:

„פול מיט דרך ארץ און פארערונג פאר דעם רוימישען פאָלק, קומען מיר, די פאָרשטייער און רבנים פון דער אונטערטעניגער אידישער קהילה צום דערהויבענעם טראָן פון אייערע עקסעלענצען און מיר ברענגען פאר אייך מיט דרך ארץ אונזער געטריישאפט און פאר־ערונג אין נאָמען פון אלע אידען, און מיר בעטען ביי אייך גנעדיג רחמנות. מיר, פון אונזער זייט, וועלען בסדר בעטען דעם אויבער־שטען צו ברענגען שלום און רו אויף לאנגע יאָרען צום הייליגען פויפסט, וועלכער רעגירט פאר דעם גליק פון אלע, צום הייליגען אפאָסטאָל, ווי צו אייערע עקסעלענצען, צום הויכגעלויבטענעם סענאט, און צום רוימישען פאָלק.“

צו דעם האָט דער הויפט פון די קאָנסערוואטאָרס געענטפערט: מיר נעמען אָן מיט פארגעניגען דעם אויסדרוק פון געטריישאפט, פון אונטערטעניגקייט, און פון פארערונג, וואָס איר באנייט היינט זייער אויסדרוק אינ'ם נאָמען פון דער גאנצער אידישער קהילה, און,

זייענדיג זיכער, אַז איר וועט אָפּהיטען די געזעצען און פאַראָרדנונגען פונ׳ם סענאַט, און אַז איר וועט צאָלען אַזוי ווי ביז איצט דעם צינז און שטייער וואָס איז ארויפגעלייגט אויף אייך, זאָגען מיר אייך צו אונזער באַשיצונג, מיט דער האָפנונג, אַז איר וועט וויסען ווי אַזוי זי צו פאַרדינען.״ דערנאָך, ארויפשטעלענדיג זיין פוס אויף דעם רבי׳נס נאַקען, האָט ער אויסגעשריען: „אַנדאַטע!״ (אַרויס!).

אויפשטייענדיג, האָט דער רבי דערלאַנגט די קאָנסערוואַטאָרס אַ בוקעט און אַ שאָל מיט צוואַנציג קרוינען און האָט פאַרגעלייגט צו באַצירען דעם סענאַטאָר׳ס פלאַטפאָרם אויף דער פאָלקס־פּיאַצאַ. דערנאָך איז די דעפּוטאַציע ווידער דורכגעגאַנגען אין אירע געמישט־פאַרביגע קליידער דורך די פליצענדיגע גאַסען פון נאַראָנים, דורך דער אַלייע פון זידלערייען, צו באַנייען אירע היפּאָקריטישע פּראָטעס־טען פאַר דעם טראָן פונ׳ם סענאַטאָר.

חוזק־פּראָצעסיעס האָבען נאָכגעמאַכט אָט דעם מארש פון די אידען. די פיש־הענדלער, זייענדיג נאָענט פונ׳ם געטאָ, האָבען געקענט די אידישע מנהגים, און האָבען דערפאַר באַרייכערט דעם קאַרניוואָל מיט פאַרשיידענע אַנדערע נאָכקרימעניש. אָט האָט מען נאָכגעקרימט אַ רבי׳נס לויה, אָט האָט מען נאָכגעקרימט ווי אידען רייטען אויף אייזלען, מיט אַ חוזק־רבי׳ן אויף אַ פערד פאָראויס, מיט זיין קאָפּ צום פערד׳ס עק, וועלכען ער האָט געהאַלטען מיט איין האַנט, און מיט דער אַנדערער האָט ער אויסגעשטרעקט אַ נאָכמאַכע־ניש פון דער תורה, פון וואָס די מאַסע האָט ווילד געלאַכט. באמת האָט דאָס חוזק מאַכען פון די אידען צוגעגעבען אַ באַזונדער געווירץ צום שפּאַס פון קאַרניוואַל. מען האָט זיי די היטלען אַראָפּגעריסען, געוואָרפען בלאָטע אין פּנים אריין. הייננטיגס מאָל האָט זיך די רוימישע רעגירונג אריינגעמישט און האָט פאַרבאָטען צו וואַרפען אויף זיי יעדע זאַך אַ חוץ פרוכט. אַ נאָבעלער מאַרקיז האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין שפּאַס, ווען ער האָט געוואָרפען אויף זיי בלויז אַנאַנאַסען. אָבער נישט פריער ווי אויף דעם דריטען טאָג, נאָכדעם ווי די אייזלען און שטיראָקסען זיינען געלאָפען אין וועטלויף, האָבען די אידען דערגרייכט זייער גרעסטע חרפּה, ווייל דאָס איז געווען דער טאָג פונ׳ם וועטלויף פון די אידען.

דער פרימאָרגען איז אויפגעגאַנגען בלאַ און קאַלט, אָבער עס האָט זיך גיך פאַרוואָלקענט, און די שפּאַסמאַכער אין גערדענג האָבען מיט פרייד דערשמעקט, אַז עס גייט רעגענען. ביים בויגען פון סאַן לאָרענצאָ און לוטשינא, אין דער לאַנגער שמאָלער גאַס פון וויאַ קאָרסאָ, וואו טידען און פענסטער און דעכער און דורכגענג האָבען ברייט געלאַכט מיט פּנים'ער האָט מען ווי נישט ווי צונויפגעזאַמעלט אַן ערך אַ האַלבען טוצען אידען. מען האָט זיי נאָרוואָס געגעבען גוט אָפּצועסען, אָבער זיי האָבען נישט אויסגעזען דאַנקבאַר. כמעט נאַקעט, אַ חוץ אַ קליין ווייס מענטעלע, קאָמיש אומאַנגשטענדיג, באַ־דעקט מיט גאָלדפאַרב און באַצירט מיט לאָרבער־בלעטער, זיינען זיי געשטאַנען ציטערענדיג און געוואַרט אויף דעם באַפעל: „גיי!״, דורכצולויפען צווישען אָט דער פינסטערער מאַסע, וואָס איז פול געווען מיט לאַנג־אונטערדריקטען גיפט, שוימענדיג מיט שפּאָט און עקעל. ענדליך האָט אַן אָפיציר אויף אַ פערד ארויסגעזאָגט דאָס וואָרט, און, אין אַ געוואַלטיגען פרייד־געשריי פון דער מאַסע, האָבען די האַלב־נאַקעטע, אויסטערלישע פיגורען מיט זייערע מאָדנע אָריענטאַליש טרויעריגע פּנים'ער, אָנגעהויבען אַ ווילדען לויף אויף דעם ברייטען קאָרסאָ. זיי האָבען באַדאַרפט לויפען ביז דעם שלאָס פון סענט אַנדזשעלאָ. אָריגינעל פלעגט זיך דער לויף־וועג ענדיגען מיט דעם קאָרסאָ, אָבער ער איז באַדייטענד פאַרלענגערט געוואָרען, צופרידען צו שטעלען נישט לאַנג צוריק אַ פּויפּסט, וואָס האָט געוואָלט האָבען דעם סוף פונ'ם וועטלויף הינטער זיינע פענסטער, וואו ער איז געזעסען אין זיין האַלב־געהיימען שלאָס־צימער צווישען די באַצירטע נאַקעטע געמעלען פון דזשוליאָ ראָמאַנאָ. שנעל, שנעל זיינען געפלויגען די לויפערס, ווייל וואָס גיכער זיי וועלען דער־גרייכען דעם צוועק אַלץ גיכער וועלען זיי געפינען רו פון דעם האָגעל פון חוזק געמישט מיט שטיינער, און די אָפּטע שמיץ פון די רירערוודיגע שטעקענס פון די צוקוקער, אָדער פון די פיינע לייט וואָס האָבען פאַרשטעלט דעם וועג מיט זייערע קאַרעטען טראָץ דעם געזעץ. און כדי נאָך מער צו פאַרשנעלערען זייער טראָט, איז דער אָפיציר אויפ'ן פערד, מיט אַ סקוואַד זעלנער באַוואָפענט פון קאָפּ ביז די פיס, זיי נאָכגעריטען הינטער די פיס, כסדר סטראַשענדיג זיי איבערצופאָרען. זיי זיינען געלאָפען, געלאָפען, געדעכעט, געסאָ־

פּעט, געשוויצט, שיער אוועקגעפאַלען. ווייל כּדי זיי זאָלען שיער פּלאַצען אין די זייטען האָט אַ קלוגער איינאָרדנער פונ׳ם יום טוב זיי פריער גוט אָנגעשטאָפּט מיט פליישׁ. אָ, שפּאַס! אָ, וואונדערבאַר! און איצט איז אַ יונגערמאַן מיט אַן אָפּגעצערט פּנים און אַ קליינעם פּליך געקומען נאָענט צום פראָנט באַגלייט פון איראָנישע אויסגעשרייען. ווען די גראָטעסקע לויפערס זיינען פאַרביי געלאָפען, האָבען זיך נאָבעלע קאַוואַלירען אַרויסגערוקט ביי די זייטען און שיינע דאַמען אויף די באַלקאָנען — נישט פאַרמאַסקירט ווי אין פראַנקרייך, נאָר שיינענדיג אָפען — האָבען געביטען זייערע ברייטע שמייכלען אויף פיינערע שמייכלען פון מכלומרשטען רחמנות. און דאַן האָט פּלוצלונג דער שטורעם אויסגעבראָכען און קאָמיש דורכגעווייקט די האַלב־נאַקעטע לויפערס. זיי זיינען געלאָפען, געלאָפען, בלינד, אָן אָטעם, סאָפּענדיג, באַשפּריצט מיט בלאָטע, און צובלוטיגט פון דעם וואָס מען האָט געוואָרפען אויף זיי, מיט די פערד׳ס פּאָדקאָוועס האַרט ביי זייערע פּיס. געלאָפען, געלאָפען איבער די טויזענט איילען פון דעם ענדלאָזען וועג, געלאָפען, געלאָפען, נאַס און בלאָטיג און שיער פאַלענדיג. זיי האָבען זיך דערנעענטערט צום ציל. זיי זיינען שוין פאַרביי געלאָפען סאַן מאַרקאָ, דעם אַלטען ציל. דער יונגער איד איז נאָך אַלץ געלאָפען דער ערשטער, נאָר אַ דיקער אַלטער איד איז געלאָפען גאַנץ נאָענט פון אים. די אויפרעגונג פון דער מאַסע איז געוואָרען פאַרטאָפּעלט. טויזענט חוזק־קולות האָבען די צוויי לויפערס צוגעגעבען מוט. זיי זיינען געוועזן אויף דער בריק. מען האָט שוין געקענט זען דעם שלאָס פון סענט אַנדזשעלאָ, וואָס זיינע טורעמס האָבען געטראָגען נעמען פון אַפּאָסטאָלען. דער דאָזיגער אַלטער איד איז געקומען אַלץ נעענטער, גיעריג, אַצינד ווען ער איז שוין יאָ געקומען אַזוי ווייט, צו באַקומען די זעקס און דרייסיג קרוין וואָס דער פּרייז איז ווערט געווען. אָבער דער יונגער האָט פּלוצלונג געמאַכט אַ געוואַלטיגע אָנשטרענגונג. ער איז פאַרביי דעם פּויפּסט׳ס פענסטער, און ער איז געווען דער געווינער. דער הימעל האָט געקלונגען פון געלעכטער ווען די אַנדערע קאַנדידאַטען האָבען זיך צוגעשלעפּט. אַ גרויס געשריי האָט באַגריסט דעם אַלטען איד, ווען ער איז אַנידערגעפאַלען אויפ׳ן וועג, וואו ער איז געבליבען ליגען אויסגעצויגען.

א באַאמטער האָט דערלאַנגט דעם געווינער דעם מאַנטעל, וואָס איז געווען דער פּרייז — א שטיק רויטער וועגעציאַנישער שטאָף. דער יונגער איד האָט עס גענומען, באַטראַכט מיט א מאָדנעם, אומדערגרינדליכען בליק, נאָך דער ריכטער האָט זיך אריינגעמישט.

„דער קאַפּיטאַן פון די זעלנער זאָגט מיר, אז זיי האָבען נישט ריכטיג אָנגעהויבען דאָרט ביים בויגען. זיי מוזען נאָך אמאָל לויפען מאָרגען.״ דאָס איז געווען אָן אַלט מיטעל צו פאַרלענגערען דעם שפּאַס. נאָך דעם געווינער'ס אויגען האָבען א פלאַם־אויף געטאָן.

„ניין, מיר האָבען אָנגעהויבען אזוי ווי קוילען ארויסגעשאָסען פון א הארמאַט.״

„שטיל, שטיל, גיב אים צוריק דעם מאַנטעל״, האָט אים איינגערוימט דער מיטלויפער הינטער אים, און אים וואָרענענדיג א צי געטאָן ביים שטיקעל קלייד. „זיי פּסקנ'ען עס אַלעמאָל צוריק צו דעם ערשטען געווינער״. אָבער דער יונגערמאַן האָט נישט געוואָלט שטיל בלייבען.

„פאַרוואָס־זשע האָט אונז דער קאַפּיטאַן נישט אָפּגעשטעלט?״, האָט ער געפרעגט.

„האַלט דיין צונג צווישען די הינטישע ציין״, האָט דער ריכטער געענטפערט. „יעדענפאַל מוזט איר נאָך אמאָל לויפען, ווייל דאָס געזעץ זאָגט, אז ווינציגסטענס מוזען לויפען אַכט פּאַרשוין.״

„מיר זיינען אַכט״, האָט דער יונגער איד געענטפערט.

דער ריכטער האָט מיט כעס אָנגעקוקט דעם מורד. דערנאָך האָט ער א קלאַפּ טוענדיג יעדען מיט'ן שטעקען, אויסגעציילט:

„איינס—צוויי—דריי—פיר—פינף—זעקס—זיבען!״

„אַכט״, איז דער יונגערמאַן באַשטאַנען, דערזעענדיג צום ערשען מאָל דעם אַלטען אידען אויף דער ערד הינטער זיך, און האָט זיך איינגעבויגען אים אויפצוהויבען.

„דאָס באַשעפעניש! באַסטאַ! ער רעכענט זיך נישט. ער איז שכור.״

„דו געמיינער הונט!״ און זיך פּלוצלונג אויסגלייכענדיג, האָט דער יונגער איד ארויסגעצויגען א קרוציפיקס פון הינטער זיין מאַנטעל. „דו ביזט גערעכט״, האָט ער אויסגעשריען מיט א דונערדיג קול. „עס זיינען דאָ בלויז זיבען אידען, ווייל איך — איך בין נישט

קיין איד. איך בין פרא דזשוזעפע!" און ער האָט געטאָן אַ פיר אַרום דעם קרוציפיקס און באַשאַפען אַ ריינעם פּלאַץ פון מורא אַרום זיך.

דער ריכטער האָט זיך געטאָן אַ צי צוריק איבערראַשט און דער־שטוינט. די זעלנער זיינען געזעסען פאַרשטיינערט פון וואונדער אויף זייערע פערד, די קאָכעדיגע מאַסע איז אַ וויַיל שטיל געוואָרען און אויפמערקזאַם געשוויגען. דער רעגען האָט אויפגעהערט און אַ שטראַל פון וואַסערדיג זונליכט האָט געפינקעלט אויף דעם קרוצי־פיקס.

„אין דעם נאָמען פון קריסטוס'ן פאַרדאַם איך אַט דעם טייוועל'ס חוזק פון גאָט'ס אויסדערוויילט פאָלק", האָט דער דאָמיניקאַנער געדונערט. „ציט אייך אַלע צוריק. וועט קיינער פון אייך נישט ברענגען דעם אָרימען אַלטען מאַן אַביסעל וואַסער?"

„האָט אים גאָט נישט געגעבען גענוג קאַלט וואַסער?" — האָט זיך אַ לץ פון דער מאַסע אָנגערופען. נאָר קיינער האָט זיך נישט גערירט.

„דאַן זאָלט איר אַלע אייביג ברענען" — האָט דער דאָמיניקאַנער געזאָגט. ער האָט זיך נאָכאַמאָל איינגעבויגען און צערטליך אויפגע־הויבען דעם אַלטען אידענ'ס קאָפּ. דאַן איז זיין פנים געוואָרען שטרענגער און בלאַסער. „ער איז טויט", האָט ער געזאָגט. זאָל אים קריסטוס, וועלכען ער האָט נישט אָנגענומען, אויפנעמען אין זיין רחמנות". און ער האָט געלאָזט דעם קערפּער צערטליך צוריקפאַלען און פאַרמאַכט די גלעזערנע אויגען. די מענשען אַרום זיינען געווען אַ וויַיל גערירט. דער טויט האָט צוגעגעבען בכבוד'יגקייט אפילו דעם אַלטען אידען. ער איז געלעגען דאָרט, אין אַפּאָפּלעקסיע, דורך דעם געצוואונגענעם גרויסען מאָלצייט, און די גאָלדפאַרב האָט אויסטער־ליש געפינקעלט אויף זיין פאַרשמירטען מאַנטעל, די נאַקעטע פיס שטייף און קאַלט. פון וויַיטען האָבען זיך דערטראָגען צו זיינע טויבע אויערען די געשרייען פון דער פרייליכער מאַסע, דער טומעל פון'ם ווילדען עולם, די ווייטע מוזיק פון פלייטען און וויאָלען. דעם קאַפּי־טאַן פון די זעלנער איז געוואָרען הייס און קאַלט. עס האָט אים באַזונדערס הנאה געטאָן נאָכצולויפען אויף זיין פערד גלייך אויף די

פים פון דעם דיקען לויפער, אבער ער האט אים נישט געמיינט צו דער'הרג'ענען. א כוואליע פון געוויסענסביסען איז דורכגעלאפען די צוקוקער. נאר דער ריכטער איז געקומען צו זיך.

„כאפט דעם פאלשען פריסטער!" האט ער אויסגעשריען. „ער איז א ווידערשפעניגער. ער איז צוריקגעגאנגען צו זיין פאלק. ער איז געווארען צוריק א איד — מען דארף אים לעבעדיגערהייט די הויט אפשינדען."

„טרעט אפ, אין נאמען פון דער הייליגער קירך!" האט פרא דזשוזעפע אויסגעשריען, זיך אומדרייענדיג מיט אמאל, אנצוקוקען דעם קאפיטאן, וועלכער איז אבער אומבאוועגליך געזעסען אויף זיין פערד. „איך בין נישט קיין איד. איך בין אזא גוטער קריסט ווי זיין הייליגקייט, וועלכער איז אט נארוואס געזעסען הינטער יענעם פענסטער דארט און האט זיך געקוויקט מיט אט די היידנישע ווילדע אויסגעלאסענקייטען."

„פארוואס־זשע ביזטו געלאפען צוזאמען מיט די אידען? דאס איז פאראומרייניגונג. דו האסט פאראומרייניגט דיין הייליג קריסט־ליך קלייד."

„ניין, איך האב נישט געטראגען מיין קלייד. בין איך נישט האלב־נאקעט? איז דאס דאס קלייד וואס איך דארף רעספעקטירען— אט די פארביגע שמאטע, וואס אייערע בירגער האבען געמאכט פאר דעם צילברעט פון שמוץ און בלאטע?"

„דו האסט עס אליין געבראכט אויף זיך," האט זיך דער קאפיטאן מילד אנגערופען. „פארוואס ביזטו געלאפען צוזאמען מיט אט־די פארפעסטעטע מענשען?"

דער דאמיניקאנער האט אנגעבויגען זיין קאפ. „דאס איז מיין שטראף", האט ער געזאגט מיט א ציטערדיג קול. „איך האב גע־זינדיגט געגען מיינע ברידער. איך האב זיי פארשאפט צער און פיין. דערפאר האב איך געוואלט זיין מיט זיי אין דער צייט פון זייער נידעריגסטער באליידיגונג, און כדי צו טיילען מיט זיי זייער מאר־טירעריי האב איך אויסגעבעטען ביי איינעם פון די לויפערס זיין פלאץ. אבער אפקומען שטראף איז נישט מיין איינציגע אורזאך." און ער האט אויפגעהויבען זיינע אויגען און זיי האבען שרעקליך געפלאמט און זיין קול איז ווידער געווארען ווי א דונער וואס האט זיך

געקייקעלט דורך דער מאַסע און ווייט אַראָפּ די בריק. „איר, וואָס איר קענט מיך, געטרייע זין און טעכטער פון דער הייליגער קירך, איר וואָס האָט אַזוי אָפט געהערט מיין קול, איר אין וועמענ'ס הייזער איך האָב געבראַכט די טרייסט פונ'ם וואָרט, פאַראייניגט זיך איצט מיט מיר צו ענדיגען די לאַנגע מאַרטירעריי פון די אידען, אייערע ברידער. דורך ליבשאַפט, און נישט דורך האַס, פירט קריסטוס די וועלט. איך האָב געדעכענט, אַז עס וועט רירען אייערע הערצער צו זעהן מיך, וואָס איך ווייס אַז איר ליבט מיך, באַדעקט מיט בלאָטע, וואָס איר וואָלט קיינמאָל נישט געוואָרפען, ווען איר וואָלט מיך דער־קענט אין אָט די אויסטערלישע קליידער. אַבער זעט, אָט דער אָרימער אַלטער מאַן וואָס ליגט דאָ, רעדט צו אייך מער ווי איך. זיינע טויטע ליפּען באַוועגען אייערע נשמות. גייט אַהיים, גייט אַהיים פון אָט דער היידנישער פרייד, און זיצט אויף דער ערד אין אַ זאַק מיט אַש, און בעט צו גאָט ער זאָל אייך מאַכען פאַר בעסערע קריסטען."

אַן אומרואיגע באַוועגונג איז דורכגעלאָפען דורך דער מאַסע: דער פאַנטאַסטישער פאַרבלאָטיגטער גאָלד־געפאַרבטער מאַנטעל, די באַרוועסע פיס פונ'ם רעדנער, האָבען אים בלויז געמאַכט נאָך מער איינדרוקספול, ער האָט אויסגעזען ווי אַ מאָדנער אוראַלטער נביא, וואָס איז געקומען פון די ווייטע עקען וועלט און צייט.

„שטיל, דו לעסטערער!", האָט דער ריכטער געזאָגט. „דער הייליגער פאָטער האָט גוטגעהייסען דעם ספּאָרט. גאָט אַליין האָט פאַרשאָלטען אָט די פאַרשטונקענע פאַרלייקענער. באַ!" האָט ער אַ שטויס געטאָן פאַרעכטליך דעם טויטען אידען מיט זיין פוס. דעם מאָנאַך'ס ברוסט האָט זיך געהויבען. זיין קאָפּ איז געוועזען הייס פון בלוט.

„נישט גאָט, נאָר דער פּויפּסט האָט זיי פאַרשאָלטען", האָט ער האַסטיג געענטפערט. „פאַרוואָס פאַרטרייבט ער זיי נישט פון זיין קיניגרייך? ניין, ער ווייסט צו גוט ווי נוצליך זיי זיינען פאַר דעם שטאָט. ווען ער האָט זיי אַרויסגעטריבען פון אַלע שטעט אַ חוץ די דריי וואוהין זיי האָבען געמעגט אַנטרינען, און ווען די אידישע סוחרים פון די פּאָרט־שטעט פונ'ם מזרח האָבען באַיקאָטירט אונזער פּאָרט פון אנקאָנאַ, אַזוי אַז מיר האָבען נישט געהאַט גענוג פּראָ־וויאַנט פאַר זיך, האָט נישט דאַמאָלסט זיין הייליגקייט צוריקגערופען

די אידען, אַנערקענענדיג זייער ווערט? און ווען עס איז אזוי, דאַן דאַרפען מיר זיי געבען אונזער ליבע, נישט האַס און טויזענט דערנידערענדיגע געזעצען."

„דו ווענסט פאר דעם ברענגען אויפ'ן פאַרום", האָט דער ריכטער אַרויסגערעדט מיט שוים אויף די ליפּען. „ווער ביזטו וואָס דו שטעלסט זיך אַנטקעגען דעם שליח פון גאָט?"

„ער, גאָט'ס שליח? ניין, גיכער בין איך גאָט'ס שליח. גאָט רעדט דורך מיר."

זיין בלייך, אויסגעצערט פּנים איז געוואָרען שיינענדיג אין באַגייסטערט. פאר דער דערשטוינטער מאַסע האָט ער געלויכטען ווי אַ ריז.

„דאָס איז פאַרראַט און לעסטערונג. ארעסטירט אים." האָט דער ריכטער געשריגען.

דער מאַנאַך האָט אָן מורא אַנגעקוקט די זעלנער. כאָטש בלויז דער קערפּער פונ'ם טויטען אידען האָט אים אַפּגעטיילט פון זייערע שפּרינגענדיגע פערד.

„ניין", האָט ער געזאָגט שטיל און מיט אַ זיסען שמייכעל געמישט מיט דער סודות'דיגקייט פון זיין בליק. „גאָט איז מיט מיר. ער האָט אוועקגעשטעלט אָט די פעסטונג פון טויט צווישען אייך און מיין לעבען." איר וועט נישט קעמפען אונטער דער פאָן פונ'ם אנטי-כריסט."

„טויט דעם רענעגאַט!" האָט געשריגען אַ קול פון דער מאַסע. „ער רופט דעם פּויפּסט אַנטיכריסט."

„יאָ, דער וואָס איז נישט מיט אונז איז געגען אונז. צוליב קריסטוס'ן רעגירט ער רוים? בלויז די אידען אליין פאַרפאַלגט ער? האָט נישט זיין ווילדער באַגער נאָך מאכט געבראַכט דעם שונא צו די טויערען פון רוים? האָבען נישט זיינע קאַמפּאַניעס פון אויס-לענדישע געהילפען חוזק געמאכט פון אונזערע בירגער? איר ווייסט ווי רוים האָט געליטען דורך די מאכינאַציעס פון זיין ממזר'ישען זון מיט זיין באַנדע רוצחים. קריסטוס'ן צוליב האָט ער עס געבראַכט אָט די שרעק אויף אונזערע גאַסען?"

„נידער מיט באָטשיאָ וואַלאַרי!" האָט אַ גראָב קול געשריגען, און אַ טוץ ענטוזיאַסטישע העלזער האָבען מיטגעשריען.

„יאָ, נידער מיט באַטשיאָ וואַלאָרי!“, האָט דער דאָמיניקאַנער געשריגען.

„נידער מיט באַטשיאָ וואַלאָרי!“, האָט די לייכט געפירטע מאַסע איבערגע׳חזר׳ט, לייכט איבערגייענדיג פון איר יום־טוב׳דיגען שפּאַס אין אַן אנדער פאָרם פון ווילדפריייקייט. טייל, וועלכע האָבען ליב געהאַט דעם מאָנאַך זיינען געוועזען אויפריכטיג גערירט פון איָם, אנדערע, אין אַ ווילדער בייזוויליגער שטימונג זיינען געוועזען גרייט צו יעדען סאָרט צושטרייאונג. עטליכע, און דאָס זיינען געוועזען די, וואָס האָבען געשריגען אמהעכסטען, זיינען געוועזען פּוסטע קנאַקערס און קעשענע־שניידער.

„יאָ, אָבער נישט באַטשיאָ וואַלאָרי אַליין!“ האָט פרא דזשוזעפּע געדונערט. „נידער מיט אַלע ממזר׳ישע אויסוואוקסען, וואָס בליען אין דער הויפּט־שטאָט פונ׳ם קריסטענטום. נידער מיט דער ווערימ־דיגקייט וואָס איז די פאַרלייקענונג פון קריסטוס׳ן, נידער מיט דעם פארגעבער! גאָט איז נישט קיין הענדלער, אז ער זאָל זיך דינגען וועגען דער פאַרגעבונג פון זינד. נאָך וויינינגער — אָ, לעסטערונג! — וועגען זינד, וואָס זיינען נישט באַגאַנגען געוואָרען. אונזער יונגפרוי וויל נישט אייערע וואקסענע ליכט. אַ ווייס הארץ, אַ פלאַם פון אַ ריינער נשמה, דאָס וויל אונזער יונגפרוי מוטער. אוועק מיט אייערע קרעלען און אייער פאַרשטעלטער פרומקייט, אייערע פרומע געבעטען און אייער פרום קניען. אוועק מיט אייערע קאַרניוואַלען, אייער געזעגענען זיך מיט פלייש! איר זייט אַלע פאַרפוילט. דאָס איז נישט קיין שטאָט פון גאָט, דאָס איז אַ שטאָט פון געדונגענע הורא־שרייער און זנות׳יגע עקלהאַפטיגקייטען און פרעסערישע מאָלצייטען, און די גלוסטונג פונ׳ם אויג און דער שטאָלץ פונ׳ם פלייש. נידער מיט דעם פויל־בלוטיגען קאַרדינאַל, וואָס רעדט רכילות ביים אַלטאַר, און באָרגט געלט פון די פאַרהאַסטע אידען פאַר זיינע באַהאַלטענע זינד! נידער מיט דעם מאָנאַך, וואָס זיין געבעטבוך איז באָקאַטשיאָ! נידער מיט גאָט׳ס פאַררעטער וואָס האַנדעלט מיט קאַרדינאַלישע היטלען, וועלכער איז בסדר פאַרנומען מיט פּראָפאַנע גריכישע טעקסטען, מיט פיינער גאָלדשמידעריי און פּאָליטישע מאַנעוורען און היימישע אינטריגעס, וועלכער קומט אַן זיך דרייענדיג אויף לינקס

און אויף רעכטס אין רויטען סאמעט אויף זיין שטאָלץ נעאַפּאָליטאַ־ניש פערד, מיט זיינע גאָלקעפּיגע קארדינאַלען און זיינע הונדערט פינקלענדיגע רייטער. ער, דער פאָרשטייער פון דעם צאַרטהארציגען קריסטוס, וועלכער איז געריטען אויף אן אייזעל און האָט געזאָגט: „פארקויף וואס דו האסט און גיב עס דעם אָרימען, און קום גיי מיר נאָך". ניין! און די ליידענשאפט פון רעכטפערטיגקייט האָט אים מיטגריסען און מיטגעריסען זיינע צוהערערס, „כאָטש ער וואוינט אין וואטיקאן, כאָטש הונדערט פּרעכטיגע בישאָפען דערנידעריגען זיך צו קושען זיין פוס, זאָג איך אייך דאָ פונדעסטוועגען, אז ער איז א ליגען, א פאסטקע, אַן אויסגעקאָלכטער קבר, נישט קיין באשיצער פון די ארימע, נישט קיין ליבענדיגער פאָטער פון די פּאָטערלאָזע, נישט קיין גייסטיגער קיניג, נישט קיין דינער פון קריסטוס'ן, נאָר אנטיכריסט אליין."

„נידער מיט אנטיכריסטען!" האָבען געשריגען א פּאָר קאָרסי־קאנער גזלנים.

„נידער מיט דעם אנטיכריסט!" האָט גערעוועט די מאסע, און דער לאנג דערדריקטער האס צו דער הערשענדער מאכט האָט געפונען אַן אויסגאנג אין א גרויסער כוואַליע פון היסטערישער אויפרעגונג.

„קאפּיטאן, טו דיין פליכט!" האָט געשריען דער ריכטער.

„ניין, דער מאָנאך רעדט דעם אמת. טראָגט אוועק דעם אַלטען מאַן, אלעקסאנדרא."

„איז רוים פון זינען אראָפּ? שנעל לויף נאָך די שטאָט־היטער, זשאקאָפּאָ!"

פרא דזשוזעפּע האָט שנעל צוגעבונדען דעם רויטען מאַנטעל צו זיין קרוציפיקס, און, פּאָכענדיג הויך מיט דעם רויטען געוואנט, האָט ער געשריגען „דאָס איז קריסטוס' אמת'ע פאָן! דאָס איז דער סימבאָל פון אונזערע ברידער'ס מאַרטירערטום. זעט, דאָס איז דער קאָליר פון דעם בלוט וואָס קריסטוס האָט פארגאָסען פאר אונז. ווער עס איז פאר יעזוס'ען זאָל גיין מיט מיר!"

„פאר קריסטוס'ן, פאר יעזוס'ן! זאָל לעבען יעזוס!" א שווערער דונער האָט אויסגעבראָכען פון דער באוועגטער מאסע. זייז אייגען פייער האָט נאָך אָנגעכאַפּט פלאמען פון זייערס.

„גייט מיר נאָך! היינטיגען טאָג וועלען מיר זיין עדות פאר קריסטוס'ן, מיר וועלען איינשטעלען זיין קיניגרייך אין רוים."

עס איז געוואָרען א ווילד געלויף. די זעלנער האָבען אָנגע־שפּאָרט זייערע פערד, מענשען זיינען געפאַלען אונטער זיי און זיינען צוטראָמפּען געוואָרען. עס איז געווען א מאָמענט פון משוגעת. דער דאָמיניקאַנער איז געלאָפען, פאָכענדיג דעם רויטען מאַנטעל, זיינע נאָכפאָלגער זיינען ווי אָנשטעקיג געוואָרען אלץ מער ביי יעדער זייטען־גאַס. ער האָט אומגעשטערט דערגרייכט די גרויסע פּיאַצאַ, וואו א נייע סטאַטוע פון'ם פּויפּסט האָט געשיינט ווייס און מאַיעסטעטיש.

„נידער מיט אנטיכריסט!" האָט געשריגען א קעשענע־שניידער.

„נידער מיט אנטיכריסט!" האָט אָפּגעענטפערט די מאַסע.

דער מאָנאַך האָט א פּאָך געטאָן זיין האַנט און עס איז שטיל געוואָרען. ער האָט געזען דעם געלען שיין פון א אידען'ס קאָפּ אין דער מאַסע, און האָט אים צוגערופען צו צוואַרפען אים זיין געל היטעל. מען האָט עס איבערגעוואָרפען פון האַנט צו האַנט. פראַ דזשוזעפּע האָט עס געהאַלטען הויך אין דער לופט. „מענער פון רוים, זין פון דער הייליגער קירך, זעט דעם באַליידיגונגס צייכען וואָס מיר לייגען אַרויף אויף אונזערע מיט־מענשען, אַזוי אַז יעדער גראָבער יונג זאָל קאָנען שפּייען אויף זיי. זעט דאָס געלע — די פאַרב פון שאַנד, דער שאַנדפלעק פון פרויען וואָס האַנדלען מיט זייער פרויענשאַפט — מיט דעם בראַנדצייכענען מיר די בכבוד'יגע שטערענס פון רבנים און די קעפּ פון ערווירדיגע סוחרים. זעט, איך טו דאָס אָן אויף דעם קאָפּ פון דעם אַנטיכריסט, א סימבאָל פון אונזער האַס צו אַלץ וואָס איז נישט ליבע." און אויפהויבענדיג זיך אויף דעם קאַפּיטאַן'ס פערדשטייגער, האָט ער באַקרוינט די סטאַטועַ מיט דעם געלען היטעל.

א גרויסער ליאַרם פון חוזק האָט דורכגענומען די לופט. עס איז געווען א פאַרשידענ'ערלייאיג גערויש פון באַנומענע קולות.

„נידער מיט אנטיכריסט! נידער מיט דעם פּויפּסט! נידער מיט באַטשיאָ וואַלאָרי! נידער מיט דער פּרינצעסין טערעזאַ!"

אין איין רגע איז אַלץ געווען א ווילד צומישעניש. אַן אָפּטייַ־לונג שטאָט־גוואַרדיע — מיט פּיקעס, ביקסען און רייטערס מיט

צוויי־העגטיגע שווערדען האָבען זיך אריינגעריסען אין דער פּיאַצאַ פון איין גאס, דעם פּויפּסט'ס טרופּען פון אַן אנדערער. זיי זיינען אָנגעפאלען אויף דער מאסע. די זעלנער פון דעם רעוואָלטירענדען קאפּיטאן, רעוואָלטירענדיג צום צווייטען מאָל, האָבען זיך אויסגע־דרייט אויף צוריק און צוריקגעטריבען זייערע נאָכפאָלגער. עס האָט זיך דערהערט א טומעל פון קרעכצען, קוויטשען, געשרייען, ביקסען האָבען אויסגעשאָסען, שטילעטען האָבען געפינקעלט, שווערדען און שפּיזען האָבען אפּגעקלונגען אָן פּאנצערס, פונקען זיינען געפלויגען, רויך האָט זיך געקרייזעלט, און די מאסע האָט זיך צובראָכען און צולאָפען זיך איבער די גאסען, איבערלאָזענדיג די נאסע, רויטע ערד פארשפּרייט מיט קערפּערס.

און לאנג איידער די אויפגעוועקטע ליידענשאפטען פון דעם ערב־רב האָבען זיך איינגעשטילט דורך רויב און געוואלדטאַט אין די פּארוואָרפענע גאסען, איז פון דער פינסטערסטער תפיסה פון דעם נאָנאַ־טורעם, אויף אַ שטיק פארפוילטען מאַטראַץ, איינגעקאָרטשעט אין זיין נאסען, גאָלד־באַפּארבטען מאַנטעל, און בלוטענדיג פון א צאָל וואונדען, געלעגען יוסף דער טרוימער, אויסגעצויגען אין אונ־מאַכט, צו אויסגעשעפּט פון דעם ווילדען קאמף מיט זיינע פּייניגער צו טראַכטען וועגען דעם בראנד טויט וואָס האָט אויף אים געווארט.

## IX.

ער האָט נישט באַדארפט לאנג ווארטען. צו געבען דער מאסע א קרבן פון עפענטליכער טויט־שטראָף איז געוועזן א קרוין פאר דעם קארניוואל. פאר'משפּט'ע פארברעכער האָט מען אָפט געהאלטען ביז פאַסט־נאכט, און ווען מען האָט דאמאָלסט בלויז געשמיסען גאסען־פרויען, וועלכע מען האָט געכאפּט מאסקירט, איז די מאסע געוועזן שטארק אנטוישט. ווען מען האָט געשמיסען א אידען וואס מען האָט געכאפּט אָן דער געלער לאַטע איז געוועזן די צווייט בעסטע זאך צו דער הינריכטונג פון א קריסט, ווייל דער שמייסער פלעגט קריגען געפּעלט באַצאָלט (אויף די קאָסטען פון דעם באַשטראָפטען), און ער פלעגט זיך טאָפּעלט באַמיען. נאָר די הינריכטונג פון א אידען איז געווען די בעסטע פון אלע. און אז פּרא דזשוזעפּע איז געווען א איד

האָט נישט געקאָנט זיין קיין שום צווייפעל די איינציגע פראגע איז געווען צי ער איז געווען אן אָפּטריניגער צי א שפּיאָן. אין יעדען פאַל איז אים געקומען טויט. און דערצו האָט ער נאָך חוזק געמאכט פונ׳ם פויפסט — וואָס דאָס אַליין איז אן אומפּארצייליכע זינד. דער נישט־באַליבטער פּויפּסט איז געווען קלוג גענוג נישט צו באַשטראָפען די אנדערע — דער איד אליין האָט באדארפט שטאַרבען.

די באַפעלקערונג האָט פרי אויפגעוואכט. אין דער פאָלקס־פּיאַצא — דער צענטער פונ׳ם קאַרניוואַל, וואו די פארברענונג איז געווען צוגעגרייט, האָט א גרויסע מאסע געקעמפט פאר גוטע פּלעצער צו זעהן — א פריילעכע — גוטמוטיגע געשטופעריי. דער גרויסער פאָנטאַן זיינע זילבער־שפריצען ארויף צום בלאָען הימעל. ווען דער טויטען וואָגען האָט זיך ארייננעצויגען אין דער פּיאַצא, האָבען פרעכע לידער פון דער גראָבער מאסע געגריסט דעם פארברעכער׳ס אויערען, און זיינע ווילדע פארצווייפעלטע אויגען האָבען געלויכטען אויף א סך פריילעכע פּנים׳ער, וואָס האָבען ערשט מיט עטליכע שעה צוריק נאָכגעפאָלגט עדות צו זאָגען אויף זיין רעכטפערטיגקייט. און, אויס־געמישט מיט זייערע, זיינען געווען די פּנים׳ער פון זיינע ברידער אידען, פינסטער, מיט א בייזוויליגער פרייד. קיין ברודער מאַנאָך האָט אים נישט געטרייסט אדער געהאַלטען א צלם פאר זיינע אויגען — איז ער דען נישט געווען א פארפעסטעטער אפּטריניגער, אן אויסגעשטויסענער פון ביידע וועלטען? דער הויפט פון די קאפּאַריאָני איז דאָרט געווען. טרופען האָבען ארומגערינגעלט דאָס בראַנד־געשטעל, אז טאָמער קען נאָך דער משוגענער האָבען נאָכפאָלגערס, וואָס וועלן אים וועלן ראַטעווען. אָבער די אַלע באַוואָרענישען זיינען געווען איבעריג. קיין איינציג פּנים, האָט נישט ארויסגעוויזען קיין מיטגעפיל. די וואָס זיינען געהאַט געווען פאר׳כשופ׳ט פון אים און זיינען נאָכגעגאַנגען זיין קרוציפיקס מיט דעם רויטען מאַנטעל האָבען איצט איבערטריבען זייער שפּאַסיגקייט, טאָמער קען מען זיי נאָך דערקענען. די אידען, ווידער, האָבען זיך געפרייט מיט דער נקמה וואָס איז געקומען פון הימעל אויף דעם משומד.

דער דאָמיניקאנער איד איז צוגעבונדען געוואָרען צום בראַנד־קלאָץ. מען האָט אים אָנגעטאָן אין א גאַבערדין און ארויפגעלייגט

דאָס געלע היטעל אויף זיין אָפּגעגאָלטען שפּיץ קאָפּ. אונטען איז זיין פּנים געווען רואיג, אבער זייער טרויעריג. ער האָט אָנגעהויבען צו ריידען.

„פארשטופּט אים דאָס מויל!", האָט דער מאגיסטראט געשריגען. „ער גייט לעסטערן."

„אָ, איך בעט אייך, טוט דאָס נישט", האָט א פּלאפּלער פון דער מאסע זיך געבעטען. „מיר וועלען נישט הערען דעם אויסוואורפ'ס געשרייען."

„ניין, שרעק דיך נישט. איך וועל נישט לעסטערן", האָט יוסף געזאגט, שמייכלענדיג טרויעריג. „איך בין בלויז מתודה מיינע זינד און מיין פארדינטע שטראָף. איך האָב געוואָלט גיין אין די טריט פון דעם הייליגען לערער — צו געווינען דורך ליבע, זיך נישט אנטקעגענשטעלען שלעכטס. און זעט, איך האָב גענוצט קראפט געגען מיינע אלטע ברידער, די אידען, און קראפט געגען מיינע נייע ברידער, די קריסטען. איך האָב גערעטען דעם פּויפּסט געגען די אידען, איך האָב גערעטען די קריסטען געגען דעם פּויפּסט. איך האָב ארויסגערופען בלוטפארגיסונג און געוואלדטאט. עס וואָלט געווען בעסער ווען איך וואָלט קיינמאָל נישט געבוירען געוואָרען. זאָל מיך קריסטוס אויפנעמען אין זיין אומענדליכען רחמנות. זאָל ער מיר פארגעבען, ווי איך פארגיב אייך!" ער האָט פארהאקט זיינע ציין און מער נישט גערעדט, א בילד פון אומענדליכער פארצווייפלונג.

די פלאמען האָבען זיך געשלענגעלט ארויף. זיי האָבען זיך אנגעהויבען שלענגלען ארום זיינע גלידער, אבער זיי האָבען קיין קלאנג פון אים נישט ארויסגעצויגען צו שטערען דאָס קנאקען פונ'ם פייער, אָבער עס האָט זיך געהערט א געוויין אין דער מאסע און פּלוצלונג איז פון דעם אומבאמערקט־פארוואלקענטען הימעל געקומען א לייכט פון א בליץ און א קראך פון א דונער און גלייך דערנאָך א מורא'דיגער גאָס רעגען. די פלאמען זיינען פארלאָשען געוואָרען. דער פּרילינגדיגער רעגען־שטורעם איז געווען אזוי קורץ ווי מורא'דיג, אָבער דאָס האָלץ אויף דעם שייטערהויפען האָט מער נישט געוואלט ברענען.

אָבער די מאסע האָט מען אויף אזא אופן נישט געקענט אָפּנארען. לויט דער פאראָדנונג פונ'ם מאגיסטראט האָט דער תליון ארייגגעשטאָכען א שווערד אין דעם פארברעכער'ס געדערים, דער־

נאָך האָט ער אָפּגעבונדען דעם קערפּער פון דעם קלאָץ און איהם געלאָזט פאַלען צו דער ערד מיט אַ זעץ. ער האָט זיך איבערגעקערט אויפ'ן רוקען, און געלעגען שטיל אַ ווייל, דאָס ווייסע, אָפּגעצערטע פּנים האָט געגלאָצט צום הימעל. דערנאָך האָט דער תלין געכאַפּט אַ האַק און צופערטעלט דעם קערפּער. אַ טייל פון דער מאַסע איז נישט גוט געוואָרען און זיי האָבען זיך אָפּגעקערט, נאָר די מערסטע זיינען געבליבען און הנאה געהאַט.

דערנאָך איז אַ פראַנציסקאַנער אַרויסגעשפּרונגען אויף דעם וואָגען און ווענען דעם בלוטיגען קאַפּיטעל וואָס אַלע האָבען מיט די אייגענע אויגען צוגעזען, האָט ער ליידענשאַפטליך געדרשנ'ט ווענען קריסטוס'ן און דער עולם האָט זיך צוגאָסען אין טרערען.

X.

ביי מנשה'ן, יוסף'ס פאָטער, אין הויז איז געווען אַ גרויסע שמחה. מען האָט געדונגען כלי זמרים צו פייערען, לויט דעם מנהג, דעם טויט פון דעם משומד, און אַלץ וואָס דער דין האָט ערלויבט פון לוקסוס איז געווען ביי דער האַנט. און מען האָט געטאַנצט, מאַן מיט מאַן, און פרוי מיט פרוי. מנשה האָט אַן ערנסטער דערלאַנגט פרוכטען און וויין זיינע געסט, נאָר די אַלטע מאַמע האָט געטאַנצט ווי פון זין געווירט, מיט אַ געמאַכטען שמייכעל אויף איר געקנייטשט פּנים און איר גאַנצער קערפּער האָט יעדע ווייל געציטערט פון איר קלינגענדיגען שוידערליכען געלעכטער.

מרים איז אַוועק פונ'ם הויז צו אַנטלויפען פון דעם געלעכטער. זי האָט געוואַנדערט אין דרויסען פונ'ם געטאָ און געפונען דאָס אָרט פון דער אומגעהייליגטער ערד וואו דאָס צודריקטע איבערבלייבעכץ פון יוסף דעם טרוימער איז אויף גיך צונויפגעשאַרט געוואָרען מיט אַ לאָפּעטע. דער באַרג שטיינער, וואָס פרומע אידישע הענט האָבען צוגעוואָרפען, צו סימבאָליזירען אַז לויט דעם דין פון דער תורה דאַרף אַ משומד פאַרשטיינט ווערען, האָט אָנגעוויזען וואו זיין קבר איז. טיפע זיפצען האָבען אָנגעשוואָלען מרים'ס האַלז. אירע אויגען זיינען געווען בלינד פון טרערען, וואָס האָבען באַהאַלטען די שיינ־קייט פון דער וועלט. באַלד האָט זי דערפילט נאָך אַן איינגעבויגענע

געשטאַלט נעבען זיך — אַ מאַיעסטעטישע פרויען־געשטאַלט — און כמעט נישט קוקענדיג האָט זי געוואוסט, אז דאָס איז העלענא דע פראַנקי.

„איך האָב אים אויך געליבט, סיניאָרא דע פראַנקי", האָט זי איינפאַך ארויסגערעדט.

„ביזטו מרים? ער האָט גערעדט פון דיר". העלענא׳ס זילבערן קול איז געווען שטיל און ציטערדיג.

„יאָ, סיניאָרא."

העלענא׳ס טרערען זיינען געפלאָסען אָן אן אפהאלט. „ווייי! ווייי! דער טרוימער! ער האָט באדארפט זיין גליקליך — גליקליך מיט מיר, גליקליך אין דער פולקייט פון מענשליכער ליבע, אינ׳ם ליכט פון דער זון, אין דער שיינקייט פון דער שיינער וועלט, אין דער פרייד פון קונסט, אין דער זיסקייט פון מוזיק."

„ניין, סיניאָרא, ער איז געווען אַ איד. ער האָט באַדארפט זיין גליקליך מיט מיר, אין דעם ליכט פון דער תורה, אין דעם רואיגען היימישען לעבען פון תורה און תפילה, פון צדקה און רחמנות, און אַלע גוטע מידות. איך וואָלט פאר אים אָנגעצונדען די שבת־ליכט און וואָלט געזעצט אונזערע קינדער אויף זיין שויס, ער זאָל זיי בענטשען. ווייי! ווייי! דער טרוימער!"

„קיין איינער פון די צוויי גורלות האָט נישט געקאָנט זיין זיין, מרים. גיב מיר אַ קוש. לאָמיר זיך טרייסטען איינע די אנדערע."

זייערע ליפען האָבען זיך באגעגענט און זייערע טרערען האָבען זיך אויסגעמישט.

„פון איצט אָן, מרים, זיינען מיר שוועסטער."

„שוועסטער", האָט מרים געקלאָגט.

זיי האָבען זיך געהאַלטען איינע אָן די אנדערע — די איידעלע היידנישע נשמה און דאָס ווארימע אידישע הארץ צוזאמען איבער דעם קריסט׳ס קבר.

פלוצלונג האָבען גלאָקען אָנגעהויבען קלינגען אין שטאָט. מרים האָט זיך אויפגעכאפט.

„איך מוז גיין", האָט זי גיך געזאגט.

„דאָס איז בלויז „אווע מאריא", האָט העלענא געזאגט. „דו דארפסט נישט זינגען דאָס אווענט־געבעט אין קירך."

מרים האָט אנגערירט איר גלעזל לאטע אויף איר קאָפּ. „ניין, אָבער די טויערען וועלען זיך באלד פארמאכען, שוועסטער."

„ליידער, איך האָב פארגעסען. איך האָב געמיינט, אז מיר וועלען פון איצט אָן קענען זיין שטענדיג צוזאמען. איך וועל דיך באגלייטען אזוי ווייט ווי איך מעג, שוועסטער."

זיי זיינען גיך אוועק פון דעם איינזאמען, אומהייליגען קבר, האַלטענדיג איינע דער אנדערער'ס האַנט.

די שאָטענס זיינען צוגעפאלען. עס איז געווען כמעט פינסטער ווען זיי האָבען דערגרייכט דאָס געטאָ.

מרים האָט זיך קוים געהאט אריינגעכאפּט ווען די טויערן האָבען זיך פארמאכט מיט א גרילצענדיגען קלאנג, צושיידענדיג זיי אויף דער לאַנגער נאכט.

# אוריאל אַקאָסטאַ

## ערשטער טייל

# גבריאל דאַ קאָסטאַ

### I.

גבריאל דאַ קאָסטאַ האָט לייכט אַ שטויס געטאָן זיין פערד מיט דער שפּאָר, און אַראָפּרייטענדיג די לאַנגע אַלייע פון קאָרק ביימער, האָט ער זיך באַמיט צו פאַרגעסען די מאַטערניש פון גייסטיגע פּראָבלעמען אין דער אויפגערעגטקייט פון פיזישער באַוועגונג, צו לאָזען הינטער זיך די טעאָלאָגיע מיט די קלויסטערס און קירכען פון פּאָרטאָ. ער איז געריטען מיט חן און פייער, דער שיינער יונגערמאַן מיט די פלאַמענדיגע אויגען, מיט די טונקעלע האָר אַראָפּפאַלענדיג אויף זיין זיידענעם דובלעט, וועלכען אַ דיכטער וואָלט זיך פאַרגע־שטעלט אלס אַ בילד פון דעם ליידענשאַפטליכען פרילינג אין דרום, אָבער פאַר זיין אייגענער נשמה איז דער וואַרימער בלאָער הימעל פון פּאָרטוגאַל, די ווייסקייט פון די מאַנדעל־בליטען, דאָס ראָזע פון די מאָרעלען־צווייגעלאַך, די צאַרטע ריחות פון די שפּראָצונגען און דאָס פריילִיכע גערודער פון די פייגעל בלויז געווען אַן אומקלאָרער הינטערגרונט צו אַ ווירבעל פון געדאַנקען.

ניין, עס איז געווען אוממעגליך צו גלויבען, אז דורך דעם וואָס ער וועט מודה זיין זיינע זינד לויט די פאָרשריפטען פון דער קירך וועט ער קענען באַקומען אַ פולשטענדיגע פאַרגעבונג. אויב מען קען באַקומען פאַרגעבונג נאָר דורך ספּעציעלע רעגלען, נו, דאַן קען מען זיך איינגאַנצען מיאש זיין פון פאַרגעבונג. און אפשר איז אים אין דער אמת'ן באַשערט אייביגע פאַרדאַמונג, שוין צוליב זיין צווייפעל אליין, און נישט קוקענדיג אויף אלע זיינע פּינקטליכע גאָטעס־דינסטען. אַ, ווען עס זאָל קומען אַ באַפרייער—אַ באַפרייער פון די אלע פראַגען וואָס האָבען געמאַכט די הערליכע טונקעלקייט פון קאַטעדראַלען אַ

פינסטערניש פאַר דעם געפאַנגענעם גייסט! די פאַרשאָלטענע יעזואיטען, וואָס זיינען געווען אַזוי אייפריג מיט דער אייפריגקייט פון אַ נייעם אָרדען! זיין בלוט האָט געפלאַמט ווען ער האָט גע־טראַכט פון זייערע מאַנעווורעס, און אויסשטרעקענדיג זיין האַנט צו זיין לעדערנעם רעוואָלווער־בייטעל, וואו עס האָבען געהאַנגען אַ פּאָר אין זילבער־געפּאַסטע פּיסטוילען געצייכענט מיט זיינע איניציאַלען, האָט ער ארויסגעצויגען איינעם און געצילט פלינק אויף אַ פייגעלע אויף אַ צווייגעל, זיך קוויקענדיג מיט דער נאַרישער פאַנטאַזיע, אַז דאָס איז געווען איגנאַציוס לאָיאָלאַ. אָבער כאָטש אַ זיכערער שיסער, האָט ער דאָך נישט געהאַט דאָס האַרץ ווי צו טאָן אַ לעבעדיגער זאַך, און בייטענדיג מיט דער פלינקייט פון אַ בליץ האָט ער אָנשטאָט דעם בלויז געשאָסען דאָס צווייגעל, און אָפּגעשאָסען עס.

צו וואָס האָט אים זיין טויטער פאָטער געמאַכט שטודירען קירכען־געזעץ? אמת, פאַר אַ רייכען יונגענמאַן פון דעם אויבער־שטען מיטעל־קלאַס איז עס געווען דער איינציגער וועג צו אויסצייכענונג, צו געזעלשאַפטליכער גלייכקייט מיט דעם אַדעל — און וועמעס שולד איז עס אַ חוץ זיין אייגענער, וואָס ער האָט אפילו נאָך דעם ערשטען אויפברויז פון סקעפּטיציזם דאָך אָנגענומען אַ האַלב־פּריסטערליכען אמט אַלס הויפּט־קאַסירער פון אַ קלעריקאַלער הויך־שול? אָבער, ווי אַזוי האָט ער געקענט פאַרזען, אַז די יוגענטליכע אומרואיגקייטען וועלען נאָך פאַרשאַרפט אָנשטאָט פאַרלייכטערט ווערען דורך טיפע שטודיען, דורך מער לײדענשאַפטליכער אויפּאָפּ־פערונג? מאָדנע! אַליץ אַרום אים, אין דער הויך־שול אָדער קאַטעד־ראַל, איז געווען גלויבען און פרידען. בלויז אין זיין גייסט איז אַ געהיימע אומרואיגקייט און אַן אונטערדריקטע אויפרעגונג וואָס די גאַנצע הימעל־שטייגענדיגע מוזיק פון די אינגלאַך מיט פרישע שטימען האָט נישט געקענט מילדערען אָדער באַרואיגען.

ער האָט געפילט ווי זיין פערד הויבט אָן גיין לאַנגזאַמער אונ־טער אים, און ער האָט בייז גענוצט זיינע שפּאָרען, אָן ווירקונג, איידער עס איז אים קלאָר געוואָרען, אַז ער איז געקומען צום משופּע׳דיגען, ליימיגען ברעג פון אַן אָפּגרונד דורך וועלכען אַ קליין שטראָמעלע האָט געטריפט, און אַז זיין פערד׳ס זייטען זיינען

געוועזן באַפּלעקט מיט בלוט. זיינע אויגען זיינען מיט אמאָל פייכט געוואָרען.

„פּאַברע!" האָט ער אויסגעשריען, אראָפּשפּרינגענדיג פון זיין זאָטעל און צערטלענדיג זיין פערד'ס נאָזדרעס. „איך האָב זיך אַלע־מאָל געשראָקען פון זיין פאַרשעמט פאַר מענשען, אָבער עס איז נאָך ערגער צו זיין פאַרשעמט פאַר זיך אַליין".

און פירענדיג זיין פערד פאַר דער צוים, האָט זיך דער יונגער קאַוואַליר אומגעקערט צו פּאַרטאַ דורך געדרייטע גראָזיגע שטעגע־לאַך, געפּורפּורטע מיט אַנעמאָנעס, און געזייטיגטע מיט גראָע אייל־בירט־בוימער, מיט דאָ און דאָרט דעם לעבעדיגען גלאַנץ פון פּאָמע־ראַנצען צווישען די טיף־גרינע בלעטער, וואָס האָבען צוריסען דעם הימעל אויף טויזענט בלויע לאַטעס.

## II.

ער האָט צוריק באַשטיגען דאָס פערד ווען ער האָט זיך דער־נעהנטערט צום מאַרק, וואו די שטאָט האָט אָנגעהויבען ארויפצו־קריכען. אָבער ער האָט געפונען זיין וועג פאַרשטעלט, ווייל עס איז געוועזן מאַרק־טאָג, און דער סקווער, וואָס איז געוועזן ארומגעגרע־נעצט מיט אַ קאָלאָנאַדע וואָס האָט געמאַכט אַן אָריענטאַלישען באַ־זאַר, איז געוועזן געדיכט באַפּלאַנצט מיט שטענדערס, וואָס זייערע ווייסע קאַנוועס־דעכלאַך האָבען צוגעגעבען אַ נחת'דיגע קיהלקייט קע־גען דעם הייסען בלויען הימעל און די פלאַמענדיגע קאָסטיומען פון די פּויערים, וואָס זיינען ארויפגעקומען פון דער אומגעגענט. דורך אַ ווינקעל פון דער פּראַסאַ האָט מען געזען טאָפּאָלען און אולמען און דעם פרישען גלאַנץ פונ'ם טייך. דער נאָז־גערודער פון אַ סך קולות האָט געקלונגען פרייליך און געשעפטיג. ביים איינ־גאַנג צום באַזאַר, וואו אַלטע פרויען האָבען פאַרקויפט בלומען, האָט גבריאל אָפּגעשטעלט זיין פערד.

„ווי גליקליך די פּראָסטע נשמות זיינען!" האָט ער געטראַכט. ווי זיכער אַז אַלץ וועט זיי פאַרגעבען ווערען! ציילען זייערע קרעלען און מורמלען זייער געבעט, דאָס אַלץ וואָס זיי דאַרפען. יענער פישער דאָרט, מיט זיינע גרויסע גאָלדענע אוירינגען, וואָס וואַרפט זיין נעץ און האַלט ארום זיין כוואַניטאַ און הוליעט מיט

זיינע חברים, האָט מער פאר וואָס צו דאַנקען די הייליגע פאַטערס איידער איך אומגליקלאכער, וואָס, כאָטש געבענשט מיט רייכקייט, בין איך פארשאָלטען מיט איינזאַמקייט, און כאָטש איך ליב מיינע מיטמענשען, ווייס איך אָבער, אַז זיי זיינען שאָף. גאָט׳ס שאָף, פונדעסטוועגען נאַריש און טויב צום רוף פון זייער אמת׳ן פאַסטוך, און פאַרפירט דורך פריסטערלאַכע וועלף".

אַ קאַליקע האָט אים געשטערט זיינע געדאַנקען דורך אַ וויינ־ענדיג געבעט. גבריאל האָט אויפגעציטערט פון רחמנות ווען ער האָט דערזען זיינע מכות, און דערלאַנגענדיג אים אַ זילבערנע מטבעה, האָט ער זיך אויפסניי פארטיפט אין זיינע געדאַנקען וועגען די סודות פון ליידען.

„דיינע קרייטעכצער האָסטו שוין אויך אויספּאַרקויפט!" האָט לוסטיג אַרויסגעברומט אַ באַקאַנטע שטים, און, אויסדרייענדיג זיין קאָפּ, האָט גבריאל דערזען, אַז דער דיקער אַלטער איידעלמאַן וואָס האָט גערעדט זיצענדיג אויף זיין אייזעל צו אַן איינגעשרומפּענער מאַרקפרוי, איז געווען דאָם דיעגאָ דע באַלטאַזאַר, וועלכער איז נישט לאַנג צוריק געווען פּראָפעסאָר פון לאָגיק אין אוניווערזיטעט פון קאָימבראַ, און וועלכער האָט זיך ערשט באַזעצט אַלס דאָקטאָר אין פּאָרטאָ.

„יאָ, געוויס, נאָך פּאַרמיטאָג!" האָט די אויסגעטרוקענטע אַלטע פרוי אַרויסגעמורמעלט. גאַנץ פּאָרטאָ איז היינט ווייזט אויס הונ־געריג נאָך ביטערע קרייטעכצער. אָבער אַזוי טרעפט עס טייל מאָל אַרום פסח, כאָטש איך אַליין האָב נישט ליב אַזעלכע סאַלאַטען".

„נאַטירליך, זיי זיינען גוט פאַר׳ן בלוט", האָט דאָם דיעגאָ געלאַכט, ווען זיין אויג האָט דערזען גבריאל׳ן. „און דו האָסט נישט קיין שום קרייטעכצער מער, אַלטיטשקע."

מען האָט געקענט זען אַ לייכטען שמייכעל אין דעם פּראָפּע־סאָר׳ס אויגען, און דער יונגער רייטער האָט געשמייכעלט אין אַ גוטמוטיגען ענטפער צום דאָקטאָר׳ס אָפּשעצונג פון דעם שפּאַס.

„אויב אַזוי האָבען די עסערס שכל", האָט ער געזאָגט.

„יאָ, די איינציגע שכל׳דיגע מענשען אין פּאָרטוגאַל", האָט דאָם דיעגאָ געענטפערט, בייטענדיג זיין שפּראַך אויף לאַטיין, נאָך אַלץ שמייכלענדיג. „און דאָס איינציגע גוטע בלוט. דאַ קאַסטאַ",

האָט ער צונעגעבען שוין מיט אַ באַשטימטען שמייכעל אין די אויגען. נאָר דאָס מאָל האָט גבריאל נישט איינגעזען דעם שפּיץ.

„דאָס איינציגע גוטע בלוט?" — האָט ער איבערגע'חזר'ט.

„האלטסטו דען מיט די טראַפּיסטען, אַז פליישׁ עסען איז אַ זינד?"

אַ מאָדנער דערשטוינטער בליק איז אַריבער דעם דאָקטאָר'ס פּנים, אַראָפּגעצויגען די געזונטע רויטע פאַרב, און כאָטש זיין שמייכעל האָט זיך צוריקגעקערט אין אַ רגע, האָט ער שוין אָבער אויסגעזען אַזוי ווי געצוואונגען.

„ביז אַ געוויסען גראַד", האָט ער געענטפערט. „צופיל פליישׁ רופט אַרויס בייז בלוט. דערפאַר האָט די הייליגע קירך באַשטימט די פאַסט־וואָכען. די קירך איז נישט קיין פריינד צו אונז דאָקטוירים. „אדעאָס!" און ער איז אַוועקגעריטען אויף זיין אייזעל, צופאָכענדיג דעם יונגען רייטער אַ לאַכענדיגען זיי־געזונט.

נאָר גבריאל, אַרומגייענדיג דעם מאַרק, האָט אַרויפגעריטען איבער די משופע'דיגע גאַסען פאַר'דאגה'ט מיט אַן אומבאַשטימט געפיל פון סודות'דיגקייט, און שפּעטער האָט ער איבערגע'חזר'ט זיין קורצען שמועס צו אַ מאַנאַך אין דער הויכשול.

## III.

אַ וואָך שפּעטער האָט ער געהערט אין שטאָט, אַז דאָס דיעגאָ דע באַלטאַזאַר איז אַרעסטירט געוואָרען פון דער אינקוויזיציע פאַר אידישקייט. די נייעס האָט אים געבראַכט אַ מער קאָמפּליצירטע איבעראַשונג איידער די עקעלדיגע שרעק איבער דעם בסדר'דיגען פאַרראַט פון אַ פאַרפּאַפּסטעטער גאָטס־פּאַרלייקענונג וואָס דאָס האָט אַרויסגערופען אין די הערצער פון זיינע מיטבירגער. ער האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז עס זיינען געווען פיר־און־דרייסיג שפּורען דורך וועלכע די שפּירהינט פונ'ם הייליגען אַמט האָבען אויסגעשמעקט אַ באַהאַלטענעם איד, און אַז איינע פון די שפּורען איז געווען: „אויב ער פייערט דעם פּסח דורך עסען ביטערע קרייטעכצער און בלעטער". נאָך דער שוידער וואָס דער געדאַנק פון אַ אידען האָט אים אַמאָל פאַראורזאַכט איז, צו זיין אייגענער איבערראַשונג, איצט פאַרביטען געוועז אויף אַ באַהאַלטענעם רחמנות. אין זיין פאַמעליךגעצייטיגטען, זעלבסט־אַנטוויקעלטען סקעפּטיציזם, האָט ער פאַרגע־

סען, אז א גאַנצע ראַסע איז געבליבען פּראָטעסטאַנטיש פון אַנ־הויב אָן, צוריקוויזענדיג אין יעדען פּרייז דעם ווינקעלשטיין פון דעם קריסטליכען אורשפּרינגליכען פּלאַן. און די ראַסע — האָט ער זיך פּלוצלונג דערמאָנט מיט א לויף אינ'ם האַרץ און א מאָדנע ציטער אינ'ם בלוט — איז אַמאָל געווען זיין אייגענע! דאָס וויסען וואָס איז געלעגען אינ'ם הינטערגרונט פון זיין באַוואוסטזיין, ווי דער פאַר־טריבענער זכרון פון אן אוראַלטער חרפּה, איז ארויסגעשפּרונגען, שטאַרק און פּאָזיטיוו. די ווייטע שאָטענדיגע געשטאַלטען פון יענע נידעריג־געבוירענע אורעלטערען זיינע, וואָס פלעגען גאָט בעטען אין די אוראַלטע שולען אין די צייטען פאַר דעם גרויסען גירוש, האָבען אָפּגעטרייסעלט די נעפּלען פון הונדערט יאָר און האָבען זיך ארויס־געוויזען פעסט, העלדיש, סימפּאַטיש.

און דערנאָך, ווען ער האָט זיך דערמאָנט ווי עס איז נישט געווען צו קריגען אויפ'ן מאַרק קיין ביטערע קרייטעכצער אין יענעם טאָג, וואָס ער האָט איצט פאַרשטאַנען אז עס איז געווען ערב פּסח, איז אים פּלוצלונג באַפאַלען א געפיל פון א גרויסער געהיימער ברוך־דערשאַפט פון דער שול, וואָס האָט זיך פאַרצווייגט הינטער דעם גאַנצען אויסערליכען לעבען פון קירך און שטאַט, פון א געזעלשאַפט, וואָס איז געווען אומעטום דורכגעלעסטערט מיט אידישקייט, וואָס האָט זיך פאַר'עקשנ'ט און אייביג צוזאַמענגעהאַלטען נישט קוקענדיג אויף פאַרפאָלגונגען און פאַרטרייבונגען, נישט אין פאַרבלאַנדזשעטע איינצעלפאַלען, ווי די וועלכע די אינקוויזיציע האָט אויסגעראָט, נאָר אין קהילות וואָס עס איז אוממעגליך אָפּצומעקען. איצט האָט ער זיך ארומגעזען, אז דערפאַר וואָס דער דאָקטאָר האָט אים על פּי טעות געהאַלטען צו זיין פון אחינו בני ישראל, האָט ער זיך עס דאַמאָלס אַזוי דערוואוגט צו וויצלען זיך. „גאָט מיינער!" האָט דאַ קאָסטאַ געטראַכט און איז שיער קראַנק געוואָרען ווען ער האָט זיך דערמאָנט דעם אויטאָדאַפע, וואָס ער האָט געהאַט געזען איינגעל־ווייז אין ליזבאָן, ווען דע לאַ אַזונסאַ, דער פראַנצויזישער איד מאַנאַך אָנגעטאָן אין דעם סאַנבעניטאָ, איז פייערליך פאַרברענט געוואָרען אין דער געגענוואַרט פונ'ם קעניג, די קעניגין, דעם הויף, און דער מאַסע. „וואָס אויב עס זאָל געווען זיין מיין דערציילונג צו פּרעי כאָזע, וואָס זאָל האָבען געפירט צו דאָס דיעגאָ'ס ארעסט!

אָבער ניין, דאָס וואָלט זיכער געווען אַ צו קליינער באַווייז, און צווייפעלהאַפטיג אין בעסטען פאַל". און ער האָט באַזייטיגט דעם פיינ־ליכען פאַררעט און האָט זיך גיך פאַרמאַכט אין זיין שטודיר־צימער, און האָט אַראָפּגעשיקט אַן ענטשולדיגונג צו זיין מוטער און ברודער דורך פּעדראָ, דעם שוואַרצען שקלאַפען־אינגעל.

אין דעם שיינעם הויז אויפ'ן שפּיץ בארג, וואָס גבריאל'ס זיידע האָט אויפגעבויט, און באַצירט מיט פיינע פּאַנעלען און מאָ־זאַאיק פון פּילפאַרביג האָלץ פון בראַזיליע, איז דאָס שטודיר־צימער, אָפּגעזונדערט דורך זיין פּאָזיציע פון סאַמע אויבען אויף דעם פיינעם טרעפּגאַנג, נישט געווען דאָס מינדסטענס שיינע צימער. דער דיל און די ווענט זיינען געווען פון רייכפאַרביגע קאַכלען, דער געוועלבטער באַלקען איז געווען געריפּט מיט פּאָלירטע געהילץ אויסצוזעען ווי אַן אויסגעהוילטער אינעווייניג פון אַ האַלבער פּאָ־מעראַנץ. קאָסטבאַרע געהענגען האָבען פאַרשטיקט דעם גערויש פון דער דרויסענדיגער וועלט, און גרויסע לאָדענס האָבען אויסגע־שלאָסען, ווען נויטיג, דעם לייכט פון דער זון. בלויז די שטראַלען פונ'ם שכל האָט מען נישט געקענט אויסשליסען, און אין דעם שטילען פּלאַץ פון פרידען האָט דער יונגער קאַטאָליק געקענט זיינע ביטערסטע שעה'ען פון אומרו. דאָ האָט ער זיך איצט אוועקגע־זעצט פיבערדיג איבערצוקוקען דעם אַלטען טעסטאַמענט, וואָס ער, אַזוי גוט ווי די קירך, האָבען פאַרנאַכלעסיגט.

„ווייניגסטענס דאָס בוך מוז זיין אמת", זיינען געלאָפען זיינע שטורעמדיגע געדאַנקען, „ווייל דעם טעסטאַמענט פאַרהייליגען ביידע גלויבענס, וועלכע רייסען זיך איבער דעם נייעם". ער האָט גע־האַט אַ לאַטיינישען טעקסט, און האָט זיך צוערשט געווענדט צום דריי־און־פופציגסטען קאַפּיטעל פון ישעיה, און לייענענדיג עם קרי־טיש, האָט איִם אויסגעוויזען, אַז די אַלע פסוקים פון נביאות, וועל־כע ער האָט פאַרלאָזענדיג זיך אויף אַנדערע אָנגענומען אַלס פאַר־אויסזאָגונגען פון אַ משיח, קענען אויך נביאות זאָגען אַנדערע און מער פאַרשטענדליכע זאַכען. און לאַנג נאָך האַלבע נאַכט האָט ער געלייענט די נביאים, מיט פאַרפלאַמטע באַקען און פינקלענדיגע אוי־גען, אַזוי ווי איינער פאַר'שכור'ט פון נייעם וויין. וואָס פאַר אַ

הערליכע אמת'ען, וואָס פאַר אַ שטרעבונגען נאָך שלום און גערעכ־טיגקייט, וואָס פאַר אַ טראָמפּייטען־רופען צו רעכטפאַרטיגקייט!

ער האָט געציטערט מיט דעם געשריי פון עמוס: „נעם צו פון מיר דעם טומעל פון דיינע לידער, ווייל איך וויל נישט הערען דאָס געזאַנג פון דיינע פידלען. נאָר זאָל גערעכטיגקייט פליסען אזוי ווי די וואסערען, און רעכטפאַרטיגקייט ווי אַ מעכטיגער שטראָם". און מיט דער פראגע פון מיכה: „וואָס פאַרלאַנגט גאָט פון דיר חוץ צו טאָן גערעכטיגקייט און ליב צו האָבען רחמנות און צו גיין אונטערטעניג מיט דיין גאָט?" יאָ, גערעכטיגקייט און רחמנות און אונטערטעניגקייט — נישט קיין פּרעפלעריי און שטראָפען. ער איז צוגאַנגען אין טרערען, ער איז געווען דערהויבען ביז די שטערען.

ער האָט זיך געווענדט צום חומש און צו משה'ס געזעצען, צו די צערטלאַכע פאַראָרדנונגען פאַר דעם אָרימאַן, דעם פרעמדען, די בהמה. „זאָלסט ליב האָבען דיין שכן ווי זיך אַליין". „זאָלסט זיין פאַר מיר אַ הייליג פאָלק".

פאַרוואָס האָבען זיינע אורעלטערען זיך אָפּגעשניטען פון אָט דעם גרויסען פאָלק, וואָס זייער גלויבען איז אַמאָל געווען אזוי דערהויבען און אזוי פשוט? עס האָט נאָך דערגרייכט צו אים עפּעס אַן אומקלאָרער זין פון די נאָמענלאָזע טראַגעדיעס פונ'ם גרויסען גירוש, ווען אָט די פאַרעקשנ'טע קריסטוס־לייקענער איז געגעבען געוואָרען אויסצוקלייבען ארויסגעטריבען צו ווערען אָדער זיך שמד'ן. אָבער איצט האָט ער גיריג געזוכט זיינע פּאָליצעס צו געפינען עפּעס פאַרשריבען וועגען יענע טעג פון טאָרקוועמאַדאַ. די היימישע היס־טאָריקער האָבען געהאַט ווייניג, אָבער דאָס ווייניג האָט אָנגעפילט זיין פאַנטאַזיע מיט שוידערליכע בילדער פון יענעם צווייטען יציאת מצרים — הונגער, מגפה, רויב, שחיטה, שענדונג פון יונגפרויען.

און אַלץ צוליב דער הארטנעקיגער אמביציע פון אַ פּאָרטוגעזי־שען קעניג צו רעגירען איבער שפּאַניע דורך אַ פאַרבינדונג מיט אַ שפּאַנישער פרינצעסין — אַן אמביציע, וואָס די איראָניע פון געשיכ־טע האָט פּונקט אזוי הארטנעקיג אויסגעלאַכט. ניין, זיי זיינען נישט געווען אָן אָן ענטשולדיגונג, יענע אורעלטערען זיינע, וואָס זיינען איבערגעלאָזען געוואָרען פון הינטען זיך צו האַלטען ביי דער קירך. האָבען זיי דען געקענט זיין אמת'ע משומדים, די מאַראַנען,

אָדער נייע קריסטען? · האָט ער זיך אַליין געפרעגט. מילא, וואָס זיינע עלטער־זיידעס זאָלען נישט האָבען געפילט, זיין פאָטער'ס גלויבען אָבער איז געווען אמת'דיג, אין דעם האָט ער נישט געקענט צווייפלען. ער האָט זיך דערמאָנט די לאַנגע יאָרען פון ריטואַל, קינדישע ערינערונגען פון פאָטערליכער פרומקייט. ניין, די געהיימע קאָנספּיראַציע האָט נישט איינגעשלאָסען דאָ קאָסטאַ'ס הויזגעזינד. און עס האָט זיך אים געגלויבט, אַז זיינע ווייטערדיגע עלטערען זיינען אויך נישט געווען קיין היפּאָקריטען. וואָס קען ער וויסען, עס קען זיין, אַז זיי זיינען איבערגעגאַנגען צום קריסטענטום נאָך פאַר דעם גירוש. יעדענפאַלס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין באַווייזען, אַז זיינע אורעלטערען זיינען געווען פאַלש. קיינע פון די דאָ קאָסטאַס זיינען קיין פייגלינגען נישט געווען, אַ דאַנק גאָט! און ער — ער איז נישט קיין פייגלינג, האָט ער זיך אַליין געזאָגט.

## IV.

אין דער פרי, כאָטש עס זיינען בלויז אַוועק עטליכע שעה שלאָף, איז דער ענטוזיאַזם פון דער נאַכט אַביסעל אָפּגעשוואַכט געוואָרען. „פון וואַנען איז געקומען משה'ס באַגייסטערונג?" איז אים אַריינגעפלויגען אַ געדאַנק כמעט אַזוי גיך ווי ער האָט געעפענט די אויגען אויף דער ליכטיגער וועלט. ער האָט ברייט געעפענט דאָס אַרויסענדיגע פענסטער פון זיין שלאָפצימער צו דער פרישער, אַביסעל געזאַלצענער לופט און האָט פאַרטראַכט געקוקט אויף דער וויסער שטאָט, וואָס האָט זיך געצויגען אַראָפּ צום שיינענדיגען טייך. האָט זיך גאָט אין דער אמת'ן אַנטפּלעקט אויפ'ן באַרג סני? אָבער זיין פרישער צווייפעל איז פאַרטריבען געוואָרען דורך דעם נייעם פאַרדאַכט, וועלכער, נאָכדעם ווי ער האָט צושטערט זיינע חלומות אין געפעלדיגע צוקרימענישען איז איצט אַרויסגעקומען אין דער קלאָרקייט פון טאָג. ער איז זיכער אַז זיין פלאָפלען וועגען דאָס דיעגאָ האָט אומגעבראַכט דעם ליבליכען אַלטען דאָקטאָר. נאָך טעג פון אַלץ גרעסערער אומרוהיגקייט, נישט קענענ אַרויסבאַקומען קיין זאַך פון דעם מאָנאַך, האָט ער אויפגעזוכט דעם סעקרעטער פון דער אינקוויזיציע אין זיין ביוראָ אין אַ קלויסטער פון די דאָמיניקאַנער.

דער סעקרעטער האט זיך געריבען די הענט ווען ער האט דערזען דאס ריידעוודיגע פנים. „אהא! וואסער גייע פוקסען האסטו דער־שמעקט?" די באגריסונג האט געשמאכען ווי מיט א מעסער.

„קיינע", האט ער געענטפערט, מיט א ציטער אין זיין קול און אין זיינע אברים. „איך האב בלויז געוואלט אויסגעפינען צי איך בין שולדיג אין דאס דיעגא'ס ארעסט.

„שולדיג?" און דער סעקרעטער האט אויף אים קרום א קוק געטאן. „זאג בעסער, עס איז דיין פארדינסט".

„ניין, שולדיג", האט גבריאל פעסט איבערגע'חזר'ט. „קען זיין איך האב שלעכט פארשטאנען אדער שלעכט אויסגעטייטשט זיינע רייד". דאס איז צו ווייניג באוויז אויף ארייגצוווארפען א מענשען אין תפיסה. איך האף, אז איר האט געפונען מער".

„יא, דו האסט בלויז ארויפגעפירט פרעי כאזע אויפ'ן וועג. מיר האבען דיך אפילו נישט באמיט צו קומען פאר די אויספאר־שער".

„און ער איז זיכער א איד!"

„א איד פון אידען, מיט זיין הארטנעקיגקייט. אבער עס איז נישט איינגאנצען באוויזען געווארען, דער פוקס איז א דורכגע־טריבענע חיה. ער האט שוין געהאט די דריי „ערשטע אויפנאמעס", אבער ער וויל זיך נישט מודה זיין און חרטה האבען. היינט אין דער פרי פרואווען מיר אנדערע מיטלען".

„מארטער?" האט גבריאל געזאגט און איז בלייך געווארען. דער סעקרעטער האט א נויג געטאן.

„אבער אויב ער איז אומשולדיג".

„דערפאר איז נישטא וואס מורא צו האבען. ער וועט מודה זיין ביים ערשטען שטאך. א, הער זיך אויף אזוי צו זארגען. ווילסט זיין זיכער, אז דו האסט געטאן א גוטע זאך פאר גאט? אלס א באלוינונג פאר דיין אייפעריגקייט, זאלסטו הערען זיין ודוי".

„ער וועט מיינען, אז איך בין געקומען הנאה האבען".

„אט האסטו א מאסקע".

גבריאל האט זי פאמעליך גענומען, אפגעשטויסען, דאך מער צוגעצויגען, און נאך א פיבערדיגער האלבער שעה ווארטען, האט ער זיך געפונען מיט דעם סעקרעטער, דעם ריכטער פון דער אינקווי־

זיציע, דעם דאָקטאָר און נאָך אַ מאַסקירטען מאַן, אין אַן אונטער־ערדישער הייל, טונקעל באַלויכטען דורך הענגענדיגע לאַמפּען. פון איין זייט זיינען געווען די מאַסיווע טירען, אַנגעשטעקט מיט פאַר־זשאַווערטע שרויפען, פון די פאַרשטיקטע קאַזעמאַטען אויף דער רויער, שפּין־באַוועבטער וואַנט אַנטקעגען, ביי וועלכער עס איז גע־שטאַנען אָנגעשפּאַרט אַן אייזערנער לייטער, זיינען געווען איינגע־אָרדענט אייזערנע רינגען אין פאַרשידענער הויך. אין ווינקעל איז געשטאַנען אַ מאַרטערשרויף פאַר די פינגער, און אין מיטען איז געשטאַנען אַ קליינער שרייבטיש, ביי וועלכען דער ריכטער האָט זיך אוועקגעזעצט.

דער סעקרעטער האָט אויפגעשלאָסען אַ תפיסה־טיר, און דורך די לעבער פון זיין מאַסקע האָט גבריאל געכאַפּט אַ בליק אויף דער נידערגעשלאָגענער געשטאַלט פון דעם דיקען דאָקטאָר, וואָס איז געלעגען איינגעקאָרטשעט אין אַ שטייג כמעט צו שמאָל זיך אויס־צודרייען.

„קום ארויס, דאָס אברהאָם די באַלטאַזאַר!“ האָט געזאָגט דער ריכטער מיט אַ גרויסהאַלטערישען בליק אין אַ פּאַפּיר.

דער דאָקטאָר האָט געבלינצעלט די אויגען פון דעם גרעסערען ליכט, נאָר ער האָט זיך נישט גערירט.

„מיין נאָמען איז דאָס דיעגאָ“, האָט ער געזאָגט.

„דיין טויף־נאָמען מיינט נישט מער פאַר אונז ווי פאַר דיר. איך האָב אפשר באַדאַרפט זאָגען: דאָס אייזיק, שטיי אויף!“

דער דאָקטאָר האָט זיך פינסטער אויסגעגלייכט. אַ שיינע באַהאַנדלונג פאַר אַ געטרייען זון פון דער הייליגער קירך, וואָס האָט געדינט זיין געטרייסטען און קאַטוילישען קעניג אין אוניווער־סיטעט“, האָט ער ארויסגעמורמעלט. „ווער באַשולדיגט מיך אין אידישקייט? זאָל מיר דער אויסוואורף אַנטקעגענשטיין!“

„דאָס איז געגען אונזער געזעץ“, האָט דער סעקרעטער געזאָגט.

„לאָמיך הערען די ספּעציעלע קלאַגען. לעזט מיר די קלאַגען“.

„אין דעם אויפנאַם־צימער. גלייך“.

„זיי זיך מודה! זיי זיך מודה!“ האָט דער ריכטער פריוועטדיג אַ זאָג געטאָן.

„זיך מודה זיין דאַרף מען פריער זינדיגען. איך האָב נישט

קיין זינד חוץ די וואס איך האב געזאגט דעם פריסטער. אבער איך ווייס ווער מיין באשולדיגער איז — דאס איז גבריאל דא קאסטא, א פייאיגער און א געלערנטער יונגער סעניאר, וואס האט נישט קיין אויער פאר קיין שפאס, וועלכער האט נישט פארשטאנען, אז איך האב געשפאסט מיט דער מארק־פרוי איבער דעם ווי זי האט פארקויפט איר סחורה צו די שטינקענדיגע פארלייקענער. איך בין נישט מער א איד ווי דא קאסטא אליין". אבער גלייך ווי ער האט גערעדט, האט גבריאל געוואוסט, אז זיי זיינען געווען ברידער־אידען — ער און דער געפאנגענער.

„דו היפאקריט!" האט ער נישט ווילענדיג ארויסגעשריען.

„אהא!" האט דער סעקרעטער א זאג געטאן און זיין אויג האט געפינקעלט מיט א זיג.

„דאס שטענדיגע פארלייקענען וועט דיר גארנישט העלפען", האט דער ריכטער געזאגט, „עס וועט דיר בלויז ברענגען מארטער".

„מארטער אן אומשולדיגען מענשען! דאס איז אוממעגליך!" האט דער דאקטאר פראטעסטירט. „ווער עס האט נאר דעם מינדסטען באגריף און לאגיק וועט דיר זאגען, אז דער באשולדיגער דארף פריער באווייזען".

„שטיל! דאס איז נישט קיין אוניווערסיטעט. עקזעקוטאר, טו דיין ארבייט".

דער צווייטער מאסקירטער מאן האט אנגעכאפט דעם דאקטאר און אים אויסגעטאן ביז דער הויט.

„זיי זיך מודה!" האט דער ריכטער וואָרנענדיג געזאגט.

„ווען איך זאל זיך מודה זיין, אז איך בין א איד, וועל איך זיין א טאפעלט שלעכטער קריסט, ווייל איך וועל ליגען זאגען".

„אן דיינע מעטאפיזישע דריידלאך. אויב דו וועסט אויסגיין אונטער דער מאטערניש (זאל דער סעקרעטער דאס נאטירען) וועט אין דיין טויט נישט זיין שולדיג דאס הייליגע אמט, נאר דיין אייגענע פאר'עקשנ'טקייט".

„קריסטוס וועט זיך נוקם זיין פאר זיינע מארטירער", האט דאס דיעגא געזאגט מיט אזא פרום פנים, אז גבריאל האט געצוויי־פעלט צו זיין אינסטינקט האט אים, נאך אלעמען, נישט פארפירט.

דער ריכטער האט אומגעדולדיג געגעבען א צייכען און דער

מאַסקירטער מאַן האָט צונויפגעבונדען דעם קרבנ'ס הענט און פיס מיט אַ גראָבען שטריק, און אַרומוויקלענדיג אים אַרום דער ברוסט, האָט ער אוועקגעשטעלט די איינגעהויקערטע נאַקעטע פינגער אויף אַ בענקעל און דורכגעפירט דעם עק פונ'ם שטריק דורך צוויי אייזערנע רינגען אין דער וואַנט. דערנאָך האָט ער מיט'ן פוס אוועקגעשטויסען דאָס בענקעל און געלאָזט דעם קרבן הענגען אין דער לופטען אויף די שטריק, וואָס האָבען זיך איינגעשניטען אין זיין לייב.

„זיי זיך מודה!" האָט דער ריכטער געזאָגט.

נאָר דאָס דיענאָ האָט פאַרקלעמט די ציין. דער עקזעקוטאָר האָט פאַרצויגען די שטריק אַלץ איינגער און איינגער, ביז דאָס בלוט האָט ארויסגעשפריצט פון אונטער דעם קרבנ'ס נעגעל, דערצו האָט ער כסדר געלאָזט פאַלען די שאַרף־טרעפיגע לייטער אויף זיינע נאַקעטע לענדען.

„אָ סאַנקטאַ מאַריאַ!" האָט דער דאָקטאָר ענדליך ארויס־געקרעכצט.

„דאָס איז בלויז דער אָנהויב פון דיין מאַטערניש, אויב דו וועסט זיך נישט מודה זיין", האָט דער ריכטער געזאָגט. „ציה צונויף שטאַרקער".

„וואַרט", האָט דער אינקוויזיציאָנס־דאָקטאָר איבערגעשלאָגען. „נאָך איין ציה און ער קען אויסגיין".

נאָך איין צונויפציה און גבריאל דאַ קאָסטאַ וואָלט גע'חלשט. טויט־בלאַס הינטער זיין מאַסקע, האָט ער זיך געפילט קראַנק און האָט געציטערט — די שטריק האָבען זיך אַזוי ווי איינגעשניטען אין זיין אייגען לייב. זיין האַרץ האָט געברענט מיט כעס געגען ביידע, די מאַרטערערס און די מאַרטירערס, און ער האָט באַוואונ־דערט דעם דאָקטאָר'ס מוט, כאָטש עס האָט אים געעקעלט פון זיין פייגהיים. און אין דער צייט וואָס דער אינקוויזיציאָנס־דאָקטאָר איז געווען פאַרנומען צו העלפען דעם קרבן, אַז ער זאָל קענען פאַר־טראָגען נייע מאַרטירעריי, האָט גבריאל דאַ קאָסטאַ מיט אַ שוידער דערפילט די טראַגעדיע פונ'ם אידישען פאָלק — דערהויבען און שמוציג.

## V.

און מיט אזעלכע געמישטע געפילען, דערצו מיט דערשטוינונג, איז ער אומגעפער א וואך שפעטער געוואר געווארען, אז דאס דיענא איז ערקלערט געווארען אומשולדיג אין אידישקייט און איז באפרייט געווארען. דער אימפולס האט אים געטריבען צונויפצו־ריידען זיך מיט דעם געליטענעם. ער איז אריבער דעם טייך צום דאקטאר'ס הויז, אבער בלויז דורך אויסערסטער פאר'עקשנ'טקייט האט ער געקענט אריינקומען אין דעם הויך־געוועלביגען צימער, אין וועלכען דער אלטער מאן איז געלעגען אין בעט, ארומגערינגעלט מיט ריזיגע ביכער אויפ'ן קישען און אויף דער קאלדרע, מיט א קריסטוס־בילד צוקאפענס.

אנטשולדיג וואס איך האב נישט געוואלט אוועקגיין איידער איך האב דיך געזען", האט זיך גבריאל אנגערופען. „מיין אנטשולדיגונג איז, אז איך האב געפילט איך מוז זען וואס דו מאכסט נאך די פייניגונגען וואס די גהינום־הינט האבען דיר אנגעטאן".

דאס דיענא האט אים אנגעקוקט דערשטוינט און פארדעכטיג.

„די הינט קענען אמאל נאכפאלגען אויף א פאלשער שפור, אבער זיי זיינען פון הימעל, נישט פון גהינום", האט ער געזאגט מיט פארוואורף. „אויב איך האב אומשולדיג געליטען, איז עס אבער קריסטליך צו ליידען און קריסטליך צו פארגעבען".

„דאן פארגיב מיר", האט גבריאל א זאג געטאן, דערשטוינט פון דעם פאר'עקשנ'טען מאסקירען זיך, „ווייל איך בין עס דער וואס האט דיר פארשאפט אומשולדיגע פיין. גיכער וואלט איך מיר מיין צונג ארויסגעריסען איידער פארשאפען צרות א ברודער אידען".

„איך בין נישט קיין איד!" האט דער דאקטאר מיט געוואלט אויסגעשריען.

„אבער צו וואס פארלייקענען עס פאר מיר, ווען איך זאג דיר, אז איך בין א איד?"

„אומזיסט די נעץ פארשפרייט ווען א פויגעל זעט זי", האט דאס דיענא בייז ציטירט. „דו ביזט אזא גוטער קריסט ווי איך — און אן ערגערער שיסער. א איד, ווי דען, וואס ווייסט נישט וועגען

די קרייטעכצער! ניין, דער פויגעל־קליי איז צו גראָב אָנגעשמירט, און די נעץ איז בלויז לעבער, אַן שטריק".

„אמת, איך בין נישט קיין איד און נישט קיין קריסט", האָט דער יונגערמאַן טרויעריג געזאָגט. איך בין אויפגעצויגען געוואָרען אַלס קריסט, אָבער מיין נשמה איז צוריסען פון הארבע פראַגען. זע, איך פארטרוי מיין לעבען אין דיין האַנט".

אָבער דאָס דיעגאָ איז לאַנג געבליבען איינגעשפּאַרט, אפילו ווען גבריאל האָט זיך אויפריכטיג מודה געווען, אַז ער איז געוועזן דער מאַסקירטער מאַן, וואָס האָט אויסגעשריען „היפּאָקריט!" אין דער מאַרטער־הייל. און ערשט ווען ער האָט אַראָפּגעהינקט פון בעט און זיך פאַרזיכערט, אַז דער יונגערמאַן האָט נישט אָוועקגעשטעלט קיין אונטערהערערס, ערשט דאַן, נישט פריער, האָט ער זיך ענדליך אַנגערופען: „אליזא, עס איז מיין וואָרט געגען דיינס. קען זיין, אַז איך פאַרשטעל זיך בלויז, ווייל איך האָב דיך געוואָלט ציען ביי דער צונג". דאַן האָט ער אַ וואונק געטאָן, אַראָפּגענומען דאָס קריסטוס־בילד פון דער וואַנט און עס אַריינגעלייגט אין אַ שופלאָד, און אַנגיסענדיג צוויי וויין־גלעזער פון אַ קאַראַפקע, וואָס איז געשטאַנען ביי זיין בעט, האָט ער פריילאַך אויסגעשריען: „טרינק! זאָל אַ צעטומלעניש קומען אויף דער הייליגער אינקוויזיציע!"

אַ שטיין איז דעם יונגענמאַן אַראָפּגעפאַלען פון דער ברוסט. ער האָט געשמייכעלט ווען ער האָט געזופּט דעם פיינעם וויין.

„מיר דאַכט זיך, אַז דו האָסט שוין געבראַכט אַ צוטומלעניש אויף דער אינקוויזיציע".

„האַ האַ!" האָט דער דאָקטאָר געלאַכט, זיך פילענדיג פרייער פון דעם שאַרפען וויין. „יאָ, דער פוקס איז אַנטלאָפען פון דער פאַסטקע, אָבער נישט מיט אַ גאַנצער הויט".

„ניין, ליידער. וואָס מאַכען דיינע וואונדען?"

„איך האָב נישט געמיינט מיין קערפּערליכע הויט", האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, כאָטש ער האָט זי געגלעט מיט אַ פיינליכער עראינערונג. „איך מיין די הויט, די פעל, פון וועלכער מיין בייטעל איז געמאַכט. צו איבערצייגען זיי אין מיין געטריישאַפט צו דער הייליגער קירך, האָב איך פאַרגעשלאָגען אַ העלפט פון מיין פאַרמעגען, און מיין באַווייז איז אָנגענומען געוואָרען. דאָס האָט דער אינ־

קוויזיציאָנס־דאָקטאָר מיר געגעבען די עצה. ער איז איינער פון אונזערע !"

„וואָס, אַ איד !" האָט גבריאל אויסגעשריען, ווי פון אַ דונער געטראָפען.

„ששש שטיל ! אז נישט וועט נאָך אונזערער אַ שונא פאַר־נעמען זיין פּלאַץ. צוליב זיין חבר־געפיל צו מיר, אַלס איד און אַלס דאָקטאָר, האָט ער עס ערקלערט, אַז איך האָב שוין געהאַלטען ביי שטאַרבען, ווען איך בין נאָך געווען אַזוי ווירעוודיג ווי אַ פאַלשער גלויבען. אַ חוץ דעם האָט מיר מיין וויסען אַרויסגעהאָלפען איינ־צוהאַלטען דעם אָטעם, ווען דער ליץ האָט מיך געבונדען מיט שטריק, אַז נישט וואָלט איך געווען אַזוי איינגעצויגען, אַז איך וואָלט נישט געקענט אָטעמען. אָבער דו דאַרפסט אַ קיבעל מיט דיין וויין. יאַנטע !"

אַ שיין מיידעלע איז אַריינגעקומען פון אַ דערבייאיגען צימער, די טונקעלע אויגען פאַרשעמט אַראָפּגעלאָזט ווען זי האָט דערזען דעם פרעמדען.

„דו זעהסט, איך האָב אַן עדות געגען דיר", האָט דער דאָקטאָר געלאַכט. „און דעם באַווייז געגען מיר, וואָס די נאַראָנים האָבען נישט געקענט געפינען, וועלען מיר אויפעסען. ברענג אַריין די איבעריגע מצות, טעכטעריל !" און אַרויסנעמענדיג אַ שליסעל פון הינטער זיין קישען, האָט ער אים איר דערלאַנגט. „פּאַמעלאַך, קינד מיינס, און באַהאַלט זיי גוט".

ווען דאָס קינד איז אַרויסגעגאַנגען, האָט דער פּאַטער געמורמעלט איבער נאָך אַ גלאָז וויין, וועגען דעם ווי ער האָט זי באַדאַרפט צוגעוואוינען צו אַ טאָפּעלט לעבען. „אָבער עס פאַר־שאַרפט דעם שכל", האָט ער געזאָגט. „יאַנטע דאַרף אויפוואַקסען אַזוי פאַרפיינט, אַזוי ווי די געהיימע שאַפע אין אַ שאַפע וואָס זי עפענט איצטער. אָבער דאַרף זעלטען מען זאָל זי דאָס לערנען". ער האָט נאָך געלאַכט איבער זיין וויץ, ווען יאַנטע איז צוריקגע־קומען און אַרויסגענומען פון אונטער אַ טישטוכעל גרויסע מצות. גבריאל האָט זיי נייגעריג אָנגעקוקט.

„ווייסטו נישט וואָס מצות זיינען ?" האָט דאָס דיענאַ געפרעגט. גבריאל האָט געשאָקעלט דעם קאָפּ אויף ניין.

„דו האָסט קיינמאָל קיין מצות נישט געגעסען?"

„מצות! אָה, איך האָב ערשט נעכטען געלייענט וועגען דעם אין חומש. ווארט, איז דאָס נישט איינע פון דער אינקוויזיציע'ס באווייזען, אז איינער איז א איד? אָבער איך האָב עס מיר נישט אזוי פאָרגעשטעלט."

„דאָס איז דער אייביגער אויסזען פון מצות, אריינגעשמוגעלט אהער פון אמסטערדאם", האָט דער דאָקטאָר, רויט פון וויין, שוין אוועקגעוואָרפען זיין פאָרזיכטיגקייט אויפ'ן ווינט. „פארזוך! עס איז געשמאַקער פון דער האָסטיע".

„איז, אלזאָ, אמסטערדאם א אידישע שטאָט?"

„אָה, עס איז דאָס ירושלים פון מערב. דאָס קליינע האָלאנד, זייט עס האָט אָפגעטרייסעלט פון זיך דעם פויפסט'ס הערשאפט, האָט עס נישט מער קיין פארפאָלגונגס-פאָליטיק ווי די אנדערע פעלקער. און דאָס איז גאנץ נאַטירליך, ווייל עס איז מער א שיף איידער א לאנד. א העלפט פון מיינע אלטע פריינד זיינען געפאָרען אהין — דאָס האָט זייער טרויעריג פארקלענערט אונזער אלטע פאָרטוגעזישע קהילה".

גבריאל'ס ברוסט האָט געציטערט. „פארוואָס זשע נישט זיין מיט זיי?"

דער אלטער דאָקטאָר האָט געשאָקעלט דעם קאָפּ. „ניין, איך האָב ליב מיין פאָרטוגאל. דאָ בין איך געבוירען געוואָרען און דאָ וועל איך שטאַרבען. איך האָב זי ליב, מיין פאָרטוגאל, אירע בערג, אירע טייכען, אירע טאָלען, אירע הייליגנדיגע קוואלען — זאָלסט אלעמאָל ליבען פאָרטוגאל, יאנטע".

„יאָ, פאָטער", האָט דאָס מיידעלע טרויעריג געענטפערט.

„און, אָה, אירע דיכטער — איר רובעירא, איר פאלקאָ, איר קאמאָינש — מיין אייגענער זיידע איז באטראכט געוואָרען פאר געניאל ווירדיג צו פארנעמען א פלאַץ אין דעם „קאנסיאָנערא כעראל", און איך אליין האָב אויך אָנגעשריבען א פּאָעמע אין פאָרטוגעזיש איבער היפּאָקראַט'ס ערשטען אפאָריזם, כאָטש איך האָב זי נאָך בלויז אין מאנוסקריפּט".

„אָבער אויב דו וואָגסט נישט ארויסצוקומען מיט דיין גלויבען",

האט גבריאל געזאגט, „מיינט עס מער פון אלעם איבעריגען. צו לעבען א טעגליכען ליגען — אומערטרעגליך!“

„גלאט גערעדט! דו ביזט נאך יונג און איינגערעדט. די קאטוילישע רעליגיע! זי איז נישט מער ווי גוטע מאנירען. ווי מיר זאגען אין לשון קודש — דרך ארץ. פארוואס טראג איך הויזען און אן ארויפגעשארצטען הוט — ווען איך בין אין דרויסען, פאר־וואס? פארוואס טראגט מיין קליינע יאנטע א אונטערקליידעל?

„ווייל איך בין א מיידעל“, האט זיך יאנטע אנגערופען.

דאס דיעגא האט געלאכט. „עס איז פאראן אן אראטארישע פראגע, מיין קינד, און א פרעגענדיגע פראגע. אבער, מיר וועלען דיר נישט פארדרייען דעם קאפ מיט קווינטיליאן. לויף דיר אוועק שפילען אויף דיין גיטארע. אזוי איז עס, סעניאר דא קאסטא. איך האב ליב מיין אידישקייט מער פון מיין פארטוגאל. אבער אזוי לאנג ווי איך קען האלטען מיינע ביידע מעטרעסען פאר דעם פרייז פון אביסעלע דורכגעטריבענקייט —“

„אבער די געפאר פארברענט צו ווערען לעבעדיגערהייט!“

„דאס איז אזוי ווי דאס גהינום פאר דעם קריסט וואס זינדיגט — אומקלאר און ווייט“.

„מיר דאכט זיך, אז דו האסט זיך שוין אביסעל אפגעברענט“.

„אזוי ווי אן אויפגעריסענער בוים. א בליץ שלאגט נישט צוויי מאל. נעם דיר נאך ווין. חוץ דעם קען מיין מאגען נישט פארטראגען די ים־רייזע אויף דער ביסקייער בוכטע. גאט האט אונז באשאפען אלס לאנד־חיות“.

אבער גבריאל האט נישט געקענט איבערצייגט ווערען אין דעם דאקטאר׳ס שטאנדפונקט, און בלויז א העלפט אין דעם מאן אליין. דאך איז דאס נישט געווען זיין לעצטער וויזיט, ווייל ער האט זיך געהאלטען אן דאס דיעגא אלס אן דעם איינציגען אידען וואס ער האט געקענט און האט ביי אים געבארגט זיין תנך אין לשון קודש און א דקדוק, און האט אנגעהויבען בסוד צו לערנען לשון קודש, און פלעגט ברענגען שפילצייג און בלומען דער קליינער יאנטע׳ן, און איינמאל האט ער איר געבראכט א טייערערע גיטארע פון איר אייגענער, אלס באלוינונג פאר איר פאטער׳ס הילף אין שווערען דקדוק. ער האט אויך געבארגט טייל פון דאס דיעגא׳ס אייגענע

ווערק, וואָס זיינען דערשינען אָן אַ נאָמען אין די אַמסטערדאַמער דרוקעריייען. און פון זיין נייעם פריינד׳ס „גן עדן פון ערדישער פּוסטקייט“, און אַנדערע פּלפּול־ספרים מיט מאָדנע נעמען, האָט דער יונגער ענטוזיאַסט געצויגען וויסען און באַשטעטיגונג פאַר זיינע צווייפלען. פאַר דאָס דיעגאָ׳ס פּאָרטוגעזישע מיטבירגער איז דער אַלטער איידעלמאַן געווען דער פּראָפעסער פון אַ וויסענשאַפטליכער אָפּהאַנדלונג ווי צו באַהאַנדלען שווינדזוכט, אין וועלכער ער האָט שטאַרק פאַרדאַמט דאָס פאַרלאָזען זיך אומבאַדינגט אויף מילך.

אָבער גבריאל האָט נישט געקענט נאָכמאַכען אָט דאָס באַקוועמע צופּאַסען זיך צו דער אומגעבונג. ער האָט געפילט, אַז דאָס איז בלויז אַ האַלבער קאַמף פאַר׳ן אמת, און ער האָט אויפגעהערט זיך אָפּצוגעבען מיט דעם האַלב־אַפּיקורסישען דאָקטאָר. ווייל וואָס מער ער האָט זיך פאַרליבט אין דעם אַלטען טעסטאַמענט מיט זיי׳ איינפאַכער לערע וועגען אַן אויסדערוויילט און געהייליגט פאָלק, אַזוי איז אַלץ געוואַקסען זיין זין פאַר ווייט־גרייכענדיגע גורלות, פון אַ צונויפגעקייטעלטער ראַסע וואָס איז אַנטשטאַנען אין דעם סודות׳דיגען מזרח און ביים אויפגאַנג פון דער געשיכטע; אַ פאָלק וואָס מען קאָן נישט פאַרניכטען, וואָס לעבט איבער רדיפות, וואָס גוסס׳עט פאַר זיין גלויבען און אומגלויבען — אַן אויפפאַסונג וואָס האָט אָנגערירט די קוואַלען פון ראָמאַנטיק און דעם קוואַל פון טרערען — און זיין בליק האָט זיך געווענדט בענקשאַפטליך צו אַמסטערדאַם, די שטאָט פון די הייליגע, די היים פונ׳ם אמת׳ען גלויבען, פון דער ברידערשאַפט פון דער מענשהייט, און דער פאָטערשאַפט פון גאָט.

## VI.

„מאַמע“, האָט גבריאל געזאָגט, „איך דאַרף דיר עפּעס זאָגען“. זיי זיינען געווען אין דעם האַלב־פינסטערען צימער, און זי האָט אַריינגעבליקט אַ קוש צו טאָן אַ גוטע נאַכט דעם איינזאַמען מתמיד. נאָר זיינע ווערטער האָבען זי פאַרהאַלטען ביי דער טיר. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט און ליבליך אָנגעקוקט איר שיינעם בכור, אין וועמען איר פאַרשטאָרבענער מאַן האָט געלעבט אַזוי ווי אין זיין בעסטער צייט. „מסתמא וועגען איזאַבעלאַ׳ן“, האָט זי געטראַכט. מיט אַ באַוועגטער ברוסט און דערפרייט צו טראַכטען אַז דעם

לערנער׳ס פאר׳חלום׳טע אויגען האבען זיך ענדליך געעפענט אויף דער שיינקייט און גוטסקייט פון דער וואוילגעבוירענער יורש׳טע, וואס האט אים געליבט.

„מאמע, איך האב געמאכט א וויכטיגען באשלוס, און עס איז צייט דיר צו זאגען".

אירע אויגען האבען אויפגעלויכטען.

„מיין געבענשטער גבריאל!"

„ניין, איך האב מורא דו וועסט מיך האסען".

„דיך האסען!"

„ווייל איך מוז דיך פארלאזען".

„דאס איז דער נאטירליכער גורל פון מאמעס פארלאזען צו ווערען, מיין גבריאל".

„אה, אבער דאס איז זייער אומנאטירליך. אה, מיין גאט! פארוואס דארף איך אזוי געפרואווט ווערען?"

„וואס מיינסטו? וואס איז געשעהן?" די אלטע פרוי איז אויפגעשטאנען.

„איך מוז פארלאזען פארטוגאל".

„פארוואס? אום גאט אין הימעל׳ס ווילען! פארלאזען פאר־טוגאל?"

„שטיל, די דינער וועלען נאך דערהערען. איך וויל ווערען", ער האט שטיל ארויסגעאטעמט, „א איד!"

דאנא דא קאסטא איז בלייך געווארען, האט אים אנגעשטארט אן אן אטעם, מיט א מאדנע ליכט אין אירע אויגען, אבער נישט דאס ליכט וואס ער האט דערווארט.

„דאס איז גאט׳ס פינגער!" האט זי געמורמעלט, ווי דערשלאגען פון מורא.

„מאמע!" ער האט אויפגעציטערט מיט א ווילדען פארדאכט.

„יא, מיין פאטער איז געווען א איד. איך בין אויפגעצויגען געווארען אלס א אידישע טאכטער".

„ששש... שטיל!" האט ער זי ווידער געווארענט, און גייענדיג צו דער טיר האט ער ארויסגעקוקט אין דער פינסטער. „אבער מיין פאטער?" האט ער געפרעגט פארזיכטיג פארמאכענדיג די טיר.

זי האט געשאקעלט מיט׳ן קאפ.

„זיין משפחה, כאָטש אויך מאַראַנען, זיינען געווען אמת'ע גלויביגע. עס איז געווען דאָס טרויעריגסטע אין מיין לעבען, וואָס איך האָב עס אים קיינמאָל נישט געוואַגט צו דערציילען. אָפטמאָל, פון נאָך זיין טויט אָן, האָבען עראינערונגען פון מיינע מיידעל־יאָרען מיך געצופּט ביים האַרץ. אָבער איך האָב זיך נישט דערוועגט צו באאיינפלוסען מיינע קינדער'ס גלויבען — דאָס וואָלט געמיינט די געפאַר פון טויט פאַר זיי. און איצט — אָה גאָט! — אפשר מאַרטערניש — אויטאָדאַפע —!"

„ניין, מאַמע, איך וועל אַנטלויפען אַהין, וואו גלויבען איז פריי".

„וועל איך דיך אַלצאַיינס פאַרלירען. אָה, גאָט פון ישראל, דיין נקמה האָט מיך ענדליך געטראָפען!" און זי איז געפאַלען אויף דער קאַנאַפּע אַ פאַרמאַטערטע און זיפצענדיג. ער איז געשטאַנען נעבען איר הילפלאָז, פאַרלאָרען, באַמיהענדיג זיך זי איינצושטילען.

„ווי אַזוי איז דאָס געשען מיט דיר?" האָט זי געזיפצט.

אין קורצען האָט ער איר דערציילט פון זיינע קאַמפען, וועגען דעם עפּיזאָד מיט דאָס דיעגאָ, וועגען זיין איבערצייגונג, אַז דער תנ"ך איז דער אמת'ער און געניגענדער וועגווייזער אין לעבען.

„אָבער פאַרוואָס אַנטלויפען?" האָט זי געפרעגט. לאָמיר אַלע זיך אומקערען צו אידישקייט. דיין ברודער, ווידאַל, איז יונג און בויגיג. ער וועט אונז נאָכפאָלגען. מיר וועלען עס האַלטען אין געהיים. פון מיין מיידעלשאַפט אָן וויים איך נאָך ווי אויסצומיידען פאַרדאַכט. מיר וועלען ביסלאַכווייז בייטען אַלע דינער, אויסער פּעדראָ'ן, און מיר וועלען האָבען בלויז שוואַרצע. פאַרוואָס זאָלסטו פאַרלאָזען דיין שיינע היים, דיינע פריינד, דיין שטעלונג אין דער געזעלשאַפט, דיינע מעגליכקייטען אויף אַ גוטען שידוך?"

„מאַמע, דו טוסט מיר וויי. וואָס איז דען אַלץ אין פאַרגלייך מיט אונזער פליכט צום אמת, צום שכל, צו גאָט? צו דעם אַלעם מוז איך דינען אונטער'ן נאַקעטען הימעל".

„מיין שטאָלץ קינד! פאַרגיב מיר!" און זי איז אויפגעשפּרונגען און אים אומאַרעמט. „מיר וועלען גיין מיט דיר. מיר וועלען גרינדען אַ נייע היים אין אַמסטערדאַם".

„ניין, נישט אין דיינע יאָרען, מאַמע". און ער האָט געגלעט אירע זילבערנע האָר.

„יאָ, איך האָב אויך שטודירט דעם תנ"ך". און אירע אויגען האָבען געשמייכעלט דורך טרערען. „וואוהין דו וועסט גיין, וועל איך אויך גיין. דיין לאַנד וועט זיין מיין לאַנד, און דיין גאָט מיין גאָט".

ער האָט געקושט איר פייכט פּנים.

איידער זיי האָבען זיך צושיידט אין גרויען פרימאָרגען, האָבען זיי אויסגעדראָשען אַלע וועגען און מיטלען, ווי אַזוי צו פארקויפען זייער אייגענטום מיט אַזוי ווייניג פארלוסט און ווייניג אויפמערקזאַמקייט, ווי מעגליך, און ווי אַזוי בסוד צו נעמען די שיף קיין האָלאַנד. דער קלענסטער פעלער קען זיי פאַרראַטען צו דער אינקוויזיציע, דערפאַר האָט מען ווידאַל'ען פריער גאָרנישט געזאָגט, ביז עס איז נישט געווען אַבסאָלוט נויטיג.

דער יונגערמאַן נעבאך איז געוואָרען בלאַס פון שרעק.

„ווילסט מיך טרייבען אין גהינום אריין?" האָט ער געפרעגט.

„ניין, אידענטום האָט נישט קיין גהינום". און זעהענדיג, אַז די טרייסט איז עפּעס נישט קלאָר געווען, האָט ער מיט זיכערקייט צוגעגעבען, צו פאַרלייכטערען די אַנגסט פון איינעם וואָס ער האָט אַזוי היים געליבט", עס איז נ י ש ט אָ קיין גהינום".

ווידאַל האָט אויסגעזעהן אויסער זיך פון שרעק. „אָבער די קירך זאָגט —" האָט ער אָנגעהויבען.

„די קירך זאָגט, אַז גהינום, פורגאַטאָריע, איז אונטער דער ערד, אָבער אַזוי ווי די וועלט איז קיילאַכדיג, איז נישטאָ קיין אונטער, און קאָן זיין, אַז מענשען אַזוי ווי מיר אַליין לעבען אויף דער אַנדערער זייט וועלט. און די קירך האַלט מיט אַריסטאָטעל'ען, אַז די הימלען קען מען נישט דערגרייכען, און זי פאַרדאַמט קאָפּערניק'ס טעאָריע. דאָך האָב איך געהערט פון דאָם דיעגאָ דע באַלטאַזאַר, וועלכער ווייסט דאָס פון אוניווערסיטעט, אַז אַ יונגער איטאַליענער, מיט'ן נאָמען גאַלילעאָ גאַלילעאי, האָט נאָרוואָס געמאַכט אַ וואונדערליכען אינסטרומענט, וואָס פאַרגרעסערט זאַכען צוויי־און־דרייסיג מאָל, און אַז מיט דעם האָט ער אַנטדעקט אַ נייעם שטערען. אויך דערקלערט ער, אַז דער מילכוועג באַשטייט בלויז פון קליינע שטערנדלאַך. דערפאַר, זאָגט מען, איז די הייליגע קירך אויף אים אָנגעצונדען".

„אָבער וואָס האָב איך צו טאָן מיט דעם מילכוועג?" האָט זיך ווידאַל געבעטען, זיין אייגען פּנים וויס ווי מילך.

גבריאל איז געוועז פאַרוואונדערט. „פאַרשטייסט, דעם פּויפּסט'ס אומפעלבאַרקייט ווערט דאָ אויפגעטרייסעלט", האָט ער ערקלערט. „אָבער אין זיך אַליין האָט דער קריסטליכער גלויבען מער מורא פאַר שכל ווי דער אידישער. די זאַכען וואָס ער לערנט וועגען גאָט האָבען מער שוועריגקייטען".

"וואָסער שוועריגקייטען?" האָט ווידאַל געפרעגט. איך זעה נישט קיין שום שוועריגקייטען.

אָבער צום סוף האָט דער אינגערער ברודער, וועלכער איז געוועזן אַזוי איינדריקליך ווי גבריאל, נאָר אָן זיין שטאַרקייט צו שטיין אַליין, איינגעשטימט צו אַנטלויפען צוזאַמען מיט זיי.

אין דער צייט פון די געהיימע צוגרייטונגען צום אַנטלויפען, האָט גבריאל געמוזט אומגיין ביי זיינע האַלב-קירכליכע פליכטען און אַנטייל נעמען אין קירכען-צערעמאָניעס אַזוי ווי פריער. דאָס האָט אים אַזוי געערגערט, אַז ער האָט טיילמאָל געטראַכט פון אַרויסגעבען זיך. אָבער כאָטש ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקען פון דעם געדאַנק פון אויטאָדאַפע, האָט ער אָבער נישט געקענט פאַרטראָגען דעם געדאַנק פון זיין איינגעשפּאַרט אין תּפיסה, פון עפּענטליכער דער־נידערונג, פון צוזעהען זיין גרויל אין די פּנים'ער פון זיינע אַלטע מיטאַרבייטער. און טיילמאָל האָט איהם ווירקליך אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק, ווי טייער זיינע יוגענט־פריינד זיינען אים געווען, טראָץ שכל און גלויבען. ווי דערקוויקענדיג עס איז געווען דאָס געלעכטער אין זייערע אויגען, דער דרוק פון זייערע הענט, די אַלטע וויצען פון דער הויכשול און קלויסטער, פון מאַרק און רייטשול! ווי גוט עס איז געווען דאָס צוזאַמענלעבען, ווי זיס עס איז צו פאַרזינקען אין דעם אַלגעמיינעם שטראָם און מיטגעטראָגען ווערען אָן שום אַנשטרענגונג! אַפילו ווען ער האָט געקניט, אין באַוואוסטזיניגער היפּאָקריטישקייט, האָט אים די אייפעריגקייט פון די אַלע גאָטבעטער טיילמאָל מיטגעריסען אין אַ מאַגנעטיש מיטגעפיל, און ווען ער האָט אין אַ יום טוב געזעהן די מאַסען אין גאַס, אין זייערע יום טוב'דיגע קליידער, האָט עס אים גערירט ביז בענקשאַפט זיך צוריק צו פאַר־אייניגען. און איצט, ווען ער איז זיך געגאַנגען אָוועקרייסען, ווי

טייער איז אים געווען יעדעס באַקאַנטע ווינקעל — די וועלדער און וואַסערען, די ליבליכע בערג, פאַרשפּרייט דאָ און דאָרט מיט גראָזענ־דיגע בהמות! ווי צערטעלדיג דער בלויער הימעל האָט זיך געבויגען צו אים, און געבעטען זיך ער זאָל בלייבען! און די שטאָט אליין, ווי ליב ער האָט געהאַט אירע משופּע'דיגע גאַסען, די מאַסיווע מאָרישע טויערען, די פּאַלאַצען, די קלויסטערס, די געקאַלכטע הייזער, די אַלטמאָדישע, די מאָדנע און אָן פענסטער, און די נייערע מיט זייערע דרויסענאַרויסדיגע באַלקאָן־פענסטער — יאָ, און אפילו דעם ריח פון קנאָבעל און ציבעלעס, וואָס האָט אַלץ דורכגעדרונגען. ווי אָפט ער האָט שפּאַצירט אין דער רואַ דאַס פּלאַרעס, און צוגעקוקט זיך צו די גאָלדשמידען! און ארומגייענדיג אין דער אַלטער היים פון זיין משפּחה, האָט ער געהאַט אַ ניי געפיל פון אינטימקייט מיט דעם הויז. יעדע שיינע שניצעריי, יעדע קאַכלע, יעדער חנ'עוודיגער בויג פון די גרויסע טרעפּ, יעדע סטאַטוע אין איר נישע, האָט געהאַט אַ פּלאַץ אין זיין האַרץ, וואָס ער האָט ביז איצט נישט אנערקענט, און עס האָט גערופען צו אים.

אָבער גרעסער פון דעם רוף פון די אַלע זאַכען, איז געווען דער רוף פון זיין שכל.

צווייטער טייל

# אוריאל אַקאָסטאַ

## VII.

מיט וואָסערע געפילען, אזוי ווי אַן עולה רגל וואָס דערגרייכט ענדליך ארץ ישראל, האָט זיך גבריאל ענדליך געפונען אין דער שטאָט, וואו אַ שוהל איז געשטאַנען פריי אין מיטען ליכטיגען טאָג! די ווארימקייט אין זיין הארץ האָט צונישט געמאכט דאָס ביסעל קאַלטקייט וואָס האָט זיך דאָרט אריינגעכאַפּט ביים אָנבליק פון די גרויע קאַנאַל־גאַסען אין דער צפונ'דיגער שטאָט, נאָך דער פאַרביגקייט און גלאַנץ פון פּאָרטאָ. זיין ערשטע זאָרג נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַזעצט אין דעם גרויסען מארמאָרנעם הויז, וואָס זיין מוטער'ס אַלטע פריינד און קרובים האָבען אויף זיין בקשה געקויפט, איז געווען צו גיין שבת מיט זיין מוטער און ברודער אין דער פאָרטו־געזישער שוהל אריין. כאָטש ער האָט אַזוי ווייניג געוואוסט וועגען זיין נייעם גלויבען, אַז ער האָט אריינקומענדיג אין שוהל אראָפּגענו־מען דאָס היטעל, און ער האָט אפילו נישט געוואוסט ווי אַזוי אָנצוטאָן דעם טלית, וואָס דער שמש האָט אים געגעבען, און איז געווען גענוג אַנטוישט אויסצוגעפינען, אַז זיין מוטער טאָר נישט זיצען מיט אים צוזאַמען, נאָר זי מוז גאָר אַרויפגיין אויף דער גאַלעריע הינטער אייזערנע שטאַכעטלאַך, איז ער דאָך געווען צו איבערוועלטיגט פון געפיל צו זיין קריטיש. דער סידור האָט אים שטארק אינטערעסירט, און כאָטש ער האָט זיך באמיט נאָכצופאָלגען דעם חזן, האָט אָבער זיין פּריש־געלערענט העברעאיש נישט געקענט נאָכיאָגען דעם עולם, און ער האָט זיך געפילט אָן אַן אורזאך פאַר־שעמט, ווען ער האָט פאַרפעלט זיך אויפצושטעלען אָדער זיך צו קענט, האָט זיך אינטערעסירט אויסצוגעפינען אַלטע איינוואוינער

פאַרבויגען. ווידאַל, וועלכער האָט נאָך קיין העברעאיש נישט געד־פון פּאָרטאָ און האָט הויך געשושקעט זיינע אַנטדעקונגען צום ברודער, וואָס עס האָט באַאיינפלוסט גבריאל'ס שכן אים אָנצואווייזען אַנדערע, וואָס האָבען געשטאַמט פון ערשטע שפּאַנישע משפּחות, וואָס אַנדערע מיטגלידער פון די משפּחות זיינען אין דערהיים געווען וויכטיגע טיילען פון דער הייליגער קירך, בישאָפען און אַפילו ארכיבישאָפען. אַ טשיקאַווע פיגור, דער שכן מיט דער רויטער באָרד, מיט'ן גרויסען בויך, וואָס וויגט זיך נישט ווילענדיג אַהין און אַהער אין זיין טלית, וואָס הפּנים עס ווילט זיך אים גיכער שמועסען איידער דאַווענען.

מאָנאַכען און נאָנעס, האָט ער געזאָגט, פון כמעט יעדען מאָנאַכישען אָרדען, האָבען זיך דאָ צוריק פאַרזאַמעלט צו אידישקייט. ער אַליין, יצחק פּערעירא, וואָס איז זיך דאָ געזעסען אין זיכערקייט און באַקוועמליכקייט, איז געווען אַ יעזואיט אין שפּאַניע.

„מיר איז דערעסען געוואָרען דאָס פרומע פאַרשטעלען זיך, און איך האָב געגאַרט צו אַנטלויפען אַהער. נאָר די נאַראָנים האָבען מיך געלאָזט אויספאַרקויפען פּריווילעגיעס, און איך האָב גראָד געהאַט אַ סך צו פאַרקויפען, און דער האַנדעל איז גראָד דאַמאָלס — דאָ האָט ער זיך אַליין איבערגעשלאָגען מיט אַ הייסען „אמן!" אין מיטען דאַווענען — געגאַנגען פּאַמעלאַך אין שפּאַניען! וואָס טויג מיר אַריבערצוברענגען אָט די פּריווילעגיעס קיין האָלאַנד, האָב איך מיר געטראַכט. דאָרטען זיינען זיי צו קלוג. איך מוז פון זיי פּטור ווערען ערגיץ אין אַ לאַנד וואָס איז פריי פאַר אידען, וואו עס זיינען אָבער דאָ קאַטאָליקען. וואָס זשע, מיינט איר, האָב איך געטאָן, איך האָב מיך אַריבערגעכאַפּט פון מאַלאַגאַ קיין באַרבאַריע, וואו איך האָב פאַרקויפט מיין איבעריגע סחורה צו אַ פּאָר קאַטאָליקען וואָס וואוינען צווישען די מאָרען. און אַזוי גיך ווי איך האָב אַריינגעלייגט דאָס געלט — אמן! — אין קעשענע, האָב איך זיי ערקלערט, אַז איך בין אַ איד. גאָט פון אברהם! די פּנים'ער, וואָס די גוים האָבען געמאַכט ווען זיי האָבען אויסגעפונען וואָס פאַר אַ שלעכטע מציאה זיי האָבען דאָ געכאַפּט ביים הימעל! זיי האָבען עס גערופען שווינדעל און האָבען מיך פאַרקלאָגט פאַר'ן קאַדי. אָבער" — און דאָ האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטען פון אַ

פרייליך געלעכטער, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם טומעל פון דעם עולם׳ס דאַוונען — „איך האָב גע׳טענה׳ט, אַז אין אַ פרייען פּאַרט האָב איך די פּריווילעגיע צו פּאַרקויפען יעדען סאָרט סחורה, און דער קאָדי האָט געמוזט פּסקנ׳ען לויט דעם געזעץ״.

אין דער פרישקייט פון זיין שטימונג האָט דאָס גבריאל׳ען געקלונגען אַמוזאַנט, באַהאַנדעלט נאַראָנים לויט זייער נאַרישקייט. אָבער עס האָט נישט גענומען לאַנג, ווי אַט די מעשה איז אים פאַרגעקומען ווי אַ צוגאָב צו דער אַנטוישונג און איבערדריסיגקייט מיט זיינע נייע ברידער און זיין נייעם גלויבען. ווייל נאָכדעם ווי ער האָט זיך, מיט זיין ברודער, געלאָזט מל זיין, איבערגעביטען זיין טויף־נאָמען אויף דעם העברעאישען אוריאל, און ווידאַל׳ס אויף יוסף, און אין דער אייגענער צייט לאַטייניזירט דעם פאַמיליען־נאָמען אויף אַקאָסטאַ, האָט ער זיך געפונען פּנים אל פּנים מיט אַ מאַסע קליינינקע געזעצען אַ סך ביטערער פון די קירכליכע. עסען, טרינקען, שלאָפען, אָנטאָן זיך, וואַשען זיך, אַרבייטען. די מינדסטע זאַך מען וויל טאָן, איז מען געיאָגט און געשטערט דורך אומגלויבליכע געבאָטען.

זיין ערשטוינונג איז אַריבער אין מורא, די מורא אין כעס און פאַראַכטונג, ווען עס איז אים קלאָר געוואָרען אין וואָס פאַר אַ נעץ פון צערעמאָניעס ער האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט. די תורה אליין מיט אירע קאָמפּליצירטע תרי״ג מצוות, האָט ער אויסגעפונען, איז ערשט געווען בלויז אַ סקעלעט פון אַ פּאַראַזיטיש געוויקס, וואָס האָט זיך אַריינגעאָדערט מיט אומענדליכע פאַרצווייגונגען אין די אינ־טימסטע קעמערלאַך פון לעבען.

וואָס! אויף אַט די רבני׳שע מאַכערייען האָט ער דאָס אויס־געביטען די הערליכע צערעמאָניעס פון קאַטאָליציזם? האָט ער אַראָפּגעוואָרפען פון זיך די גייסטיגע קייטען, כדי זיך איינצושמידען אין קערפּערליכע?

איז דאָס די גאָלדענע צייט, וואָס ער האָט געזוכט צו געפינען — די פּשוט׳ע משה׳ס גאָט־פירונג פון שכל און רעכטפאַרטיגקייט?

און די אידען אליין, איז דאָס דאָס אתה בחרתנו פאָלק, וואָס ער האָט באַקליידט אין אַזאַ ראָמאַנטישען גלאַנץ — פּעטע אידען וואָס לעבען זיך באַקוועם ווי הינער אונטער׳ן פליגעל פונ׳ם האָלענ־

דישען פארלאמענט. סוחרים מיט רייכע הייזער, וואס באלעבען דעם האלענדישען האנדעל אין אינדיע, וואס בלויז זייערע אויסערליכע פארמען און גלויבענס־געזעצען אונטערשיידען זיי פון די היידנישע האלענדערס, וועלכע זיי האבען נאכגעמאלפעוועט אפילו אין לאזען זיך מאלען פון דיזעלביגע מאלערס. אדער, ווידער, פון דער אנדערער זייט, פון דער ממזר׳ישער ברודערשאפט פון רעכטפארטיגקייט, רויט־אויגיגע קאליקעס וואס שלעפען זיך מיט זייערע פלאכע וועגעלאך אלטווארג, אדער צונויפשטיקענדיג זיך אין אן ענגער געטא פ־ין דימענט־שלייפערס און ציגארמאכערס אין בלאטיגע געסלאך אין ביי די מיסטיגע ברעגען פון בוימלאזע קאנאלען. אה! מען האט אים באשווינדעלט, אריינגענארט, פארראטען.

זיין צארן האט זיך מיט יעדען טאג פארגרעסערט און געפונען אן אויסוועג אין פארביטערטע רייד. אויב דאס איז עס, וואס איז געווארען פון משה׳ס תורה און פון דעם עם הקדוש. וואס ג־הער א זון פון ישראל וועט זיך ארויסרעדען, אלץ בעסער פאר זיין פאלק. איז דאס נישט געווען א באגייסטערונג פון הימעל, וואס האט אים א נאמען געגעבען אוריאל — „פייער פון גאט"? און אז מען האט אים פאר זיינע שטארקע דבורים גערופען צום אויפגעהעצטען בית דין, האט ער זיך נישט געפילט אין מינדסטען איבערגעשראקען פוי׳ם כאכאם מיט זיינע רבנים אין זייערע פייערליכע קליידער.

„פאריזעער!" האט ער אויסגעשריען, כאטש ער איז שוין געווען אויס קריסט, און די גאנצע פאראכטונג פון זיין דערציאונג איז געלעגען אין דעם ווארט.

„אפיקורס!" האבען זיי געענטפערט מיט א נאך מער פאר־ניכטענדיגער פאראכטונג.

„ניין, איך האב אפיקור׳ס ווערק קיינמאל נישט געלייענט, און וואס איך האב געהערט פון זיין לערע, איז מיר דערווידער. איך בין פאר גאט און פאר שכל, און פאר א ריינער אידישקייט".

„פונקט אזוי האט אמאל גערעדט עלישה בן אבויה אין ארץ ישראל", האט זיך דער צווייטער רבי מילדער אנגערופען. „דער מיט זיין גריכישער קולטור, וואס איז איבערגעגאנגען פון סני צום אלימפ, און האט געענדיגט אין אטעאיזם".

„איך ווייס נישט פון אלישע, נאָר מיך וואונדערט נישט וואָס אייער לערע האָט אים געטריבען צו אטעאיזם".

„האָב איך נישט פריהער געזאָגט, אַז דאָס וואָס דו רעדסט איז אטעאיזם, נישט אידישקייט? און קיין אטעאיסט וועלען מיר נישט פארטראָגען צווישען זיך: אונזער קהילה איז נאָך יונג אין אמסטערדאם. דערווייל נאָך פארליידט מען אונז דאָ בלויז, און די האָלענדער איז לייכט צו באַוועגען צו אומרוהען. מיר האָבען מיט מיה געוואונען אונזער באָדען. פאררעטער! ווילסט אויף אונז ברענגען אַ מבול?"

„אַ פאררעטער ביזטו!" האָט אוריאל געענטפערט. „אַ פאר־רעטער צו גאָט און זיין תורה".

„האַלט דיין מויל!" האָט דער כאכאם געדונערט, „אַז נישט וועט מען דיך אין חרם אריינלייגען".

אָבער ער האָט נישט געשוויגען. אין דער היים און אין דרויסען האָט ער ביז צום פארמאטערען געררופען און געמאָנט.

„שוויינ, אוריאל", האָט זיך זיין אַלטע מאמע געבעטען, אויס מורא עס זאָל נישט צושטערט ווערען דאָס גליק וואָס איר נשמה האָט ענדליך געפונען אין אירע אַלטע גייסטיגע וויקעלאך. „די אידישקייט, פון וועלכער דו מאכסט חוזק, איז די אמת'ע, די ריינע אידישקייט, ווי מען האָט זי מיך געלערנט אין מיינע קינדער־יאָרען. לאָמיך גיין אין קבר אריין בשלום".

„שוויינ, אוריאל", האָט זיך ביי אים זיין ברודער יוסף געבעטען. „אויב דו וועסט נישט נאָכגעבען, וועט מיך דער אַלטער מנשה מיט זיינע ידידים ארויסווארפען פון די גוטע שפעקולאַציעס אין אינדיע, וואו איך האָב אויך דיין געלט אריינגעלייגט פאר דיר. זיי האָבען שוין אַ האַלבען הונדערט פריוואטע קריגשיפען, און דער פארלאַמענט וועט פארקויפען יעדע זאַך, וואָס וועט פארקריפלען שפּאַניע, אַז ווען מיר זאָלען קענען פארכאַפּען איר זילבער־פלאָטע אָדער פארנעמען פּאָרטוגעזישע קאָלאָניעס אין דרום־אמעריקע, וועלען מיר דערלעבען אי אַ נקמה אין אונזערע שונאים, אי גרויסע פּראָפיטען. און ער האָט אַ נישקשה'דיג שיינע טאָכטער, מנשה, און מיר דאַכט זיך, אַז זי קוקט נישט ברוגז אויף מיר. איך בעט דיך, גיב נאָך! דער דאָזיגער גלויבען געפעלט מיר שטאַרק — נישטאָ

קיין מתודה זיין זיך, נישטאָ קיין פארדאמונג, און ס'איז דער גלויבען פון אונזערע פאָטערס".

„נישטאָ קיין פארדאמונג — אודאי, אָבער קיין אויסלייזונג אויך נישט. זיי לערנען גאָרנישט וועגען אומשטערבליכקייט. זייער גלויבען איז פון דער ערד, ערדיש".

„צו וואָס זשע האָסטו מיך ארויסגעשלעפט פון פּאָרטוגאַל?" האָט יוסף מיט כעס געפרעגט.

אָבער אוריאל'ן — דאָס פייער פון גאָט — האָט מען נישט געקענט פארלעשען. און אזוי, נישט אָן אָפטער וואָרעניש, איז געפאַלען דאָס פייער פון מענש אויף אים. פאַר אַ פייערליכער עדה אין דער שווארץ-באהאנגענער שול, מיט די מורא'דיגע סמנים פון פארלאָשענע ליכט, האָט מען געלייגט אוריאל אקאָסטאַ'ן אין חרם אריין, און פון דאמאָלס אָן האָט קיין איד, ווייב אָדער קינד נישט געטאָרט גיין אָדער ריידען מיט אים. אפילו די בעטלערס האָבען נישט געוואָלט נעמען זיינע נדבות, און הענדלערס אין גאַס האָבען אויסגעשפּיגען ווען ער איז פארבייגעגאַנגען. זיין אייגענע מאַמע און ברודער, וואָס זיינען איצט געווען איינגאַנצען אונטער דעם איינפלוס פון זייער נייעם אידישען קרייז, האָבען זיך דערווייטערט פון זיינע טריפה'נע דלת אמות, און האָבען אים געלאָזט אַליין אין דעם גרויסען הויז מיט דעם שווארצען דינער. און דאָס הויז האָט מען אויסגעמידען גלייך עס וואָלט געווען באצייכענט מיט דעם צלם פון מגפה. די דרייסטערע אידישע אינגלאַך פלעגען וואַרפען שטיינער אין זיינע פענסטער אָדער טרייסלען די טירען, אָבער נאָך אַ בעסערע שפּיל איז געווען נאָכצולויפען אים אַליין, ביי די זעלטענע געלעגענהייטען, ווען ער האָט זיך באוויזען אין גאַס, אויסצושפּייען אזוי ווי די עלטערע אידען, ווען מען האָט אים דערזען, באוואַרפען אים מיט בלאָטע און אים נאָכשרייען: „אפּיקורס!" „ממזר!" „פּושע בישראל!"

## VIII.

אָבער כאָטש די רבנים האָבען דורך אָט דער אָפּזונדערונג פּאַקטיש אויסגעשניטען דעם אפּיקורס' צונג — ווייל ער האָט קיין האָלענדיש נישט געקענט און האָט אין דער אמת'ען קיינמאָל נישט

אויסגעלערנט זיך דורכצושמועסען מיט זיינע קריסטליכע שכנים — איז אים אבער דאך געבליבען זיין פעדער, און מורא האבענדיג פאר זיין אנפאל אויף זיי, וואס מען האט געזאגט, אז ער גרייט צו הינטער די פארלאדענטע פענסטער פון זיין גרויס פאראיינזאמט הויז, האבען זיי אנגעשטעלט שמואל דא סילווא׳ן, א דאקטאר, וואס איז געווען אלצאיינס פעהיג מיט דער לאנצ און מיט דער פען, ער זאל אים פריהער אנטקעגענקומען מיט א געגענקלאפ, וואס איז געווען אויסגערעכענט צו דיסקרעדיטירען דעם אפיקורס. ער פארלייקענט אומשטערבליכקייט, האט דא סילווא מיט גרויל געגעבען אנצוהערען אין זיין פיינער פארטוגעזישער אפהאנדלונג: טראקטאט וועגען אומ־שטערבליכקייט" און האט הפנים באזירט זיין קענטעניש פון אוריאל׳ס „ווילדע און שעדליכע מיינונגען" אויף די צודרייטע באריכטען פון דעם אפיקורס׳ ברודער, נאר נישט דערמאנענדיג זיין פארבאטענעם נאמען.

„פאלשע בלבולים!" האט אוריאל געשריען אין זיין ענטפער, וועלכען ער האט זיך גענומען צייט צו ענדיגען, וויל מען איז אים דעם וועג פארלאפען. אבער ער האט בלויז באשטעטיגט דעם אלגעמיינעם באגריף פון זיינע מאטעריאליסטישע טעות׳ען און עס איז אים הפנים נישט קלאר געווען דער ענין עולם הבא. זיין געדאנק איז געגאנגען ווייטער. און אזוי ווי ער האט זיך באקלאגט פאר יוסף׳ן, אז די רבנים לייגען נישט קיין געוויכט אויף אומ־שטערבליכקייט, האט אים א ווייטערע אונטערזוכונג אין דער תורה באוויזען, אז משה אליין האט זיך גארנישט אפגעגעבען מיט דעם באגריף, און האט נישט געזוכט צו באפעסטיגען די מאראל פון הייגט דורך אנשרעקען מיט א יענער וועלט נאכ׳ן טויט.

אזוי האט זיך אוריאל אליין פאר׳משפט, און די רבנים האבען געזיגט, אויבערפלעכליך בארעכטיגט אין די אויגען פון זייער סטאדע אנטקעגען דעם לעסטערדיגען מאטעריאליסט. ניין, אוריאל מוז אריינפאלען אין דעם גרוב וואס ער האט אליין געגראבען. די גבאים פון דער קהילה האבען זיך געווענדט צו די ריכטער. זיי האבען פארטאפעטע איבערזעצט אויסצוגען פון זיין זינדיג בוך „טראדיציאנעלע פאריזער פארגליכען מיט דער תורה שבכתב".

אוריאל איז גערופען געוואָרען צום געריכט, באשטראָפט צו באַצאָלען דריי הונדערט גולדען, איינגעזעצט אויף אכט טעג. דאָס בוך איז פאַרברענט געוואָרען.

אָבער דער פּלאַם אין דעם געפאַנגענעם'ס האַרץ האָט נישט וועניגער צושטערענדיג געברענט, ווען ער האָט זיך געוואַלגערט אויף זיין נאַרע, געביסען די ליפּען, איינגעגראָבען זיינע נעגעל אין די הענט, און געשאָלטען די בייזוויליגע פאַרקריפּלערס פון ריינער אידישקייט, וועלכע האָבען אים פאַרשעמט אפילו פאַר די האָלענדערס. ער, דער שטאָלצער און אומדערשראָקענער איידעלמאַן פון פּאָרטוגאַל, איז געשטעמפּעלט אַלס פאַרברעכער פון אָט די פיש-בלוטיגע האָלענדער. ער וועט קיינמאָל נישט קומען מער אין באַרירונג מיט זיינע מיטמענשען — קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט! אַליין מיט גאָט און מיט זיינע געדאַנקען וועט ער לעבען און שטאַרבען.

און אַזוי יאָר נאָך יאָר, כאָטש ער איז געבליבען אין דער שטאָט וואו זיינע טייערע האָבען געוואוינט, איז ער דאָך געבליבען וואוינען אין דעם הויז מיט די קאַלטע מאַרמאָר-זיילען און נישט גערעדט מיט מאַן אָדער פרוי, אחוץ מיט זיין מאַרישען דינער. און ער איז קיינמאָל נישט ארויסגעקומען, סיידען אין אַ שעה, ווען זיינע קינדישע פאַרפאָלגערס זיינען געוועזען אין בעט, אַזוי אַז מיט דער צייט האָבען זיי זיך אויפגעזוכט נייע שפּילערייען. נאָר ביינאַכט האָט מען אים טיילמאָל געקענט באַגעגנען וואַנדערענדיג ביי די טונקעלע קאַנאַלען, מיט אויגען וואָס האָבען געהאַט דעם אינערליכען בליק פון דעם אָפּגעשלאָסענעם מתמיד, וועלכע האָבען אויסגעוויזען גלייך זיי וואָלטען גאָרנישט געזען פון דער טונקעלער פינקעלדיגער שיינקייט פון שטערען-באַלויכטענע וואַסערען אָדער די צאַרטע פאַרבען פון נעפּעל און פאַרע, נאָר פול בלויז מיט דעם אומעט פון גרויע בלאָטעס, און זיינען טיילמאָל פייכט געוואָרען מיט ביטערער בייַנקשאַפט צו דער זון און די אָראַנזשען-בוימער און דער וואַרימקייט פון פריינדליכע פּנימער. און טיילמאָל אינ'ם קאַלטען פאַרטאָג האָבען אים די פריהע מאַרק-מענשען באַגעגנט, רייטענדיג ווילד אין דער אומגעגנט, אין דעם זיידענעם דובלעט פון אַ פּאָרטוגעזישען נאָבעלמאַן, מיט זיין קלינגענדיגער שווערט און אין דער האַנט

א זילבער־איינגעפאסטען פיסטויל, מיט וועלכען ער פלעגט אראפ־שיסען צווייגעלאך, פארביילויפענדיג. און ווען זיין געליבטער ברודער האט חתונה געהאט מיט מנשה'ס טאכטער, דעם מיליאנער און פרעזידענט פון דער אינדיע־געזעלשאפט, וועלכע האט אין יענעם וואונדערליכען יאר געצאלט אירע אקציאנערען א פראפיט פון פינפאונזיבעציג אין הונדערט, האבען טייל פון די חתונה־געסט באהויפט, אז זיי האבען געכאפט א בליק אויף אוריאל'ס טונקעל, בענקשאפטליך פנים צווישען דעם הויכפארביגען עולם, וואס האט זיך פארזאמעלט פאר דער שול צו זעהן ווי עס וועט אנקומען יוסף אקאסטא מיט זיין שיינער כלה. און עס זיינען געווען אזעלכע וואס האבען געזאגט, אז אוריאל האט געהאלטען די הענט אין דער הויך און האט געבענשט. און איינמאל אין א מיטען נאכט אן א לבנה, ווען די בכבוד'יגע דאנא אקאסטא איז פון דער וועלט אוועק, האט דער וועכטער אויפ'ן אידישען בית עלמין, דערהערענדיג א פאר־דעכטיג גערודער, זיך אראפגעגנב'עט פון זיין טורעם, און אנגע־שטעלט זיין לאמטערן אויף — נישט קיין מתים־גנב, נאר — א נאך שענדליכערע זאך! — די וויינענדיגע געשטאלט פון אוריאל אקאסטא איבער א פריש־צוגראבען קבר, פאראומרייניגענדיג די הייליגע ערד פונ'ם בית החיים!

## IX.

און אזוי זיינען די צייטען און די יארען פארגאנגען און האבען איינגעמויערט דעם איינזאמען דענקער מיט אן אייזיגער פעסטקייט, און האבען עס בלויז שווערער געמאכט ווען עס איז דורכצוברעכען אדער צושמעלצען זיינע תפיסה־ווענט. כמעט פופצען לאנגע ווינטער־יארען זיינען פארגאנגען אין אן איינזאמקייט געמילדערט דורך טעאלאגישען געדאנק, און אוריאל, כמעט פארגעסען פון זיין פאלק, האט זיך איצט שוין אפילו דערווייטערט פון משה'ס גלויבען. בלויז אין הארצען וואוינט דער גלויבען. דערפאר האט קיין שום אזוי־גערופענע אנטפלעקונג, וואס איז געווען אין ווידערשפרוך מיט דער נאטור, נישט געקענט זיין אמת. ריכטיגער גלויבען מוז זיין לויט דעם ריכטיגען שכל. אבער קיין גלויבען האט נישט געקענט זיין שכל'דיג וואס האט אויפגעהעצט ברודער געגען ברודער. אלע

צערעמאָניעס זיינען געווען נעגען שכל. נוטסקייט איז געווען דער איינציגער אמת'ער גלויבען. אַזעלכע דרייסטע אויספירונגען פלעגען טיילמאָל אים אַליין איבערשרעקען, ווייל ער איז געווען אַליין אין דער וועלט מיט זיי. „אַלע צרות", האָט זיין נאָטיץ־בוך אונטער־געפירט אין זיין קאָמפּאַקטען לאַטיין, „קומען פון נישט פאָלגען דעם שכל הישר און דעם געזעץ פון דער נאַטור".

און טראַכטענדיג אַזעלכע געדאַנקען אין דער טויטער שפּראַך, וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר איינעם וואָס איז געווען אָפּגעשניטען פון לעבען, פאַר וועמען האַלענדיש איז קיינמאָל נישט געווען מער פון אַן אומפאַרשטענדליכען זשאַרגאָן פון אַ גייסטלאָז פאָלק, איז ער איינמאָל אין אַ קאַלטען אָווענט אַרויס פון זיין הויז, ווען אימיצער האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אויף'ן אַקסעל, און אומדרייענדיג זיך אין פאַרוואונדערונג, איז ער נאָך מער פאַרוואונדערט געוואָרען, ווען ער האָט דערזען צום ערשטען מאָל אין פופצען יאָר, אַ מענש ווי ער וואָס האָט אים אויסגעשטרעקט אַ פריינדליכען שמייכעל און אַ פריינדליכע האַנט. ער האָט זיך אינסטינקטיוו צוריקגעצויגען און האָט אפילו נישט דערקענט די אַלט־געוואָרענע, ווייס־בערדיגע, אָבער קרעפּטיגע פיגור.

„וואָס, סעניאָר דאַ קאָסטאַ! דו האָסט פאַרגעסען דיין קרבן?"

מיט אַ מאָדנעם ציטער האָט ער דערפילט ווי די ענדלאָזע יאָרען אין אַמסטערדאַם האָבען זיך אַראָפּגעגליטשט פון אים אַזוי ווי די רינגען פון עפּעס אַן אייזינער שלאַנג, ווען ער האָט דערקענט דאָס אָנגענעמע קול פון דעם דאָקטאָר פון פּאָרטאָ, און כאָטש ער האָט זיך צוריקגעפונען אין דער תפיסה פון דער הייליגער אינקוויזיציע, האָט ער אָבער נישט געפילט דעם חושך פון די קעלערען, נאָר זונשיין און בלויע הימלען און פרילינג און יוגענט. דורך דעם צאַרטען נעפּעל פון זיסע טרערען האָט ער אָנגעקוקט דאָס ליבליכע געקנייטשטע פּנים פון דעם גרויז־געוואָרענעם דאָקטאָר און האָט פעסט געדריקט זיין גרויסע וואַרימע האַנט, פאַרגעסענדיג זי אַרויס־צולאָזען, גלייך זי וואָלט אים צוריקגעצויגען צו לעבען און ליבע און חבר'שאַפט.

די ערשטע עטליכע ווערטער האָבען קלאָר געמאַכט, אַז דאָס דיענאַ האָט נישט געהערט וועגען אוריאל'ס חרם. ער איז געווען

ניי אין שטאָט, זייענדיג אהער פארטריבען געוואָרען, פּאַטעטיש געגוג, ביים סאַמע סוף פון זיין לעבען דורך דער באַנייטער טעטיגקייט פון דער אינקוויזיציע. „איך האָב געבענקט צו שטאַרבען אין פּאָרטוגאַל", האָט ער געזאָגט, מיט זיין קרעפטיגען געלעכטער, „אָבער נישט אין די הענט פון דער אינקוויזיציע".

אוריאַל'ן האָט געשטיקט אַ ווילדער אימפּולס צו פאַרדאַמען די גרויזאַמערע אינקוויזיציע פון אידענטום, ווען ער האָט זיך פּלוצלונג דערמאָנט, אַז דאָס דיעזע קען פון אים מיט אַמאָל צונעמען די ברכה פון ריידען מיט אַ מענשען.

„האָסט געהאַט אַ גוטע רייזע?" האָט ער אַנשטאָט דעם געפרעגט.

„ניין, די בוואַליעס זיינען געווען ווי די קאַטאָליקען", האָט דער אַלטער געענטפערט מיט אַ זויער פּנים. אָבער, גאָט פון ישראל דערמעלט נישט און שלאָפט נישט, און עס פרייט מיך זייער וואָס איך האָב דיך באַגעגענט, שוין דערפאַר אַליין וואָס דו וועסט מיך צוריקפירען צו מיין וואוינונג אין אָט דעם פּלאָנטער פון קאַנאַלען".

אויפ'ן וועג האָט אוריאַל ווי עס איז געענטפערט אויף דעם אַלטען'ס פראַגען. זיין מוטער איז געווען טויט. זיין ברודער ווידאַל האָט חתונה געהאַט, כאָטש זיין ווייב איז געשטאָרבען עטליכע יאָר שפּעטער אין קימפּעט מיט אַ אינגעל, וואָס איז אויפגעוואַקסען שיין ווי אַ מלאך. יאָ, די געשעפטען זיינען ביי אים געגאַנגען גאַנץ גוט, ווייל ער האָט זיי שוין פון אַ צייט פאַרטרויט יוספ'ן — דאָס הייסט ווידאַל'ן — וועלכער האָט דאָס גאַנצע משפחה־פאַרמעגען אריינגעלייגט אין אַ האָלענדישער אונטערנעמונג וואָס הייסט די וועסט אינדיע געזעלשאַפט, וועלכע האָט אַ פלאָטע פון פּריוואַטע קריגשיפען צו פּליגדערען די אוצר־שיפען אין דער מלחמה מיט שפּאַניע. ער האָט נישט אויסגעזאָגט, אַז זיינע אייגענע פּראָצענטען האָט מען אים אויסגעצאָלט אין אַ פאָרמעלען בריף דורך אַן אַדוואָקאַט, און אַז ער איז כסדר אַרומגעגאַנגען אין שרעק, אַז זיין דערוואַקסענער פרומער ברודער, וואָס איז איצט אַ זייל אין שול, וועט אין איין שיינעם טאָג פרום פאַרכאַפּען דעם אַפּיקורס' אייגענטום, שטיצענדיג זיך אויף דער טייוועל ווייסט וואָס פאַר אַ געזעץ פון דער קירך אָדער שטאָט, און וועט אים לאָזען אויסגיין

פון הונגער. נאָר ער האָט זיך די גאַנצע צייט פון זייער שפּאַציר געוואונדערט פאַרוואָס דאָס דיעגאָ, וועלכער האָט זיך כסדר דורכגעשריבען מיט אַמסטערדאַם, האָט קיינמאָל נישט געהערט וועגען זיין חרם, און עס איז אים ווידער ביטער געוואָרען ווען ער האָט זיך דערמאָנט אַז אין חרם האָט מען אפילו זיין נאָמען נישט געטאָרט דערמאָנען, אַז ער איז ווי אַ מת, באַגראָבען, פאַרוואָרפען אין פאַרגעסענהייט. נאָך איידער ער האָט אָנגענומען דעם דאָקטאָר'ס איינלאדונג אַריבערצוטרעטען זיין שוועל, האָט ער געהאַט ביי זיך באַשלאָסען אויסצונוצען דאָס שווייגען זיינס פאַר זיך. ער, וואָס זיין אינערליכער שטאָלץ איז געווען זיין אומבאַפלעקטער האָנאָר, האָט באַשלאָסען אָפּצושפּילען אַ שווייגענדיגען ליגען. וואָס, ס'איז נישט אָנשטענדיג אַריבערצושפּיצען די באַנדע מיט זייערע אייגענע כלי זין? ער איז שוין אָפּגעווישט פון מענשען'ס זכרון — זאָל זיין אַזוי. דאַרף ער איצט אָפּגעשניטען ווערען פון דער פלוצימדיגער פרייד פון פריינדשאַפט מיט איינעם פון זיין אייגען בלוט און פאָלק, ער וואָס זיין נשמה איז אויסגעגאַנגען פון דורשט, כאָטש ביז דעם מאָמענט איז ער געווען צו שטאָלץ זיך אַליין עס צוצוגעבען?

נאָר ווען ער איז אַריינגעקומען אין דאָס דיעגאָ'ס וואוינונג און האָט דערזעהן די אומדערוואַרטע פאַרגעסענע יאַנטע — יאַנטע, וועלכע איז אויסגעוואַקסען פון דעם זיסען קינד צום דעם אומפאַרגלייכליכען חן פון ערשטער פרויענשאַפט; יאַנטע מיט אירע טונקעלע שמייכעלדיגע אויגען און איר צערטעלדיג קול און אירע פיינע באַוועגונגען — האָט זיך זיין אַנטשלוס פּאַסיוו צו שווייגען איבערגעביטען אויף אַ באַשלוס צו קעמפען פאַרצווייפעלט, אַז זיי זאָלען אים נישט אויסגעפינען. אין דעם גליה פון זיין נשמה, אין דעם אויפברויז פון יוגענט און פרילינג אין זיינע אָדערען, אין זיין שטימונג פון אַנציקונג, איז דער ערשטער בליק פון אַ שיין מיידעל'ס פנים, וואָס האָט צוגעשמייכעלט צו באַגריסען איר פאָטער'ס גאַסט, געווען געווען אָנצוצינדען זיין האַרץ מיט אַ נייע געפיל, זיס, שטורעמדיג, הייליג. וואָס פאַר אַ פרייליכער אָוועגט־מאָלצייט דאָס איז געווען. יעדען מאכל געגעסען מיט דעם זאַפט פון זכרונות פון פרייד! ווי שטיפעריש ער האָט דערמאָנט יאַנטע'ן אירע קינדישע באַנעמונגען און ווערטלאַך! פאַרשטייט זיך, אַז זי געדענקט אים,

האט זי געזאגט, און די שפילצייג און בלומען, און זי האט דערמאנט ווי קאמיש ער פלעגט קנייטשען דעם שטערען ווען ער האט ארגו־מענטירט מיט איר פאטער. יא, ער האט נאך די אייגענע קאמישע קנייטשען, און איינמאל האט זי אויף א רגע לייכט אנגערירט זיין שטערען מיט אירע שלאנקע פינגער צו באווייזען איר שפאס, און ער האט אויפגעציטערט אין פיינליכער אנטציקונג. און דערנאך האט זי געשפילט אויף דער גיטארע, אויף דער גיטארע וואס ער האט איר אמאל געגעבען, די שלאנקע פינגער האבען ארויסגעבראכט אנטציקענדיגע מוזיק פון דעם פיל־סטרוניגען אינסטרומענט, כאטש איר פאזע שפילענדיג איז געווען נאך כשופ'דיגער. וואס פאר א פרעכטיגען אנבליק פון ווייסע אקסלען און פיינע שפיצען ער האט געהאט, א דאנק איר גלייך־געשניטען שווארץ אויבער־קארסעטעל!

ער איז אוועק פון דעם הויז שכור, באגייסטערט, און ווען די קאלטע נאכט־לופט האט אים געבייטשט דעם שטערען, וועלכען זי האט בארירט, האט אים א פייערדיגע ענערגיע דורכגענומען. ער איז נאך יונג, גאט צו דאנקען, כאטש פופצען יאר זיינען אים אויסגעגעסען געווארען פון זיין לעבען, און ער האט זיך שוין גע־האלטען פאר אזוי אלט און גרוי ווי די בלאטעס. ער איז נאך יונג, האט ער זיך אליין געזאגט ווילד, עקשנות'דיג. אין דערהיים איז זיין נאטיץ־בוך געלעגען אפען, ווי געוועגליך, אויף זיין שרייב־טיש, ווי א פריינד וואס ווארט צו הערען וואסערע געדאנקען עס זיינען צו אים געקומען אויף זיין איינזאמען שפאציר. ווי דערווייטערט און פרעמד האט אים אט דער קאלטער חבר איצט אויסגעזעהן, ווי נישט פאסיג, און דאך, ווען זיין אויג האט גייגעריג א קוק געטאן אויף דעם לעצט־פארשריבענעם זאץ, ווי פאסיג! „אלע צרות קומען פון נישט נאכפאלגען דעם שכל הישר און דעם געזעץ פון דער נאטור“. ווי אמת! ער האט נישט געפאלגט דעם שכל הישר און נישט דאס געזעץ פון דער נאטור.

## X.

אין דערפרי, ווען דאס קאלטע אומרחמנות'דיגע אויג פונ'ם דענקער האט דורכגעדרונגען די סאפיזמען פון באגער אזוי קלאר ווי זיין קערפערליך אויג האט געזעהן די גרויקייט אין זיינע האר

און די פּריצייטיגע עלטער אין זיין פּנים, האָט ער געזעהן ווי אוממעגליך עס איז צו האַלטען זיין לאַגע בסוד פון דאָס דיעגאָ'ן. דער כבוד האָט עס אים פאַרבאָטען, כאָטש דאָס, האָט ער זיך אַליין צוגעגעבען, וואָלט זיך וועניג גערעכענט, ווען ער איז נישט זיכער, אַז דער סוד וועט ארויסקומען. ווען ער זאָל גיין צום דאָקטאָר, מוז ער דאָרט באַגעגענען אַנדערע אידען. אַ טייל, קען זיין, פונ'ם אינגערען דור, וועלען זיך פון זיין פאַרגעסענעם נאָמען אויף דאָס מינדסטע נישט איבערראשקען. אָבער דאָס דיעגאָ'ס פריינד מוזען דאָך זיין עלטערע אידען. ניין, ער מוז אַליין וואָרענען דאָס דיעגאָ'ן, אַז ער איז אַ מצורע, אַן אויסגעשטויסענער. אָבער אַזוי ווי דאָס קאָן אַמאָל זיין אַ לעצטע צושיידונג — מוז ער זיך פריהער באַגעגענען מיט אים אויף אַ זייגעזונט. ער האָט געשיקט פעדראָ'ן מיט אַ בריף צום דאָקטאָר, בעטענדיג ער זאָל אים דערלויבען אומצוקערען זיין גאַסטפריינדשאַפט דעם אייגענעם אָוונט. און אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט אָנגענומען די איינלאַדונג פאַר זיך און פאַר זיין טאָכטער, האָט מען געשיקט נאָך אַ דינסט, דאָס גרויסע שפּינבאַוועבטע הויז איז געוואָרען געריבען און געפּוצט אין די וואוין־צימערען, דאָס אַלטע זילבערוואַרג האָט מען אויסגעגראָבען פון די פאַרשימעלטע שאַפעס, די שווערע איילבילדער האָט מען אָפּגעשטויבט, מען האָט אויפגעהאַנגען אַ לעבעדיג קאַנאַריקעל אין אַ העל שטייגעלע אויף אַ מאַרמאָרזייל פונ'ם עסצימער, איבער די געשניצטע מלאכים. מען האָט אַריינגעבראַכט בלומען, און ביינאַכט, אין ווייסען שיין פון די ליכט, ווען די שפּורען פון לאַנג־יאָריגער פאַרנאַכלעסיגונג זיינען געווען פאַרשטעלט און באַהאַלטען, האָט אַ גייסט פון יום טוב'דיגקייט און פרייליכקייט געהערשט אין הויז, גלייך עס וואָלט דאָרט נאַטירליך געווען אַזוי, און דער שוואַרצער דינער אין די רויטע קני־הויזען, און גאָלד־באַשניטענען ראָק, און טורבאַן מיט אַ בלויער פעדער, וועלכער האָט ביז איצט אַזוי נישט געפּאַסט זיך אין דער אַלגעמיינער גרויסקייט, האָט איצט אויסגעזעהן ווי אַ טייל פון דעם געוועלבען הינטערגרונט און אוריאל איז אויך אינגער געוואָרען. מיט דעם הויז, ער איז געווען אַ שיינע פיגור אין שטיקערייען, ווען ער איז געזעסען ביים טיש און פריילאַך געשמועסט און געשפּאַסט מיט דעם דאָקטאָר און מיט יאַנטע'ן.

נאָך דעם מאָלצייט און דעם וויין, וואָס בלויז פון אים האָט מען נישט פארשעמט אָפּגעווישט דאָס שפּיגוועבס, איז זיך דאָס דיעגאָ באַקוועם איינגעשלאָפען, און האָט אויסגעזעהן אַזוי אַלט און אויסגעמאַטערט ווען דאָס ליכט פון זיין דירעוודיגער פאַנטאַזיע איז אָפּגעשטאָרבען פון זיין פנים, אַז אוריאל און יאַנטע האָבען אָנגעהויבען ריידען אין אַ צאַרטערען טאָן אויס מורא אים צו שטערען. באַלד זיינען זיך אויך זייערע הענט צוזאַמענגעקומען, און — אַזוי פלינק איז געווען די סימפּאַטיע צווישען די צוויי ליבליכע יונגע מענשען — אַז זיי האָבען זיך נישט צושיידט. און פּלוצלונג, זיין ליידענשאַפט אָנגעצונדען דורך איר ווארימען צוריר און איר אָטעם, אַ געשטאָבענער פון מורא, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל וואָס ער וועט זי זעהן, האָט ער איר געזאָגט, אַז צום ערשטען מאָל אין זיין לעבען ווייסט ער ערשט וואָס עס מיינט ליבע.

„אָ, ווען דו וואָלסט מיך נאָר אויך געליבט!" האָט ער גע־שטאַמעלט מיט אַ טרוקענעם האַלז. „אָבער ניין, דאָס וואָלט געווען צופיל צו האָפען פאַר אַ מאַן אין מיינע יאָרען. וויינינגסטענס רוים מיר איין, אַז עס שטויסט דיך נישט אָפּ פון מיר".

זי האָט געהאַלטען ביי ענטפערען, ווען ער האָט פּלוצלונג געלאָזט פאַלען איר האַנט און זי אָפּגעשטעלט מיט אַ באַוועגונג אַזוי פּלוצלונג ווי זיין געשטענדעניש.

„ניין, ענטפער מיר נישט. נישט איידער איך וועל דיר אויסזאָגען דאָס וואָס מיין כבוד פאַרבאָט מיר צו באַהאַלטען".

און ער האָט דערציילט די געשיכטע פון זיין חרם און זיין לאַנגער איינזאַמקייט, און איר פנים האָט געפלאַמט צווישען שרעק און רחמנות.

„ענטפער מיר איצט", האָט ער געזאָגט, כמעט שטרענג, „וואָלסטו געקענט ליבען אַזאַ מענש, פאַרשטויסען פון זיין פאָלק, אַ שאַנדוואָרט און אַ חוזק, צו וועמען עס איז אַ זינד געגען הימעל צו ריידען אפילו?"

„זיי וועלען אונז נישט לאָזען חתונה האָבען", האָט זי הילפלאָז אַרויסגעמורמעלט.

„אָבער וואָלסטו מיך געקענט ליבען?"

זי האָט מיט אַן אָטעם די אויגען אַראָפּגעלאָזט, „נאָך שטאַרקער, ווייל דו האָסט אַזוי געליטען".

נאָר אפילו אין דער באַגייסטערונג פון איר צושטימונג, האָט ער געהאַט אַ קאַלטען אונטערשטראָם פון באַוואוסטזיין, אַז זי האָט נישט פאַרשטאַנען. אַז, דערפאַר וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געלעבט אין אַ נישט־פאַרפאָלגטער אידישער קהילה, האָט זי נישט געהאַט קיין באַגריף פון דער קהילה'ס אייגענער מאַכט צו פאַר־פאָלגען. דאָך איז אָבער נישט נויטיג צו בלייבען אין אַמסטערדאַם איצט. זיי קענען לעבען ערגעץ אין אַן איינזאַם אָרט, און זייער גלויבען וועט זיין דער שכל הישר וואָס ער וועט מיט איר לערנען. אַזוי זיינען זיך זייערע הענט ווידער צוזאַמענגעקומען, און איינמאָל האָבען זיך זייערע ליפּען באַגעגענט. אָבער מען האָט נאָך באַדאַרפט דערציילען דעם טאַטען וועגען זייער פלוצלונג־געבוירענער, פלוצלונג־אויסגעוואַקסענער ליבע, און דאָס האָט אוריאל מיט זיין כאַראַקטער־ריסטישער אימפּולסיוויקייט געטאָן אַזוי גיך ווי דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעכאַפּט.

„גאָט זאָל זיך מרחם זיין אויף מיר!" האָט דאָס דיעגאָ זיך אָנגערופען, „וואָס זשע, איך חלום נאָך?"

און נאָך מער האָט זיך אים אויסגעוויזען, אַז ער חלום'ט נאָך, ווען אוריאל האָט פאַר אים איבערגע'חזר'ט די מעשה פון זיין חרם.

„און דער חרם איז נאָך אַלץ אין קראַפט?" האָט ער אים איבערגעשלאָגען.

„מען האָט אים פון מיר נישט אַראָפּגענומען", האָט אוריאל טרויעריג געזאָגט.

דער גרויער גבר איז אויפגעשפּרונגען.

„און מיט אַזאַ שאַנדפלעק אויף דיין שטערען האָסטו זיך דערוועגט צו ריידען צו מיין טאָכטער!"

„טאַטע!" האָט יאַנטע אויסגעשריען.

„טאַטע מיך נישט! ער האָט אונז אַריינגעשווינדעלט אַהער מיט פאַלשקייטען. דורך אים האָבען מיר געבראָכען דעם הייליגען פאַרבאָט פון די רבנים. ער איז אַרויסגעשטויסען — ער און זיין הויז און זיין שפּייז. חוטא! וואָס פאַר אַ פליייש האָסטו אונז געגעבען צו עסען? איז דיין פליייש כשר?"

„דו, אַ קולטורעלער מענש, גיסט זיך אָפּ מיט אַזעלכע קינדישע זאַכען?"

„קינדישע זאַכען? פאַרוואָס האָב איך דען פאַרלאָזט מיין פאָרטוגאַל?"

„אַלע צערעמאָניעס זיינען געגען דעם שכל הישר", האָט אוריאַל שטיל געזאָגט, און זיין פּנים איז טויט־בלאַס געוואָרען.

„איצט זעה איך, אַז דו האָסט קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען אונזער הייליגען און שיינעם גלויבען. קולטורעלע מענשען, אודאי! איז נישט אונזער אַמסטערדאַמער קהילה פול מיט קולטורעלע מענ־שען — גראַמאַטיקער, דיכטער, פאָרשער פון תנ"ך, פילאָזאָפען, יוריסטען, אָבער דאַרפסט אין זינען האָבען, אַז דאָס איז פלייש און בלוט, נישט קיין דיאַגראַמען אויסגעשניטען פון עקליד'ען. וואָס האַלט אונזער פאָלק צוזאַמען? צערעמאָניע! וואָס האַלט אויף און פאַראייניגט זיינע צושפּרייטע אַטאָמען איבער דער גאַנצער וועלט? צערעמאָניע! און וואָס איז צערעמאָניע? פּאָעזיע. דאָס איז די טראַדיציע וואָס ציהט זיך פונ'ם גרויען אַלטערטום, די פאַרב פון לעבען".

„דאָס איז אַ דערשלאָגענע שקלאַפעריי", האָט זיך אוריאַל שוין שוואַכער אָנגערופען.

„דערשלאָגען! דאָס איז אַ גליקליכע עבדה! דו האָסט קיינ־מאָל נישט געטאַנצט שמחת תורה? ווער קען אַזוי פרייליך זיין ווי אונזערע ברידער? וואו האָסטו נאָך אַ גלויבען אַזוי פיל מיט פרייד? די צרה מיט דיר איז, וואָס דו האָסט נישט פון דיין קינדהייט קיין פאַרבינדונגען מיט אונזער וואונדערליכען גלויבען, דו ביזט צו אים געקומען, ווען דו ביזט שוין געווען אַ מאַן, מיט גאָרנישט חוץ מיט דעם קאַלטען אויג פון שכל".

„אָבער דו נעמסט דאָך נישט אָן יעדע זאַך וואָס די רבנים טראַכטען אויס. וויינינגסטענס אין פּאָרטאָ האָסטו נישט אָפּגעהיט יעדע זאַך".

„איך האָב אָפּגעהיט וואָס איך האָב געקענט. איך גלויב וואָס איך קען. אויב איך האָב מיינע פּריוואַטע צווייפלען, פאַרוואָס זאָל איך זיי אַרויסשטעלען כדי צו צומישען די קהילה? איך האָב אַ פריינד טאַקע דאָ אין דער שטאָט — איך וויל זיין נאָמען נישט

דערמאָנגען — נאָר מיר דאַכט זיך, אז ער איז אַ גרעסערער אַפּיקורס פון דיר. אָבער וועט ער צורודערען די געדאַנקען ביים פּראָסטען עולם? ניין, נישט ער. ער פאַרנעמט אַן אָנגעזעהן אָרט אין שול, ער איז אַ ברכה פאַר אַלע אידען, און ער פאַרטרויט זיינע צווייפלען מיר אין בריף, געשריבען אין פיינעם לאַטיין. ניין, ניין, סעניאָר דאַ קאָסטאַ, די וועלט האָט נישט ליב קיין מויערען־איינברעכער".

און ווי דער אַלטער דאָקטאָר האָט גערעדט, האָט אוריאל'ען פאַמעלאַך אָנגעהויבען קלאָר ווערען, אַז ער האָט שלעכט באַגריפען דאָס מענשליכע לעבען, אַז ער האָט עס גענומען צו ערנסט, און אין זיין הארץ האָט ער געפילט אַ הוילען ווייטאָג פון אומזיסטען קרבן. און מיט דעם איז אים געקומען אַ פאַרדאַכט, אַז אויך אין אידענטום האָט ער אַ טעות געהאַט, אַז ער האָט נישט געזעהן די פּאָעזיע און די מענשליכקייט הינטער די פאָרמען, און ווי ער האָט אומער־טיגלאַך געקוקט אויף יאַנטע'ס צאַרט פאַרוואָלקענט פּנים, האָט ער געפילט ווי דער אַלטער ראָמאַנטישער זין פון ברודערשאַפט האָט זיך אויפסנייַ באַוועגט אין אים. ווי וואונדערליך עס איז צוריק איינ־געזאַפּט צו ווערען אין זיין פאָלק, פאַראייניגט מיט יאַנטע'ן!

אָבער דער שכל הישר איז אומברחמנות'דיג ווידער אויפגע־שטיגען, און ער האָט געוואוסט, אַז זיין געדאַנק וועט זיך קיינמאָל מער אליין נישט פאַרלייקענען, אַז ער קען שוין קיינמאָל אין קיין שום אַנטפּלעקונג מער נישט גלויבען.

„איך וועל זיין אַן אָף צווישען אָפען", האָט ער ביטער געטראַכט.

## XI.

און וואָס מער ער האָט איבערגעטראַכט אָט דעם באַשלוס, נאָכדעם ווי דאָס דיענאַ האָט מיט כעס אָפּגעטרייסעלט דעם שטויב פון זיין שוועל, אַלץ מער איז ער געוועזן איבערצייגט אין דעם. זיך ביטרע אויסלאַכען פון די אידען וואָלט געווען די ביטערסטע נקמה, צו פּרעפּלען צו די אידישע אידעאַלען און זיך אויסלאַכען פון זיי אין ארבעל. און אויף אַזאַ אופן אויסמיידען זייער דראָהענדיגע אָבזיכט צו פאַרכאַפּען זיין פאַרמעגען. דאָס איז אַפּנאַרעריי? יאָ, אָבער שולדיג זיינען זיי וואָס האָבען אים געטריבען דערצו, וואָס האָבען אים איבערגעלאָזט בלויז אַ לעבען פון אַ מצורע. אויפ'ן

האַלבאַאינזעל האָבען זיי זיך פאַרשטעלט צווישען קריסטען, וועט ער זיך דאָ פאַרשטעלען צווישען אידען, וועט נאָכאַפּען די אַלטע אַפּען. ער האָט נישט פאַרגעזען קיין שום שוועריגקייט אין זיין תשובה. און — וואָס פאַר אַ וואונדערליכע אידעע! — זיין ברודער יוסף, דער גוטהאַרציגער שוטה נעבאַך, וועט דאָס דורכפירען אונטער דעם אויסרייד, אַז ער איז געוועזען דער שליח פון הימעל, ווייל אויב ער זאָל באַנוצען דאָס דיענאָ'ן אַלס פאַרמיטלער, וואָלט עס געוועזען אַ ריזיקע, אַז דער דאָקטאָר זאָל נישט דערשמעקען זיין אמת'ען מאָטיוו. דערנאָך, ווען די שול וועט אים האָבען אויפגענומען אין אירע פאַלש־הייליגע אָרעמס, וועט יאַנטע — דער קאָפּ מישט זיך אים פאַר פרייד! — ווערען זיין ווייב. ער האָט וועניג געצווייפעלט אין דעם. איר בליק ביים געזעגענען זיך, ווען דער פאָטער איז געווען אומגעקערט מיט'ן רוקען, איז געווען פול מיט געבעט און מיט צוזאָג, און אַ קורץ בריוועלע פון איר צומאָרגענס, באַלד אין דערפרי, האָט צוטריבען זיין לעצטען צווייפעל.

„מיין אָרימער סעניאָר דאַ קאָסטאַ", האָט זי געשריבען, „איך בין געלעגען וואַך אַ גאַנצע נאַכט און האָב געטראַכט פון דיר. פאַרוואָס זאָלסטו רואינירען דיין לעבען בלויז צוליב אַן אומפאַר־שטענדליכער זאַך? קענסטו נישט שלום מאַכען! — דיין פריינד, יאַנטע".

ער האָט געקושט דאָס בריוועלע. דערנאָך, מיט אַן אַבנאָרמאַל פאַרשאַרפטער קלוגשאַפט, האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבייט אויסצוגעפינען אַ וועג ווי צו באַגעגענען זיין ברודער, און אַפילו אין דער צייט וואָס ער האָט געטראַכט ווי אַזוי אים אָפּצו־נאַרען, איז זיין האַרץ פול געוועזען מיט ליבע צו זיין קליינעם ווידאַל. אָרעמער ווידאַל! ווי ער האָט נעבאַך געמוזט ליידען ווען ער האָט פאַרלאָרען זיין שיין ווייב!

עס פלעגען זיין טעג, ווען יוסף'ס געשעפטען אָדער זיין פאַר־געניגען האָבען אים פאַרבייגעפירט זיין ברודער'ס הויז, כאָטש ער פלעגט אַלעמאָל גיין אויף דער אַנדערער זייט, און אוריאַל האָט איצט באַשלאָסען אים אָפּצוהיטען ביים פענסטער פון זיין שטודיר־צימער פון דער פריה ביז ביינאַכט, די צוויי האָלענדישע שפּיגלען איינגעאָרדענט אין דער קרום פאַר זיין פענסטער, אַזוי אַז ער זאָל

קענען זעהן אַלץ וואָס אין גאַס קומט פאָר און אַליין נישט געזעהן ווערען. נאָך דריי טעג איז זיין גערולד באַלוינט געוואָרען מיט דער אָפּגעשפּיגעלטער געשטאַלט פון דעם אָנזעהעוודיגען ראש פון שול, און מיט אים זיין זעקס־יעריג אינגעלע. ער איז אַראָפּגעלאָפען און גלייך ארוים אין גאַס אריין און אויפגעכאַפּט דאָס אינגעלע אין זיינע אָרעמס.

„אָה, ווידאל!“ האָט ער געזאָגט, און אמת'דיגע ליבע האָט געציטערט אין זיין קול.

„דו!“ האָט יוסף אויסגערופען, זיך צוריקציהענדיג פון איבעראַשונג, און ציטערענדיג ביים קלאַנג פון זיין שוין פאַרגעסענעם נאָמען. דערנאָך, קומענדיג צו זיך, האָט ער בייז געזאָגט, „פאַראומרייניג נישט מיין דניאל'ען מיט דיינע הענט“.

„ער איז מיין ברודער'ס זון. איך האָב אים אויך ליב! ווי שיין ער איז!“ און ער האָט געקושט דאָס פאַרוואונדערטע אינגעלע. ער האָט אים נישט געוואָלט צוריק אַראָפּלאָזען. ער איז געלאָפען צו דער טיר פון זיין הויז. ער האָט געבעטען ווידאל'ען ער זאָל מיט אים ריידען אַ וואָרט אוים רחמנות צו זיין איינזאַמקייט.

יוסף האָט זיך מיט שרעק אומגעקוקט אין ביידע זייטען גאַס. קיין איד איז נישט געווען צו זעהן. ער איז גיך אריין דורך דער טיר. פון דער רגע אָן האָט אוריאל געשפּילט מיט זיין באַלעבאַטישען ברודער ווי מיט אַ שאָך־פיגור, וואָס דאַרף מאַכען קאָמפּליצירטע גענג און מיינען אַז זי מאַכט זיי מיט'ן אייגענעם פרייען ווילען. שטופּענווייז, דורך געהיימע שמועסען, באַנייט יעדען טאָג, האָט יוסף, אַ באַגייסטערטער מיט די אויסזיכטען פון כבוד וואָס וועט קומען אויף אים פון דער גאַנצער קהילה — ווייל ער האָט שוין אפילו איצט געהאַלטען ביי קריגען דעם כבוד צו ווערען דער מסביר אין שול — צוריקגעווינען אוריאל'ען צום אידענטום. און ווען דער גלויבען פון דעם צוריקגעקומענעם איז שוין געווען באַשטימט, האָט דאָס יוסף ברייט פאַרשפּרייט און זיך צוזאַמענגערעדט מיט די רבנים.

אוריאל אַקאָסטאַ'ן האָט מען געגעבען אַ דאָקומענט אונטערצושרייבען, וואו ער האָט זיך מודה געווען אויף זיינע טעות'ען. ער האָט צוגעזאָגט צו לעבען פון דאַמאָלס אָן אַלס אַן ערליכער איד,

און מען האָט דעם חרם פון אים אַראָפּגענומען. שבת איז ער געגאַנגען אין שול אַריין און מען האָט אים אויפגערופען צו דער תורה. די גבאים האָבען אים אָפּגעגעבען שלום. די גאַנצע קהילה האָט זיך געפילט גערירט. אוריאל, וועלכער איז געווען גייסטיג געבלענדט פון דעם נייעם זונשיין, האָט געהאַט מאָמענטען ווען ער האָט פאַרגעסען זיין חוזק'דיגע היפּאָקריטסטווע, ער האָט גע־ציטערט מיט פרייד צו זיין ווידער אין באַרירונג מיט דער מענשהייט און איז געווען גערירט פון דער גוטוויליגער מחילה. דאָס האַלבע ראָד פון מאַנדעל און ציטרין־בוימער פון פּאָרטוגאַל, וואָס איז געווען פאַרפלאַנצט אין לעבעדיג־באַמאַלטע בלומענטעפּ פאַר'ן ארון קודש, האָט אָנגעפילט זיין ברוסט מיט צאַרטע טרערענפולע זכרונות פון יוגענט און די זוניגע לענדער. און ווען יאַנטעס גליקליכע אויגען האָבען אַראָפּגעשמייכעלט אויף אים פון דער ווייבערשול, האָבען אים אין די אויערען געקלונגען יואל הנביא'ס ווערטער: „און איך וועל אייך אומקערען די יאָרען וואָס דער היישעריק האָט אויפ־געגעסען".

ס'איז געווען אַ גליקליכע נאַכט, ווען דאָס דיענאָ און יאַנטע זיינען ווידער געזעסען ביי זיין טיש, דאָס מאָל כשר צוגעגרייט, און מיט זיי זיין געליבטער ברודער יוסף, וואָס איז געווען נישט ווייניגער גליקליך פון די געסט, מיט אוריאל'ס צוריקקומען און מיט דער נאָהענטער אויסזיכט צו ווערען מסביר. וואָס פאַר אַ שיינער מענש ער איז! האָט אוריאל מיט ליבשאַפט געטראַכט. וואָסערע בכבוד'יגע מאַנירען, און דאָך אַזוי פריילאַך אין שמועס! נישטאָ קיין קנייטשען פון צרות אויף זיין שטערען, קיין גרויקייט אין זיינע האָר. דער אַלטער ווין האָט זיך געגאָסען, די אַלטע זכרונות האָבען געגליהט. יוספ'ן האָט מען פאַרטרויט דעם סוד פונ'ם שידוך — וואָס דאָס האָט נאָך באַדאַרפט בלייבען בסוד עטליכע חדשים — אָבער ער איז געווען צו זיכער מיט דער ראָלע וואָס ער האָט געשפּילט צו פאַרדעכטיגען, אַז מען האָט דאָ געשפּילט מיט אים. ער האָט יום טוב'דיג אָפּגעבענשט נאָכ'ן עסען, און יאַנטע'ס זיס קול האָט גליקליך מיטגעבענשט. איידער די ברידער האָבען זיך צושיידט, האָט אוריאל אַרויסגעקראָגען אַ צוזאָג, אַז ער וועט אים באָרגען דעם קליינעם דניאל'ען אויף עטליכע טעג צו באַסרויגען

זיין גליק און אויפצולייכטען דאָס גרויסע איינזאַמע הויז איידער יאַנטע וועט עס קומען באַוואוינען.

## XII.

אוריאל אַקאָסטאַ איז געזעסען ביים מיטאָג מיט דעם קליינעם דניאל, און האָט זיך זאַט געקוקט אויף דער פרישער שיינקייט פונ'ם אינגעל, וואָס זיין פלאַפלעריי האָט נחת'דיג געמאַכט די לעצטע צוויי טעג. דניאל האָט זיך גאָר שטאַרק געוואונדערט ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז זיין הויכער גרויסער פעטער קען נישט ריידען קיין האָלענדיש, און אַז ער מוז ריידען פּאָרטוגעזיש — וואָס פלעגט נאָך געהערט ווערען צווישען טייל משפּחות — כדי פאַרשטאַנען צו ווערען. ביז איצט האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אַז דערוואַקסענע מענשען קענען אַלץ. פּעדראָ, זיין שוואַרץ פּנים ברייט צושמייכעלט פון פרייד, האָט דעם קליינעם בחור מיט חשק באַדינט.

ער האָט איצט געביטען זיין פליישיגען טעלער, און אים ברייטלאַך דערלאַנגט טאָרט. „שמאַנט?“ האָט אוריאל געפרעגט און דערלאַנגט דאָס קריגעלע.

„ניין, ניין!“ האָט דניאל אַ געשריי געטאָן און מיט אַ בליק פון שרעק און אַ העפטיגער באַוועגונג פון אָפּשטויס.

אוריאל האָט אונטערגעלאַכט. „וואָס! אינגעלאַך נישט ליב קיין סמעטענע! קעץ וועלען שוין באַלד פיינט האָבען מילך.“ און באַגיסענדיג ברייטלאַך מיט סמעטענע זיין אייגענעם דרייעק פון טאָרט, האָט ער זיך ווייטער געלאָזט וואוילגיין.

אָבער דניאל האָט געגלאָצט אויף אים מיט מורא און האָט פאַרגעסען צו עסען.

„פעטער“, האָט ער ענדליך אויסגעשריען, „דו ביזט נישט קיין איד“.

אוריאל האָט אומרוהיג געלאַכט. „אינגעלאַך דאַרפען עסען, נישט ריידען“.

„אָבער פעטער! מען טאָר נישט טרינקען קיין מילך נאָך פליישׂ“.

„נו, נו, רבי'לע!“ און אוריאל האָט אַוועקגערוקט זיין טעלער און ליבשאַפטליך אַ ציה געטאָן דאָס קינד ביים אויער.

אָבער ווען דאָס קינד איז אַהיימגעקומען, האָט ער געפּלאָפּעלט וועגען דעם פעטער׳ס עבירות, און יוסף איז גיך אוועקגעלאָפען צו אים, געמאַכט געוואַלטען וואָס ער פאַרפירט אים זיין אינגעל און ברעכט זיין צוזאָג צו דער קהילה. אוריאל האָט געענטפערט ברוגז׳דיג מיט זיין איינגעבוירענער אויפריכטיגקייט, וואָס האָט אים אוממעגליך געמאַכט זיך לאַנג צו פאַרשטעלען.

„איך בין בלויז אַן אַף צווישען אַפען“, האָט ער געזאָגט, באַנוצענדיג זיך מיט זיין אייגען באַליבט ווערטעל.

„זאָג בעסער אַן אַף צווישען ווילדקעץ, וואָס ווילען דיך אויסשפּיאָנירען“, האָט יוסף נאָך אויפגערעגטער געזאָגט. „מען וועט אויסגעפינען דיין צוויי־פּנים׳דיגקייט און די גאַנצע קהילה וועט פון מיר חוזק מאַכען“.

דאָס איז געווען דער אָנהויב פון אַ צווייטער קריגעריי — ווילדער, פאַרביטערטער פון דער ערשטער. יוסף האָט בסוד פאַר־מסר׳ט אוריאל׳ען פאַר דאָם דיענאָ׳ן, וועלכער האָט ווידער פון זיין זייט געמאַכט גוואַלטען אויף דעם אַפּיקורוס.

„צו קיין אַף וועל איך מיין טאָכטער נישט געבען“, האָט ער געענטפערט, ווען אוריאל האָט ווי געוויינליך געגעבען זיין אויסטייטשונג.

„יאַנטע האָט ליב דעם אַף. דאָס איז איר זאַך“, האָט אוריאל אַ געקרענקטער געענטפערט.

„ניין, דאָס איז מיין זאַך. ווי גאָט איז מיר ליב, איך וועל נישט באַזיידען קיין גאָרילעס!“

„מיר דאַכט זיך, אַז אין פּאָרטאָ ביזטו אַליין געווען אַן אַף“, האָט אוריאל צאָרנדיג אויסגעשריען.

„הונט!“ האָט דער אַלטער דאָקטאָר געקוויטשעט, זיין בכבוד׳יג פּנים צוקרימט. „ביי דיר איז אַלצאיינס אַפּצונאַרען די גוים און דיינע אייגענע ברידער?“ און ער איז אַרויסגעפלויגען פונ׳ם הויז.

אוריאל האָט געשריבען צו יאַנטע׳ן. זי האָט געענטפערט —

„איך האָב דיך געבעטען דו זאָלסט האַלטען שלום. דו האָסט געמאַכט נאָך אַ ביטערערע מלחמה. איך קען נישט קעמפען געגען מיין פאָטער און געגען אַלע אידען. בלייב געזונט!“

אוריאל׳ס פּנים איז פאַרפינסטערט געוואָרען. די קנייטשען

אויף זיין שטערען, וואס אירע פינגער האבען באריהרט, האבען ווידער אויסגעזעהן ווי שרעקליכע קנייטשען פון צרות. זיינע ציין זיינען געווען פארהאקט. דאס אלטע אויסזעהן פון דעם געיאגטען מאן איז צוריקגעקומען. ער האט ארויסגענומען איהר ערשטען בריף, וועלכען ער האט געהאלטען ביים סאמע הארץ, און האט איהם פאמעלאך נאך אמאל איבערגעלייענט —

„פארוואס זאלסטו רואינירען דיין לעבען בלויז צוליב אן אומפארשטענדליכער זאך? קענסטו נישט שלום מאכען?"

בלויז אן אומפארשטענדליכע זאך! א! פארוואס האט איהם דאס נישט געוואָרענט צו וויסען וואס פאר א פרוי זי איז. ניין, פארוואס האט ער גאר פארגעסען — און דא האט ער זיך קלאר דערמאנט, ווי זי האט אלס מיידעלע ארייגעבראכט די מצות —. אז זי איז דערצויגען געווארען אין א טאפעלט לעבען? אז פאר א פרוי איז דאס סיי ווי נישט נויטיג — דאס דיענא איז גערעכט געווען. א פאלש, שוואך באשעפעניש! האט נישט קיין סימפאטיע מיט פרינציפען, קיין אנערקענונג נישט פאר דעם גרויסען קאמף, וואס ער האט געפירט. טרערען פון זעלבסט-רחמנות האבען זיך איהם געשטעלט אין די אויגען. וויינינגסטענס האט זי איהם געראטעוועט פון אונטערגעבען זיך ווי א טרוס. דאס אלטע פייער האט געפלאמט אין זיינע אדערען. ער וועט קעמפען ביז אין טויט אריין.

און ווען ער האט צוריסען אירע בריף, האט זיך א מאדנער געפיל פון פארלייכטערונג געמישט מיט דער ביטערקייט פון ווילדקייט פון זיין שטימונג, א דערלייכטערונג איז געווען צו טראכטען, אז ער וועט קיינמאל מער נישט זיין געצוואונגען צו פלאפלען מיט די מאלפעס, צו דריקען זייערע פארהאסטע לאפעס, אנצונעמען זייערע פייערליך דומע פאזען, ער וועט קיינמאל נישט ארויסגעלאקט ווערען פון זיין פרידען און פאראיינזאמטקייט פון זיינע ביכער-ווענט. די געוואוינהייטען פון פופצען יאר האבען איהם צוריקגעצויגען אזוי ווי שטריק, פון וועלכע ער האט אפגענוצט די שפאנשטריק.

ער האט זיך אוועקגעזעצט ביי זיין שרייבטיש און ווידער גענומען די פעדער אין האנט אריין צו ארבייטען אויפסניי איבער

זיין מאַנוסקריפּט. „אַלע צרות קומען פון נישט פאָלגען דעם שכל הישר און דאָס געזעץ פון דער נאַטור“. ער האָט געשריבען שעה'ען דורכאַנאַנד, זיך אָפּשטעלענדיג פון צייט צו צייט אויסצוקלייבען זיינע לאַטיינישע פראַזען. פּלוצלונג איז אים באַפאַלען אַ פּוסט געפיל פון נוצלאָזיגקייט פון זיינע ווערטער, פון שכל, פון נאַטור, פון יעדער זאַך. וואָס איז געווען אָט די שווידערליכע פּוסטקייט אין זיין ברוסט? ער האָט אָנגעלענט זיין מידען צעוויטאַגטען קאָפּ אויף זיין שרייבטיש און האָט געקלאָגט, אַזוי ווי דער קליינער דניאל האָט נאָך קיינמאָל נישט געקלאָגט.

## XIII.

דער קהילה אין אַלגעמיין, וועלכע האָט גאָרנישט געוואוסט פון די אינערליכע קריגערייען, איז אוריאל'ס אָפּטריניגקייט קלאָר געוואָרען דורך דעם וואָס דער גוי'אישער פליישהאַקער האָט איצט אָפען צוגעשטעלט חזיר אין זיין הויז אריין. איבערראַשטע פאַנאַטיקער האָבען אים געזידעלט אין די גאַסען און איינמאָל צי צווייטמאָל איז עס אפילו געקומען צו אַן עפענטליך געשלעג. די גבאים, וואָס האָבען זיך געפילט באַשווינדעלט, זיינען באַשטאַנען נאָר אויף צו באַנייען דעם חרם. נאָר די רבנים האָבען זיך אָפּגעהאַלטען און האָבען געטראַכט, אַז עס איז מסתמא בעסער פון איצט אָן צו איגנאָרירען דעם דאָרן אין זייער זייט.

עס האָט זיך געמאַכט, אַז אַ שפּאַניער און אַן איטאַליענער זיינען געקומען פון לאָנדאָן און האָבען זיך געוואָלט מגיר זיין, ווייל קריסטליכע סקעפּטיקער האָבען נישט אומאָפּט געפונען פרידען אינ'ם בוזים פונ'ם עלטערען גלויבען. אָט די צוויי, וואָס האָבען געוואָלט ווערען גרים, הערענדיג די קלאַנגען וועגען אוריאל אַקאָסטאַ, האָבען זיך באַטראַכט, אַז זיי וועלען אים פרעגען אַן עצה. ווען דאָס בית דין האָט געהערט, אַז ער האָט זיי געהייסען זיין געוואָרענט פאַר דעם אומדערטרעגליכען יאָך פון די רבנים, האָבען די דינים געפילט, אַז דאָס איז שוין צופיל. אוריאל אַקאָסטאַ'ן האָט מען ווידער געלייגט אין חרם אריין.

און איצט האָבען זיך אָנגעהויבען נייע יאָרען פון פאַרפאָלגונגען, נאָך טרויעריגער און פאַרביסענער ווי פריער. זיין הויז האָט מען

ווידער פארשטיינט, זיין נאמען א שאנד־ווארט, זיינע שפאצירגאנגען אין דרויסען א שפיל פאר דעם קליינווארג פון נייעם דור. און אצינד איז אפילו געקומען דאס ערגסטע פארוואס ער האט זיך געשראקען. זיין ברודער, וועלכער האט אונטער פארשידענע אויס־ריידען זיך אפגעזאגט אים אומצוקערען זיין קאפיטאל, האט איצט ביסלאכווייז אנגעהויבען צו פארכאפען זיין פארמעגען. אוריאל האט נישט דערוועגט צו באקלאגען זיך פאר די ציוויל־ריכטער, וועלכע האבען אים שוין געהאט פארדעכטיגט, אז ער איז אן אטעאיסט. אחוץ דעם האט ער נאך אלץ קיין האלענדיש נישט געקענט און אין וועלט־זאכען איז ער געווען ווי א קינד. נאר זיין ליבשאפט צו זיין ברודער איז פארוואנדעלט געווארען אין א האס אויף טויט, וואס האט שוין קוים געקענט שטארקער ווערען אפילו ווען יוסף האט געפירט יאנטע׳ן אונטער דער חופה.

אזוי זיינען זיבען שרעקליכע יאר פארביי, און אוריאל, דער איינזאמער, דער פריי־פארעלטערטער, האט זיך געפונען פארזינקענדיג אין א מעלאנכאליע. ער איז אויסגעגאנגען נאך מענשליכער נאענטשאפט, און דער געדאנק אז ער וואלט דאס געקענט געפינען נישט צווישען אידען איז אים גאר קיינמאל נישט איינגעפאלען. און צום סוף האט ער זיך דערנידעריגט און ווידער געזוכט מחילה פון די רבנים.

אבער דאס מאל האט מען אים שוין נישט געוואלט אזוי לייכט צוריק אויפנעמען. נאכמאכענדיג די פינסטערע פארמען פון דער אינקוויזיציע, פון וועלכער זיי האבען אזוי פיל געליטען, האבען די גבאים, צוזאמען מיט די רבנים, דערטראכט זיך צו א שטראף, וואס וועט מאכען, אז דער זכר פון דעם אפיקורס׳ תשובה זאל זיך איינקריצען אין די מוחות פון זיין דור.

אוריאל האט צוגעשטימט צו דער שטראף, קוים וויסענדיג וואס זיי האבען פארלאנגט פון אים. וואס עס זאל נישט זיין, וועט זיין ליבער איידער נאך א טאג פון איינזאמקייט. אזוי האט מען ארייננעפירט דעם בעל תשובה אנגעטאן אין שווארצען און מיט א שווארץ ליכט אין דער גרויסער שול אריין, וואס איז געדיכט פול געווען מיט מענער און ווייבער. ער, וואס זיין פריסטע שרעק איז געווען פארשעמט צו ווערען פאר מענשען, איז איצט געצוואונגען

געוואָרען אַרויפצוגייען אויף אַ בימה, פון וואַנען ער האָט געמוזט אַראָפּלייענען אַ לאַנגע תשובה, זיך מתודה זייענדיג אויף אַלע זיינע זינד און אַלע זיינע טעות'ען פון געדאַנק, און האָט צוגעזאָגט צו לעבען ביז אין טויט אריין אַלס אַן ערליכער איד. דער רב, וואָס איז געשטאַנען נעבען שמש, האָט פייערליך געלייענט דאָס קאַפּיטעל ע"ח פון תהילים: „נאָר ער, וואָס איז פול מיט רחמנות, האָט מוחל געווען זייערע זינד און האָט זיי נישט חרוב געמאַכט. באמת, אַ סך מאָל האָט ער אָפּגעווענדט זיין צאָרן און נישט אַרויפגעבראַכט זיין גאַנצען כעס. ווייל ער האָט געדענקט, אַז זיי זיינען בלויז גוף: אַ ווינט וואָס פאַרגייט און קומט נישט צוריק".

ער האָט עפּעס איינגערוימט אוריאל'ן, וועלכער איז געגאַנגען אין אַ ווינקעל אריין פון שול, נאַקעט ביז'ן גאַרטעל, און באַקומען מיט פאַרביסענע ליפּען נייגאונדרייסיג שמיץ מיט אַ קאַנטשיק. דערנאָך איז ער, בלוטענדיג, געזעסען אויף דער ערד און האָט געהערט ווי מען האָט פון אים פייערליך דעם חרם אַראָפּגענומען. צום סוף האָט ער אָנגעטאָן די קליידער, זיך אויסגעצויגען איבער דער שוועל און די קהילה איז אַרויסגעגאַנגען איבער זיין קערפּער, טייל האָבען איהם פּרום אַ שטויס געטאָן, אַנדערע האָבען אים בייזוויליג געטראָטען. דער בעל תשובה איז געבליבען שטייף, זיין פּנים געדריקט צו דער ערד. נאָר ווען זיין ברודער יוסף האָט אויף אים געטראָטען, האָט ער געוואָוסט דורך דעם פיינעם זכרון פון זיין טראָט און אָטעם ווער דער פייגלינג איז געווען.

ווען דער לעצטער איד איז אַריבער איבער זיין קערפּער, איז אוריאל אויפגעשטאַנען און דורכגעגאַנגען דאָס טויער מיט די זיילען, נישט אויסרעדענדיג קיין וואָרט. דער עולם, וואָס איז געשטאַנען בינטעלווייז אַרום דער קאַנאַל-בריק, נאָך אַלץ שמועסענדיג איבער דעם שוידערליכען בילד, האָט זיך אָפּגערוקט אַן אַ זייט, אויפגע-שווידערט, אַנטשוויגען, ווען די אויסטערלישע געשטאַלט ווי פון אַ נאַכטוואַנדלער איז פאַרבייגעגאַנגען די אַקסלען אויף צוריק, דעם קאָפּ הויך, אין הערליכען שטאָלץ, די נאָז-פליגלען ציטערענדיג, נאָר דאָס פּנים אַזוי ווי פון אַ מת. קיין מענש האָט אים מער קיינמאָל נישט געזען. פאַרמאַכט אין זיין שטודיר-צימער, האָט ער פיבערדיג געאַרבעט טאָג און נאַכט, שרייבענדיג זיין אייגענע לעבענס-

באַשרייבונג. „אַ מוסטער פון מענשליכען לעבען" האָט ער עס גערופען, פול מיט טראַגישער באַטייטונג. קוים אַ וואָרט וועגען דעם וואָס די וועלט רופט אַ מענשען'ס לעבען — בלויז דער טרוקענער באַריכט פון זיין אַבסטראַקטען געדאַנק, פון זיין פראַגרעס צו ברייטערע שטאַנדפונקטען, צו יענער גרויסער אַנטדעקונג — „אַלע צרות קומען פון נישט פאָלגען דעם שכל הישר און דאָס געזעץ פון דער נאַטור". און מיט דעם אַ קרעפטיגע פאַרדאַמונג פון דעם יודאַאיזם און זיינע רבנים: „זיי וואָלטען געקרייציגט יעזוס'ען אפילו איצט, ווען ער זאָל זיך ווידער באַווייזען". און צוזאַמענ־קלייבענדיג די חכמה פון זיין לעבענס־ערפאַרונג, האָט ער געבאָטען יעדען מענשען ליב צו האָבען זיין שכן, נישט ווייל גאָט באַפעלט אים, נאָר שוין דערפאַר וואָס ער איז אַ מאַן. וואָס יודאַאיזם און וואָס קריסטענטום אַנטהאַלט פון אמת, געהערט נישט צו אַנטפלעקטער, נאָר צו נאַטירליכער רעליגיע. ליבע איז עלטער פון משה'ן. זי בינדט מענשען צוזאַמען. משה'ס תורה צושיידט זיי: איינע ברענגט אייניגקייט, די אַנדערע אומאייניגקייט אין דער מענשליכער געזעלשאַפט.

זיין ארבייט האָט זיך דערנעענטערט צום סוף. זיין לאַנגער קאַמף מיט די רבנים האָט זיך אויך געהאַלטען ביי ענדיגען. „מיין אידעאַל איז אַזוי ווייט העכער פון זייערען, אַזוי ווי דער אמת איז העכער פון פאַלשקייט: ווייל זיי זיינען בלויז פאַרטיידיגער פון אַ שווינדעל כדי זיי זאָלען קענען רויבען מענשען און מאַכען זיי פאַר שקלאַפען, און איך קעמף שטאָלץ פאַר דעם אידעאַל פון אמת, און איך שטעל אַרויס די נאַטירליכע רעכט פון דער מענשהייט, וועלכע דאַרף לעבען ווי עס פּאַסט פאַר דער בכבודיגקייט פון איהר נאַטור, פריי פון דער לאַסט פון פאַראורטיילען און פוסטע צער־רעמאָניעס".

עס איז פאַרטיג געוואָרען. ער האָט אַנידערגעלייגט די פעדער און האָט אָנגעלאָדען זיינע צוויי זילבער־געפּאַסטע פיסטוילען. דאַן האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענסטער אַזוי ווי אַמאָל, צו היטען אין די צוויי שפּיגלען ווען זיין ברודער יוסף וועט דורכגיין. ער האָט געוואוסט, אַז זיין האַנט וועט אים נישט פאַרלאָזען. די

טעג זיינען פאַרביי, אָבער יעדער זונאויפגאַנג האָט אים געפונען אויף זיין פּאָסטען, ווי ער האָט זיך בלוטיג אָפּגעשפּיגעלט אין יענע שיקזאַל־שפּיגלען.

איינמאָל אַ נאָכמיטאָג איז יוסף פאַרבייגעגאַנגען, אָבער דניאל איז געווען מיט אים. און אוריאל האָט אוועקגעלייגט זיין פּיסטויל און האָט געוואַרט, ווייל ער האָט נאָך ליב געהאַט דאָס אינגעל. און אַן אַנדערשמאָל איז יוסף פאַרבייגעגאַנגען מיט יאַנטע'ן. און אוריאל האָט געוואַרט.

אָבער דאָס דריטע מאָל איז יוסף געגאַנגען אליין. גבריאל'ס האַרץ האָט אַ שפּרונג געטאָן פון ענדליכער פרייד. ער האָט זיך אויסגעדרייט, האָט גוט געצילט און אויסגעשאָסען. דער שאָס האָט אָפּגעקלונגען דורך דער איבערראַשטער געגענט, נאָר יוסף איז אַנטלאָפען אין טויט־שרעק, אומבאַרירט, שרייענדיג.

אוריאל האָט געלאָזט פאַלען זיין פּיסטויל, האַלב אין איבערראַשונג וואָס ער האָט נישט געטראָפען, האַלב אין פאַרצווייפעלטער אַנטשלאָסענקייט.

„עס איז נישטאָ קיין גערעכטיגקייט", האָט ער געמורמעלט. ווי גרוי דער הימעל איז! וואָס פאַר אַ קאַלטע גרויע וועלט!

ער איז געגאַנגען צו דער טיר און האָט זי פאַרריגעלט. דערנאָך האָט ער גענומען דעם צווייטען פּיסטויל. ער האָט נישט ווילענדיג באַמערקט די „G" וואָס איז געווען אויף אים אויסגעקריצט. גבריאל! גבריאל! וואָסערע זכרונות זיין אַלטער נאָמען האָט אים צוריק־געבראַכט! טרערען זיינען אים געשטאַנען אין די אויגען. פאַרוואָס האָט ער אים געביטען אויף אוריאל? גבריאל! גבריאל! האָט דאָס אים זיין מאַמע'ס קול גערופען, ווי זי פלעגט אים רופען אין דעם זוניגען פּאָרטוגאַל, צווישען די ווייַנטרויבען און די איילבירט־בוימער?

אַן אויסגעמאַטערטער, אַ וועלט־מידער, געעלטערט ווייט אַריבער זיינע יאָרען, אַ געשלאָגענער אין דעם לאַנגען קאַמף, אַ פאַר'יאוש־טער איבער גערעכטיגקייט אויף דער ערד און האָפנונגסלאָז איבער יענער וועלט, האָט זיך אוריאל אַקאָסטאַ אַנגעלענט מיט דעם קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען אויף זיין באַליבטען שרייב־טיש, האָט צוגעלייגט דאָס קאַלטע רערעל פונ'ם פּיסטויל צו זיין שטערען, האָט אַ דריק

געטאָן דאָס צינגעל און איז געפאַלען טויט איבער די אָפענע בלעטער פון זיין „מוסטער פון מענשליכען לעבען“, דער דינער, קרייזעלדיגער רויך האָט זיך אַ ווייל פאַרהאַלטען איידער ער איז צושוואומען, אזוי ווי דער נוצלאָזער גייסט פון אַ צופעליג באַשעפעניש — „אַ ווינט וואָס גייט פאַרביי און קומט נישט מער צוריק“.

# דער טערקישער משיח

## די ערשטע מגילה

### I.

אינ׳ם יאָר פינף טויזענט פיר הונדערט און אכט פונ׳ם וועלט־באשאף, זעכצען הונדערט און אכט און פערציג יאָר צייט קריסטוס׳ קומען, און אין דעם דריי און צוואנציגסטען יאָר פון זיין אייגען לעבען אויף דער ערד, האָט שבתאי צבי, אזוי האָבען לייט געזאָגט, זיך אליין דערקלערט אין סמירנע צו זיינע תלמידים — אלס דער לאנג־דערוואַרטעטער משיח פון די אידען. זיי זיינען געווען פאר־זאַמעלט אין א שפעטער ווינטערנאכט, א קליינע גרופּע געשטאַלטען אין טורבאנעס און לאנגע קליידער, די לויטערע שטערען אומצעליג איבער׳ן קאָפּ, דער ים זיך סומנע שטרעקענדיג ביי זייערע פיס, און די האַוועגדיגע אָריענטאַלישע שטאָט, א שוואַרץ געהיימניס פון דעכער, מינאַרעטען און ציפּרען, און איבער אלעם די אקראָפּאָליע, שלאָפענדיג אויף די משופּעס פון איר שניי־באַקליידטען באַרג.

זיי האָבען ענגסטליך געוואַרט אז זייער נביא זאָל אַרויסקומען פון דעם אייזיגען האַפען, וואו ער איז אריין זיך טובל זיין, און ווי ער איז איצט געשטאַנען פאַר זיי אין זיין נאַקעטער מלכות־דיגקייט, דאָס וואַסער טריפּענדיג פון זיין שוואַרצער באָרד און זיינע האָר, א פּולקאַמע מענליכע געשטאַלט, באַפּלעקט בלויז פון די מלקות, וואָס ער האָט זיך אליין געשאָגען, זיינען זיי אין מורא און דרך ארץ געשטאַנען אָן אָטעם פון דערוואַרטונג. איינאָטעמענדי דעם מאָדנעם ריח פון געטיכקייט, וואָס זיין קערפּער האָט אויס־געאָטעמט, און דורכגעדרונגען מיט דער קעניגליכקייט פון זיין האַלטונג, די ליידענשאַפטליכע, דאָך גייסטיגע, שיינקייט פון זיין

טונקעל, חלום׳דיג פּנים, האָבען זיי דערוואַרט די גרויסע אַנט־פּלעקונג. עפּעס אַן אַלגעמיינער אינסטינקט האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט היינט ביינאַכט ריידען, ער, דער האַר פון סודות׳דיגער שווייגעניש.

דער זוהר — דער באַגייסטערטער ספר פון חכמת הנסתר — האָט שוין לאַנג צוריק פאָראויסגעזאָגט, אַז דאָס יאָר וועט זיין דאָס ערשטע פון דער תחיה, און צייט דער שופר האָט אָנגעזאָגט דעם טאָג זיינען די נשמות פון שבתאי צבי׳ס תלמידים געוועזן געשפּאַנט פאַר דער גרויסער רגע. זיכער האָט ער זיי צונויפגערופען כדי זיך ענדליך מתגלה צו זיין פאַר זיי, גליקליכע אַנטיילנעמערס אין דעם גרעסטען מאָמענט פון מענשליכער און געטליכער געשיכטע.

וואָס וועט ער זאָגען ?

שטרענג, שווייגענדיג, אַרומגעצוימט מט אַן אומפאַרלעצליכער הייליגקייט, איז ער לאַנג געשטאַנען אומבאַוועגליך, באַגרייפענדיג, האָבען זיינע נאָכפאָלגער געפילט, די קבלה׳ישע תורה וועגען משיח׳ן, פאַרקערפּערענדיג אין זיך די גאָטהייט דורך דעם אדם הקדמון, ריין, אָן שום זינד, איינס מיט זיך און מיט דער עלעמענטאַרער נאַטור. ענדליך האָט ער אויפגעהויבען זיינע לייכטענדיגע אויגען צום הימעל און האָט אַרויסגעזאָגט מיט אַ קלאָר, רוהיג קול איין איינציג וואָרט —

יהוה !

ער האָט פורש בשמו געווען. אַ רגע זיינען די געשטאַלטען אין די טורבאַנעס געשטאַנען פאַרשטיינערט פון פּחד, דאָס בלוט פאַרקילט פון אַ שרעק נישט צום אַרויסריידען, דערנאָך ווען זיי זיינען ווידער געקומען צום באַוואוסטזיין, אַז די שטערען פינקלען ווייטער, דער ים פּלעסקעט רוהיג, די ערד איז נאָך פעסט אונטער זייערע פיס, איז אַ גרויסער הייזעריגער שריי פון הייליגער שמחה אַרויסגעפלויגען צו די לייכטענדע שטערען.

„משיח! משיח! דער אויסלייזער!“

דאָס מלכות איז געקומען.

משיח׳ס צייטען האָבען זיך שוין אָנגעהויבען.

## II.

עד מתי, גאָט, עד מתי?

דאָס וויסטע געשריי פון די יאָרהונדערטען וועט זיך שוין מער נישט הערען.

ווי לאַנג ישראל איז געווען צושפּרייט און די וועלט איז געווען פול מיט זינד, זיינען דער עולם העליון און דער עולם התחתון געווען צושיידט און די פיר אותיות פון גאָט'ס שם זיינען געווען צוטיילט, מען האָט זיי נישט געטאָרט מפורש זיין אינאיינעם. ווייל דער רבונו של עולם אליין איז פאַראומפאָלקאָמט געוואָרען ווען זיין מאָראַלישער צוועק איז געשטערט געוואָרען.

אָבער דער אויסלייזער האָט אַרויסגערעדט די פיר אותיות און גאָט און דער באַשאַף זיינען ווידער געוואָרען איינס. אַ סודות'דיגע פאַרוואַנדלונג, התאחדות הבורא! די שמחה'דיגע געשרייען זיינען אָפּגעשטאָרבען אין אַ נאָך מער געבענשטער שטילקייט.

פון אַ נאָהענטער מאָשע האָט זיך אַריינגעבראָכען אין דער מיטנאַכט לופט דאָס פייערליכע קול פונ'ם מועדין, אויסזינגענדיג דעם אדאַן —

„גאָט איז גרעסער פון אַלעם. איך זאָג עדות, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט חוץ גאָט. איך זאָג עדות, אַז מאַכמעד איז גאָט'ס נביא".

שבתאי האָט אויפגעציטערט. איז עס געווען די קאַלטע לופט אָדער עפּעס אַן אומדערקלערליך פאַרגעפיל?

## III.

עס איז געווען די צייט פון משיח־חלומות. אין דעם יאָר־הונדערט וואָס איז פאַרגאַנגען האָבען זיך מאָדנע געשטאַלטען באַ־וויזען, פון נביאים און מארטירער און אידישע זעערס. פון דער טונקעלקייט און דעם וויטען מזרח איז געקומען דוד ראובני, וואָס איז געפאָרען קיין איטאַליע דורך נבוא, כדי צו באַקומען געווער אַפּצוריינינגען ארץ ישראל פון דעם מוסולמאַנער — אַ קאַרליק מיט אַ טונקעל פּנים, וואָס איז געוואָרען אַ סקעלעט דורך זיין פאַסטען, רייטענדיג אויף זיין ווייס פערד צום וואַטיקאַן צו פאָדערען אַן אינטערוויו, און גוטיג אויפגענומען פון פויפּסט קלעמענט. אין

פּאָרטוגאַל — וואו דוד ראובני, פאַראַנגעזאָגט דורך אַ זיידענער פאָן אויסגעשטיקט מיט די עשרת הדברות, איז אויפגענומען געוואָרען פונ׳ם קעניג מיט אַן ענטפער־אויפשריפט פון פאָנען און פּראָצעסיעס — האָט אַ מאַראַניש מיידעל געהאַט זעאונגען פון משה׳ן און די מלאכים, האָט אונטערגענומען צו פירען אירע ליידענדיגע ברידער קיין ארץ־ישראל און איז פארברענט געוואָרען פון דער אינקוויזיציע. דיאָגאָ פּירעס — שעהן און קלוג און יונג, און געבוירען אַ קריסט — האָט זיך אומגעקערט צום גלויבען פון זיינע אבות, און אונטער דעם נאָמען שלמה מולכו איז ער דורכגעגאַנגען זיין קורץ לעבען זוכענדיג נביאישע דערהויבונגען און די פיינען פון מארטירעריי. ער האָט געזוכט צו באַקערען דעם פּויפּסט צו אידישקייט, און האָט פאָראויסגעזאָגט אַ גרויסען מבול אין רוים, וואָס איז טאַקע געקומען, מיט חרוב׳דיגע ערדציטערנישען אין ליזבאָן; איז געערט געוואָרען פונ׳ם וואַטיקאַן, בלויז צו באַגעגענען אַ שמחה־דיגען טויט אין מאַנטוא, וואו מען האָט אים, אויפ׳ן קעניג׳ס באַפעל, ארויפגע־וואָרפען אויף דעם פלאַמענדיגען שייטערהויפען. און אין די אומ־רואיגע און שרעקליכע צייטען פאַר אידען האָבען זיך אינערליכע חלומות געמישט מיט אַט די אויסערליכע פינסטערע אָנזאָגענישען. דער זוהר — דאָס ספר פון באַלייכטונג, פונ׳ם דרייצענטען יאָר־הונדערט — איצט געדרוקט צום ערשטען מאָל, האָט פארשפּרייט זיינע בלענדענדיגע שטראַלען אַלץ ווייטער און ווייטער איבער יעדען געטאָ.

די סודות, וואָס זיינען אָפּגעהיט געוואָרען פאַר משיח׳ס צייטען, זיינען אין דעם ספר אַנטפּלעקט געוואָרען: אליהו, די פּמליא של מעלה, מלאכים, רוחות, העכערע נשמות, און די צען כחות הנפש האָבען זיך פאראייניגט צו באַגייסטערען זיינע פארפאַסערס, לערנען זיי די צוויי־געשלעכטליכע נאַטור פונ׳ם יסוד עולם, און פאַר זיי אויפדעקען די אמת׳ע באַדייטונג פון דער תורה, וואָס איז ביז איצט געווען באַהאַלטען אין די נקודות פונ׳ם חומש, אין דעם טראָפּ, און אַפילו אין די מעגליכע פארוואַנדלונגען פון די אותיות פון זיינע ווערטער. לוריא, דער גרויסער דייטש־עגיפּטישער מקובל, מיט וויטאַל׳ען, דעם איטאַליענישען אַלכעמיקער, זיינען צוזאַמען געפאָרען צום קבר פון שמעון בר יוחאי, וועמען מען האָט געהאַלטען פאַר

דעם מחבר. לוריא אַליין, וועלכער האָט פאַרגעצויגען די שטילקייט און איינזאַמקייט פונ'ם ניל־לאַנד צום טומעל פון בית המדרש, וועלכער האָט זיך אָנגעטאָן אין ווייסען אום שבת, און האָט גע־טראָגען אַ פּירפאַכיג בגד צו באַצייכענען די פיר אותיות פונ'ם שם, און וועלכער האָט געקענט דורך איבערשטעלען זיי אַראָפּרופען רוחות פונ'ם הימעל, איז אָנגענומען געוואָרען אַלס דער משיח בן יוסף, דער אָנזאָגער פונ'ם אמת'דיגען משיח בן דוד. די צייטען זיינען געוועזן רייף. „דאָס מלכות פונ'ם הימעל איז דאָ", האָבען די מקובלים געשריען אין איין קול. די אידען האָבען אַזוי פיל און אַזוי לאַנג געליטען. געצעגטעלט, ווייל זיי זיינען נישט געשטאָרבען פון דער שווארצער מגפה; געטריבען און גע'הרג'עט פון די קרייצ־ציערס, אומרחמנות'דיג געיאָגט פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, געבראָ־טען טויזענטערווייז אויפ'ן אוטאָדאַפע פון דער אינקוויזיציע, אומעטום באַשאַנדפלעקט און דערנידעריגט, וואָס איז וואונדער אַז זיי האָבען געפילט, אַז זייער בעכער איז פול, אַז די דערלייזונג איז נאָענט, אַז גאָט וועט אויסלייזען די אידען און וועט דערהויבען זיין פאָלק אין נצחון איבער דעם געצענדינער! „אני מאמין באמונה שלמה בביאת המשיח ואף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבא".

דאָס איז געוועזן זייער טעגליכער גלויבען.

אין דער צייט ווען די אידען אַן טערקיי האָבען זיך געהאַלטען שטאָלץ, קאָנקורירענדיג מיט די ווענעציאַנער אין האַנדעל אויפ'ן וואַסער, און מיט די גראַנוויזירען אין דער שיינקייט פון זייערע הייזער, גערטנער און קיאָסקען; ווען יוסף איז געוועזן דוכס פון נאַקסאָס, און שלמה אשכנזי העכסטער געזאַנטער קיין ווענעדיג; ווען טבריא איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין ניי ירושלים און פאַרפלאַנצט געוואָרען מיט אוילבירטען־בוימער; ווען פאַרמעגליכע דאָקטוירים האָבען געשריבען פיינע לאַטיינישע לידער; אין יענער צייט איז די האָפנונג אויף משיח'ן געוועזן שוואַך און טונקעל. אָבער זי האָט געגוג ווילד אויפגעפלאַקערט ווען זייער כח און פּרעסטיזש איז אָפּגעשטאָרבען צוזאַמען מיט דער אימפּעריע, און דער האַרעם און די יאַניסאַרען האָבען געטיילט די מאַכט מיט די פּרעטאָריער פון די ספּאַהיס, און די אידען זיינען געוועזן די ערשטע אונטער־

דריקט צו ווערען, גרייט אונטער די הענט פון די פרייגעלאַזטע פּאַשאַס, און דער שווארצער טורבאַן האָט זיי אָפּגעצייכענט פון די מוסולמאַנער. א רבי פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע איז עס געווען וואָס האָט מחבר געווען דעם „שלחן ערוך“ צו פּאַראייניגען ישראל'ן און צוצואיילען דאָס קומען פון משיח, און זיינע דינים זיינען אָנגענומען געוואָרען וויט און ברייט.

און נישט נאָר ישראל האָט גע'חלום'ט וועגען דעם נאָענטען משיח, דער קלאַנג וועגען אים איז אַרומגעגאַנגען צווישען די פעלקער. מענשען האָבען ווידער געקוקט צום סודות'דיגען מזרח, דאָס וויגעל פונ'ם געטליכען. אין דעם וויטען אינזעל פון ענגלאַנד האָבען ניכטערע פּוריטאַנער געוואַרט אויף דעם מילעניום און דער פינפטער מלוכה פונ'ם אַפּאָקאַליפּס — ווייל די פיר „חיות“ פון דער בבל'ער, פּערסישער, גריכישער און רוימישער מלוכות זיינען שוין פאַר־שוואונדען — און ווען מנשה בן ישראל פון אַמסטערדאַם האָט געשיקט א בקשה צו קראָמוועל'ען צוריק אַריינצולאָזען די אידען, איז זיין טענה געווען, אַז זיי װעלען דורכדעם צושפּרייט ווערען צווישען אַלע פעלקער און אויף אַזא אופן װעלען מקוים ווערען די נבואות פון תנ"ך וועגען ערב גאולה. באמת, די צייט איז רייף געווען אַז א משיח זאָל קומען.

## IV.

ער איז געווען אויסטערליש און אַליינליך פון קינדוויז אָן, דער בן קדוש פונ'ם סמירנער קאָמי־אַגענט. ער האָט נישט געהאַט קיין שפּיל־חברים, קיין שום קינדישע געוואוינהייטען. ער פלעגט אַרומוואַנדערען אין שטאָט איבער די משופּע'דיגע פּאַרהאַװעטע געסלאַך, וואָס האָבען אויסגעזען ווי אויסגעהאַקט פון א גרויסען פעלז, אָדער דורך די לאַנגע באַזאַרען מיט די הילצערנע דעכער, און דער פאַנטאַסטיש־קאָלירטער ספּעקטאַקל איז אים, ווייזט אויס, אַזוי ווייניג אָנגעגאַנגען ווי דאָס מיסט אונטער די פיס, אָדער די שרעקנעם ריזיגע קעמלען, וואָס ווען ער האָט דערהערט דעם קלאַנג פון זייערע גלאָקען דערנענטערען זיך, האָט ער זיך מעכאַניש אויס־געפּלאַכט ביי דער וואַנט. און דאָך האָט ער געמוזט זעהן, ווייל אויב ער האָט אָנגעטראָפען עפּעס וואָס האָט געליטען — א קינד,

אַ מאַגערען הונט, אַ קאַליקע, אַ קרעציגען — האָבען זיך זיינע אויגען אָנגעפילט מיט טרערען. צייטענווייז פלעגט ער שטיין ביים ראַנד פון גרינעם פּאַרגוס און לאַנג און בענקשאַפטליך שטאַר אַרויסקוקען צום ים, און טיילמאָל פלעגט ער ליגען שעה'ענווייז אויף דעם משופּע'דיגען פּלאַכלאַנד, וואָס האָט זיך איינזאַם געשפּרייט הינטער דעם געדיכטען פּאַרט.

אין דער קליינער ענגער חדר־שטוב, וואו הונדערטער קינדער האָבען צוזאַמען געטומעלט לשון קודש, איז ער אויך געווען אַליין. און ווען, שוין אַ שאַרפער בחור, ער איז געזעסען אויבען אָן אין בית המדרש ביים גאון יוסף איסקאַפּאַר, האָט ער זיך אַלץ נאָך גייסטיג הויך געהאַלטען. פלינקער פון זיינע חברים האָט ער אויפ־געכאַפּט די פּלפּול'דיגע האָר־שפּאַלטערייען, אין וועלכע די רבנים פלעגען זיך צו אָפט אַריינלאָזען, נאָר זיין פאַראַכטונג איז געווען אַזוי פלינק ווי זיין באַגרייפען. שוין פרי האָט אַ טאָן פון מרידה דורכגעשטאָכען זיינע ענטפערס אין דער ישיבה, און גאָר איינגיכען האָט ער אָוועקגעוואָרפען די טרוקענע פּלפּולים און האָט זיך איינ־גאַנצען אַריינגעלאָזט — אין איינגערע יאָרען ווי מען האָט ביז דאַמאָלס געהערט — אין די גייסטיגע מיסטיציזמען, די פּאָעטישע מיטגעריסענקייטען און זעלבסט־מאַרטירערייען פון די קבלה־ספרים. די וואַנדלונגען פון דער נשמה, מיסטישע באַהעפטונגען, דאָס אַרויס־רופען רוחות, דאָס באַשאַפען פון דער וועלט, אָדער ווי די שכינה האָט זיך קאָנצענטרירט אין זיך אַליין, כדי צו אַנטפּלעקען דעם סופי'גען אַ סך פון דעם אין סופי'גען איינעם. דאָס זיינען געווען די באַליבטע למודים פון דעם פאַרטראַכטען פופצען־יאָריגען בחור.

„לערנען וועט זיין מיין לעבען", האָט ער געזאָגט צום פאָטער.

„דיין לעבען! אָבער פון וואָס וועסטו לעבען?" האָט מרדכי צבי געענטפערט. „דיינע עלטערע ברידער אַרבייטען ביידע".

„איז טאָקע נאָך מער נויטיג, אַז איינער פון דיין משפחה זאָל זיך ווידמען צו גאָט און אַראָפּברענגען אַ ברכה אויף דער אַרבייט פון די אַנדערע".

מרדכי צבי האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. אין זיינע אַמאָליגע צייטען, אין מאָרעאַ, האָט ער געקענט די ביטערניש פון אָרימקייט. איצט האָט אים אָנגעהויבען צו גיין גוט, אַזוי ווי אַ סך אידען, אַ

דאנק דעם וואָס דער סולטאַן איבראַהים האָט געפירט מלחמה געגען די ווענעציאַנער, און, שטעלענדיג אין געפאַר דעם האַנדעל אויפ׳ן מזרח, האָט ער געטריבען די האָלענדישע און ענגלישע סוחרים אריבערצופירען זייערע געשעפטען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין סמירנע. די ענגלישע פירמע, פאַר וועלכער מרדכי איז געווען דער אגענט, איז רייך געוואָרען, און ער נאָך איר, האָט ער זיך דערפאַר געקענט דערלויבען צו האָבען א זון א למדן. ער האָט זיך מער נישט אנטקעגענגעשטעלט און האָט אפילו דערלויבט אז אין זיין הויז זאָל ווערען דאָס בית המדרש, וואו שבתי צבי מיט זיין געקליבענע חברים האָבען געלערענט דעם זוהר און קבלה פון פאַרטאָג ביז נאכט. אָפטמאָל פלעגען זיי פאַרלאָזען דעם דיוואַן פאַר דעם הילצערנעם גאָרטען־באַלקאָן, וואָס האָט אראָפּגעקוקט אויף די אָראַנזשען און פלוימען־בוימער. און וואָס רייכער מרדכי איז געוואָרען, אַלץ גרעסער איז געוואָרען זיין דרך ארץ פאַר זיין זון, צו וועמענס פאַרדינסטען, און נישט צו זיין אייגענעם פלייס און ערליכקייט, ער האָט צוגעשריבען זיין הצלחה.

„אויב קינדער ירש׳ענען די זינד פון די פאָטערס", פלעגט ער זאָגען, „דאַן מוזען אודאי די גוטע מעשים פון די קינדער אָפּגעצאָלט ווערען צו די פאָטערס".

זיין גרויס דרך ארץ פאַר זיין וואונדערליכען זון האָט זיך פאַרשפרייט אין דרויסען, און מען האָט אָנגעהויבען שבתאי׳ן ערנסט פאַרגעטערען און ווילד אָנצוהערען.

עפּעס פון אָט דער ווילדער אָנצוהערעניש האָט זיך דעם פאָטער אויסגעוויזען, האָט איינמאָל א פלאַם געטאָן אין זיין זונ׳ס אייגענע אויגען, ווען, צוריקקומענדיג פון א גרויסער רייזע צו זיינע ענגלישע בעלי בתים, האָט מרדכי צבי געערעדט וועגען די פינפטע מלוכה מענשען, וואָס האָבען פאַראויסגעזאָגט אז משיח און די גאולה פון די אידען דאַרפען קומען אינ׳ם יאָר 1666.

„טאַטע!" האָט זיך דער בחור אָנגערופען, „דאַרף נישט משיח געבוירען ווערען תשעה באב?"

„אודאי", האָט מרדכי געענטפערט מיט א קלאָפּעדיג האַרץ. „ער וועט געבוירען ווערען אין דעם אייגענעם אומגליקליכען טאָג, ווען אונזערע ביידע בית המקדש׳ען זיינען חרוב געוואָרען, פאַר א

סימן פון טרייסט, ווי עס שטייט געשריבען: „און איך וועל מאַכען אומצוקערען די געפאַנגענע פון יהודה און די געפאַנגענע פון ישראל, און וועל זיי אויפריכטען אַזוי ווי אַמאָל".

דער בחור האָט, ווי זיין געוואוינהייט איז געווען, ווידער געשוויגען. נאָר איין געדאַנק האָט באַהערשט דעם טאַטען מיט דעם זון. שבתאי איז געבוירען געוואָרען תשעה באב — דעם גרויסען שווארצען תענית.

דאָס וואונדער איז געוואַקסען ווען דאָס אינגעל איז אָפּגע'גט געוואָרען פון זיין ווייב, די שיינע חנה. נאָכדעם ווי ער האָט געפאָלגט און חתונה געהאַט — לויט דעם מנהג פון יענער צייט — מיט דעם מיידעל וואָס דער פאָטער האָט אים אויסגעקליבען, האָט דער יונגער אַסקעט זיך ליידענשאַפטליך אָפּגעזאָגט פון דער ליידענשאַפט, וואָס די מזרח־זון האָט פריצייטיג רייף געמאַכט, און דער דערשטוינטער בית דין האָט באַפרייט די בתולה פון איר מכלומרשט'ען מאַן. תפילות און ענוים זיינען געווען די תענוגים פון זיין יוגענט. די צויבערליכע אידישע טאָכטער פון סמירנע, בילדליך אין די ברייטע הויזען און וועסטען אָפען ביים האַלז, האָט נישט געהאַט קיין רייץ פאַר אים, כאָטש קיין מושלינענער שלייער האָט נישט באַהאַלטען זייערע רייצענדיגע פּנים'ער, אַזוי ווי די טערקישע פרויען, כאָטש קיין גזירה האָט נישט איינגעשטילט זייערע זיסע קולות צו זמירות ביים טיש, ווי צווישען די פרומע קהילות פונ'ם מערב. אומזיסט האָבען זיך די מיידלאך אריינגעשטעקט רויזען הינטער די אויערען אָדער געטראָגען האָניגזוויגעלאך אין די האָר צו געבען אָנצוהערען, אַז זיי זיינען גרייט צו גיין אונטער דער חופה. אָבער מרדכי, זייענדיג להוט אַז ער זאָל אָפּהיטען דאָס געבאָט, לויט וועלכען צו בלייבען אַ בחור הייסט לעבען אין זינד, האָט אים געפונען אַ צווייט ווייב, נאָך אַ שענערע. אָבער דער בחור איז געבליבען שווייגענדיג פאַר'עקשנט, און איז אינגיכען ווידער באַפרייט געוואָרען צו לעבען אין זיין איינזאַמקייט.

„איצט וועט די תורה זיין מיין איינציגע כלה", האָט ער געזאָגט.

בלינד צו דער שיינקייט פון פרויענשאַפט, איז דער יונגער, שיינער און איצט רייכער שבתאי, געגאַנגען זיין איינזאַמען, שפּאַר־זאַמען וועג, און אַ פאַרחידושטע חברה איז אים נאָכגעגאַנגען, קוים

שטערענדיג זיין איינזאמקייט מיט זייער דרך ארץ'דיגער חבר'שאַפט. ווען ער איז אריין אין ים, אין דער פרי און ביינאַכט, זומער און ווינטער, זיינען אַלע געשטאַנען פונדערווייטען. בייטאָג פלעגט ער תפילה טאָן ביים קוואַל וואָס די קריסטען האָבען גערופען „סאַנקטא ווענעראַנדא“, נעבען דעם אידישען בית עולם, און ער פלעגט זיך אויסשטרעקען ביינאַכט איבער די קברים פון די צדיקים אין א שטילער גסיסה פון בקשה, ווען די שאַקאַלען האָבען געבילט אין דער איינזאַמער פינסטערניש, און דער ווינט האָט געוואָיעט אין די קעלען פון די בערג.

נאָר טיילמאָל פלעגט ער ריידען צו זיינע נאָכפאָלגערס וועגען די געטליכע סודות און וועגען די ענוים קשים וואָס נאָר דורך זיי קען מען זיי דערגרייכען און ברענגען מענשען צו דער תחיה און דאָס מלכות געווינען. און טיילמאָל פלעגט ער זיי זינגען שפּאַנישע לידער מיט זיין זיס, רירענדיג קול — מאָדנע שירים פון קבלה, וואָס ער אליין אָדער לוריע האָט פאַרפאַסט, און צוגעפּאַסט צו טרויעריגע, נאָכגייענדיגע נגונים, וואָס האָבען געבענקט מיט מיסטישער ליידענשאַפט. און אין די לידער איז די פרויענשאַפט, וואָס ער האָט אָפּגעשטויסען, צוריקגעקומען אין ליבשאַפטליכע טענער, וואָס האָבען דערמאָנט שיר השירים אשר לשלמה, און זיינע תלמידים האָבען געזען אין זיי פאַרשלייערט פונקט אזא טיפען משל:

„די טאָכטער פונ'ם מלך
לייבט אין וואַסער פריילאַך,
מעליסעלדא.

טייב'ם ברוסט וואָס דריקט איר ברוסט צו,
ליגט אין פלאַטערדיגער רו,
מעליסעלדא.

פון איר באָד גייט זי אַרויס,
ריין און שנייוויים זעט זי אויס,
מעליסעלדא.

בלויז די ליפּען אירע קרעל,
און די פינגער־שפּיצען העל,
מעליסעלדאַ.

אינ'ם שטאָלץ פון איר ערד
שיינט איר פּנים ווי א שווערד,
מעליסעלדאַ.

אירע ליפּען — בויגענס שטאָל,
דאָך איר מויל א רויז פון טאָל,
מעליסעלדאַ."

און אין די אויגען פון די פאר'כשופ'טע צוהערערס זיינען געשטאַנען טרערען פון פאַרגעטערונג פאר מעליסעלדאַ'ן, אלס דעם משיח'ס מיסטישע כלה.

V.

און אין דער צייט וואָס דער שווייגענדיגער שבתאי צבי האָט קיין וואָרט נישט געזאָגט וועגען משיח אָדער זיין שליחות, קיין וואָרט חוץ דעם איינציגען וואָרט ביים ברעג ים, האָבען זיינע תלמידים, צוערשט בסוד, דערנאָך דרייסט, פארשפּרייט איבער גאַנץ סמירנע די בשורה וועגען משיח'ס אָנקום.

נישט אלע זיינען זיי געווען יונג, די ערשטע תלמידים פון שבתאי'ן. קיינער האָט נישט אייפריגער פאַרשפּרייט זיין רום, ווי דער ערנסטער, עלטליכער געלערטער משה פינערא. אָבער די צווייפלערס זיינען געווען ווייט מער פון די גלויביגע. מען האָט שבתאי'ן פארשפּאָט אלס משוגענעם. די אידען זיינען געווען צורי־סען צווישען זיך דורך אומאייניגקייטען און קריגערייען. אָבער שבתאי האָט אין זיי קיין אנטייל נישט גענומען. ער האָט מיט די מערסטע פון זיינע ברידער קיין מגע ומשא נישט געהאַט, חוץ אין רעליגיעזע צערעמאָניעס, און צוליב דעם פלעגט ער גיין צו די אָרימסטע הייזער, אין די ווידריגסטע הויפען. און אין א הויז פון איין שטוב, וואו אן אויפגעהויבענער טייל, באַדעקט מיט א

שטיקעל טעפיך, איז געווען די שלאף און וואוין־שטוב, און דער נישט־אויפגעהויבענער טייל די קיך, האט ער נאכאמאל ארויסגעוויזען זיין פארבארגענעם כח. עס איז געווען א ברית מילה פון א בכור, נאר ווען דער מוהל איז געגאנגען מל זיין, האט ער אים געבעטען איינצוהאלטען זיין האנט א ווייל. א האלבע שעה איז פארביי.

„אויף וואס ווארטען מיר?" האבען די געסט ענדליך דערוועגט זיך אים צו פרעגען.

„אליהו הנביא האט זיך נאך נישט אוועקגעזעצט", האט ער געזאגט.

דערנאך האט ער געגעבען א צייכען אז מען קען ווייטער אנגיין. זיי האבען מיט אימה און פחד געקוקט אויף דער ליידיגער שטול, וואו בלויז שבתאי'ס באגייסטערטער בליק האט געקענט זען די הימעלדיגע געשטאלט פון דעם אורעלטען נביא.

אבער די אלטע תלמידי חכמים זיינען געווען פול צארן אויף דעם נייעם נביא, באזונדערס ווען זיינע תלמידים האבען אומעטום פארשפרייט זיין אנטפלעקען זיך ביים ברעג ים. מען האט אים גערופען צו שטעלען זיך פאר די רבנים.

„דו האסט געהאט די העזה שם המפורש צו זיין!" האט געשריען יוסף איסקאפא, זיין אלטער רבי. „וואס! דיינע טריפה'נע ליפען וועלען פאראומרייניגען די הייליגע אותיות וואס אפילו אין די צייטען פון ישראל'ס גדולה האט זיי בלויז דער כהן גדול געמעגט ארויסאטעמען אינ'ם קדשי קדשים אין יום כפור!"

„דאס איז א געטליכער סוד וואס בלויז איך אליין ווייס", האט שבתאי געענטפערט.

אבער די רבנים האבען געשאקעלט די קעפ און געלייגט אים מיט זיינע תלמידים אין חרם אריין. א מאדנע אויסשטראלונג איז געקומען איבער שבתאי'ס פנים. ער איז אוועק צום קוואל און האט תפילה געטאן.

„איך דאנק דיר, פאטער", האט ער געזאגט, וואס דו האסט מיך אנטפלעקט צו זיך אליין. איצט ווייס איך אז מיינע אייגענע שטראפען זיינען נישט געווען אומזיסט.

אבער דער חרם פון די שבתאי צבי'ניקעס האט נישט איינגע־

שטילט דעם טומעל אין דעם אידישען געגענט אין סמירנע, וואס איז געשפייזט געווען מיט מילעניום־חלומות פונ'ם מערב. אין ענגלאנד איז טאקע אויפגעשטאנען א סעקטע תנ"ך־קריסטען, וואס האבען געארבייט אז משה'ס תורה זאל אנגענומען ווערען אלס דאס געזעץ פונ'ם שטאט.

פון איין קריסטליך לאנד צום אנדערען, אויף די פיבערדיגע ליפען פון הייסע גלויבערס, איז איבערגעגאנגען דער קלאנג וועגען דעם באלדיגען קומען פונ'ם משיח פון די אידען. טייל האבען געזאגט, אז ער וועט זיך שטעלען פאר דעם גראנד סעניאר אין יוני, 1666, און וועט פון אים צונעמען זיין קרוין מיט'ן כח פון מוזיק אליין, און וועט אים פירען אין קייטען ווי א געפאנגענעם. דערנאך וועט ער פארשווינדען אויף ניין חדשים, די אידען וועלען דערווייל ליידען מארטירעריי, אבער ער וועט צוריקקומען, רייטענדיג אויף א הימלישען לייב, מיט זיין צוים געמאכט פון זיבען־קעפיגע שלאנגען, און ער וועט צוריקפירען די צען פארלארענע שבטים פון יענער זייט סמבטיון, און וועט אנערקענט ווערען אלס משיח, דער מלך פון דער וועלט, און דאס בית המקדש וועט אראפנידערען פון הימעל שוין אויפגעבויט, אז די אידען זאלען דארט אייביג קענען מקריב זיין קרבנות. אבער די דאזיגע האפנונגען האבען קיין ארט נישט געפונען אין די הערצער פון די אידישע פירער אין סמירנע, וואו דורכגעטריבענע ספרדים זיינען געווען פארנומען מיט מי און האנדעל, ארבייטענדיג מיט די הענט, אדער איבערשיקענדיג פראכט פון פייגען. די שנארערס ווידער, די בעטלער, וואס האבען געלעבט אויפ'ן חשבון פון אנדערע, זיינען געווען נאך דורכגעטריי־בענער פון די ארבייטער. דערפון האבען זיך גענומען שטענדיגע דייסערייען און קריגערייען, ביז די רעגירונג האט ענדליך פאר־טריבען פון סמירנע שבתאי'ן, וועלכער איז אזוי אויך שוין געווען אויסער'ן געזעץ. ווען ער האט געהערט דעם באפעל, האט ער געזאגט, „איז נישט ישראל אין גלות?" ער האט זיך געזעגענט מיט זיינע ברידער און מיט זיין פאטער, וועלכער איז איצט שוין געווארען איינגעשרומפען און איז געווען פול מיט דער גיכט און מיט אנדערע קראנקהייטען.

„דו האסט מיר געבראכט פארמעגען", האט דער אלטער

מרדכי געזאָגט קלאָגענדיג, „אָבער איצט וואָלט איך בעסער געוואָלט פארלירען מיין פארמעגען איידער דיך. זע, איך שטיי שוין ביים ראנד פון קבר, און מיין הייליגער זון וועט מיר נישט צומאכען מיינע אויגען און וועט נישט וויסען ווען קדיש צו זאָגען ווען מיין נשמה וועט ווערען אָפּגעשיידט“.

„ווייז נישט, טאַטע“, האָט שבתאי געזאָגט. „די נשמות ווערען אָפּגעשיידט — אָבער זיי ווילען צוריקקומען“.

## VI.

ער האָט געוואַנדערט איבער די מזרח לענדער, אומעטום גע־וואונען נאָכפאָלגער, אומעטום באַזידעלט געוואָרען. קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל האָט אים געזען, און אַטען, טעסאַלאָניקא און קאירא.

בלויז פאַר דעם אידען איז דאָס ארומפאָרען לייכט געווען אין יענע צייטען. אומעטום האָבען זיך געפונען שריים פון זיין פאָלק. די בלוט־פאַרוואַנדשאַפט האָט אים פאַרזיכערט אַ ברוך הבא. אויף לשון קודש האָבען זיך אַלע געקענט צונויפריידען. איבערהויפּט אַ גאַסט אַ למדן האָט מען אויפגענומען אין אַ בלומיגען לשון קודש אַלס אַ קרוין וואָס איז צוגעשיקט געוואָרען צו באַצירען דעם קאָפּ פון'ם בעל הבית. צוערשט רייך אונטערהאַלטען, האָט מען אים דערנאָך באַלאָדען מיט מתנות ביים אַוועקפאָרען, מען האָט פאַר אים אויסגעפונען דעם קאַראַוואַן מיט וועלכען ער האָט באַדאַרפט פאָרען, אים פריינעהאַלטען מיט הוצאות, און אפילו מיט אויסלייז־געלט, אויב ער איז חלילה אריינגעפאַלען אין געפאַנגענשאַפט צו גזלנים.

אין דער טערקישער הויפּטשטאָט האָט דער ארויסגעטריבענער געהאַט אַ געמישטען קבלת פנים. אין דעם גרויסען אידישען קוואַר־טאַל חאַסקעי, מיט זיין פאַרהאַוועטער באַפעלקערונג פון קליינ־הענדלער, האָט ער געפונען אַ סך אָנהענגערס און אַ סך געגנער. קאָנסטאַנטינאָפּאָל איז געווען אַ נעסט פון פריילאַנצער און אַוואַנטו־ריסטען. אברהם יכיני, דער באַרימטער בעל דרשן, פון די ערשטע גלויבער, האָט געזען ברוח הקודש, אַז מען דאַרף עפענען אַ קבר אויפ'ן אַלטען בית חיים. ער האָט געפּאָדערט פון די סקעפּטישע רבנים, אַז זיי זאָלען אויפגראָבען די ערד. זיי האָבען אויסגעפונען,

אַז די לאָפּעטע איז געגאַנגען שרעקליך שווער, נאָר, מיט אויסדויער, האָבען זיי זיך באַלד אָנגעשלאָגען אָן אַן ערדענעם טאָפּ און אין אים אַ פּאַרמעט, וואָס האָט זיך אַזוי געלייענט: „איך, אברהם, בין געווען איינגעשלאָסען פערציג יאָר אין אַ הייל. מיך האָט גע־חידושט צי די צייט פון נסים איז נאָך נישט אָנגעקומען. האָט מיר דעמאָלט אַ קול געענטפערט: „אַ בן אדם וועט געבוירען ווערען אינ'ם יאָר 5386 פונ'ם וועלט באַשאַף און ער וועט הייסען שבתאי. ער וועט דערשטיקען דעם גרויסען עקדיש. ער איז דער אמת'ער משיח, און ער וועט מלחמה האַלטען אָן כלי זין".

אין דער אמת'ען האָט שבתאי אָן כלי זין מלחמה געהאַלטען, כמעט אָן ווערטער. אפילו דער אַלטער פּאַרמעט האָט נישט אי־בערצייגט די שפּעטערס, אָבער שבתאי האָט זיך אַזוי וויייניג אומ־געקוקט אויף דעם ווי זיי. ער האָט זיך קיינעם נישט דערקלערט. זיין הויכע, מלכות'דיגע געשטאַלט, מיט דער ברייטער שוואַרצער באָרד, האָט מען געקענט זען אין דער טונקעלהייט, אין לײדענ־שאַפטליכער תפילה אויף די קברים פון די צדיקים. מען האָט אים געזען פאַרטאָג שטיין אומבאַוועגליך אויף זיין בייכיגען היל־צערנעם באַלקאָן, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום גאָלדענעם האָרן. ווען ער האָט נישט געפאַסט, איז קיין שום שפּייז אַחוץ די איינ־פאַכסטע נישט אַריבער זיינע ליפּען. ער האָט זיך יעדען טאָג געשלאָגען מלקות. קליינע קינדער האָבען זיך צוגעבונדען צו אים און ער האָט זיי באַשאָנקען מיט נאַשערייען און געוואונען שמייכלען פון ליבשאַפט. ווען ער איז געגאַנגען איבער די פאַרמיסטיגטע, טיף צורעדערטע גאַסען, פּאַמעלאַך און פאַרטראַכט, געשטויסען פון טרעגערס, אייזלען, דערווישען, שעיקען, שרייבערס, אויבסט־הענד־לערס, פאַרשלייערטע פרויען און בעטלערס, האָט אים עפּעס מער ווי בלויז די פינסטערקייט פון זיינע קליידער אויסגעטיילט פון דער מישענינע פון רעגענבויגען־פאַרביגע דורכגייער. טערקישע שיינקייטען האָבען געכאַפּט אַ בליק דורך זייערע יאַשמאַקען, פוס־פאַרלייגטע בעל מלאכות ,רויכענדיג זייערע נאַרגילעס, האָבען אויפ־געהויבען די קעפּ ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען דורך די געוועלבטע דורכגענג פונ'ם גרויסען באַזאַר. איינמאָל האָט ער אַריינגעוואַנ־דערט אינ'ם שקלאַפען־מאַרק, וואו שיינע טשערקאַסינס און גרוזי־

נערינס זיינען אויסגעטאָן געוואָרען צו באַצירען די קיאָסקען פונ׳ם באָספאָר, און די אויגען זיינען אים פארלאָפען איבער דעם פאַר־דאַרבענעם כאַאָס פון לעבען אין דער הויפּטשטאָט, מיט אירע פּרעכטיגע פּאשאַס און עקעלדיגע קאַליקעס, אירע אומצעליגע מאָשעען און בראָדעלען, אירע גרויזאַמע ריכטער און נאַרישע טאַנ־צענדיגע דערווישען. און ווען אַ בייזער מאַכמעדאַנער האָט אָנגע־שלאָגען זיין אייזעל און האָט עס גערופען „איד!", האָט זיין האַרץ געברענט פון רעכטפאַרטיגען צאָרן. באמת, בלויז ישראל האָט אויסגעקליבען רעכטפאַרטיגקייט — אַ קליין פאָלק, דאָס איבער־בלייבאַכץ וואָס וויל אויסלייזען די וועלט, און ברענגען דאָס מלכות פון גאָט. אָבער וויי! ישראל אַליין איז נאָך פול מיט זינד, האַרטנעקיג און נישט־גלויביג.

„וויי! וויי!" האָט ער הויך געשריען צו זיינע ברידער, ווען ער איז אַריינגעקומען אין אידישען קוואַרטאַל. „אייערע זינד וועלען זיך אומקערען צו אייך. ווייל וויסען זאָלט איר, אַז ווען גאָט האָט באַשאַפען די וועלט, איז עס נישט געווען אויס נויטיגקייט, נאָר אויס ריינער ליבשאַפט, און אַז די מענשען זאָלען אים קענען פאַר זייער באַשאַפער און האַר. אָבער איר קערט אים נישט אום ליב־שאַפט פאַר ליבשאַפט. וויי! וויי! אַ פייער וועט קומען אויף קאָנסטאַנטינאָפּאָל און אַ גרויסע שריפה וועט פאַרצוקען אייערע דירות און אייער האָב און גוטס".

דעמאָלט איז זיין ברוסט פול געוואָרען מיט זיפצען, אין אַ מאָדנעם עקסטאַז איז זיין גייסט אַזוי ווי אַרויסגעפלויגען פון זיין גוף, און ליבשאַפטליך אַרומגעשוועבט איבער דעם גאַנצען פאַרביגען ערב רב. יענע גאַנצע נאַכט האָבען אים זיינע נאָכפאָלגערס געהערט תפילה טאָן הויך מיט ליידענשאַפטליכען געוויין, זינגענדיג תהילים מיט זיין זיס עצבות׳דיג קול בשעת ער האָט אומגלייך געשפּאַנט אויף און אָפּ איבער דער שטוב.

## VII.

אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט אים אַ שליח געבראַכט אַ גע־טריישאַפטס־בריף פון דמשק פון זיין וויכטיגסטען תלמיד, נתן העזתי. נתן איז געווען אַ יונגער ענטוזיאַסט, דער זון פון אַ ירושלים׳ער

משולח, און האט נישט לאנג צוריק חתונה געהאט מיט דער שיינער, נאר איין־אויגיגער טאכטער פון א רייכען פארטוגעזער, וואס האט איבערגעוואנדערט פון דמשק קיין עזה. פארמעגליך און אייפעריג האט ער זיך פון איצט אן אפגעגעבען צו פרעדיגען משיח'ן, צו לעבען און שטארבען אלס זיין שליח און נביא — נישט קיין אנדערער בסך הכל ווי דער אליהו וואס דארף זיין דער אנזאגער פונ'ם משיח. און ער האט זיך אויך נישט אפגעהאלטען פון צו שאפען מופתים צו באווייזען זיין שליחות. ווען ער האט בלויז איבערגעלייענט א מענשענ'ס נאמען, האט ער איבערדערציילט זיין לעבען, זיינע עבירות און זינד, און אויף אים ארויפגעלייגט די אמת'ע תשובה און שטראף. רשעים האבען זיך געהיט פאר זיין בליק. נאך גיכער ווי אין שבתאי'ן האבען מענשען געגלויבט אין אים, ווייל ער האט זיך בלויז געשטעלט אויפ'ן צווייטען פלאץ, און א שקרן, האבען זיי געזאגט, וואלט זיך געשטעלט אויפ'ן ערשטען. אויסגעדריקט אין די בלומען און דריידלעך פון תלמודישען לשון קודש, האט זיך נתן'ס בריף געלייענט אזוי:

## כ"ב חשון משנת זה.

„צום מלך, אונזער מלך, שר פון אונזערע שרים, וואס זאמעלט צונויף די צושפרייטע פון ישראל, וואס באפרייט אונזער געפאנגענשאפט, דער מענש, וואס איז דערהויבען צו דער הויכקייט פון אלע עליונים, דער משיח פונ'ם אל יעקב, דער אמת'ער משיח, דער לייב פונ'ם הימעל, שבתאי צבי, וואס זיין כבוד זאל דערהויכט ווערען און זיין קיניגרייך אויפגעשטעלט איניכען און אויף אייביג, אמן. נאכדעם ווי איך האב געקושט דיינע הענט און אפגעווישט דעם שטויב פון דיינע פיס, ווי עס איז מיין חוב צום מלך המלכים, וואס זיין מלכות זאל דערהויכט ווערען און זיין קיניגרייך געגרויסט. קום איך דא צו וויסען צו טאן צו דיין העכסטער גרויסקייט פון יענעם ארט, וואס איז באצירט מיט דער שיינקייט פון דיין קדושה, אז דאס ווארט פונ'ם מלך און פון זיין תורה האט אויפגעלויכטען אונזערע פנים'ער. דער טאג איז געוועזן א יום טוב טאג אין ישראל און א טאג פון ליכטיגקייט צו אונזערע פירער, ווייל מיר האבען זיך גלייך גענומען אויסצופירען דיינע געבאטען, ווי עס איז אונזער

חוב. און כאָטש מיר האָבען געהערט פון אַ סך אויסטערלישע זאַכען, זיינען מיר דאָך מוטיג, און אונזער הארץ איז ווי דאָס הארץ פון אַ לייב. און מיר דארפען נישט נאָכפרעגען אָדער נאָכטראַכטען וועגען דיינע מעשים, ווייל דיינע מעשים זיינען וואונדערליך און נישט צו דערגרונטען. און מיר זיינען פעסט אין אונזער געטריי־שאַפט אָן שום אויסנאַם, און אַפילו אונזערע נשמות גיבען מיר אָפּ פאַר דיין הייליגען נאָמען. איצט האָבען מיר דערגרייכט דמשק, און מיר האָבען בדעה אינגיכען ווייטער צו וואַנדערען ביז סקאַנדעראָנע, לויט דו האָסט אונז באַפוילען: אַז מיר זאָלען אויף דעם אופן זוכה זיין צו זען דאָס פּנים פון דער ליכטיגער שכינה, אַזוי ווי דאָס ליכטיגע פּנים פונ'ם מלך פון לעבען. און מיר, קנעכט פון דיינע קנעכט, וועלען אָפּוואַשען דעם שטויב פון דיינע פיס, און בעטען, אַז דאָס מלכות פון דיין דערהויבענקייט און ליכטיגקייט זאָל באַ־וויליגען אַראָפּצוקוקען אויף אונז פון דיין וואוינונג, און העלפען אונז מיט דעם כח פון דיין רעכטער האַנט, און אונז פאַרקירצען דעם זועג וואָס ליגט פאַר אונז. און מיר האַלטען אונזערע אויגען גע־ווענדעט צו יה יה, וואָס ער וועט צואיילען אונזער ישועה און אונזער גאולה, אַז די רשעים זאָלען אונז קיין שלעכטס נישט טאָן. און וואָס אונזערע הערצער גייען אוי סאָון ווערען פאַרצערט נאָך אים: וואָס ער וועט אונז געבען אייזערנע קלויען, אַז מיר זאָלען די זכיה האָבען צו שטיין אונטער'ן שאָטען פון דיין אייזעל. דאָס זיינען די רייד פון דיין קנעכט פון קנעכט, וואָס שטרעקט זיך אויס געטראָטען צו ווערען פון די זוילען פון דיינע פיס.—נ ת ן ב נ י מ י ן".

## VIII.

אָבער אין טעסאַלאָניקאַ איז עס געווען — וואָס איז איצט באַקאַנט אַלס סאַלאָניקאַ — וואו שבתאי האָט געוואונען די גרעס־טע צאָל נאָכפאָלגער. ווייל טעסאַלאָניקאַ איז געווען די הויפּט־פעסטונג פון דער קבלה, און כאָטש די דרייעקעדיגע באַפעסטיגטע שטאָט, וועלכע איז געשטאַנען משופּע אויפ'ן בארג, אַראָפּ צום פּאַרגוס, איז געווען אין די הענט פון די טערקען, וועלכע האָבען אויפגעבויט פיר פעסטונגען און אויפגעשטעלט צוועלף קליינע קאַנאָנען געגען די ים־רויבער, האָבען אָבער די אידען דאָרט אויפ־

געשטיגען, און זייערע דרייסיג שולען האָבען אַריבערגעשטיגען די מאָשעען פון זייערע באַהערשער און די קירכען פון די גריכען, פונקט ווי די קרוינען, וואָס זיי האָבען באַקומען פאַר צושטעלען די קליידער פאַר די יאַניסאַרען, האָבען ווייט איבערגעשטיגען זייערע יערליכע צינזען. קאַסטיליאַנער, פאָרטוגעזער, איטאַליענער זיינען זיי נאָך דאָ פאַרמערט געוואָרען דורך אַ צופלוס פון תלמידים פון אַלע טיילען פונ׳ם לאַנד, ווייל דאָ זיינען געווען צוויי גרויסע ישיבות, וואו עס האָבען געלערענט איבער צען טויזענט תלמידים. אָט אין דער אַטמאָספערע פון פרומער וואַרימקייט האָט שבתאי געפונען טרייסט פאַר דער גלייכגילטיגקייט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. נישט בלויז מענער זיינען איצט געווען זיינע חסידים, נאָר ווייבער און מיידלאַך, מיט זייער גאַנצער אָריענטאַלישער היציגקייט, אויסטאָענדיג זייערע שלייערען פונ׳ם פנים און אַראָפּנעמענדיג פון זיך די אויצרות וואָס האָבען זיי איינגעהילט, ווען זיי זיינען געזעסען ביי זיינע פיס. בתולות, וואָס האָבען נאָך נישט אויסגעלערענט זיך צו ליבען אָדער זיך פאַרשטעלען, האָבען אויפגעהויבען פאַרגעטערענדיגע אויגען. אָבער שבתאי׳ס בליקען זיינען נאָך געווען געווענדט אַריין און אַרויף צום הימעל. און איינמאָל האָט ער געמאַכט אַ גרויסע סעודה, און האָט פאַרבעטען אַלע זיינע פריינד צו זיין חתונה אין דער גרויסער שול. זיי זיינען געקומען מיט טאַנץ און מוזיק און מיט אָנגעצונדענע ליכט, נאָר מיט קאָפּברעכעניש פון נייגעריגקייט, און פול מיט טרעפענישען ווער די כלה איז. דורך די געדיכטע האַלץ־שניצערייען פון דער ווייבערשול האָבען טויזענט נייגעריגע אויגען אַראָפּגעשטאַרט. ווען די רגע איז געקומען, האָט זיך שבתאי, אין יום־טוב׳דיגע מלבושים געשטעלט אונטער דער חופה. אָבער קיין כלה איז נעבען אים נישט געווען צו זעהן. משה פינעראָ האָט פייערליך אַרויסגענומען אַ ספר תורה פונ׳ם ארון־קודש, אין אַ מענטעלע פון פורפור און גאָלד, און באַהאַנגען מיט גאָלדענע קייטען און אַ האַרצעל און גלעקלאַך, וואָס האָבען זיס געקלונגען, און ער האָט זי צוגעטראָגען אונטער דער חופה, און שבתאי, אָנטוענדיג אַ גאָלדען רינגעל אויף אַ זילבערנעם יד פון דער ספר תורה, האָט פייערליך געזאָגט:

„הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל“.

א געמורמעל פון דערשטוינונג איז דורכגעלאָפען די שול, גע־מישט מיט א העכערער געדערדריי פון פּראָטעסט פון אויפגערעגטע פרומע אידען. אָבער די מער פּאָעטישע מקובלים האָבען פאַר־שטאַנען. זיי האָבען דערקלערט, אַז דאָס איז געווען די באַהעפטונג פון דער תורה, דער בת השמים, מיט משיח׳ן, דעם בן שמים, וועלכער האָט זיך קיינמאָל נישט געטאָרט באַהעפטען מיט קיין שטאַרבליכען מענשען.

נאָר איינער פון די נישט־איינגעשטילטע רבנים האָט אויפ־געהויבען א טומעל, אַז דאָס איז א חלול השם.

„ניין, דו באַגייסט א חלול השם“, האָט דער חתן התורה רוהיג געענטפערט. „זאָגען נישט די נביאים, אַז די וואָס האָבען ליב דעם אמת דאַרפען זיך פּאָרען מיט דעם אמת?“

אָבער די אָרטאָדאָקסישע אידען האָבען מנצח געווען און מען האָט אים אַרויסגעיאָגט פון שטאָט.

ער איז אַוועק קיין מאַרעאָ צו זיין פאָטער׳ס קרובים. ער האָט אַרומגעוואַנדערט אַהין און אַהער, און די יאָרען זיינען פאַרביי. אויסגעפּייניגט פון תעניתים און פון תשובות, לעבענדיג מיט זיינע אינערליכע חלומות פון רעכטפאַרטיגקייט און אויפלעבונג, איז ער אַריינגעקומען אין די מיטעל־יאָרען, און אויף זיין ליב, תלמיד־חכם׳דיג פּנים האָט אין די אַלע פאַמעלאַכדיגע יאָרען געשוועבט אַן אויסדרוק פון געדולדיגער דערוואַרטונג. און די צאָל פון זיינע תלמידים איז געוואַקסען און האָט זיך געביטען. טייל זיינען געשטאָרבען, אַנדערע זיינען מיד געוואָרען פון לאַנגען וואַרטען. נאָר שמואל פּרימאָ, פון ירושלים, איז געוואָרען זיין איבערגעגעבענער סעקרעטער, און אברהם רוביא איז אויך אַלעמאָל געווען ביי זיין זייט, א פריילעכער אומפאַרשעמטער בעטלער, וואָס האָט כסדר גע׳טענה׳ט וועגען זיין געוואַלדיגען גלויבען אין משיח׳ן, און האָט מיט א געוואַלדיגען אַפּעטיט נהנה געווען פון די גוטע זאַכען וואָס די פאַרערער האָבען געשיקט און וואָס דער פאַר׳עקשנ׳טער מקובל האָט נישט געוואָלט אָנרירען.

„ס׳איז א מזל וואָס איך וועל זיין מיט דיר ווען דו וועסט טיילען דעם לויתן“, האָט ער זיך איינמאָל אָנגערופען. „אַז נישט

וואלטען די גוי'אישע פרינצעסינס וואס וועלען אונז באדינען, אויפגעגעסען דיינע חלקים".

„אין יענע צייטען פונ'ם מלכות וועט שוין נישט נויטיג זיין זיך צו פארזארגען פון תענוג", האט שבתאי געזאגט. „ווי עס שטייט געשריבען „און דיינע תעניתים וועלען ווערען יום טובים".

„אויב אזוי, וועלען דיינע יום טובים ווערען מיינע תעניתים", האט רוביא געענטפערט.

שבתאי האט געשמייכעלט. דער בעטלער איז געווען דער איינציגער מענש, וואס האט אים געקענט מאכען שמייכלען. אבער ער האט געשמייכעלט א פינסטערען, ביטערען שמייכעל — ווען ער האט געהערט, אז די גרויסע שריפה, אויף וועלכער ער האט נביאות געזאגט, האט חרוב געמאכט קאנסטאנטינאפאל, און אנגעמאכט א שוידערליכען חורבן אין דער אידישער געגענט.

„דאס פייער וועט לייטערען זייערע הערצער", האט ער געזאגט.

IX.

נתן הנביא האט ברייט ארומגערעדט אט די נסים'דיגע נביאות פון זיין הער, און א ציטער איז דורכגעגאנגען איבער אלע לענדער פון'ם גלות.

און דאס האט דערגרייכט דעם גאסטפריינדליכען טיש אין קאירא, וואו יעדען מיטאג־צייט האבען צוזאמען געגעסען א האלבער טוץ מקובלים אינ'ם פאלאץ פונ'ם סאראף באשי, דעם אידישען שאצ־מייסטער, וואס האט זיך אליין אפגעגעבען מיט תשובות און מיט זעהונגען, און האט געטראגען אויף זיך א זאק אונטער די פורפערנע קליידער, וואס ער האט געטראגען ווען ער איז ארומגעפארען אין זיין שטאטס־קארעטע.

„דער וועמען מיר שיקען דיר דא", האט נתן געשריבען צו רפאל יוסף חלבי, דעם פרומען און פריינעביגען שר בישראל", איז דער ערשטער מענש אין דער וועלט — מער דארף איך נישט זאגען. גיב זשע אים אפ כבוד און דו וועסט נאך האבען דיין שכר ביי זיין לעבען, און דו וועסט זיין אן עדות פון אומגלויבליכע נסים. וואס דו זאלסט נישט זען, זיי נישט דערשטוינט. דאס איז א געטליכער סוד. ווען די צייט וועט קומען, וועל איך אלץ אויפגעבען

אים צו דינען. הלואי וואָלט מיר געגעבען געוואָרען איצט אים נאָכצוגיין!"

חלבי איז געווען גרייט שוין גלייך נאָכצופאָלגען שבתאי'ן. ער איז געגאַנגען באַגעגענען שבתאי'ס שיף, און האָט אים באַגלייט אין זיין פּאַלאַץ אריין מיט גרויס כבוד. נאָר שבתאי האָט דאָרט נישט געוואָלט וואוינען.

„די צייט איז נאָך נישט ראוי", האָט ער געזאָגט, און ער האָט זיך אָפּגעזוכט אַ דאַך איבער'ן קאָפּ ביי אַן אָרימען מוכר ספרים, וואָס זיין שטענדער מיט ספרים איז געשטאַנען צווישען די ביידלעך פון די פּראַצענטניקעס אויפ'ן וועג צו דער גרויסער שול, און זיינע נאָכפאָלגערס האָבען זיך פאַרשפּרייט צווישען די מאָדנע הויכע הייזער פון אידישען קווארטאַל, און זיינען ווי נביאים אַרומ־געגאַנגען אין די קרומע געסלאַך, צווישען דעם פאַנטאַסטישען כאַאָס פון סוחרים און קונים און אייזלען, אונטער דעם שיינענדיגען בלויען פּאַס פון עגיפּטישען הימעל. בלויז אין האַלבען טאָג גייען זיי צום טיש פונ'ם סאַראַף באַשי.

„ביזט עפּעס דורכגעגאַנגען סכנות אויפ'ן ים?" האָט דער בעל הבית געפרעגט דעם ערשטען טאָג. לייטען זאָגען אַז די ים־רויבער פון דער באַרבאַריי זיינען ווידער טעטיג".

שבתאי האָט ווייטער געשוויגען, נאָר שמואל פּרימאָ, זיין סעקרעטער, האָט זיך גענומען ענטפערען.

„סכנות!" האָט ער אויסגערופען. „מיין האַר וועט נישט ריידען וועגען זיי, נאָר דער קאַפּיטאַן וועט דיר דערציילען אַ מעשה. מיר האָבען גאַרנישט געדענקט, אַז מיר וועלען קענען דורכפאָרען ראַדאָס!"

„יאָ!", האָט זיך אברהם רוביאָ מיטאַנגערופען, „צוויי רויב־שיפען האָבען אונז אַ גאַנצע נאַכט נאָכגעיאָגט, איינע פון יעדער זייט, אַזוי ווי בעטלערס".

„און דער קאַפּיטאַן", האָט זיך יצחק סילווערא אַנגערופען, „האָט זיך שוין מיאש געווען פון אַנטלויפען, האָט געפּלאַנעוועט צו אַנט־לויפען מיט דער מאַנשאַפט אין די שיפלאַך און לאָזען די פּאַסאַ־זשירען אויף זייער אייגענעם גורל".

„אָבער ער האָט עס נישט געטאָן?" האָט זיך אַ מקובל אָן אַטעם אָנגערופען.

„ליידער, ניין", האָט זיך אברהם רוביאָ מיט אַ לצ'איש פּנים אָנגערופען. הלואי וואָלט ער עס געטאָן! וואָלטען מיר איצטער פאַרמאָגט אַ גוטע שיף, און דער האַר וואָלט אונז אַלעמען סיי ווי מציל געווען".

„אָבער רעכטפאַרטיגקייט מוז אומבאַדינגט באַלוינט ווערען", האָט שמואל פּרימאָ פּראָטעסטירט. „און אַזוי ווי דער קאַפּיטאַן האָט געוואָלט ראַטעווען דעם האַר אין די שיפלאַך" —

„דער האַר האָט בשעת מעשה געלערנט", האָט שלמה לאַניאַדאָ אַריינגעוואָרפען. דער קאַפּיטאַן האָט אויסגעשריען ,די ים־רויבערייען אויף אונז!' „וואו?" האָט דער האַר געזאָגט. ,דאָרט!' זאָגט דער קאַפּיטאַן. דער האַר האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט, איינע צו יעדער שיף, און הויבט אויף זיינע אויגען צום הימעל, און אין אַ רגע האָבען זיך ביידע אויסגעבויגען און אַוועקגעזעגעלט ווייט איבער'ן ים".

שבתאי איז געזעסען און האָט שווייגענדיג געגעסען זיין אָרים־מאָלצייט.

נאָר ווען דער קלאַנג וועגען זיין מופת האָט זיך פאַרשפּרייט, זיינען די קראַנקע און די קאַליקעס געקומען צולויפען צו אים, און, טענה'נדיג אַז ער איז גאָרנישט בכח צו טאָן, האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף זיי, און אַ סך האָבען געזאָגט, אַז זיי זיינען געהיילט געוואָרען. ער האָט אויך באַרירט די ברעמען פון די מיט קראַנקע אויגען און זיי האָבען געזאָגט, אַז זיינע פינגער זיינען אַזוי ווי זאַלב. אָבער שבתאי האָט גאָרנישט געזאָגט, זיך מיט גאָרנישט גרויסגעהאַלטען, איז כסדר געגאַנגען אין דרך הישר מיט שטילע אונטערטעניגע טריט. דאָך אָבער האָט ער לאַנג נישט געקענט בלייבען אין עגיפּטען. דאָס מילעניום יאָר האָט זיך דערנענטערט — דאָס מיסטישע 1666.

שבתאי צבי האָט אָנגעגורט זיינע לענדען, און נישט קוקענדיג

אויף די קלאנגען וועגען אראבישע רויבער, נאך מער, אפילו טראַ־גענדיג זיינע תפילין אויפ'ן שטערען ווי ארויסצואווייזען אז ער איז א איד, און דערפאר רייך, האָט ער זיך אַנגעשלאָסען אַן א קאראוואן קיין ירושלים, דורך דמשק.

X.

אַ, מיט וואָס פאר אַן עקסטאַז ער האָט זיך אויסגעשטרעקט צו קושען צום ערשטען מאָל די ערד פון דער הייליגער שטאָט! טרערען זיינען אים גערונען פון די אויגען, האַלב פון באַגייסטערונג, האַלב פון ליידענשאפטליכען טרויער איבער די פארלוירענע גרויס־קייטען פון ציון, וואָס איז געווען אין די הענט פון מאַכמעדאַנער, אירע טויערען באוואכט פון טערקישע היטערס, און אַפילו די שיינקייט פון איר ערשטען אַנבליק — די קופּאָלען, טורעמס, בולווערק, געבאָרען אין פרימאָרגענדיגען זונליכט — האָט פאר־בלייכט אין דעם שמוץ פון אירע משופּע'דיגע געסלאַך.

נתן הנביא האָט צו וויסען געטאָן די אידען וועגען דעם אָנקומען פון זייער מלך, און די גלויביגע האָבען אים אויפגענומען בכבוד גדול, און האָבען אַפילו אריינגעשטעלט שבתאי צבי, אַנשטאָט סולטאַן מעכמעט, אין זייער שבת'דיגער תפילה פאר'ן מלך, און ביי דער כותל מערבי זיינען די פארצווייפעלטע געוויינען פון די בני תורה געמילדערט געוואָרען פון א גרויסער האָפנונג.

אָרים, געדריקט ביז הונגער דורך די טערקישע באַאמטע, באַ־רויבט פון די געוויינליכע אונטערשטיצונגען פון די פרומע פוילישע אידען, וואָס זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען אין די קאַזאַקישע פּאָגראָמען, איז זייער לאַנג וואַרטען אויף משיח'ן נאָך הייסער געוואָרען פון דער בשורה וואָס ברוך גד האָט זיי געבראַכט פון פערסיע — ווי די בני משה, וואָס לעבען אויף יענער זייט סמבטיון (וואָס האָט אויפגעהערט לויפען אים שבת), האָבען בלויז געוואַרט, מיט טעגליכע נסים, אויפ'ן וואָרט פון משיח'ן, זיך אומצוקערען צוריק קיין ירושלים. די פארלוירענע צען שבטים וועלען זיך צוריק צונויפזאמלען: ווען דער שופר וועט בלאָזען, וועלען זיך די צו־שפּרייטע פון ישראל צונויפזאַמלען פון אַלע פיר עקען וועלט. אָבער

שבתאי האָט אַראָפּגעקוקט אויף דעם גרויסען כבוד, ווענען דער גאולה האָט ער קיין וואָרט נישט געזאָגט.

און באמת האָט עס אויסגעוויזען, אַז זיין אָנקומען האָט גיכער אָנגעזאָגט חורבן איידער גאולה. ווייל אַ זשערנער פּאשאַ האָט, אויסגעפינענדיג ווענען דער אומטריישאַפט פון דער שול צום סולטאַן, דאָס געמאַכט פאַר אַן אויסרייד אויף אוממעגליכע געלט־שטראָפען.

די דערשלאָגענע קהילה איז ווידער אַריינגעפאַלען אין אַ פאַר־צווייפלונג. זיי האָבען שוין אַזוי אויך געהאַלטען ביי הונגערען, פון וואַנען זאָלען זיי איצט נעמען די גרויסע סומע? נאָר, קומענדיג צו זיך, האָבען זיך אַלע הערצער מיט אַמאָל געווענדט צו דער מאָדנער טרויעריגער געשטאַלט וואָס איז עניות'דיג אַרומגעגאַנגען צווישען זיי.

„געלט?“ האָט ער געזאָגט. „פון וואַנען זאָל איך נעמען אַזויפיל געלט?“

„אָבער דו ביזט דאָך משיח?“

„איך משיח?“ ער האָט עצבות'דיג געקוקט אויף זיי.

„זיי אונז מוחל — מיר ווייסען, אַז די שעה פון דיין אַנטפּלעקונג האָט נאָך נישט געשלאָגען. אָבער וועסטו אונז נישט ראַטעווען דורך דיין מענשליכער מאַכט?“

„ווי אַזוי?“

„מיר בעטען דיך זאָלסט גיין פאַר אונז אויף אַ שליחות צום פריינדליכען סאַראַף באַשי, פון קאירא. בלויז זיין פאַרמעגען קען אונז אויסלייזען.

„אַלץ וואָס אַ מענש קען טאָן וועל איך טאָן“, האָט שבתאי געזאָגט.

„זאָל דיין כח געשטאַרקט ווערען!“ האָבען זיי דאַנקבאַר אויסגערופען, און לומדים מיט ווייסע בערד האָבען זיך געבוקט צו קושען דעם זוים פון זיין קלייד.

און שבתאי איז צוריקגעפאָרען קיין קאירא מיט אַ קאַראַוואַן דורך דער מדבר. אַ פייערדיגער וואָלקען, האָט מען געזאָגט, איז אים געלאָפען פאַראויס, און ווען ער איז געפאָרען ביינאַכט, האָבען אים באַגלייט מיליאָנען געפאַנצערטע רייטער, וואָס זיינען פאַר־

שוואונדרען אין דער פרי, און וואו ער איז פארבייגעפארען זיינען אלע אידישע איינוואוינער ארויסגעלאפען קוקען אויף אים. אין חברון האבען זיי א גאנצע נאכט געווארט ארום זיין הויז.

פון זיין פענסטער האט שבתאי ארויסגעקוקט אויף די שוויי־גענדיגע שטערען און אראפ צום באוועגליכען ים פון פנים'ער.

„וואס אויב דער נס זאל נישט געשען!" האט ער געמורמעלט.

„אויב חלבי וועט זיך אפזאגען מקריב צו זיין אזויפיל פון זיין פארמעגן! אבער זיי גלויבען אין מיר. ירושלים וועט אפנים זיכער אויסגעלייזט ווערען און איך מוז אין דער אמת'ען זיין משיח".

אין קאירא האט זיך דער שאצמייסטער געפילט געהויבען אים מקבל פנים צו זיין, און האט אים נאכגעגעבען זיין פארלאנג, נאך איידער ער האט געענדיגט ריידען.

יענע נאכט האט שבתאי אוועקגעוואנדערט פון אלע זיינע נאכפאלגערס, אריבער דעם לבנה־באלויכטענעם ניל, צו דער גרויסער פיראמידע, ווייטער, ווייטער, ביז דער ווייסער מדבר, און זיינע אויגען האבען געזעהן בלויז אינערליכע זעהונגען.

„יא, איך בין משיח", האט ער ענדליך אויסגעשריען אין דער אומענדליכער נאכט אריין, „איך בין ג—!"

ער איז פלוצים געקומען צו א קליינער פארטיפונג אינ'ם זאמד און איז שיער געפאלען, און אין דער רגע האט ער דערזעהן דעם ספינקס, וואס האט געטורעמט איבער אים, דאס גרויסע גראניטענע פנים פייערליך אינ'ם לבנה־ליכט. זיין קול איז אפגעשטארבען אין אן אימה'דיגען מורמעל. לאנג, לאנג האט ער אריינגעשטארט אין די גרויסע שטיינערנע אויגען.

„רעד!" האט ער געמורמעלט. „דו, אבו־על־האל, פאטער פון שרעק, דו וואס דו האסט שטום געטראכט איבער די שטילקייטען איידער משה בן עמרם האט ארויסגעפירט מיין פאלק פון דעם לאנד דא פון קנעכטשאפט, וועל איך זיי נישט פירען פון זייער צושפרייטקייט צו זייער אוראלטער אייניגקייט אין דעם טאג ווען גאט וועט זיין איינער און זיין נאמען איינער?"

דער ספינקס האט געשוויגען. דער ווייסער ים פון זאמד האט זיך אומענדליך אויסגעשטרעקט אין גערוישלאזע כוואליעס.

די פיראמידען האבען געווארפען טויטען־שאטענס איבער דער טרוי־קענער וויסטעניש.

„יא", האט ער געשריען ליידענשאפטליך. „מיין פאטער האט מיך נישט אפגענארט. דורך מיר, דורך מיר פליסען די געבענשטע שטראמען אויפסניי צו באשאפען און אויפסניי אנצוצינדען. האט עס דער אויבערשטער מיר נישט אנטפלעקט, נאך פאר דעם איצטיגען טאג פון ירושלים'ס אויסלייזונג, דורך דעם טאג אין וועלכען איך בין געבוירען, דורך דעם אורא̇לטען פארמעט, דורך נתן'ס קנעבעל־שאפט צו מיר, דורך דעם גלויבען פון מיינע ברידער און דעם קלאנג צווישען די פעלקער, דורך מיינע צרות, דורך מיינע אליין־אויף־זיך־גענומענע ענוים, דורך מיינע לאנגע, מידע יארן פון געצוואונגענע וואנדערנישען אהין און אהער איבער דער ערד, דורך מיין איינזאמקייט — אוי, גאט — מיין איינזאמקייט!"

דער ספינקס האט שטום און פייערליך געטראכט אונטער די שטום־פארטראכטע שטערען. שבתאי'ס קול איז געווען דאס קלאנגען פון א ווינט.

„יא, איך וועל אויסלייזען ישראל'ן, איך וועל אויסלייזען די וועלט. דורך מיין הייליגקייט וועט די וועלט ווערען א בית המקדש. זינד און שלעכטס און פיין וועלען פארביי. שלום וועט זיצען אונ־טער'ן פייגענבוים, און שווערדען וועלען פארוואנדעלט ווערען אין שניטמעסערס, און פרייד און ברידערליכקייט וועלען פארנעמען די גאנצע ערד אזוי ווי מיין פאטער אין הימעל האט געלאזט וויסען ישראל'ן דורכ'ן מויל פון זיין נביא הושע. יא, איך, איך אליין, וועל זי פארנארען און ברענגען אין דער מדבר אריין און רעדען צו איר מיט גוטע רייד. און איך וועל איר פון דארטען ווייג־נערטנער געבען, און דעם עמק עכור פאר א טיר פון האפנונג. און זינגען וועט זי דארט ווי אין די טעג פון איר יוגענט און ווי אין די טעג ווען זי האט ארויסגעצויגען פונ'ם לאנד מצרים. און איך וועל זאגען צו זיי וואס זיינען נישט געווען מיין פאלק, „דו ביזט מיין פאלק". און זיי וועלען זאגען, ‚דו ביזט מיין גאט'."

דער ספינקס האט געשוויגען. און אין דער שוויגעניש איז געווען דאס קול פון טויטע דורות, וואס האבען געהאוועט און

גע׳חלום׳ט און פארגאנגען, אָן אַ צאָל ווי די זעמדעלאך אין דער מדבר.

שבתאי האָט געשוויגען און באטראכט דאָס פנים אין אַ שטילשווייגען פון ענטפער, און זיין אייגען פנים איז אויך געוואָרען אזוי אומדורכדרינגליך.

„מיר זיינען שטארק און איינזאַם — דו און איך", האָט ער ענדליך ארויסגעמורמעלט. אָבער דער ספינקס האָט געשוויגען.

(דאָס איז דער סוף פון דער ערשטער מגילה.)

## די צווייטע מגילה.

### XI.

אין אַ קליין פוילישׁ שטעטעל, פרי אין אַ זומערדיגען פרימאָרגען, האָבען צוויי אידישע ווייבער, פארבייגייענדיג דעם בית עולם, געזען ארומשוועבען אַ ווייסען גייסט צווישען די מצבות.

זיי האָבען אַ קוויטש געטאָן, און די געשטאַלט האָט זיך אומגעקערט מיט׳ן פנים און האָט זיך ארויסגעוויזען צו זיין אַ שיין מיידעל אין איר נאַכט־קלייד, איר פנים, כאָטש ווילד־בלייך, האָט אָבער געהאַט אין זיך קאָלירען פון לעבען.

„אָ, איר זענט אידישע טעכטער!" האָט די אויסטערלישע דערשיינונג אויסגעשריען. „העלפט מיר! העלפט מיר! איך בין אנטלאָפען פון׳ם קלויסטער".

„ווער ביזטו?" האָבען זיי געפרעגט, צוגייענדיג נענטער צו איר.

„משיח׳ס כלה!" און איר פנים האָט געלויכטען. זיי זיינען געבליבען שטיין צוגעוואַקסען צו דער ערד. אַ פרישער ציטער פון דעם איבערנאַטירליכען איז דורך זיי דורכגעלאָפען.

„זעט, קומט אהער", האָט זי געשריען. „זעט". און זי האָט זיי געוויזען צייכענס פון נענעל אויף איר נאַקעט לייב. „נעכטען ביינאַכט האָבען מיך מיין טאטענ׳ס טויטע הענט ארויסגעשלעפט פונ׳ם קלויסטער".

ביי דעם וואָלטען די ווייבער אנטלאָפען, אָבער איינע האָט געשטאַרקט די אנדערע.

„פּרעם באַשעפעניש! זי איז משוגע", האָבען זיי זיך איינע צו דער אַנדערער איבערגעשושקעט מיט צייכענס. דערנאָך האָבען זיי אויף איר פאַרוואָרפען אַ מאַנטעל.

„איר וועט מיך באַהאַלטען, אַ יאָ?" האָט זי געזאָגט מיט געבעט, און איר ווילדע צערטליכקייט האָט צושמאָלצען זייערע הערצער.

זיי האָבען זי באַרוהיגט און האָבען זי אַהיימגעפירט דורך שטילע געסלעך.

„וואו זיינען דיינע קרובים, דיינע עלטערען?"

„טויט, צושפרייט — וואָס ווייס איך? אָ, יענע בלוטיגע טעג!" זי האָט ווילד אויפגעשווידערט. „שמד אָדער טויט! אָבער זיי זיינען געווען שטאַרק. איך זע ווי אַ קאָזאַק שלעפּט מיין מאַמען מיט אַ שטריק אַרום איר האַלז. אַט האָסטו אַ רויט באַנד, מיין טייערע', האָט ער געשריען מיט געלעכטער. זיי האָבען אונז פאַרראַטען צו די קאָזאַקען, די פּראַוואָסלאַוונע, וואָס האָבען געלעבט מיט אונז — די זאַפּאַראָזשצעס האָבען זיך אַנגעטאָן ווי פּאַלאַקען — מיר עפענען די טויערען — בלוט רינט אין די רינשטאָקען — אָ, די גסיסות פון די קרבנות! אָ! טאַטע!"

זיי האָבען איינגעשטילט אירע קולות. צו קלאָר זיינען זיי געלעגען אין זכרון די שוידערליכע טעג פון כמעלניצקי'ס שחיטות, ווען אַלע ווענען פון אייראָפּאַ זיינען געווען געפּאַקט מיט אויס־געצערטע פּוילישע אידען, וואָס זיינען אַנטלאָפען פון דער נקמה פון דעם קאָזאַקישען אַטאַמאַן מיט זיינע באַנדעס היידאַמאַקען, און אַ פערטעל מיליאָן אידישע מתים אויף די שלאַכטפעלדער פון פּוילען זיינען געווען דעם כאַם קאָזאַק'ס ענטפער צו דער פּלפול'דיגער קלוגשאַפט פון די גמרא־קעפּ.

„זיי האָבען געהאַסט מיין טאַטען", האָט דאָס אויסטערלישע שיינע באַשעפעניש זיי געזאָגט, ווען זי האָט זיך באַרוהיגט. ער איז געווען דער אַרענדאַר פון די פּוילישע שטייערען. און כדי צו קענען איינקאַסירען די געלט־שטראָפען ביי קאָזאַקישע געבורטען און חתונות, האָט ער געהאַלטען די שליסלען פון דער צערקווע, און דער פּאָפּ האָט זיך געמוזט ווענדען צו אים, איידער ער האָט געקענט פּראַווען חתונות אָדער טויפונגען — זיי האָבען אים געוואָלט שמד'ען

אומזיסט, אַן אָפּצאָל, אָבער ער איז געבליבען אייזענפעסט ביי זיין אמונה. זיי האָבען אים צוגעבונדען צו אַ שאַנדקלאָץ און אים געשמיסען — אוי, גאָט! און די נאָנעס האָבען מיך געפונען וויינענדיג, אַ קליין מיידעלע, האָבען זיי מיך גענומען אין קלויסטער אריין און זיינען געווען גוט צו מיר, און גערעדט צו מיר וועגען יעזוס'ען. אָבער איך האָב נישט געוואָלט גלויבען, ניין, איך האָב נישט געקענט גלויבען. דער תהילים און די למודים פון שול האָבען זיך אַלץ אומגעקערט צו מיינע ליפּען ביינאַכט, און וויסטע חלומות, האָב איך געזען מיין טאַטען, איינגעריכט אין בלוט, נאָר מיט אַ ליכטיגקייט אַרום אים.

„‚בלייב געטריי', פלעגט ער זאָגען, ‚בלייב אַ געטרייע אידישע טאָכטער. אַ גרויסער גורל וואַרט אויף דיר. ווייל זעהן זאָלסטו! אונזער לאַנג גלות דערנענטערט זיך צום סוף, משיח'ס צייטען קומען אָן, און דו וועסט זיין משיח'ס כלה'. און די ליכטיגקייט פון אַ גרויסער האָפנונג איז אריינגעקומען אין מיין לעבען, און איך האָב געבענקט צו אַנטלויפען פון מיין תפיסה אין דער ליכטיגער וועלט אריין. איך, די כלה פונ'ם קלויסטער!" האָט זי געשריען, און אַן אויפשטורמונג האָט געבראַכט רויזען אין איר בלייך פּנים אריין. „ניין, משיח'ס כלה בין איך, וואָס וועט צוריקברענגען פרייד אויף דער ערד וואָס וועט אָפּווישען די טרערען פון אַלע פּנים'ער. נעכטען ביינאַכט איז מיין טאַטע ווידער געקומען צו מיר און האָט געזאָגט, ‚בלייב אַ געטרייע אידישע טאָכטער'. האָב איך געענטפערט, ‚ווען דו וואָלסט אין אמת'ן געווען מיין טאַטע, וואָלסטו אויפגעהערט דיינע אַנזאָגענישען, דו וואָלסט געוואוסט, אַז איך וועל גיכער שטאַרבען, איידער זיך אָפּזאָגען פון מיין אמונה, דו וואָלסט מיך ארויסגעראַטעוועט פון אָט די פאַרשאָלטענע ווענט און וואָלסט מיך אוועקגעגעבען צו מיין חתן'. אויף דעם האָט ער געזאָגט: ‚שטרעק אוים דיין האנט', און איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האנט, און איך האָב געפילט ווי אַן אומגעזעענע האנט נעמט אָן מיינע, און ווען איך האָב אויפגעוואַכט, האָב איך מיך געפונען נעבען זיין קבר, וואו איר האָט מיך געטראָפען. אוי, פירט מיך גלייך אין מקוה אריין, איך בעט אייך, אַז איך זאָל קענען אראָפּוואַשען פון זיך די יאָרען פון טומאה".

זיי האָבען זי גענומען אין מקוה אריין און האָבען זיך גע'חידושט איבער איר וואונדערליכער שיינקייט.

„וואו איז משיח?" האָט זי געפרעגט.

„ער איז נאָך נישט געקומען", האָבען זיי געענטפערט, ווייל שבתאי'ס אויפקום איז דערווייל נאָך געווען באקאנט צו בלויז עטליכע תלמידים.

„וועל איך אים גיין געפינען", האָט זי געענטפערט.

זי האָט אוועקגעוואנדערט קיין אמסטערדאם — די הויפּט־שטאָט פון די אידען — און פון דאָרט קיין פראנקפורט אם מאין, און פון דאָרט דרום־צו, און האָט אומזיסט געזוכט ביז ליוואָרנע.

און דאָרט, אין דער הערליכקייט פון דער איטאליענישער זון, האָט איר אייפריגע, אומרוהיגע נאַטור, וואָס איז געווען פארהונגערט פון דעם קאַלטען קלויסטער, זיך אָפּגעגעבען צו דער ליידענשאַפט, ווייל עס זיינען געווען אַ סך וואָס האָבען זי ליב געהאַט. אָבער מיט קיינעם האָט זי נישט געוואָלט חתונה האָבען. „איך בין משיח'ס באשערטע כלה", האָט זי געזאָגט, און אירע ווילדע אויגען האָבען אַלעמאָל אויסגעזען, ווי זיי וואָלטען געוואַרט.

XII.

און אין פארלויף פון יאָרען איז די בשורה וועגען איר און וועגען איר נבואה אָנגעקומען צו שבתאי'ן, און האָט אים געטראָפען אין קאירא אין דעם פרימאָרגען נאָכדעם ווי ער האָט גערעדט צום ספינקס אין די גרויסע שטילקייטען. און אונטער'ן בלויען עגיפּטישען הימעל איז צו אים געקומען אַן ענטפער פון אַ ראָמאַנטישען ציטער. די פרויענשאַפט וואָס האָט אים אין גוף נישט גערירט, האָט אים מיסטיש, גייסטיג אויפגעציטערט, ווען ער האָט זי זיך אומקלאָר פאַרגעשטעלט פון וויטען.

„זאָל מען שיקען נאָך איר", האָט ער געזאָגט, און זיינע תלמידים האָבען באמערקט אַ נישט געוואוינטע אומרוהיגקייט אין די לאַנגע וואָכען וואָס זיינע שליחים זיינען געווען אוועק.

„מיינסט זי וועט קומען?" האָט ער איינמאָל געזאָגט צו אברהם רוביא.

„וואָס פאַר אַ פרוי וואָלט נישט געקומען צו דיר?" האָט דער

בעטלער געענטפערט. „וואָס פאַר אַ פּיינער ביסטו, ווערט דיר נישט דערלאַנגט? און דאָך גלויב איך, אז דו וועסט דיך אפּזאָגען, און דיין חלק וועט מיר אָנקומען".

שבתאי האָט לייכט געשמייכעלט.

„וואָס האָב איך צו טאָן מיט פרויען?" האָט ער געמורמעלט. „אָבער איך וואָלט געוואָלט וויסען וואָס פאַר אַ נבואה עס איז איר אנטפּלעקט געוואָרען!"

איינמאָל נאָכמיטאָג האָבען זיינע שליחים צוריקגעקערט, און האָבען געלאָזט וויסען, אַז זיי האָבען זי געבראַכט. זי רוט זיך אָפּ נאָך דער רייזע און וועט צו אים קומען אין דערפרי. ער האָט באַשטעלט זייער באַגעגעניש אינ'ם סאָרף באַשי'ס פּאַלאַץ. דערנאָך, נישט קענענדיג רוהען, איז ער ארויף אויפ'ן באַרג פון דער פעסטונג און האָט געזען אַ פיינעם גאָלדענעם גלי איבער די מאָשעען און די הייזער פון קאירא, וועלכער האָט אפילו באַלויכטען די מדבר און די פּיראַמידען. ער איז געשטאַנען און צוגעקוקט ווי די זון האָט אראָפּגענידערט אַלץ נידעריגער און נידעריגער, ביז זי איז פּלוצלונג אויסגעגאַנגען ווי אַן אָפּגעשנויצט ליכט.

## XIII.

צומאָרגענס האָט ער פאַרלאָזט זיין אָרים ציגעלדיג הויז אינ'ם אידישען קוואַרטאַל, און האָט זי אויפגענומען אַליין אינ'ם פּאַלאַץ, אין אַ שטוב מיט אַ דיל פון מירמלשטיין, די ווענט באַצירט מיט שניצערייען פון בלומען און פייגעל, קליינטשיג אויסגעאַרבייט, דער סופיט מיט אַראַבעסקען, געמאַכט פון דינע שטריפלאַך, געמאָלען האָלץ, די לופט געקילט דורך אַ פאַנטאַסטישען פאָנטאַן, וואָס האָט זיך אריינגעשפּילט אין אַ באַסעין געפלאַסטערט מיט שוואַרץ און ווייסען מירמעלשטיין און רויטע קאַכלען. געשניצטע פענסטער זיינען אַרויסגעגאַנגען צום מיטעלסטען הויף, און צו די זיינען נאָך געווען געדיכטע פענסטער פון באַמאָלטע שויבען, אויסגעאַרבייט אין שפּילעוודיגע מוסטערען.

„שלום, אַ משיח!" איר שמייכעל האָט פאַרבלענדט, און עס איז געווען מער פריילעכקייט ווי דרך ארץ אין איר קול. אירע ווייסע ציין האָבען געבליצט צווישען די לאַכעדיגע ליפּען. שבתאי'ס

האָרץ האָט ווילד געקלאַפּט, ווען ער האָט דערזען זיין גע׳חלום׳טע פּרויענגעשטאַלט. זי איז געווען אָנגעטאָן אין פינקלענדיגע ווייסע איטאַליענישע זיידענצייג, וואָס איז געווען ענג איינגעצויגען אַרום איר בוזעם און זי געמאַכט אויסזען ווי עפּעס אַ גלאַנצענדיגע סטאַטוע. בראַסלעטען האָבען געפינקעלט אויף די ווייסע געלענקען פון אירע הענט, טייערע שטיינער פון פייער האָבען געבליאַסקעט צווישען אירע לאַנגע ווייסע פינגער, אַ נעץ פון פּערל איז געווען איר איינציגער קאָפּ־באַדעק. אירע אויגען האָבען געהאַט מאָדנע טיפענישען פון ליידענשאַפט, זיסע ריחות האָבען געאָטעמט פון איר הויט, מאַט ווי טויטער עלפאַנטביין. נישט אַזוי זיינען געקומען די טעכטער פון ישראל חתונה האָבען, אומשולדיג, ריין, אָן גייסט, מיט אָפּגעשוירענע האָר, פּריסטערינס פונ׳ם ריטואַל פון דער — היים.

„שלום, אַ מעליסעלדאַ“, האָט ער נישט ווילענדיג געענטפערט.

„ניין, פאַרוואָס מעליסעלדאַ“? האָט זי אויסגעשריען, אַרויפּ־שטייגענדיג צום פּאָדיום, אויף וועלכען ער איז געשטאַנען.

„און פאַרוואָס משיח?“ האָט ער געענטפערט.

„איך האָב דיך געזען אין זעהונגען — דאָס איז דאָס פּנים, די געשטאַלט, די נבואה׳ישע שיינקייט — אָבער פאַרוואָס מעלי־סעלדאַ?“

ער האָט אַריינגעלאָכט אין אירע אויגען און שטיל אונטער־געזונגען:

פון איר באָד גייט זי אַרויס,
ריין און שנייוויים זעט זי אויס,
מעליסעלדאַ.

„יאָ, דאָס האָב איך געטאָן, ווען איך האָב אָפּגעוואַשען פון זיך דעם קלויסטער. אָבער מיין נאָמען איז שרה“.

„ניין, נישט שרה, נאָר שרי — מיין פּרינצעסין!“ זיין קול איז געווען הייזעריג און ריסלדיג. דאָס מאָדנע נייע געפיל פון ראָמאַנטישקייט, וואָס האָט ווי אָן אומרייף פייגעלע זיך גערירט אין זיין ברוסט צייט ער האָט געהערט וועגען דעם ווי זי זוכט אים, האָט איצט אויסגעשפּרייט די פליגעל און אַ פלי געטאָן צום הימעל. זי איז געווען אומריין — אָבער איר אומריינקייט האָט זי איינגע־

וויקעלט אין מיסטישער פאַרפירערישקייט. דאָס געזעץ פון דער וועלט האָט זי נישט געבונדען מער פון אים — זי איז געווען פריי און עלעמענטאַר, אַ גייסט וואָס האָט זיך געקענט פאַרגלייכען צו זיינעם. אייביג געריינינגט דורך זיין אייגענעם ווייסען פייער. זי איז צוגעקומען נענטער, און אירע אויגען האָבען אים איינגעהילט אין פלאַמען.

„מיין פרינץ!" האָט זי אויסגערופען.

ער האָט זי אַ ציה געטאָן הינטערוויילעכץ צום דיוואַן. „ניין, אָבער איך טאָר נישט קענען קיין פרוי".

„קיינע נישט חוץ דיין אמת'ע באַשערטע", האָט זי געענטפערט. דו האָסט דיך ריין געהאַלטען פאַר מיר, פונקט ווי איך האָב מיך געהאַלטען ליידענשאַפטליך פאַר דיר. קום, דו וועסט מיך ריין מאַכען, און איך וועל דיך ליידענשאַפטליך מאַכען".

ער האָט טרויעריג געקוקט אויף איר. דאָס קילע פלעטשלען פון'ם פאַנטאַן איז געווען אַנגענעם אין דער שטילקייט.

„איך דיך ריין מאַכען!" האָט ער געאָטעמט.

„יאָ", און זי האָט שטיל איבערגעזונגען:

‚ריין און שנייוויים זעט זי אויס,
מעליסעלדאַ'.

„מעליסעלדאַ!" האָט ער געמורמעלט.

„משיח!" האָט זי אויסגערופען. און איר בוזעם האָט זיך געהויבען. „קום, איך וועל דיך לערנען די פרייד פון לעבען. צוזאַמען וועלען מיר פירען די וועלט. וואָס! זאָל זיך נישט די וועלט פרייען ווען דו האָסט זי באַפרייט, זאָלען נישט די מאָרגענשטערענס זינגען צוזאַמען? מיין מלך, מיין שבתאי".

זי האָט געהאַט די געשטאַלט פון אַ מלכה, אירע אויגען זיינען געווען שטערען, אירע ליפען — די ליפען פון אַ פרוי.

„קוש מיך!" האָט זי געבעטען. דיינע לאַנגע יסורים זיינען פאַרביי. איצט הויבט זיך אָן מ י י ן שליחות — דיר צו ברענגען פרייד. דאָס איז מיר אַנטפּלעקט געוואָרען".

„איז עס דיר באמת אַנטפּלעקט געוואָרען?" האָט ער הייזעריג געפרעגט.

„יאָ, אָבער און ווידער, אין מיינע חלומות אין דער נאַכט. משיח'ס כלה — דאָס איז מיין גורל. נעם ארום דיין כלה".

זיינע אויגען האָבען אנטקעגענגעלויכטען אירע. ער האָט אויסגעזעהן ווי אין אַ רינג פון בלענדענדיגען ווייסען פלאַם, וואָס האָט דערהויבען און נישט פארניכט.

„אויב אזוי, בין איך באמת משיח", האָט ער געטראַכט, גליי־ענדיג, און ווען ער האָט זיך איינגעבויגען, האָט ער צום ערשטען מאָל געקענט דעם באַריר פון אַ פרוי'ס ליפען.

## XIV.

דער שאַצמייסטער איז געווען איבערגליקליך צו פייערען משיח'ס חתונה אונטער זיין אייגענעם געגילטען דאַך. צו די עטליכע, וואָס האָבען געשאָקעלט מיט די קעפּ איבער דער כלה'ס פארגאַנגענהייט, האָט שבתאי געענטפערט, אַז די נביאות מוזען מקוים ווערען, און אַז ער האָט אויך געהאַט זעהונגען, אין וועלכע עס איז אים באַפוילען געוואָרען, ווי דעם נביא הושע, חתונה צו האָבען מיט אַן אומריין ווייב. און זיינע תלמידים האָבען געזען, אַז דאָס איז געווען אַ גרויסער סוד, וואָס איז געווען אַ רמז אויף דעם וואָס גאָט האָט גערעדט דורך ירמיהו'ס ליפען: „און איך וועל דיך ווידער אויפבויען און דו וועסט זיין אויפגעבויט, בתולת ישראל: דו וועסט ווידער זיין באַצירט מיט דיינע פּייקלעך, און וועסט ארויסגיין טאַנצען מיט די וואָס זיינען פריילאַך". אזוי זיינען אָנגעקומען די שמחה'דיגע טעג פון שבתאי'ס חתונה, און דער פּאַלאַץ איז פול געווען מיט געלעכטער און טאַנץ און פריילעכקייט".

און מעליסעלדאַ האָט איינגעפירט די הערשאַפט פון פרייד. איר אָנקומען האָט געבראַכט שבתאי'ן אַ סך נאָכפאָלגערס. טויזענטער זיינען געפאַלען אונטער'ן כשוף פון איר שיינקייט, איר קעניגליכער האַלטונג, חנ'עוודיג און דאָך פריילאַך. אַ נייער גייסט פון ראָ־מאַנטישקייט איז געבוירען געוואָרען צווישען די ריטואַל־צושטערטע אידען. מענער האָבען געקוקט אויף זייערע ווייבער מיט אומגע־שמאַק, און ווייבער האָבען אויפגעכאַפּט עפּעס פון איר פייער און באַנעמונג און האָבען אויסגעלערנט זיך פרייע באַוועגונגען און ליידענשאַפטליכע בליקען. און אזוי, מיט אַ גרויסער נאָכפאָלגער־

שאפט, באריירערט דורך מילעסעלדאַ'ס שיינקייט און דעם שאַצ־מייסטער'ס גאָלד, האָט זיך שבתאי אומגעקערט צו באפרייען ירושלים. ירושלים איז געווען פאַר'שכור'ט פון פרייד. די נביאות פון אליהו התשבי, וועלכע מען האָט געקענט אויף דער ערד אַלס נתן העזתי, זיינען געטראָגען געוואָרען אויף די פליגלען פון לופט צו אַלע פיר עקען וועלט.

„לשארית ישראל", האָט ער געשריבען, „שלום אין קץ. זעהט, איך גיי זען דאָס אָנגעזיכט פון אונזער האר, וואָס זיין מלכות זאָל דערהויבט זיין, ווייל ער איז דער מלך מלכי המלכים, וואָס זיין מלוכה זאָל געגרויסט זיין. און איצט קום איך אייך צו לאָזען וויסען, אַז כאָטש איר האָט געהערט אויסטערלישע זאכען וועגען אונזער האר, זאָלט איר אָבער נישט פאַרלירען די הערצער און נישט שרעקען זיך, נאָר גיכער שטאַרקט אייך אין אייער גלויבען, ווייל אַלץ וואָס ער טוט איז מיט נסים און סודות'דיג, וואָס דער מענש־ליכער שכל קען נישט באַנעמען, און ווער קען אריינדרינגען אין זייער טיפעניש? אין אַ קורצער צייט וועלען אייך אַלע זאכען קלאָר באַוויזען ווערען אין זייער ריינקייט, און איר וועט וויסען און באַטראַכטען און אויפגעקלערט ווערען דורך דעם דערפינדער אליין. געבענשט איז דער וואָס קען דערוואַרטען און אָנקומען צו דער דערלייזונג פונ'ם אמת'ען משיח, וואָס ער וועט איינגיכען אַרויס־ווייזען זיין הארנשאַפט און קעניגרייך איבער אונז איצט און אויף אייביג. „נתן".

אין דער הייליגער שטאָט האָבען בלויז אַלטע רבנים פון די ישיבות אַרויסגעוויזען פאַרדאַכט, מורא האָבענדיג, אַז די שטראָף וועט יעדעם יאָר באַנייט ווערען און אפילו חלבי'ם פאַרמעגען וועט זיך אויסשעפּען. אין אַנדערע טיילען זיינען די אידען געווען צוטיילט אין כתות, וואָס האָבען צווישען זיך מלחמה געהאַלטען מיט פּסוקים און אַרויסגעשטעלט אַ וואָרט נעגען אַ וואָרט. דער פּסוק האָט קלאָר באַוויזען, אַז משיח איז שוין געקומען, און יענער פּסוק, אַז די סמנים זיינען נאָך נישט דערפילט געוואָרען. און האָט דען נישט שלמה המלך דער חכם געזאָגט, אַז דער שוטה גלויבט גלייכ־גילטיג אַלץ מיט אמאָל, און דער חכם וועט פריהער באַטראַכטען

איידער ער גלויבט? די מלחמה מיט פסוקים איז אָנגעגאַנגען ווילד, און אַ קאָמעט האָט זיך באַוויזען אויפ׳ן צד פון די גלויביגע. פאַנאַטיקער האָבען געזען שבתאי צבי אין הימעל מיט דריי קרוינען, איינע פאַר משיח׳ן, איינע פאַר׳ן מלך, און איינע פאַר דעם באַזיגער פון די פעלקער. נאָר אַזוי ווי די רבנים פון ירושלים זיינען אַלץ געבליבען סקעפּטיש, האָט נתן אין עקסטאַז דערקלערט, אַז זי איז נישט מער די היילִיגע שטאָט, אַז די קדושה איז אריבערגעגאַנגען אויף עזה. אָבער שבתאי האָט חשק געהאַט צו באַווייזען זיך אין סמירנע, זיין געבורטס־שטאָט, האָט ער אַהין מאַרשירט, פאָראויס די שליחים, וועלכע האָבען אָנגעצונדען מיט גלויבען די קהילות, דורך וועלכע ער האָט באַדאַרפט דורכגיין. רפאל, אַן אַנדער גריכישער בעטלער, האָט אים אָן אויפהער באַזונגען, און בלאַך, אַ מקובל פון דייטשלאַנד, אַן עניות׳דיגע, שטילע נשמה, פלעגט האָבען משוגענע אַנפאַלען פון פייערדיגער באַגייסטערונג. שמואל פּרימאָ, דער אומ־דערמידליכער סעקרעטער, האָט פאַרשפּרייט אומצעליגע בריף און געהיימע קול קורא׳עס. אָבער פאַר קיינעם האָט זיך שבתאי אַליין נישט אַרויסגעגעבען אַלס משיח — ער האָט באַפוילען נישט צו ריידען דעם ביז די שעה וועט קומען. און דאָך איז זיין פאָרטשריט געווען איין לאַנגער זיגרייכער גאַנג. אין אַלעפּאָ האָבען זיך די אידען געאיילט אים צו באַגעגענען מיט געזאַנג אין טאַנץ, „די טויערען פון פרייד זיינען געעפענט", האָבען זיי געשריבען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין סמירנע אַליין האָט מען דעם אַרויסגע־טריבענעם מקבל פנים געווען מיט משוגענער באַגייסטערונג, מיט געשרייען: משיח! משיח! אויף וועלכע ער האָט נישט געוואָלט ענטפערען, נאָר אויף וועלכע מעליסעלדאַ האָט געענטפערט מיט פאַרפירערישע שמייכלען. זייז אַלטער פאָטער איז אים געפאַלען אויפ׳ן האַלז.

„די נשמות ווערען אָפּגעשיידט", האָט שבתאי געזאָגט, „אָבער זיי קערען זיך אום".

מען האָט אים געבראַכט פאַר דעם ריכטער, וועלכער האָט פאַרלאַנגט אַ מופת.

„דו פאַרלאַנגסט אַ מופת?" האָט שבתאי געזאָגט מיט פאַר־אַכטונג. „ווילסט זעהן אַ זייל פון פייער?"

די שבתאי צבי׳ניקעס, וואָס זיינען פול געווען אין דעם גרויסען זאַל, האָבען אַרויסגעלאָזען אַ געשריי און זיך פאַרשטעלט די פנים׳ער מיט די הענט.

„יאָ, מיר זעהען, מיר זעהען“, האָבען זיי געשריען. דאָס וואָרט איז איבערגעגעבען געוואָרען צום געדיכטען עולם אין דרויסען און אַ ווילדע באַוועגונג איז דורכגעגאַנגען. מענער זיינען אַהיימגעלאָפען דערציילען זייערע ווייבער און קינדער, און ווען שבתאי האָט פאַרלאָזען דעם אויפנאַם־זאַל, איז ער אויפגענומען געוואָרען מיט באַנומענע לויב־געשרייען.

און אין דער צייט, וואָס סמירנע האָט אַזוי געקאָכט, און סמירנער אידען האָבען זיך צוגעגרייט דורך תשובה און תפילה פאַר דעם גרויסען טאָג, איז אַ משולח, שוואַרץ ווי אַ מאָר מיט זונפאַרברען פון כסדר׳דיגען פאָרען, אַנגעקומען אין שטאָט מיט אַ בריף פון דער הייליגער שטאָט. עס האָט אים גענומען לאַנג ביז מען האָט אים צוגעלאָזט צו שבתאי׳ן, וועלכער האָט מיט די נאָהענטסטע תלמידים געפּראַוועט דעם לעצטען תענית, און דערווייל האָט די נייגעריגקייט געקאָכט צווישען עולם, ווען דער משולח האָט דערציילט ווי אַזוי ער האָט זיך וואָכען און וואָכען געשלעפּט דורך דער שרעקליכער היץ צו זען דאָס פנים פון׳ם משיח און קושען זיינע פיס און איבערגעבען דעם בריף פון די הייליגע לייט פון ירושלים, וועלכע זיינען געווען צו אָרים צו קענען אים באַצאָלען פאַר אַ גיכערער נסיעה. נאָר ווען שבתאי האָט צום סוף איבערגעלייענט דעם בריף, האָט זיין פנים אויפגעלויכטען, כאָטש ער האָט קיין סימן נישט אַרויסגעגעבען וואָס אין דעם בריף איז געשטאַנען. זיינע תלמידים האָבען פאַרלאַנגט, ער זאָל דעם בריף אַרויסגעבען, און, נאָך אַ סך אויפרעגונג, האָט שבתאי איינגעוויליגט, אַז מען זאָל דעם בריף לייענען אין שול פון דער בימה. ווען זיי האָבען אויסגעפונען, אַז דער בריף איז פון די ירושלים׳ער, וואָס האָבען חרטה און בוקען זיך צו אים, האָבען זיי אַזש געוויינט פאַר שמחה. שבתאי האָט צוגעוואָרפען צוואַנציג זילבער־קרוינען אויף אַ טאָץ פאַר דעם משולח, און האָט פאַרבעטען אַנדערע דאָס אייגענע צו טאָן, אַזוי אַז דער גליקליכער שליח האָט זיך קוים געקענט אַוועקשלעפּען מיט זיינע מתנות.

און דאָך האָט שבתאי כסדר אָפּגעלייגט צו אַנטפּלעקען זיך.

נאָר ענדליך איז די לאַנגע שווייגעניש געקומען צו אַ סוף. דאָס גרויסע יאָר 1666 האָט זיך דערנענטערט. אין עטליכע חדשים אַרום וועט אויפגיין דאָס קריסטליכע נייע יאָר. אונטער מעלי־סעלדאַ'ס אויפּווייז האָבען מענער געמאַכט געאַרבעלטע מאַנטלען פון ווייסער זייד פאַר'ן משיח. און איין טאָג, אַנגעטאָן אין גלאַנצענ־דיגער ווייסקייט, פּאַראַויכ פון אַ גרויסער פּראָצעסיע וואָס זיינען געגאַנגען אין צווייען, האָט שבתאי צבי מאַרשירט צו גאָט'ס הויז.

## XV.

אין דער טונקעלקייט פון דער גרויסער שול, ווען די דאַוונערס האָבען זיך אַזוי ווי גייסטער געשאָקעלט, און דער שופר האָט שאַרף און פייערליך געבלאָזען, האָט שבתאי, שטייענדיג פאַר'ן ארון הקודש, יואו די ספרי תורה זיינען געשטאַנען, זיך אַנטפּלעקט און דערקלערט, אינמיטען פון אַ מורא, גלייך די הימלען וואָלטען זיך ברייט געשפּאָלטען, אַלס דער גואל צדיק, דער משיח פון ישראל.

אַ ווילדער געשריי פון שמחה, איבערגעריסען פון זיפצען, האָט אים אָפּגעענטפערט פון דעם ריזיגען עולם.

„לעבען זאָל אונזער מלך! אונזער משיח!" אַ סך זיינען געפאַלען אויסגעשטרעקטע, מיט די פּנים'ער צו דער ערד און זי געקושט, געוויינט, געוואַלדעוועט, געשריען אין באַגייסטערטען לויב; אַנדערע האָבען זיך געשאָקעלט אהין און אהער, פאַרבלענדט פון זייערע טרערען, הייזעריג פון התלהבות.

„משיח! משיח!"

„דיין מלכות איז געקומען!"

„געבענשט זאָל זיין משיח!"

אין דער ווייבער שול האָט מען געהערט געוואַלדען און קרעכצען. טייל האָבען גע'חלשט, אַנדערע זיינען אַריינגעפאַלען אין נביאות, האָבען זיך אויסגעקרומט אין ספּאַזמען, געמאַכט ווילדע אויסגע־שריייען. דער גייסט האָט אויפגעכאַפּט קליינע קינדער, און זיי האָבען געפּאַכעט מיט זייערע הענט און ווילד געשריען.

„משיח! משיח!"

דער לאנגער גלות פון ישראל איז פארביי — די ביטערע יארהונדערטען פון דעם שאנדפלעק און דעם שאנדוואָרט, פון רויב און שחיטה. שוין אויס, גאָט! צו קריכען אין פאלשער אונטער־טעניגקייט, דאָס אָפּשפּעטעניש פונ׳ם גאָסען־אינגעל, דער חוזק פון דער מענשהייט, איינגעצוימט אין געטאָס, באשאנדפלעקט מיט דעם ראָד אָדער מיט דעם היטעל — נאָר צוריק צו גאָט׳ס גענאָד אזוי ווי יעדער נביא האָט נביאות געזאָגט, און ערהויבען צו דער הערשאפט איבער די פעלקער.

„משיח! משיח!“

זיי האָבען זיך צוגאָסען איבער די שמאָלע געסלאך, לאכענדיג, פלאפלענדיג, שפּרינגענדיג, טאנצענדיג, וויינענדיג היסטעריש, בעט־טענדיג מחילה פאר זייערע זינד. זיי זיינען געפאלען שבתאי׳ן צו די פיס, ווייבער האָבען פאר אים אויסגעשפּרייט ווייכע טעפּיכער צו טרעטען (כאָטש ער האָט זיי עקשנות׳דיג אויסגעמידען), און האָבען באהאנגען זייערע פענסטער און באלקאָנען מיט טייערע געהענגען און קישענס. טייל וואָס האָבען זיך געהאַלטען פאר זינדיג און מורא געהאַט, אז זיי וועלען דערפאר נישט קענען אריינקומען אינ׳ם מלכות, זיינען אוועק צום ברעג ים און אריין אין אייזיגען וואסער זיך טובל זיין. טייל האָבען זיך אויסגעגראָבען קברים אין דער פייכטער ערד און האָבען זיך מקבר געווען ביז׳ן האַלז ביז די אברים זיינען זיי פאר׳חלשט געוואָרען. אנדערע האָבען זיך געלאָזט טריפען צושמאָלצענעם וואקס אויף זייערע נאקעטע לייבער. נאָר דער געוויינליכסטער וועג זיך צו פייניגען איז געווען זיך צו שטעכען אין רוקען און די זייטען מיט דערנער און דערנאָך זיך שלאָגען ניינאונדרייסיג מלקות. א סך האָבען געפאסט לאנגע טעג דורכ־אנאנד און געהאַלטען קבלה־וואך ביינאכט און געזאָגט תיקון.

און געמישט מיט אָט די תשובות, זיינען געווען סעודות נאָך סעודות, ווילד, משוגע, יעדעס מאָל ווען שבתאי צבי, פאָכענדיג א פעכער, האָט זיך מיט זיין גרויסער מחנה באוויזען אין גאַס אויפ׳ן וועג צו א צערעמאָניע אָדער אין שול אריין געבען זיינע קבלה פּרושים אויפ׳ן תנ״ך. די ענדלערס אויפ׳ן אידישען מארק האָבען פארמאכט זייערע טירען און זיינען נאָכגעגאנגען דעם ווילדען עולם, זינגענדיג „ימין ה׳ רוממה, ימין ה׳ עושה חיל“, האָבען זיך

געשטויסען, געריסען, גע'חלשט באַרירט צו ווערען פון זיין פעבער און אָנקומען צום מלכות השמים. און איבער די גרויסע זינלאָזע מאַסען, שכור פון גלויבען, איז מעליסעלדאַ געווען די מלכה מיט איר נחת'דיגען שמייכעל אין דער פרייליכער פרייקייט פון איר טאַנץ, און מענער און ווייבער, אינגלאך און מיידלאך האָבען זיך אַרומגענומען און געקושט זיך אין היסטערישער באַנומעניש. דער יאָך פון דער תורה איז פאַרביי, די אַמאָליגע צניעות פאַרגעסען. אין די קבלה'ישע קהילות פון טעסאַלאָניקאַ, וואו די פרומע האָבען גלייך אָנגעהויבען תשובה טאָן, וואו טייל זיינען געשטאָרבען פון אַ זיבען־טאָגיגען תענית און אַנדערע פון וואַלגערען זיך נאַקעט אין שניי, האָבען עלטערען געאיילט זיך חתונה צו מאַכען זייערע יונגע קינדער, כדי אַלע נישט־געבוירענע נשמות, וואָס האָבען נאָך נישט געקענט געפינען קיין גופים, ווייל די אַלטע זינדיגע נשמות דאַרפען כסדר אויפסניי אַריין אין גופים זיך צו קענען ריינוואַשען, זאָלען קענען אַריינקומען אין דער וועלט און אויף אַזאַ אופן דערגאַנצען דעם תכלית היצירה. זיבען הונדערט קינדער האָט מען אויף אַזאַ אופן חתונה געמאַכט. מסחר, ארבייט איז אויפגעגעבען געוואָרען. דאָס ראָד פון די געוואַנט־ארבייטער האָט זיך אָפּגעשטעלט, די קעמלען האָבען מער נישט געקניט אינ'ם אידישען טייל פון סמירנע, די בריק פון קאַראַוואַנען האָט אויפגעהערט ציטערען פון זייער אַריבערגיין, די קראָמען זיינען געבליבען אָפען בלויז אַזוי לאַנג ווי עס איז נויטיג געווען אויסצופאַרקויפען די סחורה פאַר יעדען פרייז. ווער פון פּריוואַט מענשען עס האָט געהאַט עפּעס איבעריגס, האָט עס אויך אַזוי אויספאַרקויפט, אָבער נישט די אידען, ווייל זיי האָבען נישט געטאָרט האַנדלען, געשעפט איז געווען אַ סימן פון אפּיקורסות, און איז באַשטראָפט געוואָרען דורך חרם, דורך געלט־שטראָף אָדער מלקות. יעדער איינער האָט זיך צוגעגרייט זיך באַלד אומצוקערען קיין ארץ ישראל, ווען די היידען וועלען באַדינען די צדיקים ביים טיש און דער גרויסער לויתן וועט געטיילט ווערען אויף משיח'ס סעודה. און דערווייל זיינען די אָרימע דערהאַלטען געוואָרען פון די רייכע. אין טעסאַלאָניקאַ אַליין האָבען פיר הונדערט נפשות געלעבט פון נדבות. אמת'ע משיח'ס צייטען פאַר די אברהם רוביאָס. אין סמירנע האָט מען זיך אויף דעם ריכטער'ס אויטאָרי־

טעט נישט אומגעקוקט אָדער מען האָט אים איינגעשטילט מיט'ן בייטעל. ווען די טערקען האָבען זיך באַקלאָגט, איז פוןביידע צדדים אַריינגעקומען געלט אין ריכטער'ס הויז. דער כאַכאַם אהרן דע לאַ פּאַפּאַ, זייענדיג אַן אפּיקורות און איינער פון די וואָס האָט אַמאָל אַרויסגעטריבען שבתאי'ן פון זיין געבורט־שטאָט, איז איצט באַזייטיגט געוואָרען פון שבתאי'ן און אַנשטאָט אים איז חיים בענוועניסטי באַשטימט געוואָרען פאַר כאַכאַם. דער נאָבעלער חיים פּעניא, דער איינציגער וויכטיגער אפּיקורות אין שבתאי'ן, וואָס איז נאָך פאַרבליבען אין סמירנע, איז שיער צוריסען געוואָרען אין שטיקער פון א בייזען עולם אין שול, נאָר ווען זיינע אייגענע טעכטער זיינען אַריינגעפאַלען אין נביאות און האָבען געזען די גרויסקייט פונ'ם מלכות, איז ער אַריבער אויף שבתאי'ס צד, און אומעטום האָבען זיך געטראָגען קלאַנגען, אַז משיח'ס שונאים זיינען געשלאָגען געוואָרען מיט משוגעת, ביז וואַנען ער האָט זיי צוריק־געבראַכט צום שכל, און זיי זיינען געוואָרען זיינע פריינד, פאַרגע־טערער און תלמידים. פיער הונדערט אַנדערע מענער און פרויען זיינען אַריינגעפאַלען אין אויסטערלישע התלהבות'ען, האָבען גע־שוימט פון מויל, און האָבען איבערדערציילט זייערע זעהונגען פון דעם לייב פון יהודה, און קינדערלאַך, וואָס האָבען געקענט קלאָר אַרויסשטאַמלען אַן אות, האָבען איבערגע'חזרט דעם נאָמען שבתאי, משיח. טייל זיינען געווען משוגעים און קולות זיינען געקומען פון זייערע בייכער און אינגעווייידען. אַזעלכע בשורות, וואָס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרען איבער דער וועלט דורך די אויסלענדישע אַמבאַסאַדאָרען אין סמירנע, דורך די באַאמטע פון ענגלישע און האָלענדישע פירמעס, דורך די אויסלענדישע איינוואוינער און קריסט־ליכע גלחים, האָבען אַרויסגערופען א געוואַלטיגע סענסאַציע און האָבען אויפגעטרייסעלט די גאַנצע ציוויליזירטע מענשהייט. אויף די בערזעס פון אייראָפּא האָט מען זיך געוועט פאַר און געגען א אידיש קעניגרייך.

אויף די אידען פון דער וועלט איז די בשורה, אַז משיח איז פון א ווייטער האָפנונג געוואָרען א ווירקליכקייט, אַראָפּגעפאַלען ווי א דונער. זיי זיינען פאַרבלענדט געוואָרען פון שמחה. דערנאָך האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צוגרייטען צו דער גרויסער נסיעה, אוי־

מעטום האָט מען זיך געשלאָגען מלקות, געגעבען נדבות, געזאָגט נביאות און גערעדט פון הינערפלעט. די לומדים און דער ערב רב צוזאַמען אין איין פריידיגען גלויבען. און אומעטום אין דער אייגענער צייט זינד, זנות, בלוטשאַנד, וואָס איז פארשפרייט געווארען דורך אַ מיסטישען גלויבען, אַז די זינדיגקייט פון דער וועלט קען בלויז בייגעקומען ווערען דורך אַן איבערפלוס פון זינד.

## XVI.

אַמסטערדאַם און האַמבורג — די צוויי רייכסטע קהילות — וועלכע האָבען כסדר דערהאַלטען נביאות פון נתן עזתי, זיינען געוואָרען גיריגע אַנטיילנעמער אין דעם קומענדיגען מלכות. אין דער האָלענדישער הויפּטשטאָדט זיינען די שולען געוואָרען ווילד־טומעלדיג מיט מוזיק און טאַנץ, די וואוינהייזער פאַר'חושכ'ט מיט די שטרענגקייטען פון תשובה. די גאַסען זיינען פול געווען מיט מענער און ווייבער, וואָס האָבען אין ספּאַזמען נביאות געזאָגט, די דרוקמאַשינען האָבען שווער געאָטעמט, און אַרויסגעגעבען נייע סידורים מיט תשובות און דינים פאַר די מאמינים. און אין די תקונים, וואָס זיינען געווען באַשטערענט מיט מיסטישע צייכענס פון משיח'ס הערשאַפט, איז שבתאי צבי'ס בילד געווען אָפּגעדרוקט זייט ביי זייט מיט דעם בילד פון דוד המלך. אין האַמבורג האָט אַ כוואַליע פון התלהבות פאַרטראָגען די אידען צום הימעל. זיי האָבען זיך אויסגעלאַכט פון די גויאישע פיינינגער, האָבען זיך אָפּגעזאָגט ווייטער צו קומען צו די געצוואונגענע קריסטליכע גאָטעס־דינסטען. זייער דאַוונען איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין פרומע אָרגיעס. שעהנע שפּאַנישע אידען, ערנסטע בלויבלוטיגע פּאָרטוגע־זער, וואָס האָבען ביז איצט געשמעקט מיט קאַסטיליאַנישער העל־דישקייט, נאָבעלע סעניאָרען, ווי עמנואל טעכעירא, דער פריינד פון אַ שוועדישער קעניגין, געבילדעטע דאָקטוירים, ווי בענדיטאָ דע קאַסטראָ, דער פּרעזידענט פון דער קהילה, האָבען אַראָפּגעוואָרפען פון זיך זייער מערב־אייראָפּעאישע פּאָליטור און מען האָט זיי געקענט זען אין שול שפּרינגענדיג ווי הירשען אויף די בערג, טאַנצענדיג ווילדע טענץ מיט דער ספר תורה צוגעדריקט צום האַרצען.

„הי דידי הולדא הי טיטי!" האָבען זיי פריילאך געזונגען מיט ווערטער וואָס האָבען קיין שום באַטייט נישט געהאַט.

„אָבער ניין, דאָס איז דאָך קינדיש, אָן שום שׂכל", האָט זיך אַנגערופען דער חשוב'ער יעקב סאַספּאָרטאַס, דער רב הכולל פון די ענגלישע אידען, זיצענדיג אינ'ם סאַמע אויבען אָן אַלס אַן אַנגע־לייגטער גאַסט פון האַמבורג. „דיין סטאַדע שאָף האָט אוודאי געמוזט פון זינען אַראָפּ".

דע קאַסטראָ'ס שטערען האָט זיך פאַרפינסטערט.

„זיי פאַרזיכטיג, ווייל מיינע שאָף קענען זיך נאָך פאַרוואַנדלען אין הינט. זיי קענען דיך נאָך הערען, און פאַר דיר וואָלט געווען זיכערער זיך אומצוקערען אין דיין לאָנדאָן".

סאַספּאָרטאַס האָט געשאָקעלט דעם קאָפּ מיט אַ שפּאַסיגען וואונק.

„יאָ, אויב שבתאי וועט מיט מיר מיטפאָרען. אַזוי ווי ער איז משיח, זאָל ער קוקען דער מגפה אין פּנים אַריין, זאָל ער קומען און נביאות זאָגען אין לאָנדאָן און אַריבערשטייגען שלמה אַדלער. זאָל ער היילען די קראַנקע און זען עס זאָלען זיין ווייניגער לויות".

„ער דאַרף בלויז אַרויפלייגען זיינע הענט אויף די קראַנקע וועלען זיי געהיילט ווערען!" האָט דע קאַסטראָ געענטפערט. אָבער זיין שליחות איז נישט צו די אינזלען פון מערב. ער וועט גרונד־פעסטיגען זיין מלכות אין ציון".

„וואויל איז צו דיר, וואָס דו ביזט נישט אין האַמבורג, אַנדערש וואָלטען דיינע פאַרדינסטען איינגעשרומפּען, קלוגער דאָקטאָר. אָבער די מגפה איז שוין איצט כמעט פאַרביי. ווען ער זאָל איצט קומען, קען מען נאָך אויף אים זאָגען, אַז ער האָט די מגפה פאַרטריבען".

„ביזט טאַקע אַ רבי, אָבער ביזט אַן אפּיקורות. ביזט מיט די רשעים".

„דאָס האָסטו מיך איינגעלאַדען דערצו", האָט סאַספּאָרטאַס גע־מורמעלט שמייכלענדיג.

„די מגפה איז בלויז אַ סימן פון משיח'ס צייטען, און דאָס פייער וואָס האָט פאַרברענט דיין וואוינהויז איז בלויז דאָס אָפּקו־מעניש פאַר דיין אפּיקורסות".

„יאָ, עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס גלויבען, אַז אונזער מלך

טשאַרלז איז דער משיח, און זיי בעטען אים ער זאָל זיך אַנטפּלעקען פאר זיי", האָט סאַספּאָרטאַס געזאָגט מיט זיין פריינדליכען שמייכעל אין די אויגען. האָט ער נישט אויך זיינע מעליסעלדאַס?"

„שטיל, דו לעסטערער!" האָט דע קאַסטראָ אויסגעשריען, און ענגסטליך אַ קוק געטאָן אויף דער וואַיענדיגער מאַסע. „אָבער דו וועסט דערלעבען אַראָפּצושלינגען דיינע אייגענע ווערטער".

„זאָל זיין אַזוי", האָט סאַספּאָרטאַס געזאָגט און אַ ציה געטאָן מיט די אַקסלען. „אָבער איך עס נישט קיין שום אומריינע זאַך".

אָבער דער רב פונ'ם קליינעם אינזעל אין מערב האָט אומזיסט געפּרואווט זיך שטעלען מיט ווערטלאַך אָדער מיט שכל אַנטקעגען דער אַלגעמיינער משוגעת. ענגלאַנד איז אין דער אמת'ען געווען דאָס היצבעט פון קריסטליכע ענטוזיאַסטען, וואָס האָבען געוואַרט אויף דעם אידישען מילעניום, אויף דער מפּלה פונ'ם פּויפּסט און אַנטיקריסט, און אידען און קריסטען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט געגענזייטיגען פייער.

פונ'ם ווייטען צפון פון שאָטלאַנד איז געקומען אַ וואונדערליכע בשורה וועגען אַ שיף מיט זיידענע זעגלען און שטריק, געטריבען פון מאַטראָזען, וואָס האָבען צווישען זיך גערעדט מיט די יום-טוב'דיגע קלאַנגען פון לשון הקודש, און אויף זייער פאָן איז געווען אויפגעשריבען „די צוועלף שבטים פון ישראל!" און אַ מאָדנער קלאַנג האָט דערציילט וועגען דעם ווי מאַסען האָבען מאַרשירט פון אומבאַקאַנטע טיילען פון דער וועלט צו די פּאַרוואָרפענע מדבריות פון אַראַביע. ווען אפּיקורסים האָבען פּאַרלייקענט, האָבען זיך גלויביגע געוועט צען צו איינס אַז אין פאַרלויף פון צוויי יאָר וועט שבתאי געזאַלבט ווערען מלך פון ירושלים. אין טרעדנידל סטריט זיינען אויף דעם וועקסלען אויסגעשטעלט געוואָרען.

און אין דער אמת'ן איז שבתאי שוין געווען דער מלך ישראל. פון אַלע לענדער פונ'ם גלות זיינען פרומע מאַסען געקומען זיך בוקען צו אים און אים אָרויסווייזען געטריישאַפט — טערקישע אידען אין רויטע פעזן, אָדער אין זאַפראַן-געלע טורבאַנען. ירושלים'ער אידען אין געשטרייפטע באַנוועלנע קליידער און שוואַרצע פילצענע הי͏טלען. פּוילישע אידען מיט פוקסענע היטלען און לאַנגע זשופּעצעס. בלייכע דייטשע אידען, ריזיגע רוסישע אידען, הויכדערצויגענע

שפּאַנישע אידען, און מיט זיי אָפּט זייערע ווייבער און טעכטער; ירושלים'ער אידישע טעכטער אין בלויע העמדער און מיט קאָפּ־באַדעקענס, עגיפּטישע אידישע טעכטער אין לאַנגע קליידער מיט שווארצע שאַלען אויף די קעפּ, אידישע טעכטער פון אשדוד און עזה מיט ווייסע דאַשיקעס, באַזוימט מיט גאָלדענע מטבעות, פּוילישע אידישע ווייבער אין גלאַנצענדיגע שייטלען, סירישע אידישע טעכ־טער מיט ברעמען שווארץ, גלייך זיי וואָלטען אונטערגעפירט גע־וואָרען מיט קויל; פעטע אידישע טעכטער פון טונים, אין ענגע הויזען, דורכגעוועבט מיט גאָלד און זילבער.

יעדען טאָג האָט ער געהאַלטען שטאַט, אויפגענומען דעפּו־טאַציעס, עצות, שליחים. יונגע לייט און מיידלאַך האָבען אים פאָרגעשלאָגען זייערע לעבענס צו טאָן מיט זיי וואָס ער וויל. די רייכע האָבען געלייגט זייערע פאַרמעגענס צו זיינע פיס, און האָבען געקעמפט פאַר דעם כבוד צו געהערען צו זיין לייבוואַך. די אבסטראַקטע גאָטהייט פונ'ם תנ"ך — מורא'דיג אין זיין ליבשאַפט און אין זיין האַס, אָן געשטאַלט, אָן מענשליכקייט — האָט איצט אָפּגעגעבען דאָס אָרט צו אַ מאַן, וואָס מ'האָט אים געקענט זען, אָנטאַפּען, ליב האָבען. און די גאַנצע בענקשאַפט פון זייערע נשמות, די גאַנצע אונטערדריקטע בענקשאַפט צו אַ זעהעוודיגער זאַך פון פאַרגעטערונג, וואָס האָט געפונען אויסדרוק און באַפרידיגונג אין דער פאַרהייליגונג פונ'ם תנ"ך אָדער דעם תלמוד אין יעדען אות און קלאַנג, איז איצט איבערגעגאַנגען צו זייער קערפּערליכען אויס־לייזער. פון די אוראַלטע צייטען איז אַרויסגעקומען אַ ניי געטליך וועזען — דער היילינער מלך, דער משיח, דער אדם הקדמון, אַנדרגינוס, דער פולקאָם, וואָס וועט ברענגען אין אחדות די גריל־צענדיגע קולות, צוריקברענגען די גייסטיגע איינינקייט פון דער וועלט. פאַר דער ליבשאַפט אין זיינע אויגען וועלען זינד און טרויער ווי שלעכטע פאַרעם פאַרשווינדען. די פאַרפרוירענע שטראָמען פון ברכה וועלען ווידער פליסען.

„איך, דער האַר אייער גאָט, שבתאי צבי!“

אַזוי האָט זיין סעקרעטער שמואל פרימאָ אונטערגע'חתמ'עט די משיח'ישע אויפרופען און באַפעלען.

## XVII.

דער חודש אָב האָט זיך דערנענטערט — משיח׳ס געבוירנטאָג, דער טאָג פונ׳ם שווארצען תענית, צום זכר פון חורבן בית המקדש. אָבער מעליסעלדאָ האָט נישט דערלאָזט, אַז מען זאָל תשעה באָב פאסטען און תשובה טאָן, און דאָס וואָרט איז פארשפרייט געוואָרען צו די אידען אין גלות —

„דער איינציגער אמת׳ער זון פון גאָט, שבתאי צבי, משיח און דער גואל פונ׳ם פאָלק ישראל. שלום צו אלע קינדער פון ישראל! אזוי ווי איר זענט ווירדיג געווען צו זעהן דעם גרויסען טאָג, און דעם קיום פון גאָט׳ס וואָרט צו די נביאים, זאָל אייער טרויער און קלאָג פארביטען ווערען אויף פרייד, און אייערע תעניתים אויף שמחות. ווייל איר זאָלט מער נישט וויינען. פרייט אייך מיט פויקען, צימבלען און מוזיק, מאכט פון יעדען טאָג א ראש חודש, און פארבייט דעם טאָג, וואָס איז פריהער געווען געווידמעט צו עצבות און טרויער, אויף א טאָג פון גרויסער שמחה, ווייל איך בין אָנגעקומען. און האָט פאר גאָרנישט קיין מורא, ווייל נישט נאָר וועט איר האָבען די הארשאפט איבער די פעלקער, נאָר אויך איבער די באַשעפענישען אין די טיפענישען פונ׳ם ים“.

מיט דעם איז אויפגעשטאנען נאָך א גרעסערע באוועגונג אין אלע געטאָס, אידישע קווארטאלען, און מעלאס. דער גרעסטער טייל האָט אויפגענומען די געטליכע שליחות מיט א רוישיגען טומעל פון שמחה. משיח איז באמת שוין אָנגעקומען! יענע שרעקליכע פיראונצוואנציג שעה פון פולשטענדיגען תענית און ליידענשאפטליכע תפילות — וועלען פון איצט אָן זיין שעה׳ען פון סעודה און שמחה! א געדעכטער און פריידיגער באפעל. די אידישע מלוכה איז ערב איר ווידעראויפבויאונג — ווי זשע קען מען נאָך לענגער באקלאָגען איר חורבן!

אָבער די אויסגעהאלטענסטע פרומאקעס זיינען דערשטוינט געוואָרען, און צווישען זיי שבתאי׳ס אייפריגסטע נאָכפאָלגער. וואָס! די תשובות און תפילות פון זעכצעהן יאָרהונדערטען זאָלען איצט אוועקגעמאכט ווערען! אויפגעבען דעם יאָך פון דער תורה! אמת׳ער גלויבען וואָלט נאָר באדארפט פאָדערען נייעם יאָך. וואָס האָט

געקענט פּאַסיגער באַצייכענען די גאולה פון דער וועלט, איידער שטרענגערע דינים, אויב עס איז אַפילו נויטיג אַזעלכע ערשט צו דערפינדען? אמת, גאָט אַליין איז איצט געוועזן פאַרקערפּערט אויף דער ערד — אין דעם האָבען זיי קיין שום ספק נישט געהאַט. אָבער ווי אַזוי האָט זיין ווילען געקענט זיין, אז מען זאָל אוועקמאַכען אַלע דינים וואָס האָבען געשטאַמט פון דער תורה און וואָס זיינען אָנגעזאַמעלט געוואָרען דורך דער פרומער מי פון אַזוי פיל דורות פון טרייע רבנים. ווי אַזוי האָט ער געקענט באַזייטיגען די פּאַר־הערליכטע דינים פון'ם שלחן ערוך פון'ם צדיק בנימין קאַראָ (זכרונו לברכה), און די גאַנצע נעץ פון צערעמאָניעס און מנהגים, וואָס כדי זיי פרום אָפּצוהיטען האָבען זייערע אבות אַזוי אָפט אוועקגעלייגט זייערע לעבענס? ווי האָט ער געקענט אַזוי לעסטערן?

און אַזוי — אין בלינדער ליידענשאַפט, נישט טראַכטענדיג, פאַר'עקשנט — האָבען זיי זיך געהאַלטען אָן אַלעם, וואָס האָט געדראָט צו פאַרשווינדען פון זיי. אין יעדען אידישען קיבוץ האָבען זיי צוזאַמענגעשטעלט קליינע גרופּען צו באַשיצען אידישקייט.

דאָס, אויף וואָס זיי האָבען אַזוי ליידענשאַפטליך געבעטען יאָרהונדערטען, איז איצט געשען. די האָפנונגען, וואָס זיי האָבען ארויסגעכאַפּט פון'ם זוהר, וואָס זיי האָבען גענערט און איבערגע־חזר'ט יום ולילה, דער צוזאָג, אַז טרויער וועט פאַרביטען ווערען אויף פרייד און די תורה וועט פאַרלירען איר האַפט — אָט איז עס מקוים געוואָרען. משיח איז באמת דאָ אין גוף; דאָס מלכות פון די אידען איז נאָענט. נאָר אין הארצען האָבען זיי געהאַט אַן אומקלאָרע מורא פאַר דער בלענדענדיגער געגענוואַרט, און אַ בלינד אָנהאַלטען זיך אָן דער אומגליקליכער פאַרגאַנגענהייט.

אין דעם אידישען קוואַרטאַל אין סמירנע איז משיח געגאַנגען אין דעם נאָכמיטאָג פון'ם אויפגעגעבענעם תענית, און אַ ריזיגער עולם האָט געהאָוועט אַרום אים, טאַנצענדיג און זינגענדיג, מיט פּלייטען און צימבלען, האַרפען און פּויקען. מעליסעלדאַ'ס קול האָט געפירט דאָס לויבגעזאַנג. פּלוצלונג איז אַ געמורמעל דורכ־געלאָפען דעם עולם, אַז אומגלויביגע האָבען זיך געפונען אין שטאָט, אַז טייל האָבען אין דער אמת'ען געפאַסט און געזאָגט קינות אין שול. און מאָמענטאַל איז געוואָרען אַ ווילד געלויף. זיי האָבען

געפונען די טירען פארמאכט, נאָר דאָס קול פון קינות האָט מען געהערט פון אינווייניג.

„ברעכט איין די טירען!“ האָט יצחק סילווערא געשריען. „וואָס טוען זיי דאָרט אינווייניג און זיינען מחלל דעם טאָג פון שמחה?“

דער עולם האָט איינגעשלאָגען די טירען, זיי האָבען אויפגע־ריסען די שטיינער פון גאס און זיך אריינגעריסען אינווייניג.

דער דיל איז געווען באדעקט מיט דאַוונערס, וואָס האָבען זיך געשאָקעלט אהין און אהער.

דער בכבוד'יגער אהרן דע לא פאפא, אָן זיין אמאָליגער רבנ'ישער גרויסקייט, אָבער נאָך אלץ א באפעלענדיגע געשטאלט, איז אויפגעשטאנען פון דער ערד, תכריכים'דיג איינגעהילט אין זיין ווייסען קיטל, דאָס פנים טויט־בלייך פונ'ם לאנגען פאסטען.

„ווארט!“ האָט ער אויסגעשריען. „ווי דערוועגט איר זיך צו פאראומרייניגען גאָט'ס הויז?“

„לעסטערערס!“ האָט סילווערא געענטפערט. „איר וואָס איר בעט נאָך דעם וואָס גאָט האָט אין זיין אומענדליכער גנאָד שוין געגעבען, איר מאכט חוזק און לאכט פון אים?“

נאָר שלמה אלגאזי, א פאנאטיקער מיט א גרויען קאָפּ, האָט אויסגעשריען: „מיינע אבות האָבען געפאסט פאר מיר, זאָל איך נישט פאסטען?“

פאר אַן ענטפער איז א גרויסער שטיין געפלויגען דורך דער לופט און קוים אָנגערירט זיין קאָפּ.

„גיב זיך אונטער!“ האָט געשריען אליהו צבי, איינער פון שבתאי'ס ברידער. „געגוג דיר מיט טרויער, אָדער מען וועט דיך פארשטיינען צום טויט. האָט נישט גאָט געמאכט א סוף צו אונזער לאנגען גלות, צו אונזער מידער פייניגונג? הער אויף דיין זאָגען קינות, אָדער דיין בלוט וועט פאלען אויף דיין אייגענעם קאָפּ“.

אלגאזי און דע לא פאפא זיינען פארטריבען געוואָרען פון שטאָט. די כופרים, ווי מען האָט די אפיקורסים גערופען, זיינען געווען צו געמיין, אז מען זאָל זיי לייגען אין חרם אריין. דער דונער־געשריי פון די גלויביגע האָט איינגעשטילט דאָס שטילע קליינע קול פון צווייפעל.

און פון אלע אידישע טיילען פון דער וועלט, פון מאראָקאָ ביז

סארדיניע, פון לאנדאן ביז ליטע, פון בראזיליע ביז אינדיע, האט מען איין גרויס געשריי אין איין לשון געהערט: „לשנה הבאה בירושלים — לשנה הבאה בני חורין. איבעראיאר אין ירושלים — איבעראיאר, זין פון פרייהייט!"

## XVIII.

עס איז געווען ערב 1666. אין עטליכע טעג ארום וועט די ערשטע זון פונ'ם גרויסען יאר אויפגיין איבער דער וועלט. די אידען האבען פארענדיגט זייערע געשעפטען, ישראל איז געווען אנגעצויגען ביז דער מדרגה פון פיבער. דער קורס אויף די בערזעס, באריכטען, מארקען, מען האט זיך אויף קיין זאך נישט אומגעקוקט, און בריף, וואס האבען איבערדערציילט מופתים, האבען פארנומען דאס ארט פון געשעפטליכער קארעספאנדענץ.

אליהו הנביא'ן, אין זיין פארצייטיגען מאנטעל, האט מען אומעטום געזען אין דער אייגענער צייט, וואו ער האט געטרונקען דעם וויין וואס מען האט פאר אים איבערגעלאזט, און האט טייל־מאל אנגעפילט די כוסות מיט בוימעל. ער איז געזעהן געווארען אין סמירנע אויף דער וואנט פון א שטוב, וואו א סעודה איז פארגעקומען, און מען האט אים אויפגענומען מיט ליבע רייד, דרשות און יישר כחות. אין קאנסטאנטינאפאל האט אים א איד באגעגענט אין גאס און איז אויסגערעדט געווארען פאר נישט טראגען קיין טלית און פאר גאלען זיך. און באלד האט מען אין גאנצען לאנד ווידער אנגעהויבען טראגען טלית קטנ'ס, און קעפ, וואס פלעגען איצט זיין אפגעגאלט, לויט דעם מנהג פון די טערקען און דעם מזרח, זיינען איצט אומבאקוועם פארוואקסען געווארען מיט האר — אפילו פיאות האבען ווידער אנגעהויבען אראפהענגען ביי די זייטען פונ'ם פנים, און די וואס האבען זיי נישט געהאט, האט מען דערקענט פאר כופרים.

שבתאי צבי, גליקליך אין זיין ליבשאפט צו מעליסעלדא'ן, אריינגעטאן אין א הימלישער פרייד, און באמת דערווארטענדיג אצינד דעם נס וואס וואלט געקרוינט דעם נס פון זיין אויפשטייג, האט זיך צוגעגרייט צו פארען קיין קאנסטאנטינאפאל אראפצונעמען די קרוין פונ'ם סולטאנ'ס קאפ אונטער דעם קלאנג פון מוזיק. ער

האָט אָפּגעהאַלטען אַ לעצטע פּייערליכע טבילה אין סמירנע, און דאָרט, אַרומגערינגעלט מיט זיינע געטרייע נאָכפאָלגער, און מעלי־סעלדאַ אַ לייכטענדיגע ביי זיין זייט, האָט ער זיך גענומען אויס־טיילען די וועלט אויף חלקים צווישען זיינע זעקסאונצוואַנציג אַדיר־טאַנטען.

פון די אַלע האָט ער געמאַכט קעניגען און פּרינצען. זיינע ברידער זיינען געקומען די ערשטע. אליהו צבי האָט ער אַ נאָמען געגעבען מלך פון מלכים, און יוסף צבי מלך פון מלכים איבער יהודה.

„אין דיר, אַ יצחק סילווערא", האָט ער געזאָגט, „האָט אַריינ־געוואַנדערט די נשמה פון דוד, מלך ישראל. דערפאַר זאָלסטו גערופען ווערען דוד המלך און זאָלסט האָבען דיין מלוכה איבער פּערסיע. דו, חיים אינעניא, ביזט ירבעם, און וועסט הערשען איבער אַראַביע. דו, דניאל פינטאָ, ביז חלקיהו, און דיין קעניגרייך וועט זיין איטאַליע. צו דיר, אַ מתתיהו אשכנזי, וואָס דו ביזט אַ גלגול פון מלך אסאַ, זאָל געגעבען ווערען די באַרבאַריי, און דו, מכיהו גאַספּאַר, וואָס אין דיר לעבט די נשמה פון צדקיהו, וועסט הערשען איבער ענגלאַנד". און אַזוי איז די צוטיילונג ווייטער געגאַנגען. אליהו אַזאַר איז באַשטימט געוואָרען שני למלך, אָדער וויזיר פון אליהו צבי, און יוסף אינערנוך, וויזיר צו יוסף צבי'ן.

„און פאַר מיר?" האָט אברהם רוביא דער בעטלער ביז מאָרעאַ, נייגעריג איבערגעשלאָגען.

„איך האָב דיך נישט פאַרגעסען", האָט שבתאי געענטפערט. „ביזטו נישט יאשיהו?"

„אמת — איך האָב עס גאָר פאַרגעסען", האָט דער בעטלער געמורמעלט.

„דיר גיב איך טערקיי און אין סמירנע זאָל זיין דיין כסא המלוכה".

„זאָל דיין מלכות דערהויבט ווערען אויף אייביג אמן", האָט מלך יאשיהו אים היים געענטפערט. „איך וועל באמת זיצען אונטער מיין אייגענעם פייגענבוים".

פּאָרטוגאַל איז אַריינגעפאַלען צו אַ דאָקטאָר פון די אנוסים, וועלכער איז געווען אַנטלאָפען פון דער אינקוויזיציע. אפילו

שבתאי'ס אלטער שונא, חיים פעניא, איז ברייטהארציג באשאנקען געווארען מיט א קעניגרייך.

„צו דיר, מיין באליבטער רפאל יוסף חלבי, פון קאירא", האט שבתאי פארענדיגט, „וואס אין דיין פאלאץ איז מעליסעלדא געווארען מיין מלכה, צו דיר, וואס דו וועסט זיין מלך יואש, גיב איך דאס קעניגרייך פון מצרים".

דער מלך פון דער וועלט איז אויפגעשטאנען, און זיינע מלכים האבען זיך אויסגעשטרעקט פאר אים אויף דער ערד.

„גרייט אייך צו", האט ער געזאגט. „אין פרימארגען פון נייעם יאר וועלען מיר ארויסציען פון דאנען".

ווען ער איז ארויס פון צימער, האט אויסגעבראכען א גרויס געדערעריי. רייכע אידען, וואס זיינען אנטוישט געווען, ווייל זיי האבען קיין מלוכות נישט באקומען, האבען געפרואווט זיי אפצו־קויפען פון זייערע נייע מלכים. דער אנבאט פאר דער טערקישער מלוכה איז געווען באזונדערס הויך.

„אוועק! שטופט זיך נישט מיט אייערע געלטזעק!" האט געשריען אברהם רוביא, אנגעבלאזען מיט ניי־געבוירענער מאיעסטעט. „ווייסט איר נישט, אז דאס סמירנע איז אונזער הויפטשטאט, און מיר קענען פארנעמען אייער גאלד אין אונזער קעניגליכער שאצ־קאמער אריין? יאשיהו איז דא מלך". און ער האט זיך אוועק־געזעצט אויפ'ן טראן, פון וועלכען שבתאי איז אראפגעגאנגען. „ווארפט זיך ארוים, אז נישט זיינען אייך באשערט שמיץ אויף די זוילען און בויגען־סטרונעס צום דערווארגען".

## XIX.

פינקטליך מיט דעם פארטאג פונ'ם באשערטען יאר האט דער טערקישער משיח מיט זיין מלכה און זיין סוויטע מלכים, גענומען די שיף קיין קאנסטאנטינאפאל ארצפצוזעצען פונ'ם טראן דעם גרויסען טערק, דעם האר פון ארץ ישראל. ער איז געפארען אין א צוויי־מאסטיגער אריענטאלישער זעגעלשיף, און די מערסטע פון זיינע נאכפאלגער זיינען געפארען איבער'ן לאנד. כאטש זיין צוועק איז דיפלאמאטיש נישט פארעפענטליכט געווארען, האבען אבער שמואל פרימא'ס אנגעבלאזענע שליחות'ן אנגעזאגט זיין אנקומען.

דער טאָג פון זיין אָנקום איז באַשטימט געוואָרען. קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל האָט געקאָכט. דער גראַנוויזיר האָט געגעבען געהיימע באַפעלען, אַז מען זאָל אים אַרעסטירען אַלס רעוואָלוציאָנער. אַ באַנדע פּאָליציי איז געשיקט געוואָרען צו באַגעגנען די שיף אין האַפען. נאָר דער טאָג איז געקומען און איז אַוועק און נישטאָ קיין משיח. אַנשטאָט דעם, דונערען און בליצען און רעגען און ווינטען און בשורות וועגען אונטערגעגאַנגענע שיפען. דער ווינט איז געקומען פון צפון, ווי געוויינליך אין יענער געגענט, און עס האָט אויסגעזען, אַז די צוויי־מאַסטיגע שיף איז אַראָפּגעיאָגט געוואָרען פון איר וועג.

די אידען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבען ביי יעדער שיף גע־פרעגט נייעס. דער קאַפּיטאַן פון אַ קעטש פון די מאַרמאָרע־אינזלען, האָט זיי דערציילט, אַז אַ צוויי־מאַסטיגע־שיף האָט געאַנקערט ביי די אינזלען, און אַ הויכער מאַן, אָנגעטאָן אין ווייסען, וואָס איז אומ־געגאַנגען אויפ'ן דעק, געוואָר וועדענדיג, אַז די אינזעל־באַוואוינער זיינען קריסטען, האָט ער אויפגעהויבען אַ פינגער און די קירך איז פאַרברענט געוואָרען. ווען די אידען האָבען זיך ענדליך דער־וואוסט, אַז שבתאי'ס דורכגעוועטערטע שיף איז גאַנץ, און זי איז אַוועק צו אַ ברעג ביי די דאַרדאַנעלען, האָבען זיי דערציילט ווי זייער האר האָט באַהערשט די כוואַליעס און די ווינטען בלויז דורך זאָגען דאָס קאַפּיטעל קטז פון תהילים. אָבער גלייך נאָך די נייעס וועגען זיין זיכערקייט איז אָנגעקומען די נייעס וועגען זיין געפאַנגענשאַפט. דעם וויזיר'ס באַאמטע האָבען אים געפירט קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

עס איז אמת געווען. דאָך האָבען זיינע מאַכמעדאַנישע פאַנגער געהאַט אַ געוויסען זין פאַר דער מאַיעסטעט פון זייער געפאַנגענעם, ווייל זיי האָבען אָפּגעשטעלט זייער רייזע אין טשעקנעזע קומשוק, נעבען דער הויפּט־שטאָט, כדי ער זאָל קענען רוהען אום שבת, און ווען די שבתאי צביניקעס פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבען זיך דאָס דערוואוסט פון שליחים, האָבען זיי זיך געאיילט אהין מיט עסענוואַרג און געלט. זיי האָבען נאָך אַליין געוואָרט צו זעהן זייער מלך אָנקומען מיט פראַכט און שטאַט, אָבער ער איז אָנגעקומען דערשלאָגען אויף אַ ווישטער קליאַטשע, און קייטען האָבען טרויעריג געקלונגען אויף

זיינע פיס. אָבער ער איז בשום אופן נישט געווען געפאַלען ביי זיך. „איך בין ווי אַ פרוי וואָס גייט צו קינד“, האָט ער געזאָגט צו זיין לייבוואַך פון מלכים, „וואָס ווען די וועהען ווערען טאָפּעלט שטאַרק, איז אַ סימן אז באַלד קומט די באַפרייאונג. איר דאַרפט פריידיג לאַכען, אַזוי ווי דער רבי אין תלמוד ווען ער האָט געזעהן דעם שאַקאַל אַרומלויפען צווישען די חרוב'ע ווענט פון'ם בית המקדש. ווייל ווי לאַנג די נביאות זיינען נישט אינגאַנצען מקוים געוואָרען, קען זיך די גדולה נישט אומקערען“. און זיין פּנים האָט געלויכטען מיט באַוואוסטזיניגער געטליכקייט.

מען האָט אים אַריינגעזעצט אין אַ כאַן מיט אַ שטאַרקער וואַך. אָבער זיינע נאָכפאָלגער האָבען אים אויסגעלייזט פון די קייטען, און האָבען אַפילו אויפגעשטעלט פאַר אים אַ מין טראָן. זונטאג האָבען זיינע פאַנגערס אים געבראַכט, בלויז אים אַליין, קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אַ גרויסער צונויפלויף פון אידען און טערקען — אַ פאַרשידען־פאַרביגע מישענינע — האָט אים אָפּגעוואַרט ביים ברעג. פּאָליציי אויף פערד איז אַרומגעריטען צו האַלטען אַ וועג פאַר די באַאמטע, וואָס האָבען באַדאַרפט אַראָפּ פון שיף, און צו פאַרהיטען אַן אויסברוך. ענדליך, אין אַ געשריי און אַ טומעל, האָט שבתאי געשטעלט זיינע קייטען־געשמידטע פיס אויפ'ן לאַנד.

זיין טרויעריגע, איידעלע האַלטונג, די שיינקייט פון זיין פּנים, זיין אומבאַזיגבאַר שווייגען, האָט אים אַרומגערינגעלט מיט אַ קרייז פון סודות'דיגקייט. אַפילו די טערקען זיינען אויף אַ ווייל געווען אין אַ פּחד. אַ מענש־גאָט, אודאי!

דער פּאַשאַ האָט געשיקט זיין אַדיוטאַנט מיט אַ וואַך אים איבערצופירען אין תפיסה. זיי האָבען אים צוערשט גיך איבער־געפירט אין צאַלהויז, ווען די וואַך איז געריטען צווישען עולם און אים צוטריבען.

שבתאי איז געזעסען אויף אַ קוסערט אַזוי מאַיעסטעטיש, גלייך עס וואָלט געווען שלמה המלך'ס טראָן.

אָבער דער אונטער־פּאַשאַ האָט זיך אָפּגעטרייסעלט פון די נעדריקטע געפילען, מיט וועלכע שבתאי'ס אָנבליק האָט אים פאַר־כישופט.

„שטיי אויף, פאַררעטער“, האָט ער געזאָגט, „עס איז צייט

דו זאָלסט באַקומען דיין לוין פאַר דיינע פאַרראַטען און זאָלסט זאַמלען די פּרוכט פאַר דיינע משוגעת'ן". און מיט דעם האָט ער שבתאי'ן דערלאַנגט אַ קלינגענדיגען פּאַטש.

זיינע מיטזעלנער, באַפרייט פון דער אָנגעצויגענקייט, האָבען אַרויסגעפּלאַצט אין אַ בייזוויליגען געלעכטער.

שבתאי האָט אָנגעקוקט דעם ברוטאַלען ערנמאַן מיט אַ טרויע־ריגען פעסטען בליק, דערנאָך האָט ער שווייגענדיג אויסגעשטעלט די צווייטע באַק.

דער אונטער־פּאַשאַ האָט זיך צוריקגעצויגען מיט אַ דערשראָקען געפיל פאַר דעם איבערנאַטירליכען. דער חוזק פון די אַרומיגע איז פאַרשטילט געוואָרען.

מען האָט שבתאי'ן איבערגעפירט, דורך זייטיגע וועגען, אויס־צומיידען דעם עולם, צום פּאַלאַץ פונ'ם קאַימאַקאַן, דעם וויצע־וויזיר.

„ביזטו דער מאַן", האָט דער קאַימאַקאַן אויסגערופען, „וואָס האָט, ווי די אידען זאָגען, באַוויזען נסים אין סמירנע? איצט איז דיין צייט צו באַווייזען אַ נס, ווייל זע! דיין פאַרראַט וועט דיך טייער קאָסטען".

„נסים!" האָט שבתאי אונטערטעניג געענטפערט. „איך — וואָס בין איך אַ חוץ אַן אָרעמער איד, וואָס איז געקומען זאַמלען נדבות פאַר מיינע אָרימע ברידער אין ירושלים? די אידען פון דער שטאָט ריידען זיך איין, אַז מיין ברכה וועט זיי ברענגען גאָט'ס גנאָד. זיי קומען צולויפען מיך צו באַגריסען. קען איך זיי אָפּהאַלטען?"

„דו ביזט אַ פאַררעטערישער אויסוואורף!"

„אַ דורכגעטריבענער שווינדלער", האָט דער אונטערפּאַשאַ אריינגעוואָרפען, „וואָס האַלט זיך ווי אַ גאָט. איך האָב געמיינט, אַז איך ריזיקיר צו פאַרלירען מיין האַנט, ווען איך האָב אים אַ פּאַטש געטאָן, אָבער זע! זי איז שטאַרקער ווי אַלעמאָל". און ער האָט זיך אַ צופרידענער אַ טאַפּ געטאָן דעם מוסקעל.

„אין תפיסה אריין דעם אויסוואורף!" האָט דער קאַימאַקאַן אַ געשריי געטאָן.

שבתאי, זיין פּנים און האַלטונג פול מיט הימלישער איבער־צייגונג, איז אַריינגעזעצט געוואָרען אין דער עקעלהאַפטער תפיסה, וואָס האָט געדינט פאַר דער געפאַנגענשאַפט פון אידישע בעלי חובות.

# XX.

א טאג צוויי האבען די מאכמעדאנער זיך לוסטיג געמאכט איבער די פארצווייפעלטע אידען און זייער משיח. די גאסען־אינגלאך זיינען נאכגעלאפען די שבתאי־צבי׳ניקעס און געשריען: „געלדי מי? געלדי מי?“ (ער קומט? ער קומט?). אפילו דאס בילען פון די הינט אין גאס האט געקלונגען מיט חוזק. אבער די כוואליע האט זיך גיך אומגעקערט. שבתאי׳ס סוויטע נביאים האבען זיך פעסט געהאלטען אן זייער האר — ער איז משיח, ווייל ער ליידט. ווייבער און קינדער האבען געזעהן מיסטישע זעהונגען, און נסים זיינען פארגעקומען אויף די וועגען. משה סוריעל, וועלכער פלעגט אויף ליצנות ארויסרופען גייסטער, דערהערענדיג פלוצלונג מאדנע געזאנג און שפיל, איז אריינגעפאלען אין א שוימענדיגער משוגעת, און פוסטע נביאות האבען פון אים ארויסגעשריען, וואונדערליך רעדעוודיג און אפגעריסען גיך, אזוי אז ווען ער איז געקומען צו זיך, איז ער ארומגעגאנגען און געשריען: „טוט תשובה! טוט תשובה!“ די מוזולמאנער אליין האבען אנגעהויבען צו וואקלען זיך. א טערקישער דערוויש, אנגעטאן אין א ווייסען ברייטען מאנטעל, מיט א שטעקען אין האנט, האט געפרעדיגט אויף די ראגען פאר זיינע לאנדסלייט, נביאות זאגענדיג פאר דעם אידישען משיח. „מיינט איר“, האט ער געשריען, „אז אפצוואוואשען אייערע הענט, וואס זיינען באפלעקט מיט דעם בלוט פון די ארימע און פול מיט רויב, אדער צו באדען אייערע פיס, וואס זיינען געגאנגען אינ׳ם וועג פון אומרעכטפארטיגקייט, איז גענוג אייך ריינצוואוואשען? פוסטע איינרעדעניש! גאט האט געהערט די תפילות פון די ארימע, וועלכע איר פאראכט! ער וועט דערהויבען די דערנידעריגטע און וועט פארשעמען די שטאלצע“. נאכדעם ווי מען האט אים עטליכע מאל אומזיסט געשמיסען אויף די זוילען, האט מען אים געבראכט פאר׳ן ריכטער, וועלכער האט אים פארשיקט אין משוגעים־הויז. אבער די דאקטוירים האבען עדות געזאגט, אז ער איז ביים קלארען שכל, און מ׳האט אים ווידער געבראכט פאר׳ן ריכטער, וועלכער האט אים געדראט מיט׳ן טויט, אויב ער וועט נישט אויפהערען. „הרג׳עט מיך“, האט דער דערוויש זיך געבעטען, „און איר וועט מיך בא־

פרייען פון די גייסטער, וואָס באַהערשען מיך און טרייבען מיך נביאות צו זאָגען". דאָס האָט געווירקט, און דער ריכטער האָט אים באַפרייט און וואָלט אים נאָך אָנגעלאָדען מיט זילבער, נאָר דער דערוויש האָט זיך אָפּגעזאָגט און איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג נביאות זאָגען. און אויפ'ן הימעל האָט געפלאַמט אַ קאָמעט.

אין גיכען האָט שבתאי געהאַט אַ גרויסע טערקישע נאַכפאָל־געראַשאַפט. די אידען, וואָס האָבען זיך שוין געפונען אין דער תפיסה פאַר בעלי חובות, האָבען אים אָפּגעגעבען דאָס בעסטע אָרט, און האָבען אים אויפגעשטעלט אַ מין טראָן. ער איז געוואָרען מלך פון תפיסה. טויזענטער זיינען יעדען טאָג געקומען צו די טויערען צו כאַפּען אַ בליק אויף אים. און דער זועכטער פון דער טורמע האָט זיך געמאַכט זיינע פאַרדינסטען פון זייער פאַרערונג, און אַנשטאָט פינף אַספּרעס, וואָס פריינד פון געפאַנגענע האָבען באַדאַרפט צאָלען פאַר דער פריווילעגיע צו מאַכען אַ באַזוך, האָט ער גערעכענט אַ קרוין, און איז גיך רייך געוואָרען. טייל פון די בכבוד'יגסטע אידען האָבען פאַרבראַכט אַ גאַנצען טאָג פאַר שבתאי'ן אין אַ פּאָזע פון אָריענטאַלישען דרך ארץ און געבעט — די אויגען אַראָפּגע־לאָזט, דער קערפּער אויסגעבויגען פאָראויס, און די הענט פאַרלייגט אויף דער ברוסט. אויך פאַר די באַזוכער, וועלכע פלעגען קומען אָנגעלאָדען מיט מתנות, האָט זיך שבתאי פאַרהאַלטען מיט אַן ענליך געטליך שווייגען. טיילמאָל פלעגט ער אָנווייזען מיט אַ פינגער אויף דעם קאַפּיטעל אין בראשית, וואו עס דערציילט זיך ווי אַזוי יוסף איז אַרויס פון תפיסה און געוואָרען דער הערשער איבער מצרים.

„וואָס מאַכט דיין אומגליקליכער געפאַנגענער?" האָט דער קאימאַקאַן איינמאָל צופעליג געפרעגט זיין אונטער־פּאַשאַ.

„אומגליקליכער געפאַנגענער, האר!", האָט דער אונטער־פּאַשאַ אויסגערופען. „ווייס איך וואָס! אַ גליקליכער און געהויבענער קעניג! דאָס געפענגעניש איז געוואָרען אַ פּאַלאַץ. וואו עס האָט פריער געהערשט אייביגע פינסטערניש, ברענען איצט כסדר וואַק־סענע ליכט. און וואָס עס איז פריהער געווען אַ רינשטאָק פון שמוץ און מיסט, אַטעמט מען איצט בלויז בורשטין, ביזאַם, אַלאָהאָלץ,

רויזענזאפט און כלערליי פערפומען. דארט וואו מענשען פלעגען אויסגיין פון הונגער, קען מען איצט זעהן יעדען לוקסום. דאס איבערבלייבעכץ פון שבתאי'ס טיש איז גענוג פאר אלע אנדערע געפאנגענע".

דער וויצע־וויזיר האט זיך געזארגט און גענומען טראכטען וואס צו טאן.

דערוויל איז שבתאי צבי'ס נאמען געוואקסען. מען האט דערציילט, אז יעדע נאכט פלעגט זיך באווייזען א ליכט ארום זיין קאפ, טיילמאל אין דער פארם פון שטערען, טיילמאל אלס א צוויי־געל פון איילבירטען. געוויסע ענגלישע קויפלייט האבען אים באַזוכט צו באקלאגען זיך אויף זייערע אידישע חובות אין קאנסטאנ־טינאפאל, וועלכע האבען אויפגעהערט צו האנדלען און נישט באַצאלט זייערע חובות. שבתאי האט גענומען זיין פעדער אין האנט אריין און האט געשריבען:

„צו'ן אייך, פאלק פון ישראל, וואס דערווארטען, אז משיח זאל זיך באווייזען און די גאולה פון ישראל, פריד אן און ענד. אזוי ווי מען לאזט אונז וויסען, אז איר זענט שולדיג חובות צו א טייל פונ'ם ענגלישען פאלק, זעט עס אונז אוים רעכט צו באפעלען אייך אט די אייערע גערעכטע חובות צו באצאלען, וואס אויב איר וועט זיך אפזאגען צו טאן, און דאס נישט אויספאלגען, זאלט איר וויסען זיין, אז איר וועט נישט אריינגיין צוזאמען מיט אונז אין עולם הבא".

די חובות זיינען גלייך באצאלט געווארען, און דער רום פון דעם געפאנגענעם אין דער בעל חובות־תפיסה איז נאך מער גע־וואקסען. די מעשה וועגען דעם איינזעצען אים אין תפיסה און וועגען דעם גרויסען כבוד, וואס מען האט אים אפגעגעבען, אפילו די מוסולמאנער, האט זיך פארשפרייט איבער דער וועלט. וואס הייסט! די טערקישע רעגירונג, וועלכע איז געווען אזוי פינקטליך צו שעכטען, וואס איר הויפט־פאליטיק איז געווען, אז דעם הערשער זאלען באדינען מענשען, וועלכע ער זאל קענען דערהויבען אן נקמה און אומברענגען אן געפאר — דער טערק, וואס איז אלעמאל

גרייט מיט'ן שטריק און מיט'ן זאַק, מיט דער שווערט און דער באסטינאַדאָ, האָט זיך נישט דערוועגט צו דער'הרג'ענען אַ רעוואָ־לוציאָנער, וואָס באַרימט זיך אַראָפּצוזעצן דעם סולטאַן פון טראָן. אודאי אַ נס און אַ משיח!

## XXI.

אָבער דער קאַימאַקאַן האָט גענומען די שיף אין דער מלחמה אריין מיט קרעטאַ. אין זיין אָפּוועזנהייט האָט ער מורא געהאַט צו לאָזן שבתאי'ן אין דער הויפּט־שטאָט. מען האָט דעם גע־פאַנגענעם דערפאַר איבערגעפירט אין שלאָס פון די דאַרדאַנעלן אין אַבידאָס, דאָס הויז פון די שטאַטס־געפאַנגענע, מיט אַ באַפעל ער זאָל זיין שטרענג איינגעשלאָסן און טאָר קיינמאָל נישט ארויסגיין אויסער די טויערן. נאָר אונטער'ן כשוף פון עפּעס אַ מאָדנעם דרך ארץ, אָדער דורך אַ פאַרלאַנג אויך זיי צו האָבן אין זיין האַנט, האָט דער קאַימאַקאַן דערלויבט זיין סוויטע מלכים מיט אים מיטצוגיין, און אויך זיין אָפּשרייבער, שמואל פּרימאָ, און זיין ווייב מעליסעלדאַ.

די נייעס, אַז מען האָט אים איבערגעפירט אין אַ בעסער אָרט, האָט נאָך שטאַרקער געמאַכט דעם גלויבן פון די שבתאי צבי'ניקעס. מען האָט נאָך דערצו דערציילט, אַז די יאַניסאַרען, וואָס זיינען געשיקט געוואָרען אים צו נעמען, זיינען געפאַלען טויט אויף אַ וואָרט פון זיין מויל, און ווען מען האָט אים אויפגעפאָדערט זיי צוריק אויפצולעבן, האָט ער איינגעשטימט, מיט דער אויסנאַם פון עטליכע, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען נישט קיין אמת'ע טערקען. דערנאָך איז ער מיט זיין אייגענעם ווילן גע־גאַנגען אין שלאָס אריין, אָבער די קייטן וואָס מען האָט אים אָנגעטאָן אויף די פיס זיינען אַראָפּגעפאַלען פון אים, האָבן זיך פאַרוואַנדעלט אין גאָלד, מיט וועלכען ער האָט באַדאַנקט זיינע אמת'ע און געטרייע גלויביגע, און, נישט קוקענדיג אויף שטאָלענע גראַטען און אייזערנע שלעסער, האָט מען אים דאָך געזעהן גיין איבער די גאַסען מיט אַ סך נאָכפאָלגער. די שבתאי צבי'ניקעס האָבן אפילו געזעהן רמזים אין דעם וואָס זייער משיח איז אַנגע־

קומען אין דער נייער תפיסה פּונקט ערב פּסח — דעם יום טוב פון פרייהייט.

שבתאי האָט זיך גלייך גענומען ברענגען זיין קרבן פּסח פאַר זיך און זיינע נאָכפאָלגער, און עסענדיג דערפון מיט דעם חלב, וואָס עס איז געגען אַ דין אין דער גמרא, האָט ער אויסגערופען: „געלויבט איז גאָט, וואָס האָט אונז צוריקגעגעבען דאָס וואָס איז פאַרבאָטען".

צום מגדל עוז, ווי די שבתאי צבי'ניקעס האָבען גערופען דאָס שלאָס אין אבידאָס, וואו משיח האָט געפירט זיין הויף, האָבען געשטראָמט מיט אוצרות־באַלאָדענע וואַנדערער פון פּוילען, דייטשלאַנד, איטאַליע, ווין, אַמסטערדאַם, קאַירא, מאַראָקאָ, מיינענדיג אַז דורך דער פרומער וואַנדערונג וועלען זיי זוכה זיין צו זעהן זיין פּנים. און שבתאי האָט זיי געגעבען זיין ברכה און האָט זיי צוגעזאָגט, אַז זיי וועלען באַרייכערט ווערען און זייער באַזיץ וועט פאַרגרעסערט ווערען אין דעם הייליגען לאַנד. די שיפען זיינען געווען איבערגעלאָדען מיט פּאַסאַזשירען, פּראַכט האָט געשטיגען. די איינגעבאָרענע זיינען רייך געוואָרען פון באַדינען די וואַנדערער, דער אויפזעהער פונ'ם שלאָס (אויסטייטשענדיג גאַנץ פריי דעם קאַימאַקאַנ'ס אינסטרוקציעס, אַז זיי זאָלען מיינען, אַז כאָטש דער געפאַנגענער טאָר נישט אַרויסגיין, מעגען אָבער באַזוכערס אַריינקומען) פון רעכענען זיי פּופצעהן ביז דרייסיג מאַרק פאַר אַריינקומען אין קעניגליכען אָרט. אַ רעגען פון גאָלד האָט אַריינגעשטראָמט אין אבידאָס. איד, מאַכמעדאַנער, קריסט — די גאַנצע וועלט האָט זיך געוואונדערט, און אַ האַלבע האָט געגלויבט. די שיינקייט און פייערליכקייט פון מעליסעלדאַ'ן האָט באַצויבערט די איינגעשפּאַרטסטע סקעפּטיקער. מענשען'ס גערדאַנקען האָבען זיך געווענדעט צום „מגדל עוז", פון די ווייטסטע עקען פון דער וועלט. קיינמאָל פריהער אין דער מענשליכער געשיכטע האָט די בשורה וועגען אַ משיח נישט געוואַנדערט אַזוי ווייט ביי זיין אייגען לעבען. כדי צו טרייסטען די וואָס האָבען נישט געקענט מאַכען די רייזע צו אים אָדער קיין ירושלים, האָט שבתאי צוגעזאָגט דעם אייגענעם שכר צו אַלע וואָס וועלען בעטען אויף זייערע מאַמעס' קברים.

די ראשי תובות ש. צ. זיינען אויפגעשריבען געוואָרען אויסגע־צאַצקעט אין גאָלדענע אותיות איבער כמעט יעדער שול, מיט אַ קרוין אויף דער וואַנט, וואָס אין איר קרייז איז געווען דאָס קאַפּיטעל תהילים צ״א, און אין דאַווגען האָט מען אַריינגעשטעלט פאַר אים אַ תפילה: „ברוך אדונינו ומלכינו, הקדוש והצדיק שבתאי צבי, משיח אלהי יעקב״.

די געטאָס האָבען אָנגעהויבען פאַנאַנדערצופאַלען. אַפילו ביי די גרעסטע צווייפלער זיינען ארבייט און געשעפט איינגעשרומפען. אין אונגאַרן האָבען די אידען אָנגעהויבען איינצוברעכען זייערע הייזער. די גרויסע געשעפטליכע צענטרען, וואָס זיינען געווען לע־בעדיג אַ דאַנק די אידען, זיינען פאַראַליזירט געוואָרען. אַפילו די פּראָטעסטאַנטען האָבען זיך געוואַקעלט אין זייער קריסטליכקייט. אַמסטערדאַם, אונטער דער אָנשטעקעניש פון אידישע ענטוזיאַסטען, האָט געשוימט פון פרייד. אין האַמבורג, נישט קוקענדיג אויף די בריפליכע שטעכווערטער פון יעקב סאַספּאָרטאַס, זיינען די זעלטענע כופרים אָדער שבתאי צבי׳ס געגנער, געצוואונגען געוואָרען, דורך אַ פאַראָרדנונג פון בענדיטאָ דע קאַסטראָ, צו זאָגען אמן נאָך דער תפילה פאַר משיח׳ן. אין ליוואָרנע איז מסחר אויסגעטריקענט געוואָרען. אין ווענעדיג זיינען געווען אויסברוכען און די כופרים האָט מען געדראָט מיט׳ן טויט. אין מערן האָט זיך דער גובערנאַטאָר געמוזט אַריינמישען איינצושטילען דעם אויפרודער. אין סאַלי אין אַלזשיר, האָבען די אידען אַזוי אָפען אַרויסגעוויזען זייער איבערצייגונג, אַז זייער הערשאַפט דערנענטערט זיך, אַז דער עמיר האָט באַפוילען זיי צו פאַרפאָלגען. אין סמירנע ווידער האָט מען אַ כאַכאַם, וואָס האָט פּראָטעסטירט פאַר דעם ריכטער געגען די משוגעת׳ען פון זיינע ברידער, דורך דער מאַכט פון זייער לענגערען בייטעל, אָפּגעגאָלט זיין באָרד און אים פאַרדאַמט צו שיף־שקלאַפעריי.

דריי חדשים פון קעניגליכער רייכקייט און אונטערטעניגקייט פאַר שבתאי׳ן זיינען פאַרביי. אַלס ענטפער צו דער פריידיגער באַגייסטערונג פון מעליסעלדא׳ן, האָט ער אויפגעגעבען אַלע זיינע נזיר׳ישע געוואוינהייטען, און האָט געלעבט ווי עס לעבט אַ מלך, הערשענדיג איבער אַ וועלט וואָס דאַרף קיינמאָל נישט ווידער

פארפינסטערט ווערען מיט זינד און אומגליק. דער וויין האט געפינקעלט און געפלאַסען, דאָס בעסטע עסענוואַרג האָט באַצירט דעם סעודה־טיש, בלומען און איידעלע ריחות האָבען זיך געמאַכט די לופט, און די שיינע טעכטער פון ישראל האָבען נחת'דיג גע־טאַנצט פאר אים, אַרויסשיסענדיג ליידענשאַפטליכע בליקען פון אונטער זייערע לאַנגע ברעמען. דער תענית פון שבעה עשר בתמוז איז אַנגעקומען. שבתאי האָט אים אויפגעגעבען, דערקלערענדיג, אַז אין דעם טאָג איז אים אַנטפּלעקט געוואָרען די איבערציינגונג אַז ער איז משיח. תשעה באָב — דער טאָג פון זיין געבוירען — איז ווידער פארוואַנדעלט געוואָרען פון אַ תענית אין אַ שמחה, דער קעניגליכער באַפעל, וואָס איז באַקאַנט געמאַכט געוואָרען איבער דער וועלט, האָט דערמאָנט צפניה'ס רייד: „זינג און פריי זיך, טאָכטער פון ציון. ווייל זע, איך קום, און איך וועל רוהען צווישען דיר, זאָגט דער האר“. פּרטים וועגען דעם ווי די תפילות זאָלען צוגיין זיינען מיטגעגאַנגען מיט דעם באַפעל.

און אין דעם גרויסען טאָג פון ששון ושמחה, פון מלכות און פראַכט, געקרוינט מיט דער אונטערטעניגקייט און ברכה פון זיין פאָלק, פון וועלכען עס זיינען געקומען שליחים פון אַלע קלימאַטען און לענדער אָפּצוגעבען כבוד צום טאָג פון זיין געבוירען, האָט שבתאי'ס הערליכקייט דערגרייכט די לעצטע מדרגה.

(דאָס איז די־ר סוף פון דער צווייטער מגילה).

## די דריטע מגילה.

## XXII.

אין דער שעה פון זיין זיג האָבען צוויי פּוילישע אידען, וואָס האָבען געמאַכט די הייליגע רייזע צו אים, דערציילט אים וועגען אַ נייעם נביא, וואָס האָט זיך באַוויזען אין ווייטען לעמבערג, איינער נחמיה כהן, וועלכער האָט נביאות געזאָגט, אַז די גאולה קומט, נאָר נישט דורך שבתאי צבי.

יענע נאַכט, ווען זיין מלכה און זיינע הויפלייט זיינען גע־שלאָפען, האָט שבתאי ביטער געקעמפּט מיט זיך אַליין אין זיין איינזאַמען אויפנאַם־צימער. דער שרעק־גייסט פון זעלבסט־צווייפעל,

וואס איז לאנג געלעגען רוהיג דורך מוזיק און פאמפ, האט זיך איצט ווידער אויפגעהויבען דורך אט דער נייער און אומדערוואַרטער אנטוויקלונג. דאס האט אים אויף א רויהען אופן דערמאנט, אז די עקזיסטענץ מיט אזא פראכט און גלאנץ איז נאך אלעמען צו פריה, אז דאס מלכות האט מען נאך ערשט באדאַרפט געווינען.

„א, מיין פאטער אין הימעל!“ האט ער געבעטען, פאלענדיג אויפ'ן פנים. „דו האסט מיך נישט אפגענארט. זאג מיר, אז אט דער נביא איז פאלש, איך בעט דיך גאט, אז נאר דורך מיר דארף קומען דיין קעניגרייך אויף דער ערד. איך ווארט אויף דעם נס. די טעג פון דעם גרויסען יאר זיינען שוין כמעט פארביי און זע! איך ליג דא אין א חוזק מלכות. א מופת! א מופת!“

„שבתאי!“ א כשופ'דיג קול האט גערופען זיין נאמען. ער האט אויפגעהויבען די אויגען. מעליסעלדא איז געשטאנען אין דער טיר, געקומען פון איר שטוב אנגעטאן אזוי לייכט ווי אין יענעם וויטען פריהמארגען אויפ'ן בית עולם.

א מאדנער כשוף־אויסדרוק איז געלעגען אויף איר פנים, און, צוקוקעניג זיך נענטער, האט ער געזעהן, אז אירע לאבענדיגע אויגען זיינען געווען פארהילט אין שלאף.

„דאס איז דער מופת!“ האט ער מיט פחד געמורמעלט.

ער איז אויפגעשפרונגען און גענומען איר ווייסע האנט, וואס האט געברענט זיינע, און זי האט אים געפירט אין איר שטוב אריין מיט זיכערע טריט.

„דאס איז דער מופת!“ האט ער געמורמעלט, „דער מופת, אז מעליסעלדא האט מיך באמת אריינגעפירט אין קעניגרייך פון פרייד“.

נאר אינדערפרי איז ער אויפגעשטאנען נאך אלץ פארזארגט. דער באטייט פונ'ם מופת איז אים וויינינגער קלאר געווען ווי אין דער שטילקייט פון דער נאכט. די געשטאלט פון דעם נייעם נביא האט אים דראהענדיג אויפגעלויכטען.

ווען די פוילישע אידען זיינען צוריקגעפארען, האבען זיי געהאט מיט זיך א בריף פונ'ם מלכות, וואס האט צוגעזאגט די פוילישע אידען נקמה צו נעמען אן די קאזאקען און האט באפוילען נחמיה'ן גלייך צו קומען צום משיח.

דער וועג איז געווען לאנג, נאר ארום אנהויב סעפטעמבער

איז נחמיה אָנגעקומען קיין אַבידאָס. ער איז גלייך אויפגענומען געוואָרען אין אַ פּריוואַטער אוידיענץ. ער האָט זיך געהאַלטען אומאַפּהענגיג.

„שלום צו דיר, שבתאי!"

„שלום צו דיר, נחמיה. איך האָב געוואָלט ריידען מיט דיר. מענשען זאָגען, אַז דו פאַרלייקענסט מיך.

„דאָס איז אמת. ווי קען משיח — משיח פון בית דוד קומען, איידער עס איז געקומען זיין אָנזאָגער, משיח פון בית אפרים, ווי אונזערע הייליגע ספרים זאָגען?" שבתאי האָט געענטפערט, אַז דער בן אפרים איז שוין געווען, אָבער ער האָט נישט געקענט איבערצייגען נחמיה'ן, וועלכער האָט זיך ארויסגעוויזען אַ גרויסער למדן אין לשון הקודש, סיריש און כאַלדעאיש, און האָט זיך מתוכח געווען פונקט ביי פונקט און פסוק ביי פסוק. דער ערשטער משיח האָט געזאָלט זיין אַ מגיד התורה, אָרים, פאַראַכט, אַ משרת ביים צווייטען. וואו האָט מען אים געקענט געפינען?

דריי טעג האָבען זיי זיך מתוכח געווען, נאָר נחמיה איז נאָך אַלץ ארומגעגאַנגען און איבערגע'חזרט זיינע אייגענע נביאות. די מער פאַרברענטע שבתאי צבי'ניקעס, זייענדיג אין כעס אויף דעם פאַר'עקשנ'טען און קריגערישען פּלפּול'ניק, וואָלטען אים אודאי עפּעס אָפּגעטאָן, אָבער דער נביא פון לעמבערג האָט שכל געהאַט זיך אָפּצוטראָגען קיין אדריאַנאָפּאָל. דאָ האָט ער, אויס נקמה, געזוכט אויפגענומען צו ווערען ביים קאַימאַקאַן.

„פאַרראַט, אַ מוסטאַפאַ, פאַרראַט!" האָט ער דערקלערט. ער האָט פאַרראַטען די פאַנטאַסטישע פּלענער אראָפּצונעמען דעם סול־טאַן'ס קרוין, מיט וועלכער שבתאי האָט זיך נאָך אַלץ ארומגע־טראָגען און וועלכע אַלע האָבען געוואוסט אַחוץ די רעגירונג. דער אויפזעהער פון אַבידאָס האָט, זיין קעשענע צוליב, ניט אָפּגעגעבען קיין רעפּאָרט וועגען די אויסערגעוויינליכע זאַכען וואָס האָבען זיך אָפּגעטאָן אין שלאָס.

נחמיה האָט פאַרדאַמט שבתאי'ן אַלס אַ געמייגעם מענשען, וואָס האָט געשטרעבט צו פאַרדאַרבען די מוחות פון די אידען און אָפּציהען זיי פון זייער ערליכען וועג פון פּרנסה און געהאָרכזאַמ־קייט צום סולטאַן. און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויף אַזאַ אופן

נוקם געוועז, איז דער נביא פון לעמבערג געוואָרען א מאַכמעדאַנער.

א שטאַפעט איז גלייך געשיקט געוואָרען צום סולטאַן און א באַראַטונג איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען. די פראַגע איז געוועזן זייער ערנסט. היגריכטען שבתאי'ן, ווייל ער איז געוועזן אַלצאיינס באַליבט ביי אידען און ביי טערקען — וואָלט עס בלויז געמיינט פאַראייביגען די נייע סעקטע. דער מופטי וואַני — א גייסטליכער ענטוזיאַסט — האָט פאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל אים באַאיינפלוסען נאָכצוגיין אין נחמיה'ס טריט און איבערגיין צום איסלאַם. אָט די באַמערקונג האָט אויסגעזען נישט נאָר כיטרע קלוג, נאָר וואָלט, ווייזט אויס, פאַרגרעסערט די האַרליכקייט פון מאַכמעד'ען, דעם איינציגען אמת'ען נביא. יאַניסאַרען זיינען גלייך געשיקט געוואָרען קיין אבידאָס. און אין איין פיינעם טאָג, ווען דאָס שלאָס פון די דאַרדאַנעלען איז געוועזן באַלאַגערט מיט בעטערס, ווען דער מגדל עוז איז געוועזן לוסטיג מיט די ליכטיג-געקליידעטע מלכים, און אָנגעפילט מיט אַנגענעמע פּלאַנצען און ריחות און די געמישטע נגונים פון כלי זמר און שטימען, האָט זיך א מחנה יאַניסאַרען מיט וואָגנס באַוויזען ווי א בליץ, האָבען צעיאָגט דעם עולם מיט זייערע לאַנגע פּיקעס. זיי האָבען געכאַפּט משיח'ען מיט זיין מלכה און האָבען זיי געבראַכט קיין אַדריאַנאָפּאָל.

## XXIII.

דער האַקים באַשי, דעם סולטאַנ'ס דאָקטאָר, וועלכער איז אַליין געוועזן א אידישער טערק און איז באַטראַכט געוואָרען פאַר דעם פּאַסיגסטען צו קומען אין באַרירונג מיט שבתאי'ן, האָט פאַר אים פאָרגעלייגט דעם סולטאַנ'ס באַשלוס דעם אָווענט פון זיין אָנקומען קיין אַדריאַנאָפּאָל. דעם באַפרייטען געפאַנגענעם האָט מען באַזעצט מיט חוזק'דיגער פראַכט אין א גערוימער וואוינונג אינ'ם פּאַלאַץ, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צום טייך, און ער איז געלעגען אויף א פרעכטיגען דיוואַן און האָט געריכערט א ציבוק מיט א געמאַכטער רוהיגקייט.

„וואָסערע פאַרגוויגונגען דאַרף מען געוויינליך מאַכען פאַר'ן סולטאַן?" האָט ער געפרעגט מיט געמאַכטער לייכטקייט, נאָך דעם ערשטען אויסטויש פון באַגריסונגען מיט דעם דאָקטאָר. „איך וויל

נישט זיין הינטערשטעליג אין די פּאַרמאַליטעטען, ווען איך שטעל מיך פאַר זיין געהויבענער מאַיעסטעט".

„אַ סוף צו דעם פּאַרס, שבתאי צבי!" האָט האַקים באַשי שטרענג געזאָגט. „דער סולטאַן פאָדערט נישט פון דיר קיין פּאָזען, נאָר אַ מופת".

„האָט מען נאָך ווייניג מופתים געזעהן?" האָט שבתאי שטיל געפרעגט.

„צופיל", האָט דער משומד טרוקען געענטפּערט. „נאָר אויב דו ווילסט ראַטעווען דיין לעבען, איז נויטיג נאָך איינער".

„וואָס פאַר אַ מופת?"

„אַז דו זאָלסט ווערען אַ טערק!" און קוים אַ שמייכעל האָט געשפּילט אַרום דעם דאָקטאָר'ס ליפּען.

עס איז געווען אַ לאַנגע שטילקייט. שבתאי'ס אייגענע ליפּען האָבען געציטערט, נאָר נישט מיט קיין שמייכעל. דער קעניגליכער שיין פון אַבידאָס איז אָפּגעשטאָרבען פון זיין פּנים, נאָר זיין טרויערינקייט איז געווען גיכער פון דערשלאָגענקייט איידער די פּיינע מעלאַנכאָליע פון אַמאָל.

„און אויב איך זאָג זיך אָפּ פון דעם מופת?"

„מוזטו אונז געבען אַן אַנדערען. דער מופטי וואַני האָט פּאָרגעשלאָגען, אַז מען זאָל דיך אויסטאָן נאַקעט און דיך אוועק־שטעלען אַלס אַ צילברעט פאַר די בויגענשיסערס. אויב דיין פליישׁ און הויט זיינען אומדורכדרינגליך ווי אַ פּאַנצער, וועלען מיר דיך אודאי אַנערקענען פאַר דעם משיח, און פאַר דעם וועמען אַללאַ האָט באַשטימט צו דער הערשאַפט און דער גרויסקייט, צו וועלכער דו פּרעטענדירסט".

„און אויב איך וועל מיך פון דעם מופת אויך אָפּזאָגען?"

„דאַן וואַרט אויף דיר דער בראַנדשטאָק ביים טויער פון פּאַלאַץ דיך צו צווינגען", האָט דער האַקים באַשא געשריען. „דו וועסט שטאַרבען אין יסורים. אפילו דאָס רחמנות, אַז מען זאָל דיר דעם קאָפּ אָפּהאַקען, וועסטו נישט באַקומען, ווייל דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז מאַכמעדאַנער וועלען נישט פאַראומרייניגען זייערע שווערדען מיט דעם בלוט פון אַ איד. פאָלג מיין עצה, שבתאי", האָט ער ווייטער גערעדט אין אַ שטילערען טאָן, „ווער איינער פון אונז.

נאָך אַלעמען, שטאַמען דאָך די מוסולמאַנער בלויז פון הגר'ען. מאַכמעד איז בלויז משה'ס נאָכפאָלגער. מיר אנערקענען דעם איינציגען גאָט וואָס הערשט איבער'ן הימעל און איבער דער ערד, מיר עסען נישט קיין חזיר. קענסט דיר פונקט אזוי זיין א משיח אין א ווייסען טורבאַן ווי אין א שוואַרצען", האָט ער שפּאַסיג געענדיגט.

שבתאי האָט געמאַכט א שמערצליך פּנים. „משומד!" האָט ער ארויסגעמורמעלט.

„יאָ, און אַן אויסגעצייכענטער אויסבייט", האָט דער דאָקטאָר אויסגערופען. דער סולטאַן איז א ברייטהאַרציגער באַצאָלער, זיין שאָטען זאָל קיינמאָל נישט געמינערט ווערען. ער גיט דיר צייט ביז אין דער פרי צו באַשליסען — טערק צי מאַרטירער? מיט ברענענדיגע פאַקלען צוגעבונדען צו דיינע גלידער וועט מען דיך שמייסען דורך די גאַסען מיט פייערדיגע ריטער פאַר אַלעמען אין די אויגען — דאָס איז דעם סולטאַן'ס באַפעל. ער איז א ברייט־האַרציגער באַצאָלער. נאָך אַלעמען, וואָר דאַרפען מיר זיך פאַר־שטעלען — מיר ביידע צווישען זיך, צוויי אידען, הע?" און ער האָט פריילאַך אונטערגעוואונקען. „די זון באַגריסט מאַכמעד'ען יעדען אינדערפרי, זאָגען די טערקען. זאָל די מאָרגענדיגע זון באַגריסען נאָך א מאַכמעדאַנער".

שבתאי איז אויפגעשפרונגען שוין מיט צופיל מאַיעסטעט.

„הינטישער משומד! וואַרף דיך ארויס!"

„ביז מאָרגען! מאָרגען וועט דיך דער סולטאַן אויפנעמען", האָט דער האַקים באַשי אומגעשטערט געזאָגט, און מיט א חוזק'דיגער פאַרנויגונג איז ער ארויס.

מעליסעלדאַ האָט געדרימעלט אין א ווייטען צימער נאָך דער מידקייט פון דער רייזע, נאָר די לעצטע געוואַלטען פון דעם שמועס צווישען די צוויי האָבען זי אויפגעוועקט, און זי האָט געהערט דעם דאָקטאָר'ס לעצטע ווערטער. זי האָט איצט אויפגעצויגען די פאָר־טירען און אריינגעקוקט צו שבתאי'ן. איר חן איז געווען האַלב־איינגעראַמט, האַלב פאַרשטעלט פון דעם פאָרהאַנג. איר פּנים איז געווען באַקראַנצט מיט א הימלישען שמייכעל.

„שבתאי!" האָט זי ארויסגעשעפטשעט.

ער האָט זיך אומגעקערט מיט אַ בייזען שמייכעל צו איר. „דו ביזט פריילאך!“ האָט ער ביטער געזאָגט.

„איז נישט די שעה געקומען?“ האָט זי מיט פרייד אויס־געשריען.

„יאָ, די שעה איז געקומען“, האָט ער געמורמעלט.

„די שעה פון דיין לעצטען פרוף און זיג! די געבענקטע שעה קרוין פון זיין קאָפּ און זי אָנטאָן אויף —“

אַנשטאָט צו ענדיגען דעם זאַץ, איז זי צוגעלאָפען נעמען זיין קאָפּ צו איר בוזים. אָבער ער האָט אָפּגעשטויסען אירע צערטעלדיגע אָרעמס. זי האָט זיך צוריקגעצויגען אין כעס. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס זי האָט אים געזעהן גראָב, נישט נאָר מיט איר, נאָר מיט וועמען ס'איז.

„לאָז מיך! לאָז מיך!“ האָט ער הייזעריג געשריען.

„ניין, דו דאַרפסט מיך“, און אירע פאַרגיביגע אָרעמס האָבען זיך געצויגען צו אים מיט פרישער צערטליכקייט.

ער האָט זי אָנגעקוקט און נישט באַוועגט זיך צו באַגעגענען די אָרעמס.

„יאָ, איך דאַרף דיך“, האָט ער פאַטעטיש געזאָגט. „דערפאַר — און זיין שטים איז ווידער געוואָרען פעסט — לאָז מיך אליין“.

„דו ביזט געוואָרען אַ פרעמדער“, האָט זי ציטערדיג געזאָגט, „איך פאַרשטיי דיך נישט“.

„הלואי וואָלסטו אייביג געווען אַ פרעמדע, הלואי וואָלט איך דיך קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען“.

„שבתאי, דו ביזט פון זינען אַראָפּ“.

„איך בין געקומען צו מיין זין. אַ מיין גאָט! מיין גאָט!“ און ער איז אַנידערגעפאַלען וויינענדיג אויפ'ן דיוואַן.

מעליסעלדא איז נאָך מער דערשראָקען געוואָרען.

„שטיי אויף, מען וועט דיך הערען וויינען“.

„זאָלען זיי הערען. גאָט הערט מיך נישט“.

„ער הערט דיך נישט? דו ביזט ער!“

„איך גאָט!“ ער האָט ביטער געלאַכט. „דו גלויבסט דאָס! דו וואָס דו קענסט מיך אַלס מאַן!“

„איך ווייס בלויז, אז דו ביזט געטליך. איך האָב דיך מיט פרייד פאַרגעטערט. ביזטו נישט משיח?"

„משיח! וואָס קען זיך אַליין נישט אויסלייזען!"

„ווער קען דיר שלעכטס טאָן? ווער האָט דיר ווען עס איז שלעכטס געטאָן פון דיין יוגענט אָן? די מלאכים וואַכען איבער דיינע טריט. איז דיין גאַנץ לעבען נישט איין גרויסער נס?"

ער האָט האָפנונגסלאָז געשאָקעלט דעם קאָפּ. „דאָס גאַנצע יאָר האָב איך געוואַרט אויף דעם נס — די אַלע לאַנגע חדשים אין דער תפיסה אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין דעם שלאָס פון אבידאָס — אָבער וואָס פאַר אַ זיכער קול האָט גערעדט צו מיר? מאָרגען וועט מען מיר מיינע גדערים אַרויסנעמען, שמייסען מיט פייערדיגע ריטער — ווער ווייסט וואָס די הינט קענען טאָן?"

„שטיל! שטיל!"

„אַ, דו שרעקסט דיך פאַר מיר!" האָט ער אויסגעשריען מיט אַ להכעיס'דיגען נצחון. „דו ווייסט, אז איך בין בלויז אַ שטערב־ליכער מענש!"

די רויזען אין אירע שיינע באַקען האָבען פאַרבלייכט, אָבער זי האָט אומדערשראָקען ווייטער גערעדט.

„ניין, איך גלויב נאָך אַלץ אין דיר. איך בין דיר נאָכגעגאַנגען אין דיין תפיסה אַריין, נישט וויסענדיג, אז זי וועט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ פּאַלאַץ. איך וועל דיר נאָכגיין צו דיין מאַרטירערײַ מאָרגען, האָפענדיג אז דאָס וועט זיין דיין קרוינענדיגער נס און די פייערדיגע ריטער וועלען פאַרוואַנדעלט ווערען אין פערדערען פון מלאכים. דאָס ווערט זכריה'ס וואָרט מקוים. „אין יענעם טאָג וועל איך מאַכען די הערשער פון יהודה ווי אַ ברענענדיגען אויוון אין וואַלד און ווי אַ פאַקעל פון פייער אין אַ בונט תבואה".

זיינע אויגען זיינען פייכט געוואָרען, ווען ער האָט אַרויפּ־געקוקט צו איר. „יאָ, מעליסעלדאַ, דו ביזט מיר טריי געווען און האָסט אמת'ען מוט. און אצינד, ווען איך בין אַליין, ווען די געשרייען פון מיינע געטרייע זיינען אָפּגעשטאָרבען, ווען דער מלך פון דער וועלט ליגט דאָ אַליין אין פינסטערניש און אין אַש, האָסטו נאָך אַלץ גלויבען אין מיר?"

„יאָ, איך גלויב — דאָס איז בלויז אַ פּרוּף, דער לעצטער פּרוּף פון מיין גלויבען".

זי האָט פאַרטרויליך געשמייכעלט צו אים. האָפנונג האָט אין אים אויפגעוואַכט. „ווען דאָס זאָל זיין בלויז אַ פּרוּף, דער לעצטער פּרוּף פון מ י י ן גלויבען!" האָט ער געמורמעלט. אָבער ניין — איידער דער ווייסער שטרייף פון דער לבנה וועט ווידער אויפגיין אין הימעל, וועל איך זיין אַ צודריקטער מח, פרעספּלייש פאַר וועלף, סיידען — איך האָב תפילה געטאָן נאָך אַ מופת — אָ, ווי איך האָב תפילה געטאָן, און אַצינד — זע! אַ שטערען פאַלט. אָ, מיין גאָט, אָט דאָס דאַרף זיין דער סוף פון מיין לאַנגער מאַר־טירעריי! אָבער די שטראָף פאַר מיין העזה איז גרעסער ווי איך קען פאַרטראָגען. גאָט, גאָט, פאַרוואָס האָסטו מיר געשיקט די שטילע בשורות וואָס האָבען מיר אויסגעוויזען געטליך, יענע לאַנגע, לאַנגע געדאַנקען, וואָס האָבען אויפגעציטערט מיין נשמה? פאַרוואָס האָסטו מיר געוויזען די זינד פון ישׂראל און זיינע צרות, די פּיין און דאָס בייז פון דער וועלט, און מיך באַגייסטערט אויסצולייזען און ווידער אויפצולעבען?" זיין ברוסט האָט זיך געהויבען און געזונקען פון היסטערישע זיפצען.

„מיין שבתאי!" מעליסעלדאַ'ס וואַרימע אָרעמס האָבען אים ארומגענומען. ער האָט זי מיט רויער קראַפט אָפּגעשטויסען. „אוועק, אוועק!", האָט ער געשריען. „איך פאַרשטיי דעם מופת. ענדליך פאַרשטיי איך. דורך דיר האָב איך עס אָנגעוואָרען גאָט'ס ברכה".

„דורך מיר?" האָט זי געשטאַמעלט.

„יאָ, דיינע ליפּען האָבען אוועקגענאַרט מיינע פון תפילה, דיינע אָרעמס האָבען מיך אַראָפּגעצויגען פון די הויכקייטען פון רעכט־פאַרטיגקייט. דו האָסט מיך געמאַכט אומטריי צו מיין כלה, די תורה. כמעט פערציג יאָר האָב איך געפירט אַ שטרענג און איינזאַם לעבען, טובל געווען מיין גוף אין אייז און שניי, זיך געשלאָגען מלקות — יאָ, זיך אַליין געשלאָגען מלקות, איך, וואָס איך האָב איצט מורא פאַר שמיץ, — ביז דאָס בלוט איז מיר גערונען פון וואונדען אָן אַ צאָל, און אַצינד, אָ גאָט! אָ גאָט! אשה, דו האָסט מיך מטמא געווען! איך האָב אָנגעוואָרען דעם רוח הקודש. ער האָט זיך אָפּגעטאָן פון מיר. ער וועט איצט אריין אין אימיצען

אַנדערש, אין איינעם וואָס איז ווירדיגער פון מיר. אמאָל בין איך געוועזן משיח, איצט בין איך מענש".

„איך? — איך האָב פון דיר צוגענומען דעם רוח הקודש!"

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט דעם גאַנצען פלאַם פון איר שיינקייט, מיט אַ נייער דרייסטקייט.

ער איז אויפגעשפרונגען, איר געפאַלען צו דער ברוסט און האָט ווילד געקושט אירע ליפּען.

„ניין, ניין, דו האָסט עס מיר געוויזען! ליבע! ליבע! ליבע איז דאָס וואָס אָטעמט אין יעדער זאַך, וואָס הויבט אויף די לאַסט פון לעבען. ווען נישט דו וואָלט איך אויסגעגאַנגען און וואָלט נישט געקענט די הערליכקייט פון מאַנשאַפט. איך בין אַ מאַן — אַ מאַן וואָס פרייט זיך מיט זיין כח! אָ, מיין פאַרהונגערטע יוגענט! פאַרוואָס האָב איך דיך פריהער נישט געזעהן?" טרערען פון זעלבסט־רחמנות זיינען גערונען איבער זיינע אַש־גרויע באַקען. „אָ, מיין ליבע! מיין ליבע! מיין פאַרלוירענע יוגענט! גיב מיר צוריק מיין יוגענט, אָ גאָט! ווער בין איך אויסצולייזען? אַ מאַן, יאָ, אַ מאַן, וואָס פרייט זיך מיט זיין מאַנשאַפט. אוי, גליקליך זיינען די, וואָס פירען דעם געוויינליכען גורל פון מענשען, גליקליך אין ליבע, אין היים, אין קינדער. וויי צו די וואָס ווילען קלעטערען, וואָס ווילען זיך פייניגען און זיך פאַרזאָגען, וואָס ווילען אויסלייזען די מענשהייט. פון וואָס? אויב זיי האָבען ליבע, האָבען זיי נישט אַלץ? זי איז גאָט, זי איז דאָס מלכות, דאָס מלכות. קום, לאָמיר לעבען — איך אַ מאַן, דו אַ פרוי!"

„אָבער אַ מוסולמאַנער!"

„וואָס איז וויכטיג? גאָט איז אומעטום. איז נישט אונזער רמב"ם — וואָס מיר זיינען מתפלל אויף זיין קבר אין טבריא — אַליין אמאָל געוועזן אַ מוסולמאַנער? האָט ער נישט געזאָגט, אַז כדי צו ראַטעווען אונזערע לעבענס איז קיין זאַך נישט פאַרבאָטען?"

ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג זי צו נעמען אין זיינע אָרעמס, אָבער דאָס מאָל האָט זי זיך צוריקגעצויגען. אירע אויגען האָבען אַ בליץ געטאָן.

„ניין, אַלס אַ מאַן ליב איך דיך נישט. דו ביזט געטליך אָדער גאָרנישט. גאָט אָדער אַ פאַרשטעלטער שווינדלער!"

„מעליסעלדאַ!“ זי האָט איגנאָרירט זיין פיינליך געשריי.

„ניין, אָט דער שווערער נסיון האָט שוין גענוג לאַנג געדויערט“, האָט זי שטרענג געענטפערט. זיי דיך מודה, איך האָב דעם נסיון אויסגעהאַלטען“.

„איך בין נישט קיין גאָט און נישט קיין שווינדלער“, האָט ער אַ געבראָכענער געזאָגט. „אָ, זאָג נישט, אַז דו קענסט מיך אַלס מאַן נישט ליבען. ווען דו ביזט צוערשט געקומען בענשען מיין לעבען, האָב איך מיך נאָך נישט געהאַט דערקלערט פאַר משיח'ן“.

„ווער ווייסט, וואָס איך האָב דאַמאָלס געטראַכט? אַ ווילד מיידעל, משוגע דורך דעם קלויסטער, דורך דעם בלוט וואָס איז פאַר מיינע קינדישע אויגען פאַרגאָסען געוואָרען, בין איך געקומען צו דיר פול מיט אומגעצוימטע ליידענשאַפטען און פאַנטאַסטישע חלומות. אָבער ווי איך האָב געלעבט מיט דיר, ווי איך האָב געזעהן די שיינקייט פון דיין געדאַנק, דיין גרויס רחמנות, די רייכקייט פון דיין לעבען צווישען נסיונות, וואָס האָט מיך אייפערזיכטיג געמאַכט ווי אַ פרוי פון דמשק, דאַמאָלס האָב איך באמת געוואוסט, אַז דו ביזט אַ גאָט“.

„ניין, ווען איך האָב דיך דערקענט, האָב איך זיך דערקענט אַלס מאַן. נאָר ווי אונזערע נאָכפאָלגער זיינען געוואַקסען, ווי גלויבען און פאַרמעגען זיינען מיר נאָכגעגאַנגען אין מיינע טריט, האָט מיין גאָטלעסטערדיגער חלום אויפגעלעבט. איך האָב געגלויבט אין דיין זעהונג וועגען דעם מלכות. ווען איך האָב צוטיילט די וועלט, האָב איך באמת געגלויבט אַז איך בין משיח. נאָר ווי איך בין געזעסען אויף מיין טראָן אין אבידאָס, און פאַרגעטערער פון אַלע עקען וועלט האָבען געקושט מיינע פיס, איז מיך אַ ווייסטער צווייפעל באַפאַלען, אַ מין פאַר'חלום'טקייט, און דומפּע קולות האָבען מיר פרעגענדיג געקלונגען אין די אויערען, „ביזטו משיח? ביזטו משיח?“ איך האָב זיי געוואָלט דערטרינקען אין פרייליכע לידער. נאָר אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ווען דו ביזט געשלאָפען ביי מיין זייט, זיינען די קולות צוריקגעקומען און האָבען מיט חוזק געשריען: ,מאַן! מאַן! מאַן! און ווען נחמיה איז געקומען — ”

„מאַן!“ האָט מעליסעלדאַ אומגעדולדיג איבערגעשלאָגען. הער אויף צו מאַכען אַ נאַר פון מיר. איך האָב נישט געקענט קיין

מענער, וואָס? כ'מיין, ווער האָט זיי געקענט מער פון מיר? זייערע שוואכקייטען, זייערע פּוסטקייטען, זייערע אויסגעלאַסענקייטען — גענוג! מאָרגען זאָלסטו באַווייזען ביזט גאָט".

ער האָט זיך צוריקגעוואָרפען אויפ'ן דיוואַן און מיד געזיפצט. „לאָז מיך, מעליסעלדאַ. גיי דיר אין דיין רו. היינטיגע נאַכט מוז איך האַלטען וואַך אַליין. אפשר איז עס מיין לעצטע נאַכט אויף דער ערד".

איר פּנים האָט אויפגעלויכטען. „יאָ, מאָרגען קומט דאָס קיניגרייך פון הימעל". און שמייכלענדיג מיט אומענדליכען צוטרוי, האָט זי זיך איינגעבויגען, לייכט אַ קוש געטאָן זיינע האָר, און האָט ארויסגעשוועבט פונ'ם צימער.

און אין זיין שלאָפלאָזען מח און צוריסענער נשמה איז יענע גאַנצע אומענדליכע נאַכט אַנגעגאַנגען די שרעקליכע טראַגעדיע פון צווייפעל, געמילדערט דורך אויסברוכען פון ספּאַזמאַטישע תפילות. אַ גאָט צי אַ מענש? אַ משיח, וואָס דאַרף אויסהאַלטען זיין פּאַטער'ס לעצטען נסיון, צי אַ מאַרטירער אַ נאַכט פאַר זיין שווידערליכען טויט? און אויב ווידער דער קרבן פון אַן אוממענשליכער זעלבסטפּאַרפירונג, , וואָס זשע האָט עס אויסגעמאַכט צי איינער האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרען פון חרפּה אַלס איד אָדער מוסולמאַנער? איז עס אפשר העכער צו שטאַרבען, און לעבען אַלס אַ העלדישער אָנדענק — מוז ער דאָך אָבער לאָזען מעליסעלדאַ'ן! איבערלאָזען איר וואַרעמע ברוסט און דאָס זונליכט און די גרינע ערד, און די גאַנצע שיינקייט פון דער וועלט און פון מענשליכען לעבען, צו וועלכען זיינע אויגען האָבען זיך ערשט געעפענט נאָך אַ לעבלאַנג פון זעלבסט-פּייניגער בלינדקייט?

„אָ גאָט! אָ גאָט!" האָט ער געשריען, „פאַרוואָס האָסטו מיך געמאַכט צו שפּאָט און מיך פאַרלאָזען?"

## XXIV.

פרי, פאַר האַלבען טאָג, האָט אים דער לייכטער דריד פון אַ ליבשאַפטליכער האַנט אויף זיין אַקסעל אויפגעוועקט פון טיפענישען פון חלומות.

ער האָט אויפגעהויבען אַ ווייס, אָפּגעצערט פּנים. מעליסעלדאַ

איז געשטאַנען פאַר אים אין איר גאַנצער בלענדענדיגער פרישקייט, ווי אַ שטראַלענדיגער גייסט וואָס איז געקומען פאַריאָגען די שדים פון דער נאַכט. דאָס פאַרצייטיגע שפּאַנישע ליד איז אים געקומען אויפ'ן געדאַנק, און דער זיסער, טרויעריגער נגון האָט געציטערט אין זיין נשמה.

פון איר באָד גייט זי אַרויס,
ריין און שנייוויים זעט זי אויס,
מעליסעלדא.
בלויז די ליפּען אירע קרעל,
און די פינגער־שפּיצען העל,
מעליסעלדא.

זיינע אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרערען — די געטליכע חלומות פון דער יוגענט האָבען זיך לייכט אויפגערודערט אין אים.

„איז פריד צו דיר?" האָט זי געפרעגט.

זיין קאָפּ איז ווידער אַראָפּגעזונקען אויף זיין ברוסט.

„פונ'ם פענסטער האָב איך געזעהן די זון אויפגיין איבער'ן מאַריצאַ־טייך", האָט ער געזאָגט, „און זי האָט אָנגעצונדען די מוטנע וואַסערען. אָבער מיין גלויבען איז נאָך אַלץ גרוי און טויט. און גראָד איז מיר געקומען אויפ'ן געדאַנק דער געטליכער שיר פון משה אבן עזרא פון גראַנאַדע: „דיינע טעג זיינען פאַרפירערישע חלומות און דיין לעבען ווי יענער פרימאָרגען־וואָלקען: ווי לאַנג ער איז אין דיין געצעלט, מעגסטו בלייבען דערין, אָבער ווען ער שטייגט אויף, צוגייסטו און ווערסט איבערגעפירט אין אַ אָרט, וואָס איז דיר אומבאַקאַנט". דאָס איז דער סוף, מעליסעלדא, דער סוף פון מיין גרויסער זעלבסט־פאַרפירונג. וואָס בין איך אחוץ אַ מאַן, מיט אַ מאַנ'ס ווייטאָגען און טעות'ען, און זעלבסט־נאַרערייען, אַ מאַן'ס לעבען וואָס בליט בלויז איינמאָל ווי אַ רויז און פאַרוועלקט, אין דער צייט וואָס דער דאָרען בלייבט אויף ווייטער?" דער אומענדליכער טרויער פון זיינע רייד האָט זי געמאַכט שוויינען. אויף דער רגע האָט זי די מוזיק פון זיין קול, זיינע טרויעריגע, פאַר־חלום'טע אויגען, די אומענדליכע פאַרצווייפלונג פון זיין האַלטונג, אַריינגעבראַכט אין אַ שטימונג ענליך צו זיינער.

„באמת פאַר מיר“, האָט ער ווייטער גערעדט, „האָט עס דער ספרד'ישער דיכטער געזונגען —

„באַטראַכט די מיה וואָס דו ביזט דורכגעגאַנגען אונטער דער זון, טאָג און נאַכט, אָן אָפּהאַלט. מיה, וואָס דו ווייסט, אַז דו האָסט פון איר גאָרנישט. ווייל באמת ביזטו אין די פיל יאָרען נאָכגעגאַנגען פוסטקייט און ביזט געוואָרען פוסט. אַ היטער פון וויינגערטנער ביזטו געווען, נאָר דיין אייגענעם וויינגאָרטען האָסטו נישט אָפּגעהיט. אין דער צייט וואָס דעם אייביגען'ס אויגען לויפען אהין און אהער צו זעהן צי דער וויינשטאָק האָט אויפגעבליט, צי די צאַרטע וויינטרויבען האָבען זיך באַוויזען, זע! איז אַלץ געוואָרען פאַרוואַקסען מיט דערנער. שטאַכלען האָבען דעם גאַנצען אָנבליק צוגעדעקט. דו ביזט אַלט און גרוי געוואָרען. דו האָסט פאַרבלאָנדזשעט, אָבער זיך נישט אומגעקערט. יאָ, איך האָב פאַרבלאָנדזשעט, אָבער איז דאָס טויער פאַרשלאָסען זיך אומצוקערען? צו זיין אַ מענש — בלויז אַ מענש — ווי גרויס דאָס איז!“ זיין שטים איז אָפּגעשטאָרבען, און מיט איר דער זיסער, טרייסטענדיגער כשוף. פייער האָט געגליט אין מעליסעלדאַ'ס ברוסט, זי האָט מיך געאָטעמט און אירע אויגען האָבען פייערדיג געפינקעלט.

„ניין, אויב דו ביזט בלויז אַ מאַן, ביזטו אפילו קיין מאַן נישט. מיין ליבע איז טויט“.

ווי ער איז איינגעשרומפּען אונטער איר פאַראַכטונג, האָט נאָך אַ פערז פון זיין פאַרצייטיג ליד זיך געזונגען אין זיין מח. ער האָט זי קיינמאָל אזוי ווי איצט נישט געזעהן.

אינ'ם שטאָלץ פון איר ערד
שיינט איר פנים ווי אַ שווערד,
מעליסעלדאַ.
אירע ליפּען — בויגענס שטאָל,
דאָך איר מויל אַ רויז פון טאָל,
מעליסעלדאַ.

דאָך איר מויל אַ רויז פון טאָל. אַ גאָט, דאָס רחמנות צו לאָזען די רויז פאַר דער קרוין פון דערנער!

„מעליסעלדא!" האט ער אויסגעשריען מיט א זיפץ. „האב רחמנות אויף מיר".

די טיר האט זיך געעפענט. צוויי פון דער קעניגליכער וואך זיינען אריינגעקומען.

„דו שעכטסט מיך", האט ער געזאגט אין לשון קודש.

„איך פארגעטער דיך", האט זי אים געענטפערט אויך אין לשון קודש. איר פנים האט, ווי אמאל, פארטרויליך געשמייכעלט.

„אבער איך בין א מענש!"

ווידער זיינען אירע ברעמען געווען שטאלענע בויגענס.

„דאן שטארב ווי א מענש! מיינסטו, איך וועל מיך דערנידעריגען צוזאמען מיט דיר? אויב איך דארף זיין א מוסולמאנער'ס כלה, לאמיך זיין דעם סולטאנ'ס. אויב איך דארף נישט זיצען מיט משיח'ען אויפ'ן טראן, לאמיך זיצען מיט א קעניג. דיין שפאניש ליד האט מיך געמאכט פאר א קעניג'ס טאכטער — יועל איך זיין א קעניג'ס ווייב".

און זי האט זיך צולאכט אויסגעלאסען.

די וואך האט זיך פאמעלאך דערנענטערט מיט אפענער מורא. מעליסעלדא'ס פלינק לייכטענדיג פנים האט זיך פלוצלונג געענדערט. זי האט אים א צי געטאן צו איר ברוסט.

„מיין קעניג!" האט זי געמורמעלט. „עס איז געווען גרויזאם פון דיר אזוי אויסצופרואווען מיין גלויבען אין דיר". און אים פרייליאזענדיג, האט זי אויסגעשריען: „גיי אין דיין קעניגרייך".

ער האט זיך אויסגעגלייכט. דאס פייער אין אירע אויגען האט אריינגעלויכטען אין זיינע.

„דער סולטאן רופט דיך", האט איינער פון די וועכטער מיט דרך ארץ געזאגט.

„איך בין גרייט", האט ער געזאגט, און רוהיג אויסגעגלייכט די פאלדען פון זיין שווארצען מאנטעל.

מעליסעלדא איז געבליבען אליין. די פאמעלאכדיגע רגע'ס האבען זיך געצויגען, געשפאנט און מורא'דיג. בישלאכוויז איז דער שטראלענדיגער גלויבען אראפגעשטארבען פון איר פנים. א האלבע שעה איז פארביי און קאלטע שלאנגען פון צווייפעל האבען זיך אנגעהויבען וויקלען ארום איר אייגען הארץ.

וואס אויב שבתאי איז טאקע נישט מער ווי בלויז א מענש? מיט וואנזיניגער שנעלקייט האט זי דורכגעקוקט די פארגאנגענהייט. אט האט זי געגליט מיט גלאנציגע פארזיכערונגען פון זיין געט־ליכקייט, די אונטערטעניגקייט פון זיין פאלק, דרך ארץ פון טערק און קריסט, רבנים און חכמים ביי זיינע פיס, די רייכע און די גרויסע קעמפען צו קושען זיין פעכער, די אוצרות האבען זיך אריינגעגאסען אין זיינע אומווילינגע הענט. און אט ציטערט זי מיט עקעלדיגע אנדייטונגען און עראינערונגען פון שוואכקייט און שטארבליכער נארישקייט. און ווי איר גלויבען האט זיך געוואקסעלט, ווי איר עקסטאז, מיט וועלכען זי האט אים באגייסטערט, איז אפגעפאלען, האט די אנגסט פאר זיין וואוילזיין אנגעהויבען ארייג־קריכען אין איר נשמה, ביז די אנגסט איז ענדליך געווארען א פארפלייצונג וואס האט זי מיטגעריסען אין זיינע טריט. און וואס מער איר שרעק איז געוואקסען, אלץ מער איז איר קלאר געווארען ווי שטארק זי ליבט אים שוין, מיט זיין טרויעריגער, טונקעלער, גלאט־הויטיגער שיינקייט, דער ווייכער, כמעט מאגנעטישער באריר פון זיין האנט. משיח צי מענש, זי ליבט אים: ער איז גערעכט. וואס אויב זי האט אים געשיקט צו זיין טויט! א קאלטער, קראנ־קער שרעק איז איר דורכגעקראכען איבער די אברים. אפשר האט ער זיך דערוועגט צו שטעלען זיין געטליכקייט אויף פרוף, און דער ווילדער טערק האט אפילו אין דער מינוט הנאה געהאט פון די געשרייען פון דעם אומגליקליכען, וואס האט זיך אליין אפגענארט. א, ווי דום זי איז געווען אים צו טרייבען צו דער תליה און צו די פייערדיגע ריטער. אויב ער איז געטליך, וואלט דאס ווערען א טערק בלויז געווען א טייל פון דעם פלאן פון אויסלייזונג. אויב ער איז מענשליך, וואלט ער ווייניגסטענס פארשפארט א גסיסה'דיגען טויט. די בלוטיגע זעהונגען פון אירע קינדעריארען זיינען צו איר צוריקגעקומען, פייער איז געווען און אין אירע פיבערדיגע אדערען. זי האט געכאפט א לייכטען מאנטעל, אים פארווארפען אויף אירע אקסלען און איז ארויסגעלאפען פון'ם צימער. איר צויבערליכע שיינקייט אין דעם פלאץ פון באהאלטענע לבנה־פנים'ער, איר פארסאפעטע דערקלערונג, אז דער סולטאן האט זי געלאזט רופען צו זיין צוזאמען מיט איר מאן, האט זי דורכגעפירט דורך דער־

שטוינטע וואַכען, דורך טיר נאָך טיר, פאַרביי די שוואַרצע יעוונוכען פונ׳ם האַרעם און די ווייסע יעוונוכען פון די קעניגליכע שטיבער, ביז וואַנען זי האָט דורך די שפּאַלטען פון די פורפורנע פוירהאַנגען געכאַפּט אַ וויטען בליק אויף דעם טיראַן אין זיין גרויסען קעניגליכען טורבאַן, זיצענדיג אויף זיין הויכען שמאָלען טראָן, ארומגערינגעלט מיט זיינע אַדיוטאַנטען. אַ פּאַזש האָט איר מיטאַמאָל באַפוילען שטיין צו בלייבען. אַ חלשות איז זי באַפאַלען.

„מעכמעד עפענדי“, האָט דער פּאַזש אויסגערופען.

אַ פאַרשווינדעלטע, קענענדיג קוים באַוועגען די צונג, האָט זי געפּרואווט זאָגען דעם הויכען טיר־שטייער, וואָס האָט צוטיילט די פוירהאַנגען, אַז זי פאַרלאַנגט ארייננצוגיין. אָבער ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע הענט צו כאַפּען איר פאַר׳חלשט׳ע געשטאַלט, און דערנאָך, אַזוי ווי אין עפּעס אַ שווידערליכען חלום, האָט עפּעס היימישעס אַרויסגעשוועבט צו איר פון דער געשטאַלט, נישט קוקענדיג אויף דעם ווייסען טורבאַן און דעם גרינעם מאַנטעל, און אַ רגע שפּעטער, אַזוי ווי מיט דער פיין פון אַ מעסער־שטאָך, האָט זי דערקענט שבתאי׳ן.

„וואָס פאַר אַ מאַסקאַראַד איז דאָס?“ האָבען אירע בלייכע ליפּען געשעפּטשעט אין בייזער אַפּשטויסונג, ווען זי האָט זיך באַמיהט צו באַפרייען זיך פון זיינע הענט.

„מיין האַר, דער סולטאַן, האָט מיך געמאַכט פאַר זיין טיר־שטייער — קאַפּידזשי באַשי אָטאַראַק“, האָט ער זיך אָפּבעטענדיג געענטפערט. ער איז פול מיט רחמנות און פאַרגיבונג. אַללאַ זאָל דערהויבען זיין קעניגרייך. דאָס געהאַלט איז גרויס. ער איז אַ ברייטהאַרציגער באַצאָלער. איך זאָג עדות, אַז עס איז נישטאָ קיין גאָט חוץ גאָט. איך זאָג עדות, אַז מאַכמעד איז גאָט׳ס נביא“.

ער האָט אויפגעכאַפּט די פאַר׳חלש׳טע מעליסעלדאַ אין זיינע אָרעמס און האָט באַדעקט איר פּנים מיט קושען.

## XXV.

נייעס פלעגט פאָרען פּאַמעלאָך אין יענע צייטען. אַ וואָך שפּעטער, ווען אַגי מאַכמעד עפענדי און זיין ווייב פאַומאַ קאַדין (געבוירען שרה און פון איר פאַרגעטערדיגען מאַן, דעם סולטאַן׳ס

טיר־שטייער נאָך אַלץ גערופען מעליסעלדאַ) האָבען באַקומען איג־סטרוקציעס אין דעם מוסולמאַנישען גלויבען פון דעם געהויכטען מופטי וואַני, האָבען אַ גרויסע מחנה אידען, וואָס האָבען אַריינ־געפליצט קיין אַמסטערדאַם אויף דער מעכטיגער כוואַליע פון גלויבען און שמחה, רבנים און לומדים און ראשי ישיבה, געשריבען אַ בריף פון אונטערטעניגקייט צום משיח. און אין דער צייט וואָס דער סולטאַן האָט געטראַכט וועגען אויסשעכטען אַלע אידען פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע פאַר זייערע רעוואָלוציאָנערע פּראָ־יעקטען, און צווינגען אָפּצו'שמד'ען אַלע אידישע יתומים צום איסלאַם, האָבען די אידען פון דער וועלט אָפּגעהאַלטען — לויט זיי האָבען געגלויבט, צום לעצטען מאָל — יום כפור, און פינף מאָל אין פאַרלויף פון דעם לאַנגען תענית האָבען די וויינענדיגע מתפּללים, זיך שאָקלענדיג אַהין און אַהער אין זייערע תכריכים, מיט ליידענ־שאַפטליכען פייער אַרויסגערעדט די ברכה פאַר שבתאי צבי, דעם משיח פון ישראל.

און זיין רום און זיין זכר איז אויף דורות נישט פאַר־שוואונדען. און די טרוימערס פונ'ם אידישען פאָלק האָבען נישט אויפגעהערט טייער צו האַלטען זייער גלויבען אין אים. אַ סך האָבען אים נאָכגעפאָלגט און אָנגענומען דעם איסלאַמישען ווייסען טורבאַן.

אָבער מיט וואָס פאַר אַ רייכזיניגע פּלפּולים פון קבלה, מיט וואָסערע בענקשאַפטליכע פאַנטאַזיעס — וואָס האָבען געקענט מאַכען מלאכים צו וויינען — זיינע אומגליקליכע נאָכפאָלגער, פאַר־עקשנ'טע נישט צו פאַרלירען די גרויסע ווייסע האָפנונג וואָס איז געקומען באַלייכטען די פינסטערניש ביי אידען, האָבען עס אויס־געטייטשט זיין אָפּטריניגקייט. וואָסערע סעקטעס און געגען־סעקטעס עס זיינען דורך זיין שמד געבוירען געוואָרען, און וואָסערע נייע נביאים עס זיינען עס אויפגעשטאַנען — אַ פראַנט פון מאַדריד, וואָס האָט געשפּילט אויף דער גיטאַרע, אַ טאַבאַק־הענדלער פון פּיניעראָל, אַ בלוי־בלוטיגער קריסטליכער מיליאָנער פון קאָפּענ־האַגען — צו נערען די גרויסע טראַגישע האָפנונג (וועלכע לעבט נאָך) לאַנג נאָכדעם ווי שבתאי אַליין, נאָך ווער ווייסט וואָסערע נייע אויסברוכען פון זעלבסט־נאַרעריי און היפּאָקריטסטווע, וואָסערע

באנייטע שטרעבונגען נאָך זיין אַלטער גרויסקייט און זיין פריהער רעכטפארטיגקייט, וואָסערע פרישע יסורים פון גוף און נשמה, איז געשטאָרבען אים יום כפור, אַן איינזאמער וויים־האָריגער גלות־מענש אין אַ קליין אַלבאַניש שטעטעל, וואו עס האָט קיין איד נישט געוואוינט אים די אויגען־דעקלאַך צו פאַרמאַכען, אָדער איינצוריימען אומשטערבליכע געטריישאפט אין זיינע שטאַרבענדיגע אויערען — שטייט עס נישט געשריבען אין די באַשרייבונגען פון׳ם געטאָ?

(דאָס איז דער סוף פון דער דריטער און לעצטער מגילה).

# ברוך שפינאָזאַ

ווען דער דאַרער, טונקעלער, אַביסעל איינגעבויגענער פּאַסאַ־זשיר, וועלכען מען האָט געקענט באַמערקען צווישען די בלאָנדע האָלענדער דורך זיין איידעלען שפּאַנישען פּנים מיט די שוואַרצע ברעמען און לאַנגע געקרייזעלטע לאָקען, איז אַרויסגעשטיגען פון דער שיף צום קאַנאַל־ברעג אין ס'גראַווענהאַגע, האָט זיין אָפּווע־זענדיגער בליק צוערשט נישט געזעהן די חשוב'דיגע פּנים'ער פון די פּוילענצער, וואָס האָבען זיך געוואַרעמט אין דער זון, ווען די שלעפּשיף איז אָנגעקומען. ער איז נישט געווען קיין געניטער באַאָבאַכטער פון אויסערליכקייטען, און כאָטש ער האָט גרויס הנאה געהאַט פון דער רייזע אַהיים איבער דעם אַנגענעמען וואַסער־וועג, צווישען גרינע ווענט פון בוימער און קוסטען, מיט דאָ און דאָרט אַ בליק אויף פלאַכע לאַנדשאַפטען און ווינטמילען, דורך שפּאַלטען, האָט זיין געפיל פון דער פרידליכקייט פון נאַטור אוועק־געשוועבט פון דער מאַסע, פון אַ דורכדרינגליכען הינטערגרונט פון גרינקייט און פליסענדיג וואַסער. אים זיינען נישט שאַרף קלאָר געוועזן ספּעציעלע בוימער, לינדען, צי אולמען, צי ווערבעס, און כאָך ווייניגער די וואַסער־פלאַנצען און בלומען, וואָס האָבען רייך אויס־געפלאַסטערט די אויבערפלאַך פון'ם קאַנאַל.

אפילו ווען ער איז פאַר'חלום'ט געגאַנגען איבער זיין וועג אַהיים, דורך די שיינע גאַסען פון האַג, און ער האָט ענדליך באַ־מערקט אַ געוויסען אומוויילען אין די פּנים'ער וואָס ער האָט אָנגע־טראָפען האָט ער עס אויך אין אָנהויב נישט פאַרבונדען מיט זיך, נאָר מיט דער אַלגעמיינער קריגערישער אויפרעגונג פון'ם פאָלק. כאָטש דער יונגער פרינץ אָראַנזש האָט זיי פאַרגיטיגט זייער אויפ־שטאַנד אים אויסצוווילען צו דער שטאָטהאַלטערשאַפט, דורך באַ־פרייען זיי פון דער פאַרצוויפלונג, צו וועלכער די פראַנצויזישע

פאַרכאַפּונג און די ענגלישע פּלאַטע האָבען זיי געבראַכט, כאָטש ציים זיין באַרימטען „איך וועל שטאַרבען אין דעם לעצטען גרוב", האָט האָלאַנד זיך מער נישט באַמיט צו באַגיין זעלבסטמאָרד דורך עפּענען אירע אייגענע שליוזען, זיינען אָבער די פּרייגעלאָזענע שטראָמען פון פאָלקס־ליידענשאַפט בלויז טיילווייז איינגעשטילט געוואָרען. אַ שטיין, וואָס איז פאַרבייגעפלויגען זיין באַק און איז אַראָפּגעפאַלען אויף זיין קליינער האַנט־טאַש, אין וועלכער ער האָט געהאַט זיין גאַנצען באַגאַזש, האָט אים מיט אַמאָל אויפגעוועקט און עפּעס איז אים אָנגעהויבען קלאָר ווערען.

„האָט מען עס טאַקע אים געמיינט מיט די וויסטע בליקען. געשרייען „פאַררעטער!" גאַטלאָזער תליה־פויגעל!" „נידער מיט דעם פאַרדאַמטען רענעגאַט!" האָבען צוטריבען זיין לעצטען צוויי־פעל. אַ שאָטען פון מעלאַנכאָליע האָט פאַרטיפט דעם אויסדרוק פונ'ם חנ'עוודיגען, געדאַנקליכען מויל. דערנאָך, אַזוי ווי פון זיין ווילען, איז זיין געוויינליך אויסזעהען פון פאַרטראַכטער פרייליכ־קייט צוריקגעקומען, און ער איז זיך ווייטער געגאַנגען, אומגע־שטערט.

איז עס, הייסט עס, אין זיין אייגענער שטאָט — וואו אַ נביא אָן אַ נאָמען דאַרף בלייבען אָן אומכבוד — אויך אויסגערינען, אַז ע ר איז עס דער פאַרפאַסער פון דעם שענדליכען ט עָ אָ ל אָ־ג י ש־פּ אָ ל י ט י ש ע ן ט ר אַ ק ט אַ ט, דער „פאַררעטער פון קירך און שטאָט" צווישען די פאַרלייקנערישע שמירערס, דער נישטגוטער פון אַלגעמיינער טעאָלאָגיע. אומזיסט איז, אַלזאָ, זיין טראַקטאַט אַרויסגעגעבען געוואָרען מיט „האַמבורג" אויפ'ן שאַרבלאַט. אומזיסט האָט ער געפּרואווט צו פאַראייניגען פערזענ־ליכען פרידען מיט אומפערזענליכען געדאַנק, איינצושפּאַרען זיין גוף אין אַ בוידעם־שטוב און אויסשפּרייטען זיין נשמה איבער דער וועלט. דער שמיד פון אַזאַ דונער האָט נישט געקענט בלייבען באַהאַלטען פון די אויגען פון אייראָפּאַ. קען זיין אַז די באַרימטע אויסלענדער און די שיינע ליטעראַרישע פרויען, וואָס פלעגען קלעטערען אויף זיינע שטיגען — אָפט שטערענדיג זיין טעגליכע אַרבייט פון שלייפען לינזנגלעזער — האָבען געמאַכט, אַז האַג זאָל דערשמעקען פּולווער. מער וואַרשיינליך איז אַז זיינע היצקעפּיגע

יונגע תלמידים, מיט וועלכע ער האָט געלערנט פערזענליך אָדער דורך בריף, האָבען אים ענטוזיאסטיש פארדאַטען און אים פאַר־שאַפט א בארימטען אָדער א טרויעריג־בארימטען נאָמען. עס איז אלעמאל אזוי געווען, האָט ער געטראַכט, אפילו אין די גאָר אמאָליגע האַלב־פארגעסענע טעג, ווען ער האָט זיך געהאַלטען אין באַפרייען פונ'ם געטאָ, און האַלב־באַליידיגטע פאַרערער נישט ווייניגער ווי אפיקורתים־יעגערס האָבען אָפּגעטראָגען צו די אויערען פונ'ם בית־דין זיין שווידערליכע פאַרלייקענונג פון נסים און צערעמאָניעס. אָרעמער שאול מאָרטעירא! ווי שטאַרק עס האָט געמוזט ווייטאָן זיין אמאָליגען רבי'ן ארויסצוגעבען דעם גרויסען חרם, כאָטש קיין זאַך האָט אים נישט באַדאַרפט איבעררא‌שען אין א תלמיד וואָס האָט זיך דערוועגט צו שטעלען אזעלכע קשיות אפילו ווען ער איז אַלט געווען פופצען יאָר. און אצינד, ווען ער האָט אָפּגעטרייסעלט פון זיך דאָס געטאָ, אָדער בעסער געזאָגט, דאָס געטאָ האָט אים אָפּגעטרייסעלט פון זיך, האָט ער מיט נישט ווייניגער איבעררא‌שונג סקאַנדאַליזירט דאָס קריסטענטום, צו וועל־כען דאָס געטאָ האָט געמיינט ער גייט זיך אריבער'שמד'ען. ער האָט אָן מורא ווידערשפעניגט יעדע געדאַנקען־סיסטעם פונ'ם יאָר־הונדערט, די הערשענדיגע פילאָזאָפיע פון דעקאַרט'ן נישט ווייניגער ווי דעם גלויבען פון דער קירך, און זיין אָפּעלירונג פאַר פרייהייט פון געדאַנק האָט דאָס פאַלשטענדיג באַלויכטען. אמת, נידערלאַנד, ווען עס איז באַפרייט געוואָרען פון דעם שפּאַנישען חורבן, האָט זיך נאָבעל דערקלערט פאַר רעליגיעזער פרייהייט, אָבער א וויסענ־שאַפטליכע באַהאַנדלונג פון דער ביבעל אלס הייליגע ליטעראַטור טאָר אפילו האָלענדישע טאָלעראַנץ נישט דערלאָזען, און טאָר זיך נישט פאַרנאַרען דורך אָן אָפּעלירונג צום שטאַט זיך צו גרינדען אויף אמת'ער רעליגיע און איגנאָרירען די אויסטייטשערישע טעאָלאָגען.

„וואָס פאַר א גרעסער אומגליק קען מען זיך פאָרשטעלען פאַר א שטאַט, ווי אז ערנהאַפטיגע מענשען, דערפאַר וואָס זיי האָבען אייגענע געדאַנקען און קענען נישט באַגיין קיין ליגען, זאָלען, אזוי ווי פאַרברעכער, ארויסגעשיקט ווערען פון לאַנד אָדער געפירט ווערען צו דער תליה?" דער פאַרלאַמענט האָט שוין ארויסגעלייגט

די האַנט אויף דעם ווערק וואָס האָט אַנטהאַלטען די פּראַגע און פאַרבאָטען זיין צירקולירונג: איצט האָט עס שוין אַפּנים געהאַל־טען ביי פאַרפאָלגען אים פּערזענליך, און דאָס קריסטענטום וועט אים איצטער זיין אַ צוגאָב צו די אַלע צרות, וואָס ער איז פריהער אויסגעשטאַנען פונ׳ם אידענטום. ער האָט געטראַכט וועגען דעם פאַנאַטישען אידען, וואָס זיין פאַרזוך צו שטערען אים האָט אים געטריבען צו וואוינען הינטער אַמסטערדאַם נאָך איידער די אידען האָבען באַאיינפלוסט די ציווילע ריכטער אַרויסצוּיאָגען אים פון זייער „ניי ירושלים“ און אין אַ רגע פון ביטערניש האָט זיך אים אויסגעוויזען, אַז די בילדליכע פּאָרטוגעזישע קללות פונ׳ם בית דין האָבען געהאַט אַ ווירקונג. „לויט דער גמירה פון די מלאכים און דעם פּסק פון די צדיקים, מיט דעם הסכם פונ׳ם הייליגען גאָט און דער גאַנצער קהילה, זיינען מיר מחרים ומגורש, פאַרשעלטען און פאַרפלוכען ברוך דע עספּינאָזאַ דאָ פאַר די הייליגע ספרים... פאַרשאָלטען זאָל ער זיין ביי טאָג, און פאַרשאָלטען זאָל ער זיין ביינאַכט. פאַרשאָלטען זאָל ער זיין ווען ער ליגט זיך, און פאַר־שאָלטען זאָל ער זיין ווען ער שטייט אויף. פאַרשאָלטען זאָל ער זיין ווען ער גייט אַרויס, און פאַרשאָלטען זאָל ער זיין ווען ער קומט אַריין. זאָל אים גאָט קיינמאָל נישט מוחל זיין דעם אויב־בערשטענ׳ס כעס און צאָרען זאָלען זיך צינדען געגען דעם מענש, אויף וועמען עס זאָלען רוהען אַלע קללות און חרמות, וואָס שטייען געשריבען אין דער הייליגער תורה...“ — האָבען אָט די ווערטער זיך אים געפלאָנטערט אין קאָפּ, ווען ער האָט געשריבען דעם טראַקטאַט? האָט ער זיך אַליין געפרעגט, אַ באַזאָרגטער וואָס זיי זיינען אים נאָך אַלץ געלעגען אין זכרון. זיינען די אידישע טיילען פונ׳ם בוך באַפאַרבט פון זיין צאָרן? האָט זיין הייס שפּאַניש בלוט געהאַלטען אין זכרון דעם קינזשאַל, וואָס האָט עס געפּרואווט פאַרגיסען? האָבען ליידען אַריינגעבראַכט אַ פאָראורטייל אין דער אומפּערזענליכקייט פון זיין אינטעלעקט? „דאָס צווינגט מיך נישט צו קיין זאַך, וועלכע איך וואָלט אַנדערש נישט געווען געטאָן“, האָט ער געהאַט געזאָגט צו זיין פריינד, דעם מענאַגיט, ווען זיין משפּט האָט אים דערגרייכט אין דער אודעקירק גאַס. אָבער איז עס אַזוי געווען? ווען ער וואָלט נישט אָפּגעשניטען געוואָרען פון

זיין פאָטער און זיינע ברידער און שוועסטער, און די פריינד פון זיין קינדהייט, וואָלט ער דען באַהאַנדעלט די שיינקייטען פון דעם גלויבען פון זיינע אבות מיט אזאַ נקמה'דיגער איינזעהעניש? דער צווייפעל האָט אים באַאומרוהיגט, באַווייזענדיג ווידער אמאָל ווי שווער עס איז זיך אַליין צו באַהערשען, זיך אבסאָלוט אונטערגעבען צום אבסאָלוטען אמת. ער האָט זיך קיינמאָל נישט געוואַקעלט אונטער פאַרפאָלגונג, אַזוי ווי אוריאל אַקאָסטאַ — ביי וועמענס קבר אין אומהייליגער ערד ער איז געשטאַנען, ווען ער איז געוועזן אַ אינגעל פון אַכט יאָר — אָבער צי האָט עס הינטעראַרום נישט געווירקט אויף זיין גייסט?

„לידער!” האָט ער געטראַכט, „די שווערסטע לאַסט וואָס מענשען קענען אַרויפלייגען אויף אונז, איז נישט וואָס זיי פאַרפאָלגען אונז מיט זייער האַס און פאַראַכטונג, נאָר וואָס זיי פאַרפלאַנצען אויף אַזאַ אופן האַס און פאַראַכטונג אין אונזערע נשמות. דאָס איז עס וואָס לאָזט אונז נישט אָטעמען פריי אָדער זעהן קלאָר!”

אַ בליק צוריק האָט ווייבער געמאַכט די אָפּשטויסליכקייט פון זיינע אידישע פאַרפאָלגער. זיי זיינען בלויז געווען קינדער פון אַ צייט פון פאַרפאָלגונגען, און עס איז באמת שווער געווען פאַר אַ קהילה אַנטלאָפענע פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, אַז מען זאָל צווייפלען אין דעם גלויבען פאַר וועלכען זיי אָדער זייערע פאָטערס האָבען אויפגעגעבען לאַנד און פאַרמעגען. אפילו אין דער שעה פון זיין חרם האָבען די שייטערהויפענס פון דער אינקוויזיציע געפלאַמט מיט אידישע מאַרטירערס, און זיינע חברים געלערטע האָבען געשריבען לאַטיינישע לידער צו זייער הייליגען אַנדענק. און זאָל דער גלויבען, וואָס האָט אַרויסגעפּרעסט און אָנגערייצט אַזעלכע קרבנות, באַזייטיגט ווערען דורך איינעם, וואָס האָט דאָס מזל צו זיין פריי און קען זיך אָפען האַלטען ביי דעם גלויבען? ווי קענען זיי פאַרשטיין, אַז דער טויט פון אַ מאַרטירער באַווייזט גלויבען, אָבער נישט אמת? מילא, אויב ער האָט נישט גענוג אָפּגעצאָלט זיינע ברידער'ס האַס מיט ליבשאַפט, איז נישט געווען וואָס צו באַדויערען, ווייל באַדויער איז אַ שלעכטע זאַך, אַ איבערגאַנג צו מינדערער פולקאָמענהייט, פאַרוויניגטער עבענסקראַפט. זאָל

ער זיך בעסער פרייען וואס דאס אמת'ע ווערק פון זיין לעבען — זיין עטיק, וועלכע ער האט געהאלטען אין אויסארבייטען אויף ריין־געאמעטרישע פרינציפען — וועט נישט האבען קיין באפארבונג פון פערזענליכקייט, וועט זיין אן זיין נאמען, און וועט אפילו נישט באַרעפענטליכט ווערען ביז דער טויט וועט האבען באזייטיגט די „לעצטע מעגליכקייט פון פערזענליכען אינטערעס אין דעם גורל י ים ווערק. „ווייל", ווי ער האט אליין אין זיין בוך געפֿרעדיגט, „די וואס ווילען העלפען אנדערע מיט ראט און טהאט כדי אלע זאלען הנאה האבען פונ'ם בעסטען, דארפען אויף קיין פאל אליין נישט שטרעבען דערצו, אז א לערע זאל אנגערופען ווערען אויף זייער נאמען".

נאך א שטיין און א חוזק־הוזשעריי פון א באנדע גאסען־יונגען האבען אים דערמאנט, אז דער טויט קען אמאל נישט ווארטען ביז ער וועט ענדיגען זיין ווערק. „מאדנע", האט ער איבערגעטראכט, „אז די וואס קענען אפילו נישט לעזען, זאלען אזוי לויפען צו פארדאמען". און דערנאך האבען זיך זיינע גע־דאנקען אומגעקערט צו דעם שוידערליכען טאג, פון וועלכען עס איז נאך קיין יאר נישט, ווי א ברוטאלע מאסע האט צוריסען אויף שטיק די איידעלסטע מענער אינ'ם קעניגרייך — זיינע פריינד, די ברידער דע וויט. ער האט אפילו איצט קוים געקענט איינ־האלטען זיינע טרערען, ווען ער האט זיך דערמאנט אן די גע־פייניגטע פאטריאטען, וואס ערשט אין דער געהיים פון פארטאג האט זיך די פאליציי דערוועגט אראפצונעמען זייערע שענדליך־אויפגעהאנגענע קערפערם. אפילו אלס פילאזאף איז אים שווער געווען צו געדענקען, אז די בעסטיעס האבען בלויז אויסגעדריקט דעם עסענץ פון זייער וועזען, אזוי ווי ער האט אויסגעדריקט זיינעם. דאך האט דער שכל נישט געפאדערט, אז זייער וועזען זאל אומברענגען זיינס: גיכער פארקערט, ווען ער וואלט געהאט די מאכט.

אזוי טראכטענדיג, האט ער זיך פארווענדט ביים ראג גאס, איז אריין אין זיין באליבטער בוכהאנדלונג אין דער ספויסטראט און האט גלייך געזוכט זיכערקייט און דערלייכטערונג צווישען די אלטע גרויסע בענדער און די נייע לאטיינישע אויסגאבען און די

שעהן־ארויסגעגעבענע ווערק פון די עלזעווירן פון אמסטערדאם.

„האָסטו סטופ'ס „רעליגיאָן פון די האָלענדער"? האָט ער געפרעגט ווי עס איז אים פלוצלונג איינגעפאַלען.

„פרענג ערגעץ אַנדערש" האָט אים דער בוכהענדלער געגעבען א בייזען ענטפער אָפּ.

„דו אויך ברוטוס!" האָט שפינאָזא געזאָגט מיט א שמייכעל. דו ביזט אויך מיט די העצערס? מיר דאַכט זיך, אז אפיקורסות דאַרף גראָד זיין גוט פאַר דיין געשעפט. א ווילדער וואַלד מיט געגען־אטאַקעס, אָפּהאַנדלונגען, טראַקטאַטלעך, פאַסקווילען — וואָס מער אַלץ פרייליכער, ניין?"

דער בוכהענדלער האָט געגלאָצט. „דו זאָלסט אריינקומען און פרעגען אויף סטופ'ס בוך? ס'איז — ס'איז — אומפאַרשעמט!"

שפינאָזא איז דערשטוינט געוואָרען. „אומפאַרשעמט? איז עס דערפאַר ווייל ער רעדט אין דעם בוך וועגען מיר?"

„הער שפינאָזא", האָט זיך דער בוכהענדלער פייערליך אָנגע־רופען, „דיין דעקאַרטישער קאָמענטאַר האָט מיר אריינגעבראַכט א שיינעם גראָשען, און אויב דו פלעגסט דאָ ביי מיר מער נאַשען פון די ביכער ווי קויפען, האָט עס מיך דאָך נישט געאַרט און האָסט דיר געמעגט געזונטערהייט אוועקטראָגען אין דעם לאַנגען קאָפּ דיינעם וואָס דיין האַרץ האָט געגלוסט. אָבער דיר איצטער צו דינען איז מער ווי איך קען זיך דערוועגען. ווען דאָס פאָלק איז אזוי אויפגערעגט געגען דיר. וואָס מיינסטו! וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן אין אוטרעכט האָט נישט דערגרייכט אהער?

„וואָס איך האָב אָפּגעטאָן אין אוטרעכט!"

„יאָ, אינ'ם שונא'ס הויפט־קוואַרטיר, וואו דו האָסט אונז פאַרראַטען צו די פראַנצויזען!"

שפינאָזא האָט אויפגעשווידערט. דאָס איז נאָך געוועזען ערגער ווי ער האָט געמיינט. פאַר א מכלומרשטדיגער נייגונג צו די פראַנצויזען האָט מען דאָך די דע וויטס געשאָכטען. פּאָליטי־שער האַס איז געוועזען נאָך פינסטערער פון טעאָלאָגישען. קען זיין עס איז געוועזען נישט קלוג פון זיין זייט אָנצונעמען אין קריגס־צייט פּרינץ פון קאָנדעי'ס שמייכעלהאַפטע איינלאַדונג צו רעדען איבער פילאָזאָפיע. צו קומען צום פראַנצויזישען לאַגער מיט דעם

מארשאל'ס לאנדקארט איז געווען גרינג געגוג. אָבער צוריקצוקומען אין זיין אייגענער קווארטיר האָט זיך שוין ארויסגעוויזען צו זיין גאָר אַן אנדער ענין. פארוואָס האָט אים אָבער די האָלענדישע מאכט דערלויבט צו גיין? אזא אויסערגעוויינליכער צוטרוי איז דאָך שוין אודאי געווען גענוג באַוויז פאר זיין פארטרויליכקייט.

„אָ, אָבער דאָס איז דאָך אומזין!" האָט ער געזאָגט. „יעדער בירגער אין דער האַג ווייסט, אַז איך בין אַ גוטער רעפּובליקאנער, און האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין אַנדער צוועק אויסער דעם כבוד און וואוילזיין פונ'ם שטאַט. חוץ דעם האָב איך דאָך אפילו קאָנדעין נישט געזעהן. מען האָט אים געהאַט אוועקגערופען, און איך האָב נישט געוואָלט ווארטען ביז ער וועט צוריקקומען".

„יאָ. אָבער דו האָסט געזעהן לוקסעמבורג'ען. קאָלאָנעל סטופּ, פונ'ם שווייצארישען רעגימענט, האָט דיך אונטערהאלטען".

„אמת, אָבער ער איז אַ חוץ אַ זעלנער אויך אַ טעאָלאָג".

„האָט ער דיך נישט געוואָלט אונטערקויפען?"

„יאָ, ער האָט יאָ געוואָלט", האָט שפּינאָזא געזאָגט מיט אַ שמייכעל. „ער האָט מיר אָנגעבאָטען אַ פּענסיע —"

דער בוכהענדלער האָט זיך פארשטאָפּט די אויערען. „ששש! איך וויל נישט וויסען. איך וויל נישט האָבען קיין האַנט אין דיין מאָרד".

„ניין, אָבער אלס אַ בוכהענדלער וועט עס דיך אינטערעסירען. ער וואָלט מיר די קעניגליכע פּענסיע געגעבען, ווען איך זאָל ווידמען אַ בוך צו זיין קעניגליכער מאַיעסטעט".

„און דו האָסט זיך דערפון אָפּגעזאָגט?"

„נאַטירליך. לויט דער פּערצענטער האָט גענוג אונטער־שמייכלערס".

דער בוכהענדלער האָט אָנגעכאַפּט זיינע הענט און זיי גע־דריקט מיט טרערען. „איך האָב זיי געזאָגט אַזוי, איך האָב זיי געזאָגט אַזוי. וואָס זשע איז אַז זיי האָבען געזעהן די פראנצויזישע איידעללייט דיך באַזוכען? נישט אַנדערש ווי פּאָליטישע שליחים. ווי דען! איר מעגט פּונקט אַזוי צווייפלען אין דער טוגענדהאַפ־טיגקייט פון די פיינע דאַמען, וואָס קלעטערען אויף זיינע שטיגען, זאָג איך. זיי זוכען בלויז זיך קלאָרער צו מאַכען אין זייער

דעקארט. יאָ, פראנקרייך מעג זיך האָבען ארויסגעגעבען א פילאָ־זאָף, אָבער מען דארף האָבען האָלאנד אים צו באשיצען, א האָלענ־דער איט צו פארשטיין. דער פארפיומירטער פראנט א שפיאָן! ווייס איך, דאָס איז דאָך געוועזן ד'ענאָל, דער פּאָעט. פון וואנען איך ווייס איר פארשטייט, ווען א מענש פרעגט זיך נאָך אויף ד'ענאָל'ס לידער און איז באלד צופרידען וואָס איך האָב דאָס בוך, און האלב אנטוישט דערפאר וואָס ער מוז עס קויפען — ! אָן די ליפּען דערקענט מען אים, דעם אפיקורס, אָן אמת'ער זון פון די מוזען. און וואָס זשע, זאָג איך, איז, אַז עס איז דאָ אַ בריף פון ענגלאנד מיט דעם שטעמפּעל פון דער קעניגליכער גע־זעלשאפט!"

„איז טאקע דאָ אַ בריף פון ענגלאנד?"

„ביזט נאָך נישט געוועזן אין דערהיים? די קעניגליכע גע־זעלשאפט, זאָג איך, איז אַ געלערטע קערפערשאפט — טראָץ איר נאָמען — און האָט גאָרניט צו טאָן מיט קעניג טשארלז און מיט דער געזעלשאפט וואָס ער האלט ארום זיך. זיי העצען עס אים אונטער אונז צו באקעמפען, די אויסוואורפען!"

שפּינאָזא האָט געשמייכעלט. „עס מוז זיין פון מיין גוטען פריינד אָלדענבורג, דעם סעקרעטער".

„אָט דאָס האָב איך זיי געזאָגט. ער איז געוועזן ביי מיר אין געשעפט, ווען ער איז דאָ געוועזן —"

„ער האָט געפרעגט אויף זיין בוך?"

„ניין, אויף דיינס". און דעם בוכהענדלער'ס שמייכעל האָט געענטפערט אויף שפּינאָזא'ס שמייכעל. „ער האָט ביי מיר באַ־שטעלט ארויסצושיקען קאָפּיעס פון די „דעקארטישע פילאָזאָפישע פּרינציפּען" צו פארשידענע וויכטיגע פערזענליכקייטען. איך בעט צו גאָט הלואי וואָלסטו געשריבען אַ ניי בוך!"

„גאָט, קען זיין, האָט נישט דיין שטאנדפונקט", האָט גע־מורמעלט שפּינאָזא, וועלכער האָט געהאלטען אין איבערמישען די בלעטלאך פון אַן אמאָקע אויף זיין „ניי בוך", און לעזענדיג וועגען זיך אַלס „אַ מאַן מיט אַ חוצפה'דיג פּנים, פאנאטיש, און דער־ווייטערט פון יעדער רעליגיע".

„דו האָסט דאָרט אַ גוט בוך", האָט דער בוכהענדלער געזאָגט.

„פון מוסעאום, דעם פּראָפעסאָר פון יענאַ. דער „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט גענוואויגען אין דער וואָגשאָל פון אמת”. אַ נאָמען וואָס ציט. זיי זאָגען, אַז דאָס איז די בעסטע פון אַלע פאַרלייקענונגען פון דעם פאַרדאַרבליכען און גיפטיגען טראַקטאַט”.

„פון וועלכען איר האָט דאָ, ווי איך זעה, פאַרשידענע קאָפּיעס פאַרשטעלט אונטער פאַלשע טיטלען”.

„ששש! אויף פאַרבאָטענע פּרוכט פרעגט מען זיך אַלעמאָל נאָך. אָבער אַזוי לאַנג ווי איך שטעל צו דעם געגענגיפט אויך —”

„דאַרף פּרוכט אַ געגענגיפט?”

„פאַר’סם’טע עפּעל־פון’ם עץ הדעת, וואָס די שלאַנג באַט אָן”.

„אַ שלאַנג געווים”, האָט שפּינאָזאַ געזאָגט, לעזענדיג הויך דעם געגענגיפט. „ער האָט נישט דורכגעלאָזט קיין איינציגען גייסטיגען חוש, קיין ביטרעקייט, קיין קונסט וואָס ער זאָל נישט האָבען אויספּרובירט כדי צו באַהאַלטען זיין פאַבריצירונג אונטער אַ פינקעלדיגען שלייער, אַזוי אַז מיר האָבען אַ גוטע אורזאַך צו צווייפלען צי צווישען דער גרויסער צאָל פון יענע וואָס דער טייוועל אליין האָט געדונגען צו צושטערען אַלע מענשליכע און געטליכע רעכט, מען קען געפינען איינעם וואָס איז געווען אויפריכטיגער אין דער ארבייט פון צושטערונג איידער דער פאַררעטער, וואָס איז געבוירען געוואָרען צום גרויסען שאָדען פון דער קירך און צום אומגליק פון’ם שטאַט. „ווי ער צושניידט דאָס דער שלאַנג’ס קאָפּ, דער טעאָלאָגישער פּראָפעסאָר!” האָט ער אויסגערופען. „ווי ער לייגט עס אים אוועק טויט אויף זיין וואָגשאָל פון אמת!” פאַר זיך אַליין האָט ער געטראַכט: „ווי די אומוויסענדסטע זיינען עס געוויינליך די חוצפה’דיגסטע און די שנעלסטע צו לאָזען אָפּדרוקען זייער אומוויסענהייט!” ער האָט געהאַט אַ בלאַסע פאָראויס־זעהונג ווי אַזוי זיין נאָמען — אויב ער זאָל ווירקליך ארויסקומען, טראָץ אַלע זיינע פאָרזיכטיגקייטען — וועט באַטייטען אַטעאיזם און אוממאָראַליטעט, אַ שרעקוואָרט אויף אַ יאָרהונדערט אָדער צוויי. אָבער ער האָט ווייטער געשמייכעלט, זיך פאַרלאָזענדיג אויף דער איינגעבוירענער שכל’דיגקייט און רעכטקייט פון דער וועלט.

„ווילסט נעמען דאָס בוך?” האָט דער בוכהענדלער געפרעגט.

„ניין, נישט מיט אַזעלכע רעדערייען קומט דער אמת ווייטער. אָבער האָסטו די פאַרלייקענונג פון לאַמבערט וועלטהואיזען ?”

דער בוכהענדלער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ ניין.

„יענער איז ווערט הונדערט אַזעלכע ווי דאָס. איך בעט דיך, קריג עס און רעקאָמענדיר עס צו דיינע קונים, ווייל וועלט־הואיזען פאַרמאָגט אַ מעכטיגע דיאַלעקטיק, דורך וועלכער מענש־ליכע מוחות ווערען ווירקליך אויפגעפרישט”.

אויף זיין וועג אהיים האָבען אים נאָך אַלץ באַגעגענט פינ־סטערע בליקען. אָבער ער האָט זיי אַנטקעגענגעקוקט מיט אַ מוטיגען, אויפריכטיגען בליק. ביים סוף פון דער שמאָלער ספּוי־סטראַט איז דער עולם געווען פאַרנומען מיט די געשעפטען פונ'ם ברייטען מאַרקפּלאַץ, און דער פילאָזאָף איז זיך געגאַנגען זיין וועג אומבאַמערקט צווישען די שטענדערס און די לייווענטענע ביידלאַך אויף רעדער, און ערשט ווען ער האָט דערגרייכט די פּאַוויליאָנס־גראַכט — וואו עס שטייט פון אים איצט אַ מאָנומענט אין שטיין, ווי ער פאַרשרייבט אַן אייביגען געדאַנק — האָט ער באַגעגענט נייע שוועריקייטען. דאָרט, ביי זיין אייגענער גאַסטהיר, הינטער די בוימער ביים קאַנאַל־ברעג, האָט זיין הויזווירט, וואַן דער ספּיק, דער מאָלער — געוויינליך אַ פלעגמאַטישער מענש אין וואָלקענס פון פּיפּקע־רויך — אים היציג גראַטולירט מיט זיין זיכערער היימקער, אָבער אין הויז האָט ער אים נישט אריינגעלאָזט. „דאָ קענסטו מער נישט וואוינען”.

„דאָ וואוין איך היינט ביינאַכט”, האָט שפּינאָזא רוהיג גע־זאָגט, „אויב עס איז נאָך פאַראַן אַ געזעץ אין האָלאַנד”.

„געזעץ! דאָס פאָלק וועט נעמען דאָס געזעץ אין זיינע אייגענע הענט. מען וועט מיר אויסהאַקען די פענסטער און איינברעכען די טירען, און דיך וועט מען דער'הרג'ענען און אריינ־וואַרפען אין קאַנאַל”.

שפּינאָזא האָט געלאַכט. „און פאַרוואָס? אַן ערליכען גלאָז־שלייפער דער'הרג'ענען! גיי שוין, גיי, מיין פריינד!”

ווען דו וואָלסט בלויז געזעסען אין דערהיים און זיך געשליפען דיינע שפּיר־גלעזער, אַנשטאָט צו פאָרען קיין אוטרעכט! גע־וויינליך ביזטו דאָך אַזוי איינגעשלאָסען, אַז די בעל הבית'טע זאָגט,

אַז דו פאַרגעסט צו עסען דריי טעג דורכאַנאַנד — און אודאי קענסטו זייער ווייניג עסען ווען דו גייסט נישט אַרויס דיר איינ־קויפען פּראָוויאַנט! וואָס פאַר אַ טייוועל מוז דיך טרייבען אויף אַ לאַנגער רייזע אין דער איצטיגער צייט פון קאָכעניש און איבער־קערעניש? מיין נישט אַז איך גלויב אַ וואָרט, אַז דו ביזט געוואָ־רען אַ פאַררעטער — איך וואָלט גיכער געגלויבט, אַז מיין מאָל־שטעקעל קען פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ שלאַנג, אַזוי ווי אהרנ׳ס שטעקען — אָבער אין מיין הויז טאָרסטו נישט דער׳הרג׳עט ווערען״.

באַרוהיג דיך. די גאַנצע שטאָט ווייסט מיינע געשעפטען מיט סטופּ׳ן. ווייניגסטענס מיין בוכהענדלער האָב איך עס דערציילט און עס איז בלויז אַ פראַגע פון עטליכע שעה״.

„אמת, ער איז אַ לעבעדיגער פּלאַפּלער״.

„יאָ״, האָט זיך שפּינאָזא טרוקען אָפּגערופען. „ער האָט אפילו געוואוסט, אַז עס וואַרט אויף מיר אַ בריף פון דער קעניגליכער געזעלשאַפט פון ענגלאַנד״.

וואַן דער ספּיק איז רויט געוואָרען. „איך האָב אים נישט געעפענט״, האָט ער האַסטיג אויסגערופען.

„נאַטירליך. אָבער די טיר מעגסטו עפענען״.

דער מאָלער האָט זיך געקווענקעלט. „זיי וועלען דיך אַרויס־שלעפען, אַזוי ווי זיי האָבען אַרויסגעשלעפט די דע וויטס פון תפיסה״.

שפּינאָזא האָט טרויעריג געשמייכעלט. „און אין דעם פאַל וועסטו דאָך מיך נישט אַרויסלאָזען. און איצט ווילסטו מיך נישט אַריינלאָזען״.

ביידע פאַלען זיינען באַווייזען, אַז איך האָב מער איינזעהען פאַר דיר ווי דו האָסט פאַר זיי אַליין. ווען איך וואָלט דיך גע־לאָזט אַרויסלויפען און אויפקלעפּען אויף דער עפענטליכער וואַנט די פאַרדאַמונג, וואָס דו האָסט אָנגעשריבען וועגען דער באַרבאַרי־שער מאַסע, וואָלסטו היינט נישט געהאַט קיין לעבען מער איינ־צושטעלען. אַנטלויף פון שטאָט, איך בעט דיך, אָדער געפין דיר דיקערע ווענט פון מיינע. דו ווייסט אַז איך וואָלט דיך באַשיצט ווען איך וואָלט געהאַט די מאַכט. ווענדען זיך נישט מיינע אַנדערע

איינוואוינער צו דיר אין צייט פון קראַנקהייט און טרויער, אַז דו זאָלסט זיי טרייסטען מיט דיינע רייד? מיינע אייגענע קינדערלאך פאָלגען דאָך דיך און האָבען דיך ליב, מער ווי זייער מאַמען און מיך. אָבער ווען דו זאָלסט דער'הרג'עט ווערען ביי מיר אין הויז, וואָס פאַר אַ שוידערליכע עראַינערונג דאָס וואָלט געווען פאַר אונז אַלע!"

„איך ווייס גאַנץ גוט דיין ליבשאַפט צו מיר", האָט שפּינאָזאַ ווייכהאַרציג געזאָגט. „אָבער דו דאַרפסט דיך וועגען מיר גאָר־נישט שרעקען. איך קען מיך לייכט רעכטפאַרטיגען. עס זיינען פאַראַן גענוג מענשען, און טאַקע פון הויפט־מענשען פונ'ם לאַנד, וואָס ווייסען זייער גוט די מאָטיווען פון מיין רייזע. אָבער וואָס עס זאָל דערפון נישט אַרויסקומען, אַזוי גיך ווי די מאַסע וועט מאַכען דעם קלענגסטען טומעל ביי דיין טיר, וועל איך אַרויסגיין און גיין גלייך צו זיי, אפילו ווען זיי זאָלען מיך באַהאַנדלען אַזוי ווי זיי האָבען באַהאַנדעלט די אומגליקליכע דע וויטס".

וואַן דער ספּיק האָט ברייט אָן עפען געטאָן די טיר. „דיין וואָרט איז אַ שבועה!"....

אויף די טרעפּ האָט געשיינט די ריינע בעל הבית'טע, אַ פריילוך באַשעפעניש אין אַ שוואַרץ הייבעל און אַ ווייס פאַרטוך, איר קאָרסעטעל איינגעשנורט מיט באַפּוצטע גרינע און רויטע סטענגעס. זי האָט אַ קוויטש געטאָן מיט שמחה, און איז אים אַנטקעגענגעפלויגען מיט'ן בעזים אין האַנט.

„ווילקאָמען אין דער היים, העער שפּינאָזאַ! ווי די קינדער וועלען עס זיך פרייען ווען זיי קומען אהיים פון שול! אַ באַנדע אויסוואורפען האָבען דיך באַרעדט אויף לינקס און אויף רעכטס. טייל פון זיי האָבען פּרובירט עפּעס אויסצאַפּען ביי העגרי, אָבער מיר האָבען זיי אַוועקגעשיקט מיט פליי אין די אויערען — וואָס, הענרי?"

הענרי האָט געשמייכעלט ווי אַ קעלבעל.

„צום חוצפה'דיגסטען איז געווען אַ חברה פון דריי — אַן אַלטער מאַן מיט זיין טאָכטער און אַ יונגערמאַן. זיי זיינען געקומען צוויי מאָל. זייער צורודערט וואָס זיי האָבען דיך נישט געפונען אין דערהיים, און האָבען דערציילט אַז זיי זיינען מכלומרשט

דיינע אַלטע פריינד פון אַמסטערדאַם. נאָר נישט דער יונגערמאַן — זיין קלאָג איז געווען וואָס ער קען נישט זעהן דעם באַרימטען געלערנטען, צו וועלכען מען האָט אים אהערגעפירט צו זעהן. טויזענט פראַגען האָבען זיי געשטעלט, אָבער זיי האָבען פון מ י ר קיין סך נישט אַרויסגעקראָגען".

שפינאָזא'ס בלייכע באַקען האָבען זיך פאַררויטעלט.

„האָבען זיי אָנגעגעבען אַ נאָמען?" האָט ער געפרעגט מיט אויסערגעוויינליכער נייגעריגקייט.

„עס ענדיגט זיך אויף ענדע — דאָס איז מיר געבליבען אין זכרון".

„וואן דען ענדע?"

— „אָדער עפּעס ענליכעס".

„די טאָכטער איז געווען אַ שיינהייט?"

„אַ געטין!" האָט זיך דער מאָלער אָנגערופען.

„המם!" האָט די ווירט זיך אָנגערופען. „מ י ר גיב דעם יונ־גענמאַן. אַ קאַלט באַשעפעניש פון מירמלשטיין איז נישט מיין באַגריף פון אַ געטין".

„דאָס איז אַ גריכישע געטין", האָט שפינאָזא געזאָגט מיט געצוואונגענער לייכטקייט. „זיי זיינען ווירקליך מיינע אַלטע פריינד — א חוץ דעם יונגענמאַן, וועלכער איז אָן צווייפעל דעם אַלטען'ס אַ שילער. ער איז אַ זייער געלערנטער פילאָזאָף, אָט דער דאָקטאָר וואַן דען ענדע. ער האָט מיך געלערנט לאַטיין".

„און גריכישע געטינס", האָט זיך די ווירט ליבשאַפטליך אָנ־גערופען.

שפינאָזא האָט געפּרואווט עפּעס זאָגען, אָבער ער האָט זיך אָנשטאָט דעם פאַרהוסט, און האָט גענומען אַרויפגיין צו זיך אין צימער. ער איז געווען אויפגערעגט. און עס איז ביי איהם געווען אַ פּרינציפּ צו פאַרלאָזען געזעלשאַפט אזוי גיך ווי ער האָט דערפילט אַז זיינע געפילען הויבען אָן אַריבערצושטייגען פילאָזאָפישע מע־סיגקייט.

„וואַרט! איך האָב דעם שליסעל", האָט די בעל הבית'טע אויסגערופען, און איז אים נאָכגעלאָפען. „און אוי! וואָס פאַר

אַ שטיב עס איז ביי דיר אין שטוב! קיין וואונדער נישט וואָס דו ליידסט פון שווינדזוכט!"

„דו האָסט גאָרנישט געמאַכט אין אָרדנונג?" האָט ער אַן איבערראַשטער אויסגערופען.

„אַ צי מיט דער פעדערבאַרשט ווען איך האָב אריינגעבראַכט דיינע בריף — מער נישט. עס האָט מיך געקיצעלט אין דער האַנט זיך אַ נעם צו טאָן צו דיינע פאַפירען, אָבער זע! קיין איינציג פּאַפיר איז נישט אין אָרדנונג!"

זי האָט אויפגעשלאָסען זיין טיר און עס האָט זיך דערזעהן אַ קליין צימערעל, אין וועלכען ביכער און פאַפירען זיינען געווען מאָדנע אויסגעמישט מיט דעם שלאָפצימער מעבעל און מיט די אינסטרומענטען און ווערקשטאַט פון זיין פאַך. עס זיינען געווען צוויי פענסטער מיט צויטענדיגע רויטע פאָרהאַנגען. אויף טשווע־קעס זיינען געהאַנגען עטליכע איינצעלנע מלבושים, איינס פון וועל־כע דער אַלטער דובלעט, וואָס איז לאַנג צוריק דורכגעשטאָכען גע־וואָרען פונ'ם פאַנאַטיקער'ס מעסער, האָט בלויז געדינט אַלס אַ זכר, כאָטש עס האָט נישט אויסגעזען שטאַרק עלטער פון זיינע איבעריגע קליידער. „ווער לייגט עס אריין אַ מיטעלמעסיגע זאַך אין אַ קאָסטבאַרען קאָנווערט?" דאָס איז געווען דעם פּילאָזאָף'ס קליידער־שטאַנדפונקט. איבער'ן קאַמין־געזימס (אויף וועלכען עס זיינען געלעגען צווישען אַלטע ליולקעס צוויי זילבערנע שנאַלען, זיין איינציגע צירונג) איז געווען צוגעשפּילעט אַ סקיצע אין ווייכער קויל פון מאַסאַניעלאָ אין זיינע העמד־אַרבעל, מיט אַ נעץ איבער'ן אַקסעל, וואָס שפּינאָזאַ אַליין האָט געצייכענט, און אפּנים מיט זיי־נע אייגענע געזיכטסצוגען אַלס מאָדעל. וואַרשיינליך אין אַ מאָ־מענט פון קאַפּריז, ווען ער האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט אַלס אַן אינטעלעקטועלען רעוואָלוציאָנער. אַ פּאָרטפאָליאָ וואָס איז גע־שטאַנען אָנגעלענט אָן אַ מיקראָסקאָפּ, האָט אַנטהאַלטען שווארץ און ווייסע שטודיען פון טייל פון זיינע באַרימטע באַזוכער, וועלכע האָבען פיין אויפגעכאַפּט זייערע אייגענטליכע שטריכען אָן דע־טאַלען. די עטליכע אַנדערע וואַנט־בילדער זיינען געווען ראַדירונ־גען פון אַנדערע. שפּינאָזאַ האָט זיך אָוועקגעזעצט אויף זיין רעדעל־בעט מיט אַ טיפען זיפץ פון צופרידענהייט".

"Desideratoque acquiescimus lecto" — האָט ער געמור־מעלט. דערנאָך האָט זיין בליק ארומגעוואַנדערט: „מיין שפּינ־וועבס איז פארשוואונדען!" האָט ער ארויסגעזיפּצט.

„איך האָב דאָך דאָ קיין זאַך נישט געקענט מאַכען אין אומ־אָרדנונג, ווען איך האָב כאָטש די שפּינען אויסגעקערט!" האָט זיך די בעל־הבית'טע אָפּגעבעטען.

„מיך האָסטו געבראַכט אין אומאָרדנונג! איך האָב מיין גאַנצע חכמה געלערנט פון נאָכקוקען די שפּינען!" האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

„ניין, דו מאַכסט שפּאַס".

„איך מאַך שוין גאָרנישט קיין שפּאַס. די שפּין און די פליג — דאָס גאַנצע לעבען געפינט זיך אין זיי. און טעאָלאָגיעס זיינען דערפאַר אַזוי פּוסט, ווייל מען לאָזט זיי אויס. אויסערדעם, ווער וועט איצט כאַפּען די פליגען פאַר מיין מיקראָסקאָפּ?"

„מיר ווילט זיך נישט גלויבען, אַז דו וואָלסט געוואָלט, אַז די גרויסע שפּינען זאָלען כאַפּען די אָרימע קליינע פליגעלאַך. איך האָב קיינמאָל נישט פארשטאַנען וואָס פּאַסטאָר קאָרדעס האָט געפּרעדיגט וועגען אויסשטעלען די צווייטע באַק, ביז איך האָב דיך באַגעגענט".

„ניין, דאָס איז נישט מיין געזעץ. מיין געזעץ איז צו פאַר־געטערען די פרייד. איך האַלט אַז די באַמיהונג אויפצוהאַלטען אונזער וועזען איז אַ טוגענט".

„אָבער דו גייסט דאָך טיילמאָל אין קירך אריין, איאָ?"

„צו הערען אַ פּרעדיגער".

„אַ מאָדנע אורזאַך", האָט זי נאָכדענקענדיג צוגעגעבען. „איז דאָס קריסטענטום, הייסט עס, נישט אמת?"

„נישט אמת פאַר מיר".

„איז אויב דו קענסט אין דעם נישט גלויבען, וועל איך אויך נישט".

שפּינאָזאַ האָט צערטליך געשמייכעלט. „לאָז דיך פירען פון דאָקטאָר קאָרדעס, נישט פון מיר".

פאַר דער באַלעבאָסטע איז דאָס געווען אַ רעטעניש. „מיינסטו,

אז איך קען אויסגעלייזט ווערען אין דאָקטאָר קאָרדע'ס גלויבען? האָט זי געפרעגט אַ פאַרזאָרגטע.

„יאָ, דאָס איז זייער אַ גוטער גלויבען, דער לוטעראַנישער. דאַרפסט נישט צווייפלען, אז דו וועסט אין אים אויסגעלייזט ווערען, בלויז מיט דעם באַדינג, אז דו וועסט לעבען בשלום מיט דיינע שכנים".

איר פנים האָט אויפגעלויכטען. „אויב אַזוי, וועל איך מיך לאָזען פירען פון דיר".

שפּינאָזאַ האָט געשמייכעלט. טעאָלאָגיע פאָדערט פאָלשטענדיגע געהאָרכזאַמקייט, האָט ער געטראַכט, פּונקט ווי פילאָזאָפיע פאָדערט פאָלשטענדיגע וויסען, און ביידע קענען אַלצאַיינס אויסלייזען. פאַר דער גלויבענדיגער מאַסע, פאַר וועלכער רעליגיע האָט געמיינט דער אומשטורץ פון שכל, האָבען שפּעקולאַטיווע מיינונגען געמוזט באַטראַכט ווערען אַלס גאָטספאַרכטיגע אָדער אומגאָטספאַרכטיגע, נישט ווי זיי זיינען געוועזען אמת אָדער פאַלש, נאָר ווי זיי האָבען באַשטעטיגט אָדער צוטרייסעלט דעם גלויבערס געהאָרכזאַמקייט.

צוריקוויזענדיג איר העפליכען פאָרשלאָג צו אַ וואַרימען מאָלצייט און בעטענדיג זי בלויז צו קויפען אים אַ לעבעל ברויט, האָט ער אָנגעהויבען צו לעזען די אָנגעזאַמעלטע נישט געעפענטע בריף, אויפהויבענדיג איינעם נאָך דעם אַנדערען נישט מיט נייגעריגקייט נאָר מיט רוהיגען אינטערעס. זיין קאָרעספּאָנדענץ איז געוועזען פאַרשידענאַרטיג. אַ טייל האָט זיך פאַרנומען מיט קריטיק איבער זיינע געדאַנקען — פּראָדוקטען פון אַ צייט ווען מענשען האָבען געהאַט פרייע צייט, ווען די דענקער פון אייראָפּאַ זיינען אַ ברודערשאַפט, וואָס האָבען גערופען איינער צום אַנדערען איבער די טונקעלע באַפעלקערונגען. אַנדערע בריף האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט די מער אונטערגעביגענע צווייפלען פון תלמידים אָדער די עלעגאַנטע מיספאַרשטענדניסען פון פילאָזאָפישע דילעטאַנטען, אַנדערע בריף האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט זיינע פריינדליכע באַציהונגען מיט דערפאַרענע פיזיקער, ווי באָיל אָדער ווי הויגענס, וועמענס טעלעסקאָפּ עס האָט פאַרגרעסערט דעם פילאָזאָף'ס אוניווערס און דעם דענקער'ס נאָט. עס האָט זיך אויך געפונען אַ

באשטעטיגונג פון זיין לעצטען אויסטייטש־באַנד פון דעם פאַריין פון יונגע מענשען אין אמסטערדאם — צו וועלכע ער האט געשיקט זיין „עטיק" אין טיילען צום דיסקוטירען. די מעטראָפּאָליע, וועלכע האט אים פארטריבען און דאָך נישט געקענט פארטרייבען זיין געדאנק. עס האט זיך געפונען דער געוויינליכער פארלאנג אויסצור־טייטשען שווערינקייטען פון בלייענבערג'ן, דעם דאָרטער סוחר און איידעלמאַן, דאס מאָל מיט אַ דערשראָקענער ביינקשאַפט צוריק־צופליען פון שכל צו נסים. און דער בריף מיט דעם שטעמפּעל פון דער קעניגליכער געזעלשאַפט האט זיך אויך ארויסגעוויזען צו זיין שוואכהארציג, דאס האט אים אָלדענבערג געוואָרענט נישט צו זאָגען אין זיין נעקסטען בוך קיין זאך וואס זאָל לויז מאכען די פארשפרייטע טוגענט. „טייערער היינריך! האט שפינאָזא גע־טראכט. „ווי טשיקאווע מענשען זיינען! די אָלע יאָרען צייט מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל באַגעגענט אין ריענבורג האסטו גע'עצה'ט און אונטערגעיאָגט אוועקצוגעבען מיינע טיפסטע געדאנקען צו דער וועלט. עס האט אלעמאָל געהייסען, „וואַרף אוועק יעדע מורא אויפצורודערען געגען זיך די קאַרליקעס פון דער צייט — דער אמת פאר אלעם — לאָמיר אויסשפרייטען אונזערע זעגלען צום ווינט פון אמת'ן וויסען". און איצט איז דאס לידעל, „אָ, איך בעט דיך, זיי פאָרזיכטיג נישט צו געבען די זינדיגער אַ הענטעל זיך אנצוהאלטען!" אזוי, אזוי, דאַרף איך עס די מענשען נישט זאָגען, אז דאס העכסטע געזעץ איז דאס וואס מען צווינגט אויף זיך אליין ארויף. אז עס איז נישט פאראן קיין טוגענט אפילו אין טוגענטען וואס דריקען נישט אוים די עסענץ פון אַ מענשען'ס וועזען. אָ, און איך דאַרף מיך באזונדערס אויסהיטען נישט צו זאָגען זיי, אז זייערע ווילענס זיינען נישט פריי, און אז זיי מיינען בלויז אזוי דערפאר ווייל זיי זיינען באוואוסטזיניג איבער זייערע פארלאנגען, אָבער נישט איבער די אורזאכען פון זיי. איך האָב מורא אז אפילו אָלדענבורג פארשטייט נישט אז טוגענט קומט אזוי נויטוועגדיגערווייז ארוים פון געהעריגען וויסען, ווי פון דעם אויסטייטש פון אַ דרייעק ווייזט זיך ארוים, אז זיי באַטרעפען דאס איינענע וואס צוויי רעכטעקען. איך מיין, אז איך דאַרף אויך ווייטער לאָזען די מענשען דענקען, אז די פלאנעטען־סיסטעם דרייט

זיך אַרום זיי, און אַז דונערען און בליצען וואַכען איבער זייערע זינד. אָלדענבורג איז אָן צווייפעל איבערגעשראָקען געוואָרען פון די עקסטראַוואַגאַנצען פון דעם אויפגעריכטען הויף. אָבער נישט מיינע לערען וועלען קאַליע מאַכען די גאַלאַנטען פון אַ ווייטהאָל. די וואָס לעבען אַמבעסטען אין אַנטפּלעקונג דורך טראַדיציע דאַרפען זיך האַלטען אָן דעם, אָבער אַנטפּלעקונג דורך פאַרשטאַנד איז דער לעבעדיגער טעסטאַמענט פון גאָט'ס וואָרט, און איז נישט אַזוי אונטערוואָרפען ווי דער טויטער בוכשטאַב, קאָרופּטירט צו ווערען דורך מענשליכער פאַרדאָרבענקייט. מאָדנע וואָס עס ווערט נישט באַטראַכט פאַר קיין פאַרברעכען צו ריידען אומווירדיג וועגען דעם שכל, דעם אמת'ען געטליכען ליכט, עס איז נישט קיין לעסטערונג צו גלויבען, אַז גאָט וואָלט אָנגעטרויט דעם אוצר פון דער באַשאַפונג פון זיך אַליין צו אַ וועלכער עס איז סובסטאַנץ וואָס זאָל זיין וויינינגער אויסדויערהאַפט ווי דאָס מענשליכע האַרץ”.

אַ געשעפטס־בריף האָט געביטען זיינע געדאַנקען. עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען דער איבערגעלאָזטער ירושה פון דעם פאַרשטאָרבענעם מעדיצינישען סטודענט, סימאָן דע וורייעס אַ געטרייער תלמיד, וועלכער האָט וויסענדיג, אַז ער איז פאַר'משפט צו שטאַרבען יונג, געוואָלט מאַכען זיין לערער פאַר דעם יורש, נאָר שפּינאָזאַ האָט דורך זיין צושטימונג אָנצונעמען אַ קליינע יערליכע אונטערשטיצונג, אים באַאיינפלוסט איבערצולאָזען זיין פאַרמעגען צו זיין ברודער. דער דאַנקבאַרער יורש האָט איצטער פאָרגעשלאָגען צו פאַרגרעסערען שפּינאָזאַ'ס געהאַלט צו פינף הונדערט פלאָרינס.

„ווי נישט־שכל'דיג מענשען זיינען!” האָט דער פילאָזאָף ווידער געטראַכט. „איך האָב איינמאָל פאַר אַלעמאָל איינגעשטימט אָנצונעמען דריי הונדערט, און איך וועל מיך זיכער נישט לאָזען באַלאַסטען מיט קיין גראָשען מער”.

זיין באַלעבאָסטע איז אַריינגעקומען מיט אַ לעבעל ברויט, און נאָכדעם ווי שפּינאָזאַ האָט איר באַצאָלט און פאַרשריבען דעם קאָסט אין זיין ביכעל פון הויז־חשבונות, האָט ער זיך אָפּגעשניטען אַ פּענעץ און האָט צוגעליינט אַ פּאָר שטיקלאַך האָלענדישען קעז פון אַ פּעקעל אין זיין האַנטמאַש.

„דו האָסט איבערגעלאָזט אביסעל וויין אין דער פלאַש", האָט זי אים דערמאָנט.

„זאָל ער עלטער ווערען", האָט ער געענטפערט. „מיין ביכעל ווייזט מער ווי א קוואָרט לעצטען חודש, און מיין רייזע האָט מיך געקאָסט. כדי אויסצודרייען זיך מיט'ן חשבון", האָט ער שפּאַסיג צוגעגעבען, „וועל איך מיך מוזען דרייען אַזוי ווי די שלאַנג, וואָס פּרואווט אַריינקריגען איר עק אין מויל אַריין". ער האָט אויפגעשניטען א פּעקעל, און געפונען, אז א פריינד האָט אים געשיקט קאָנסערווירטע רויטע רויזען פון אמסטערדאַם. „איצט בין איך באַפּאַנצערט געגען פיבער", האָט ער זיך לוסטיג אָנגערופען. דערנאָך האָט ער זיך אַזוי ווי דערמאָנט, „איך בעט אייך, נעמט אַרויף אביסעל צו אונזער אָרעמען סעניאָרע. איך האָב גאָר פאַרגעסען צו פרעגען וואָס ער מאַכט!"

„אָ, דיר צו פאַרדאַנקען, גייט ער שוין ווידער אַרום און גיט לעקציעס. ער האָט אויפגעשטעלט א ליכט נאָך דיר אין זיין קירך".

א צאַרטער שמייכעל האָט א ציטער געטאָן דעם פילאָזאָף'ס ליפּ, ווען די טיר האָט זיך פאַרמאַכט.

א בריף פון הער לייבניץ האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַן אומרוהיגער פאַרוואונדערונג, וואָס אַזוינס עס האָט דעם יונגען דייטשען איידעלמאַן אַרויסגעצויגען פון פראַנקפורט, און וואָס ער האָט עס איצט געמיינט אויפצוטאָן אין פּאַריז. זיי האָבען א סך מאָל דיסקוטירט דאָ אין דער קליינער דירה, אָבער ער איז נאָך נישט געווען זיכער מיט דעם אינגענמאַנ'ס געדאַנקען-זיכערקייט. דער אינהאַלט פונ'ם בריף איז אָבער געווען אומדערוואַרט אַנגענעם, וויילעס האָט זיך נישט געהאַנדעלט וועגען דעם פילאָזאָף, נאָר וועגען דעם אַרבייטער. אפילו זיינע אינטימע פריינד האָבען נישט געקענט אינגאַנצען סימפּאַטיזירען מיט זיין פאַר'עקשנ'טען באַשטיין צו פאַרדינען זיין ברויט דורך האַנט-אַרבייט — א מלאכה אין וועלכער דער אויסגעשטויסענער איד האָט נאָכגעפאָלגט די גרויסע רבנים פונ'ם תלמוד. זיי האָבען נישט געקענט פאַרשטיין די צופרידענקייט פון דעם בעל מלאכה, און האָבען נישט געקענט באַגרייפען, אז אַרויסצוגעבען זיינע קליינע געשליפענע גלעזער אַזוי פּאַלקאָם ווי מעגליך איז געווען פונקט אַזאַ נויטווענדיגער טייל פון

זיין לעבען, ווי די פילאָזאָפישע טעטיגקייט, וואָס איז געווען די איינציגע וואָס האָט זיי אינטערעסירט. דאָס וואָס הער לייבניץ האָט אָנגעוויזען אויף זיין בראַווקייט אַלס אָפטיקער, האָט אין אים ארויסגערופען אַזאַ צופרידענקייט, וואָס זיין רוהם אַלס פילאָזאָף האָט קיינמאָל נישט געקענט ארויסרופען. די איינציגע זאַך איז געווען וואָס ער האָט נישט געקענט פארשטיין וואָס לייבניץ האָט געוואָלט. „די שטראַלען פון פונקטען אויסער דער אָפטישער אַקס קענען פאראייניגט ווערען פונקט אויף דעם אייגענעם אופן ווי די אין דער אָפטישער אַקס, אזוי אַז די עפענונגען פון גלעזער קענען געמאַכט ווערען אין וועלכער מאָס מען וויל און די קלאָרקייט פון דעם געזעהענעם דאַרף דערביי נישט געמינערט ווערען!" ער האָט געקנייטשט דעם שטערען און גענומען מאַכען געאָמעטרישע דיאַגראַמען אויפ'ן קאָנווערט, אָבער נישט זיין טעאָרעטישע מאַטעמאַטיק און נישט זיין פראַקטישע מייסטערשאַפט האָבען זיך געקענט אַן עצה געבען מיט אַזאַ אומקלאָרען פארלאַנג, און אין דער צייט וואָס ער האָט געטראַכט, האָט ער פארגעסען צו עסען. ער האָט נאָכגעקוקט זיין אייגענע אָפהאַנדלונג איבער דעם רעגענבויגען, אָבער, אָן שום נוץ. ענדליך אין יאוש האָט ער גענומען אין האַנט אריין דעם לעצטען בריף, און געפונען, אַז נאָך אַ גרעסערע איבערראַשונג האָט אויף אים געוואַרט. דער בריף איז געווען פון פראָפעסאָר פאַבריציוס, דער עלעקטאָר פאַלאַטין האָט אים דאָרט פאָרגעשלאָגען אַ קאַטעדרע אין דער אוניווערזיטעט פון היידעלבערג. מען האָט אים צוגעשטימט די פולשטענדיגע פרייהייט אין פילאָזאָפיע. דער איינציגער באַדינג איז, אַז ער דאַרף נישט אויפרודערען די אָנגענומענע רעליגיע.

זיין איבערראַשונג איז גיך איבערגעגאַנגען אין אומצוטרוי. איז דאָס געווען אַ פּרואוו וואָס דאָס קריסטענטום האָט געמאַכט אים אונטערצוקויפען? האָט די קירך איבערגע'חזר'ט די טאַקטיק פון דער שול? עס איז אינגאַנצען נישט קיין סך יאָרען צוריק ווי די שליחים פון דער קהלה האָבען אים פאָרגעשלאָגען אַ געהאַלט פון טויזענט פלאָרינס נישט אויפצורודערען א י ר „אָנגענומענע רעליגיע". פולשטענדיגע פרייהייט אין פילאָזאָפיע, אודאי! אָבער ווי קען דאָס גיין האַנט אין האַנט מיט דער פעלערלאָזער אונטער־

וואָרפּענקייט צו דער הערשענדיגער רעליגיע? א הויפּמענש, ווי דעקאַרט, קען אָנהויבען פון׳ם שטאַנדפּונקט פון אבסאָלוטען צוויי־פעל און ענדיגען מיט א פּילגער־רייזע צו דער היילינער פרוי פון לאָרעטאָ. וואָס אמבאַלאַנגט אים אליין, וואָס ער האָט געהאַלטען נסים פאַר אוממעגליך, און אויב מעגליך דאַן נישט אָנווענדבאַר, האָט פאַר אים נישט געקענט זיין קיין ענליכער קאָמפּראָמיס מיט א גלויבען וואָס זיין באַזיס איז געווען נס. אמת, עס איז געווען א זין, אין וועלכען קריסטוס האָט געקענט באַטראַכט ווערען אַלס גאָט׳ס מויל, אָבער דאָס איז נישט געווען דער זין אין וועלכען די וועלט האָט עס פאַרשטאַנען, די וועלט, וועלכע האָט געמאַכט קאַריקאַטורען פון אַלע גרויסע זאַכען, וועלכע האָט באַטראַכט פרומקייט און רעליגיע, און אבסאָלוט אַלע זאַכען וואָס האָבען גע־האַט צו טאָן מיט גרויסקייט פון נשמה, אַלס לאַסט, וואָס דאַרף באַזייטיגט ווערען נאָכ׳ן טויט, ווי א שווערע מיה, וואָס ווערט באַלוינט מיט א פאַרשלעפּערענדיגער געבענטשטקייט. וועלכע האָט געמאַכט געבענטשטקייט דעם פּרייז פון טוגענט אַנשטאָט דעם בייוואָרט פאַר טוגענט. ניין, ניין, אפילו די אומדערוואַרטע באַ־שיצונג פון דעם הויכווירדיגסטען קאַרל לודוויג האָט נישט געקענט פאַראייניגען זיינע געדאַנקען מיט פּאָפּולערער טעאָלאָגיע.

ווי מאָדנע עס זיינען געווען אָט די פאַר׳עקשנ׳טע פּרוּאווען פון פריינד און פיינד צו פאַרזאָרגען אים מיט פּרנסה, און וואָס פאַר א טעות׳דיגע פאַרערונג זיינע שטענדיגע צוריקווייזונגען האָבען אים געבראַכט! מענשען האָבען נישט געקענט געניג הויך אויפהויבען די האַנט אין באַוואונדערונג דערפאַר וואָס ער האָט נאָכגעפאָלגט דאָס געזעץ פון זיין נאַטור, ווייל ער האָט פאָרגעצויגען אַן איינפאַך לעבען, איינפאַך פאַרדינט, אין דער צייט וואָס פאַר פאַרברעכער, וועלכע האָבען אויך בלויז נאָכגעפאָלגט די געזעצען פון זייער נאַטור, האָבען זיי געהאַט כעס אַנשטאָט רחמנות. מען קען פּונקט אַזוי לויבען די בין דערפאַר, וואָס זי גיט האָניג, אָדער די רויז, ווייל זי מאַכט שמעקעדיגע לופט. אודאי האָט זיין כאַראַקטער מער האָניג ווי שטאָך, מער רויז ווי דאָרן. אונטערטעניגקייט איז געווען אַן אומנויטיגער צוגאָב צו די ליידען פון דער וועלט. נאָר אַז אים האָט נישט געפעלט קיין שטאָך און קיין דאָרן, האָבען זיינע

אייגענע שוועסטערן אויסגעפונען, ווען זיי האָבען געפּרואווט אויס־צושליסען זייער אויסגעשטויסענעם ברודער פון זיין ירושה. ווי דערשטוינט מרים און רבקה זיינען געווען ווען ער האָט זיי גע־צוואונגען דורכ׳ן געזעץ אים אָפּצוגעבען דאָס געלט און ווען ער האָט עס זיי דערנאָך אוועקגעשאָנקען. זיי האָבען נישט געקענט איינזען, אז עס איז געווען אַ פליכט צו באַווייזען, אַז דער אויסגע־שטויסענער איד האָט נאָך געהאַט זיינע געזעצליכע רעכט. אָבער דאָס געלט אַליין איז אים געווען אַ לאַסט. יאָ, דער פאָלק־עטיק האָט נעבאַך אַ סך געפעלט, און נישט ווילענדיג האָט זיך זיין האַנט אויסגעשטרעקט און מיט ליבשאַפט גענומען דעם אַלץ־וואַק־סענדיגען מאַנוסקריפּט פון זיין מאַגנום אָפּוס. זיין אויג האָט גע־צערטעלט די צוזאַמענגעדריקטע און געקייטעלטע פּאַראַגראַפען, וואָס האָבען צוגלידערט און באַוויזען דעם סוד פון דער וועלט. דעם אינדירעקטען רעזולטאַט פון זיין בענקשאַפטליך זוכען נאָך גליק, נאָך אַן אָביעקט פון ליבע, וואָס זאָל אויסהאַלטען אין מיטען פון דעם אייביגען פליסען, און אין דעם ליב האָבען זאָל ער געפינען אַ פאָלקאָמע און אייביגע פרייד. רייכקייט, כבוד, די זינליכע פאַר־געניגענס — דאָס האָט נישט געהאַט פאַר אים קיין אמת און דויערענדיג גליק. די ליידענשאַפט, מיט וועלכער וואַן דען ענדע׳ס טאָכטער האָט אים גערייצט, האָט ער מיט קלוגשאַפט באַהערשט, נישט צוגעגעבען. נאָר אין דער אומענדליכער סובסטאַנץ האָט ער געפונען דעם אָביעקט וואָס ער האָט געזוכט: דאָס נויטיגע אייביגע וועזען, אין און דורך וועלכען אַלץ אַנדערע האָט עקזיסטירט, צווי־שען וועמענס אומענדליכע אייגענשאַפטען עס זיינען געווען געדאַנק און רוים, פון וועלכע עס באַשטייט דער איינציגער אָרימער אוני־ווערז, וואָס איז דעם מענשען באַקאַנט. וועלכען דער מענש קען ליבען און נישט באַגערען קיין געגען־ליבע, זיכער אין דעם באַ־וואוסטזיין, אַז ער איז נישט געווען אויסער דער געטליכער אָרדנונג. זיין בוך, האָט ער געפילט, וועט ענדערען טעאָלאָגיע אויף טעאָ־נאָמיע, פונקט ווי קאָפּערניק און קעפּלער און גאַלילעאָ האָבען געענדערט אַסטראָלאָגיע אויף אַסטראָנאָמיע. די קייט פון געדאַנקען האָט זיך געשמידט רינג ביי רינג, אָן אָפּרו, אָן איילעניש, ווען ער איז געזעסען שלייפענדיג זיינע גלעזער, טאָג נאָך טאָג, און יאָר נאָך

יאָר. אַט די פּאַראַגראַפן, מיהזאַם געשליפן ווי זיינע טעלעסקאָ־פּישע און מיקראָסקאָפּישע גלעזער, זיינען נישט ווייניגער געווען באַשטימט אויסצעווייטערן און קלערער צו מאַכן דעם מענש־ליכן בליק.

און דאָך, נישט הויפּטזעכליך דעם בליק. דער ערשטער איד צו באַשאַפן אַן אָריגינעלע פילאָזאָפיע, איז ער דאָך געבליבן אַ איד מיט דעם וואָס ער האָט געצילט נישט צו אַבסטראַקטער ווי־סענשאַפט, נאָר צו קאָנקרעטער פירונג, און איז מער פון אַלעם געווען אַ איד אין זיין פּראָקלאַמירן די איינקייט. ער האָט גע־וואָלט לערנען אַ וועלט, וואָס איז צושפּאָלטן און צוטיילט דורך רעליגיעזן קאַמף, דעם העכערן וועג פון גייסטיגער געבענטשט־קייט. איר ברענגען די אידישע באַגריסונג — שלום. אָבער אַז ער איז געווען טיפּיש — אַפילו אין זיין אָפּגעזונדערטקייט — פון דער ראַסע וואָס האָט אים אויסגעשטויסן, האָט ער אַליין נישט געפילט, ווייל דורך זיין סטאַטישער פילאָזאָפיע האָט אים געפעלט דאָס געפיל פון היסטאָרישער צוגעבונדענקייט, און פאַרטגעזעצטער ראַסן־באַגייסטערונג.

ווען ער האָט אָבער היינט איבערגעקוקט די בלעטלאַך פון׳ם דריטען טייל פון „דער אורשפּרונג און נאַטור פון די ליידענשאַפ־טען״, האָט ער זיך עפּעס געפילט נישט אין האַרמאָניע מיט אַט דער בלוטלאָזער צוגלידערונג פון די מענשליכע עמאָציעס, מיט אַט דער קייט פון אין אַ געוויסען זין מאַטעמאַטישע זאַצען, מיט זייער עוקלידישען שטאַט פון פאַקטען און באַמערקונגען, אויסשטעלענדיג ליידענשאַפטען אַנטקעגען דעם אַלטען טראָן פון אינטעלעקט. דאָס פאַרטריבענע בילד פון קלאַרטיע וואָן דען ענדע — וואָס איז צוריק אַרויפגעשוואומען דורך דער באַלעבאָסטע׳ס ווערטער — האָט געשוועבט איבער די געדאַנקען. דאָ און דאָרט האָט ער זי דער־בליקט. איר פולקאַם גריכיש פּנים האָט אויפגעבליצט און פאַר־שוואונדען ווי זי וואָלט קאָקעטירט, איר שמייכעל האָט געפלע־מעלט. ווי גלעלערנט זי איז געווען, ווי קלוג, ווי שאַרפזיניג, ווי שיין! און דעם מאָמענט וואָס ער האָט זיך ערלויבט אַזוי צו פאַרטראַכטען זיך, האָט זי זיך באַוויזען אין איר גאַנצען צויבער,

גליטשענדיג זיך מאַיעסטעטיש איבער די געפרוירענע קאַנאַלען, אָדער אַראָפּשמייכלענדיג צו אים פון דעם אַלטען באַלקאָן פונ'ם פענסטער. (דער יונגער זשעראַרד דו האָט זיכער געמוזט באַגייסטערט ווערען פון איר ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען) ביי וואָסערע אינטערעסאַנטע שמועסען ער האָט עס פאַרבראַכט ביי איר פאָטער אין הויז, ווען די קלאַסישע וועלט האָט זיך צום ערשטען מאָל געעפענט פאַר דעם בליק פון דעם איבערגעלאָדענעם גמרא־לערנער, און דער חכמה'דיגער ציניזם פון דעם אַלטען דאָקטאָר, צוזאַמען מיט דעם ברייטערען אויסבליק פון זיינע קריסטליכע מיטלערנער האָבען פאַרפולקאָמט זיין באַפרייאונג פון זיין איינגעבוירענער אומגעבונג נאָך די טויטע מחלוקות פון הלל און שמאי אינ'ם אַלטען ירושלים, ווי דערפרישענדיג עס זיינען געווען אָט די לעבעדיגע דיסקוסיעס, צי האָלאַנד האָט באַדאַרפט באַשיצען טשאַרלז סטואַרט'ען פון דעם קעניג־מערדער קראָמוועל, אָדער צי רעמבראַנדט וואַן ריין'ס בילדער זיינען געווען אַזוי גוט געמאָלען ווי וואַן ראַוואָסטאַ'ס. אין דעם אידישען קוואַרטאַל, כאָטש רעמבראַנד האָט דאָרט געוואוינט, איז דער אינטערעס געווען באַגרינדעט אויף די גולדענס, וואָס שמוציגע אַלטע לייט האָבען פאַרדינט פאַר פאָזירען פאַר אים. וואָס פאַר אַ אינטערעס עס איז דאָרט געווען צו דער נייעסטער וויסענשאַפט, וואָס פאַר אַ פאַרגעטערונג פאַר דעקאַרט'ען און אַראָפּרייסונג פון די פילאָזאָפען פאַר אים! און ערשט דאָס געווירץ פון ראָמאַנטיק — ווי פון זייערע אייגענע געווירצען — וואָס האָט געדופט פון די געשפּרעכען וועגען די נייע קאָלאָניעס אין אינדיע! גוטער גאָט! איז עס געווען אַזוי קלוג צו דערשטיקען דאָס גליהען פון יוגענט, אַזוי שטיל אָנצוקומען צו פערציג יאָר? ער האָט איר דערלויבט אינגאַנצען צו פאַרשווינדען פון זיין לעבען — דאָס קינד וואָס איז אַזוי פרי אויסגעוואַקסען צו רייצענדיגער פרויענשאַפט — זי איז, ווייזט אויס, געווען טויט פאַר אים, נאָר דער פּלעצליכער איינפאַל פון איר נאָהענטקייט האָט זי מיט אַזאַ קראַפט אויפסניי לעבעדיג געמאַכט, אַז דער פילאָזאָף האָט זיך געוואונדערט איבער דעם נס, אָדער איבער זיין אייגענער מאַכט זיך אַליין אָפּצונאַרען.

און ווער איז עס דער יונגערמאַן?

האט ער ריכטיג אנאליזירט די ליבע? ער האט זיך געווענדט צו פאראגראף 33. „ווען מיר ליבען א ווזען וואס איז אזוי ווי מיר אליין, שטרעבען מיר ווי ווייט מעגליך, אז עס זאל אונז אויך ליבען". זיין בליק איז איבערגעלאפען די קארעקטור מיט דעם איינדרוקספולען שלום. „אדער אין אנדערע ווערטער, מיר פרואווען צו מאכען עס זאל אונז אויך ליב האבען". אומבאשטרייטבארע לאגיק, אבער איז עס אמת? האט ער געפרואווט צו מאכען, אז קלארטיע זאל אים אויך ליבען, ווי ער זי? סיידען מען זאל רעכענען די האלב־באוואוסטזיניגע אנצוהערענישען פון שארפזיניגע שמועסען און אינטעלעקטועלע פארטרויליכקייטען אין דער צייט וואס זי איז אונטערגעוואקסען! אבער האט זיך עס אים איינגעגעבען? ניין, אוממעגליך, און דער מוט אין אים איז געפאלען און ווידער געשטיגען צו באווייזען ווי ריכטיג דאס פאלען האט איינגעשטימט — דורך פארקערטען דענקען — מיט זיין געבסטען זאץ. „וואס גרעסער דער אפעקט, מיט וועלכען מיר שטעלען זיך פאר אז א געליבט ווזען איז אפעקטירט צו אונז, אלץ גרעסער וועט זיין אונזער זעלבסט־באגייסטערונג". ניין, זי האט אים קיינמאל נישט געגעבען קיין אורזאך פאר זעלבסט־באגייסטערונג, כאטש צייטענווייז האט עס אויסגעזען, אז זי האט פארגעצויגען צו ריידען מיט אים איידער אפילו מיט די הויך־געבוירענע, פראנטישע יונגעלייט, וואס זייערע פאטערם האבען זיי געשיקט צו זיצען ביי איר פאטער'ס פיס.

יעדענפאלס איז אפשר גוט געווען וואס ער האט איר מיידעלשער באשיידענהייט נישט געגעבען קיין געלעגענהייט זיך מתודה צו זיין פאר אים. חתונה האבען איז אים קיינמאל נישט פארגעקומען אלס קיין גרויסע מעגליכקייט פאר אים — דאס לעבען פון א דענקער מוז זיך אומבאדינגט צוריקציהען פון די פלאנטערנישען און פאראורטיילען וואס דאס הויזליכע גליק ברענגט מיט זיך. די אינטעלעקטועלע ליבע צו גאט האט מער ווי אויסגעפילט דעם פלאץ פון דער ערדישער ליבע.

נאר א פלעצליכע איבערצייגונג, אז קיין זאך קען איר ארט נישט פארנעמען, אז איר הויפט־ווזען איז פערזענליכקייט, האט אים איצט איינגעהילט אזוי ווי א פלאם. א צארטער ריח פון

געפילען, אזוי ווי אַ ווינטעל פון די אָראַנזשען־וועלדלעך פון בורגאָס, וואו זיינע אורעלטערען האָבען געוואַנדערט, האָט אויפגעציטערט דעם זון פון די נעפּלען און זומפּען. עס איז אפשר געווען בלויז די קאָנסערוועז פון רויטע רויזען. סיי ווי סיי, דאָס איז געווען נוצלאָז אין דעם פיבער.

ער האָט אַנטשלאָסען זיך גענומען צו זיינע אינסטרומענטען, אָבער ער האָט נישט געקענט אַרבייטען. ער האָט זיך גענומען צו זיין רויען אַנטוואורף פאר אַ קלאָרער אַלגעברע, אָבער זיינע קלאָרע פאָרמולעס זיינען געווען פארשוואומען. ער איז אַראָפּגעגאַנגען אונטען און זיך געשפּילט מיט די גליקליכע קינדער און האָט זיך צוגעהערט צו דער באַלעבאָסטע'ס פּלאַפּלעריי, און האָט איר צו־געוואָרפען אַ קלוגע עצה און אַ וואָרט אָדער צוויי וועגען אַלטעג־ליכע זאַכען, וואָס זיינען אויפגעקומען. פּלוצלונג האָט ער זי געפרעגט צי די וואַן ענדעס האָבען איר עפּעס געזאָגט וועגען זייערע פּלענער.

„אָ, זיי גייען בלייבען אין שעווענינגען פאר די בעדער. שוין צוויי מאָל זיינען זיי דאָ געקומען".

דאָס האַרץ האָט אין אים אַ שפּרונג געטאָן. „שעווענינגען! זיינען זיי דאָך כמעט דאָ".

„אויב זיי זיינען נישט צוריקגעפאָרען קיין אַמסטערדאַם".

„אמת", האָט ער געזאָגט אַן אָפּגעקילטער.

„אָבער פארוואָס זאָלסטו נישט גיין זעהן? העניר פלעגט צוליב מיר געהן צען מייל צופוס יעדען זונטאָג".

שפּינאָזאַ האָט זיך אָפּגעקערט. „ניין, זיי האָבען געמוזט צוריקפאָרען. אויסער דעם ווייס איך נישט זייער אַדרעס".

אַדרעס? אין שעווענינגען! אַ דאָרף אין וועלכען מען קען אַלעמענס געשעפטען אריינכאַפּען אין איין נעץ".

שפּינאָזאַ איז אַרויף אויף די שטיגען. „ניין, עס איז צו שפּעט".

צו שפּעט איז דער טרויעריגער אמת! וואָס האָט אַ פערציג־יעריגער פילאָזאָף צו טאָן מיט ליבע?

צוריק אין זיין צימער האָט ער גענומען אַ פארגרעסער־גלאָז, אָבער ער האָט באַלד ווידער געלעזען זיין אַפאָריזם וועגען חתונה.

„עס איז קלאָר, אַז חתונה איז אין איינקלאַנג מיט'ן שכל, אויב דער באָגער קומט אַרויס נישט בלויז פון אַן אויסערליכער פאָרם, נאָר פון אַ ליבע צו האָבען קינדער, און זיי מיט שכל צו דערציהען. און אויב די אורזאַך פון דעם מאַן'ס און ווייב'ס ליבע איז דערצו נישט אַן אויסערליכע פאָרם בלויז, נאָר הויפּטזעכליך די פרייהייט פון געדאַנק". וואָס אַמבאַלאַנגט אים, האָט דער באַגער נאָך קינ־דער, וועלכע קענען שכל'דיגער און גליקליכער אויפגעצויגען ווערען איידער ער אַליין, זיכער געהאַט עפּעס אַ טייל אין זיינע טאָג־חלומות, און נישט בלויז די איידעלע געשטאַלט, נאָר אויך די איידעלע נשמה, וועלכע ער האָט געזעהן אין קלאַרטיע וואָן דען ענדע, האָט אים געררייצט און אים איצט גערופען צו אַ פרייד, וועלכע וועט אַזוי ווי אַלע פריידען זיין דער איבערגאַנג צו אַ גרעסערער פּולקאָמענהייט, צו אַ פולערער ווירקליכקייט. און ווי הייליג איז אין דער אמת'ען געווען די ליבע צו אַ פרוי, וועלכע ער האָט זיך אויף אַ מאָמענט דערלויבט צו פילען, ווי לייכט זי איז איבערגעגאַנגען אין דער גרויסער פרייד — די העכערע פולקאָ־מענהייט — די ליבע צו גאָט!

פאַרוואָס זאָל ער נישט חתונה האָבען? די מיטלען האָט ער לייכט געהאַט! ער האָט בלויז באַדאַרפט אָננעמען פון זיינע רייכע שילער דאָס וואָס איז אייגענטליך געוועזען שכר לימוד, כאָטש ער האָט ביז איצטער, אַזוי ווי די אַלטע רבנים, געוואָלט יענעם בעסער לערנען בלויז למען האמת. נאָך אַלעם האָט אים קאַרל לודוויג געגעבען געגנוג פרייהייט צו פילאָזאָפירען.

אָבער ער האָט פאַרטריבען די נסיונ'דיגע געשטאַלטען און האָט געזוכט דערלייכטערונג אין דעם פּראָבלעם וואָס לייבניץ האָט אוועקגעשטעלט. אומזיסט: זיין מאַנוסקריפּט איז נאָך געלעגען אָפען, פּראָפּאָזיציע נומער 35 איז אים געלעגען פאַר די אויגען.

„אויב איך שטעל מיר פאָר, אַז אַ וועזען וואָס איך האָב ליב איז פאַראייניגט צו אַן אַנדער פּאַרשוין, דורך דעם אייגענעם אָדער דורך אַן ענגערען בונט פון פריינדשאַפט איידער דער דורך וועל־כען איך האָב אַליין געהאַלטען דאָס וועזען, וועט מיך אָננעמען אַ האַס צום באַליבטען וועזען אַליין און אַ קנאה צום אַנדערען פּאַרשוין".

ווער איז עס געווען דער יונגערמאַן?

ער האָט פאַרביסען די ציין. ער איז נאָך דאַמאָלס נישט געווען אַנטוויקעלט צו דעם פרייען מענשען, וועלכען דער שׂכל האָט באַפרייט פון דער געפאַנגענשאַפט פון די ליידענשאַפטען, וואָס ער האָט אַזוי אויסשעפליך אַנאַליזירט זייערע מעכאַנישע ווירקונגען. ער איז דאַמאָלס נאָך געווען אַזוי ווייט פון פרייהייט פון געדאַנק, אַזוי ווי דער פויער, וועלכער האָט קיינמאָל נישט צוגומען אויף שטיק די ליידענשאַפטען, וואָס באַהערשען אים אויטאָמאַטיש. אויב דאָס פיבער האָט אים נישט פאַרלאָזט, מוז ער פּרואווען זיך אַליין צו לאָזען אָן אָדער, אַזוי ווי אין אַ פיבער, וואָס כאַפּט אָן יעדען דריטען טאָג. ער האָט זיך אַנטשלאָסען צוריקגעקערט צו זיין ארבייט. נאָר ווען ער האָט אָפּגעשליפען און אָפּגעפיילט אַ האַלבע שעה, און האָט זיך געפילט רוהיגער, האָט ער זיך אַליין געפרעגט: „פאַרוואָס זאָל איך סיי ווי סיי נישט פאַרען קיין שעווענינגען?” פאַרוואָס זאָל ער פאַרלירען די מינדסטע געלעגענהייט צו זעהן זיינע אַלטע פריינד, וועלכע האָבען זיך גענומען די מיה אים שוין צוויי מאָל צו באַזוכען?

יאָ, ער וועט גיין אין שטעטעל און וועט באַטראַכטען דאָס אָפּטישע פּראָבלעם, און דעם אופן ווי אַזוי צוריקצואווייזען דעם עלעקטאָר פּאַלאַטינ'ס אָנבאָט. ער איז גלייך ארויס, פאַרגעסענדיג די געפאַרען פון דער גאַס און האָט מיט זיין פורכטלאָזער האַלטונג ווירקליך פאַרטריבען יעדען פאַרדאַכט. דער פאַרנאַכט איז צוגעפאַלען אַביסעל נעפּעלדיג, און אַ הוסט פון צייט צו צייט האָט אים דערמאָנט, אַז ער דאַרף מער ווי אַן אומגעלייגטען קאָלנער ארום זיין האַלז און אַ דיקערען מאַנטעל ווי זיין סאַמעט. ער האָט געטראַכט צוריקצוגיין נאָך זיין מאַנטעל, אָבער ער איז שוין געווען אין דרויסען פון דעם צפון־מערב'דיגען טויער, איז ער זיך, אָנצינדענדיג זיין ליולקע, געגאַנגען איבער דעם אַנגענעמען נייברוקירטען וועג, וואָס האָט זיך וויינינג אומגעקוקט אויף דעם שיינעם שפּיל פון פאַרבען־שאָטענס צווישען די פאַרנאַכטיגע גרינע אויסזיכטען אויף ביידע זייטען, האָט קוים באַמערקט די שיינע פויערטעס מיט זייערע מאַנטלען מיט רויטען אונטערשלאַג און פינקעלדיגע „קאָפּ־אייזענס”, וועלכע זיינען פאַרבייגעפאָרען פאַרביג

צונויפגעפאקט אין זייערע וועגענער. האלבוועגס אין שטעטעל אריין האט דער פארטראכטער פוסגייער זיך פארוואונדערט צו געפינען זיין האנט אין דעם הארציגען דרוק פון טאקע דעם מאן, וועלכען ער איז עס געגאנגען זעהן.

„סאלווע, א בענעדיקטע" (געגריסט זיי, א בענעדיקט), האט מיט פרייד אויסגערופען דער אלטער מאן מיט די פייערדיגע אויגען. „איך האב מיך שוין מיאש געווען ווען עס איז צו זעהן דיינע שווארצע לאקען!" וואן דען ענדע'ס אייגענע האר האבען געפלא־טערט אונטער זיין ברייט־ראנדיגען שפיציגען הוט אזוי ווילד, ווי אלעמאל, כאטש זיי זיינען איצט געווען אזוי ווייס ווי זיין ראפל, זיין בלוט האט, ווייזט אויס, געשלאגען אזוי שטורעמדיג, און א שמועס פון עטליכע מינוט איז גענוג געווען צו באווייזען שפינאזא'ן, אז דעם אלטען פעדאגאג'ס נשמה איז נאך געווען ווייניגער פאר־ענדערט ווי זיין גוף. דער זעלביגער לוסטיגער אטעאיזם, דער איי־גענער דאגמאטישער אומגלויבען, די אייגענע איבערצייגונג אין מענשליכער נארישקייט, קאמבינירט פונקט אזוי אומלאגיש ווי אמאל, מיט פלענער פאר פערפעקטע שטאטען. די צייט האט, ווייזט אויס, קיין מיינונג נישט מילדער געמאכט, קיין רויקייט נישט איינגעצוימט. ער איז איצטער געגאנגען, זאגט ער, מאכען א לעצטען האפנונגסלאזען וויזיט צו זיין בארימטען תלמיד, די אנדערע האבען געארבייט. די אנדערע — האט ער ערקלערט — זיינען געווען זיין קליינע קלארטיע און זיין נייעסטער שילער, קערקרינק, א רייכער און דומער יונגערמאן, נאר אן ערליכער און גוטהארציגער. ער האט אים פאקטיש איבערגעגעבען צו קלארטיע, וועלכע איז פונקט אזא גוטע וועגווייזערין ווי ער אליין — ספע־ציעל פאר נארים. זי איז געווען צו יונג אין דיין צייט, בענע־דיקט", האט דער אלטער מאן פארענדיגט מיט א שפאס.

בענעדיקט האט געדענקט, אז זי איז איצט געווען צו יונג, אז מען זאל זי איבערלאזען צו לערנען גוטהארציגע יונגעלייט, נאר ער האט בלויז געזאגט, „יא, איך מיין, אז איך בין געווען א נאר. א מענש דארף זיך שניידען די ציין אויף לאטיינישער גראמאטיק, און איך האב שוין ביי פערצען יאר געהאט א סמיכה אויף רבנות,

איידער איך האָב נאָך אפילו געוואוסט, אז עס איז געווען אזא מענש ווי ציצרא אין דער געשיכטע.

„און אצינד שרייבסטו לאטיין אזוי ווי ציצרא. שאָקעל נישט מיט'ן קאָפּ — ס'איז אַ קאָמפּלימענט פאר מיר אליין, נישט פאר ־יר. וואָס מאכט עס אויס וואָס דו ביזט טיילמאָל מער פינקטליך ווי עלעגאַנט — שטעל דיך נאָר פאָר וואָס פאר אַ פלאָנטער פון העברעאישען שפּינוועבס איך האָב עס באדארפט אויסקערען פון דיין קאָפּ איידער איך האָב דיך פארוואנדעלט פון ברוך אין בענעדיקט".

„ניין, טייל פון די וועבען זיינען געווען זיידענע. איך זעה אצינד וויפיל בענעדיקט איז שולדיג ברוך'ן. די רבנישע גימנאַס־טיק איז נישט קיין שלעכטע ערפארונג, כאָטש אוממעטאָדיש. מיימאָנידעס האָט אוועקגענומען די מענשליכע געשטאַלט פון גאָט, די קבלה קעמפט, אמת אין אומאָרדנונג, מיט אַ פילאָזאָפישען פּראָבלעם".

„דו האָסט נישט אלעמאָל גערעדט אזוי נאָכגעביג וועגען דיין אמאָליגען לערנען. מיר דאכט זיך, אז דו האָסט פארגעסען דיינע צרות אין דעם צעטעל קללות. איך פלעג דיך פארמאכען אויף אַ וואָך מיט משה זכות, און פלעג אייךביידען באשטראָפען איינעם מיט דעם אנדערענס געזעלשאפט. דאָס שטיבעל פלעגט זיין ד' אמות, אזוי אז ער זאָל זיין געצוואונגען נישט צו פאָלגען דעם חרם און זיין אין דיינע ד' אמות".

„דו פארגעסט צו רעכענען זיך מיט מאטעמאַטיק", האָט שפּינאָזא געלאכט. „מיר האָבען באדארפט זיך לאָזען צו די גע־גענגעזעצטע עקען פונ'ם דיאגאָנאַל און זיין צוטיילט דורך פינף און צוויי דריטעל איילען".

„אָ, צודריי מיך נישט מיט דיינע קוואדראַט וואורצלען. איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין בעל חשבון".

אָבער משה זכות איז נישט געווען אזוי אומדערטרעגליך. איך דערמאָן מיך, אז ער האָט אויך געלערנט לאטיין ביי דיר".

„יאָ, און איצט שפּייט ער אויס, ווען ער דערזעהט מיך. ער האָט געפאסט פערציג טעג פאר זיינע זינד, וואָס ער האָט געלערענט דעם טייוועל'ס שפּראַך".

„וואָס האָט אים באַקערט?"

„דער טערקישער שאַרלאַטאַן, שטעל איך מיר פאָר".

„שבתאי צבי?"

„יאָ. ער האַלט זיך נאָך אַלץ אָן אים, כאָטש דער משיח איז שוין געוואָרען אַ מאַכמעדאַנער". ער האָט אַרויסגעגעבען „פינף ראיות פון דער אמונה", אויספירענדיג, „אַז זיין דערלייזער'ס פּלאַן איז צו מאַכען די מאַכמעדאַנער פאַר אידען. האַ! האַ! דאָס הייסט אַ לעקציע אין דער אַנטשטייאונג פון רעליגיאָנען! די גבאים וואָס האָבען דיך אַריינגעלייגט אין חרם זיינען אַלע אַליין געכאַפּט געוואָרען אין דער מעשה — דאָס איז אַ זיסע נקמה פאַר דיר. האַ! האַ! וואָס פאַר נאַראָנים די מענשען זיינען, ווי דער ענגלישער דיכטער זאָגט. איך חלש צו טרייסטען אונזערע קריסטען און שרייען, לעקעשען, לצים, פּעדערנע קעפּ, קוקט אַריין די אידען אין די אויגען אַריין און זעהט אייערע אייגענע נאַרישע פּנים'ער".

דאָס איז נישט דער וועג צו העלפען אָדער אויפצוהויבען די מענשהייט", האָט שפּינאָזאַ מילד געזאָגט. מענשען דאַרפען באַאיינפלוסט ווערען מיט אַ געפיל פון זייער שטאַרקייט, נישט פון זייער שוואַכקייט".

„מיט אַנדערע ווערטער", האָט דער דאָקטאָר געלאַכט, „דער וועג צו דערהויבען די מענשען איז צו אַפּעלירען צו די טוגענטען וועלכע זיי באַזיצען נישט".

„טאַקע אַזוי", האָט שפּינאָזאַ צוגעגעבען, אומבאַוועגט. „די טוגענטען, וועלכע זיי קענען אַמאָל באַזיצען. מען דאַרף די מענשען לערנען צו קוקען אויף נאָבעלע מוסטערען, נישט אויף געמיינע".

„און וואָס פאַר אַ גוטס וועט דאָס טאָן? משה זכות האָט געהאַט מיך און דיך אויף וועמען צו קוקען", האָט דער אַלטער מאַן אונטערגעלאַכט. „ניין, בענעדיקט, איך גלויב צוזאַמען מיט שלמה המלך, ‚אַ נאַר דאַרף מען ענטפערען לויט זיין נאַרישקייט'. דו ביזט צו האַלב־האַרציג — דו פאַרלייקענסט גאָט אַזוי ווי אַ דינער וואָס זאָגט אַז זיין האַר איז נישט אין הויז — דו לאָזט איבער אַ האָפנונג, אַז ער קען דאָרט זיין די גאַנצע צייט. אַ מענש דאַרף שפּילען אין באַלען מיט די הייליגע אָפּגעטער".

שפּינאָזאַ האָט דערפילט, אַז עס איז געוועזן נוצלאָז צו מאַכען

דעם אלטען מאן פארשטיין ווי וויניג זייערע אידייען זיינען זיך צוזאמענגעקומען. „איך וואלט בעסער געוואלט דערהויבען איי־דער איבערקערען", האט ער זיך מילד אנגערופען.

דער אלטער סקעפטיקער האט געלאכט. „א וואונדער וואס דו ווערסט נישט קיין אבאנענט צו דערהויבען דעם דריטען בית המקדש", האט ער אויסגערופען. „אזוי רופען זיי די נייע שול וואס מען בויט איצט אין אמסטערדאם מיט אזא טומעל".

טאקע? איך האב נישט געהערט וועגען דעם. ווען איך וואלט געקענט האפען אז דאס איז באמת דער דריטער בית המקדש", און א מיסטיש ליכט האט אויפגעלויכטען אין זיינע אויגען, וואלט איך אוועקגעגעבען אלץ וואס איך פארמאג".

„דו ביזט דער איינציגער קריסט, וואס איך האב ווען עס איז געקענט!" האט וואן דען ענדע געזאגט האלב מיט חוזק, האלב צערטליך. „און דו ביזט א איד".

„קריסטוס איז דאס אויך געווען".

„אמת, מען פארגעסט דאס. אבער די ראלען בייטען זיך זייער פיין. דו ביזט מוחל דיינע שונאים, און אין אמסטערדאם גייען די אידען צו די גוים בארגען געלט פאר דער שול זייערער!"

„וואס מאכט די יונגע פריילין?" האט שפינאזא ענדליך געפרעגט.

„קלארטיע! זי בליט ווי יאן דע העעם'ס א בלום. די רויע לופט האט געמאכט א רויז פון מיין ליליע. אירע באקען וואלטען באדארפט איבערצייגען די נאראנים וואס האבען אוועקגענומען זייער פראקטיק פון דעם ארעמען אלטען דאקטאר הארווי. זי איז בלוט און מילך. יא, איך האב מיך דערמאנט, דיין אלטער פריינד, דאקטאר לודוויג מייער, האט מיך געהייסען דיך הארציג גריסען".

„מיינסטו, אז זי וועט מיך געדענקען?"

„דיך געדענקען, בענעדיקט? האט זי מיך דען נישט היינט געשיקט צו דיר? דיין נאמען איז אלעמאל אויף אירע ראזע ליפען — און זי שמייסט מיט אים טעמפע שילער. ווי אזוי דו האסט עס אויסגעלערנט זיך זעקס אייראפעאישע שפראכען, איידער זיי קענען זיך אויסלערנען א ווארט גריכיש". שפינאזא האט זיך אוים צופרידענהייט דערלויבט א הוסט צו טאן. ער האט אפגע־

קערט דעם קאָפּ אָן אַ זייט און האָט געהאַלטען זיין האַנט פאַר'ן מויל. „מיר קריגען זיך איבער דיין טראַקטאַט — זי און איך — ווייל זי האָט, פאַרשטייט זיך, דערקענט דיינע אַרגומענטען און איך האָב דערקענט מיינע דריידלאַך פון סטיל".

„לעזט זי מיך, הייסט עס?"

„אַזוי ווי אַ לוטעראַנער ביבעל. די אורזאַך וואָס מיר האָבען זיך אַריבערגעצויגען קיין שעווענינגען איז געווען טיילווייז איר האָפנונג אויסצודרעשען מיט דיר געוויסע שוועריגקייטען. איך זאָג נישט אַז דער וואַלד, וואָס דער אָרימער פּאָל פּאָטער האָט געמאָלען, איז נישט געווען אַ קאָנקורירענדיגע אַטראַקציע".

אַ פרייד, וואָס איז געווען אויסער די גרעניצען פונ'ם פאַר־שטאַנד האָט אָנגעפילט דעם פילאָזאָפ'ם ברוסט. אומבאַוואוסט־זיניג האָט ער גענומען גיין שנעלער. ער האָט צוגעגעבען מוט זיין פריינד צו ריידען מער וועגען זיין טאָכטער, ווי אַזוי וואָן טער באָרך האָט פון איר געמאַכט איינס פון זיינע מייסטער־ווערק אין ווייסען אַטלעס, ווי אַזוי זי אַליין האָט זיך צו ביסלאַך אָפּגעגעבען מיט יעדער קונסט, נאָר דער אַלטער איז כסדר אַרויף אויף פּאָ־ליטיק, האָט געשאָטען פעך און שוועבעל אויף די פּראָנצויזען, האָט גערעדט וועגען זיין באַלדיגען וויזיט קיין פּאַריז אין אַ דיפּ־לאָמאַטישער שליחות, און, ווערענדיג מער צוטרויליך, האָט ער געגעבען אָנצוהערעניש וועגען אַ גרויסען פּלאַן, אַן אויפשטאַנד אין נאָרמאַנדיע, אַדמיראַל טראָמפּ זאָל זיך אַראָפּלאָזען אויף קווילעבעף, אַ פּלאַטאָנישע רעפּובליק דאַרף אויפשטיין אויפ'ן פּלאַץ פון דער פראַנצויזישער מאָנאַרכיע. ווען שפּינאָזאַ וואָלט געזעהן אַ שאָטען פון אַ שענדליכען טויט פּלאַטערען איבער דעם גייסטפּולען וועטע־ראַן, ווען ער וואָלט פריהער געוואוסט, אַז דער אָרימער אַלטער איידעלמאַן —— וועלכער איז געווען דער אינסטרומענט פון צוויי דעספּעראַטע זשוליקעס און אַ גאַלאַנטער פרוי — וועט הינגעריכטעט ווערען אין פּאַריז פאַר אָט דער קאָנספּיראַציע, וואָלטען די ווער־טער, וואָס האָבען אַזוי לאַנגווייליג געקלונגען אין זיינע אויערען, אָנגענומען אַ טראַגישע באַדייטונג.

זיי האָבען זיך דערנענטערט צום שטעטעל, וואו די הייזלאַך האָבען פייערליך געלויכטען צווישען די ביימער און די זאַמדען

אין דעם ווייכען פאַרנאַכט. די וואַן דען ענדעם האָבען געוואוינט מיט דעם קאַפּיטאַן פון אַ פישער־שיף אין אַ לאַנג, שמאָל הילצערן הויז מיט משופּע'דיגע מאָכיגע שינדלען און פענסטער מיט קליינע שייבלאַך. דער אַלטער האָט ברייט געעפענט די טיר פון דער קליינער, מיט זשאַבע־שיסעלאַך באַצירטער, וואוינשטוב, און האָט אריינגעקוקט. „קלאַרטיע!" האָט זיין קול אויסגעקלונגען. אַ פּאַפּוגאַי פון בראַזיליע האָט אַ קוויטשע געטאָן, נאָר שפּינאָזאַ האָט בלויז געהערט דעם שטילען „יאָ, פאָטער", וואָס איז זים געקומען פון ערגעץ אויבען.

„טרעף וועמען איך האָב דיר געבראַכט?"

„בענעדיקט!" זי איז אראָפּגעפלויגען, אַ בילד פון ליבליכקייט און שימערירענדיג זייד און ווייסע פּערעל. שפּינאָזאַ'ס האַנט האָט געציטערט אין אירער, וואָס האָט געלויכטען אַזוי ווי שניי פון איר ראָפּלדיגען אַרבעל. די שטילע וואַרעמקייט האָט אָוועקגעבלענט פילאָזאָפיע. זיי האָבען זיך געביטען מיט די געוויינליכע באַגריסונגען.

„אָבער וואו איז קערקרינק?" האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

„ער מאַכט זיך זיין טואַלעט". זי האָט זיך געביטען מיט אַ האַלבען שמייכעל מיט שפּינאָזאַ'ן, וועלכער האָט שטאַרק הנאה געהאַט.

„וועל איך גיין מאַכען מיינעם", האָט דער פאָטער אויסגערופען. אין אַ האַלבע שעה אַרום וועלען מיר עסען, בענעדיקט. דו וועסט בלייבען, מיר פאָרען מאָרגען. דאָס איז דער לעצטער אָוועגטברויט". און לאַכענדיג, גלייך ער וואָלט דערגרייכט עפּעס אַ לעסטערונג, און אומבאַוואוסטזיניג איבער זיין פינסטערען גורל, איז דער פרעהליכער אַלטער פריידענקער פאַרשוואונדען.

ווען קלאַרטיע האָט גערעדט וועגען זיין בוך מיט פינקעלדיגע אויגען, און האָט דיסקוטירט פונקטען מיט אַ שטיל מוזיקאַליש קול, האָט עפּעס רוי און עלעמענטאַר אויפגעפלאַמט אין דעם פילאָזאָף, עפּעס האָט אין אים גערופען זיך צוזאַמענצושמעלצען מיט דעם אוניווערזאַלען לעבען מער ממשות'דיג ווי דורך דעם אינטעלעקט. זיינע צווייפלען און וואַקלענישען זיינען פאַרשוואונדען. ער מוז איצט ריידען, אָדער די שעה און די שטימונג וועלען זיך מער

קיינמאָל נישט אומקערען. ווען ער זאָל נאָר קענען אוועקשלעפּען דעם שמועס פון דער פילאָזאָפיע דורך אַ זייטיגער טיר, איז די פילאָזאָפיע אַליין פון זיך פארשוואונדען אין דעם פערזענליכען אריין. איר פאָטער האט נישט געוואָלט זי מיטנעמען קיין פאריז, ער האט גערעדט וועגען מעגליכע געפאַרען, און האט געגעבען אָנ־צוהערעניש, אז עס וואָלט שוין צייט געווען זי זאָל זיין אראָפּ פון זיינע הענט. אזוי ווי אַ ודוי האט געציטערט אין איר לאַבענדיג אויג. דאָס האט אים געגעבען מוט אָנצונעמען אירע פינגער און ארויסשטאַמלען אַ געבעט, אז זי זאָל מיטקומען מיט א י ם — קיין היידעלבערג! די ליכטיגקייט איז פּלוצלונג אָפּגעשטאָרבען פון איר פנים. זי האט אויסגעזעהן פארזאָרגט און בלייך.

נאָך אַ ציטערדיגען שווייגען האט זי געזאָגט: „אָבער דו ביזט דאָך אַ איד!“

ער איז דערשטוינט געוואָרען, האט געלאָזט אירע פינגער פאַלען. פון זיין פּאַרטריקענטען האלז זיינען ארויסגעקומען די ווערטער, „אָבער דו ביזט דאָך נישט קיין קריסטין“.

„איך ווייס, אָבער דאָך, אָ, איך האב קיינמאָל נישט גע'חלום'ט וועגען דעם מיט דיר — עס איז אַלץ געווען דער מארך, די נשמה“.

„נשמה און גוף זיינען בלויז איין פאַקט“.

„פרויען זיינען נישט קיין פילאָזאָפען. איך —“ זי האט אָפּגעהאקט. אירע פינגער האָבען זיך נערוועז געשפּילט מיט דער שנור פערל, וואָס האט זיך געהויבען און איז געפאַלען אויף איר בוזעם. ער האט אַ טראַכט געטאָן, אז ער באַמערקט די איינצעל־הייטען, און האט זיך געוואונדערט וואָס ביי איר האט זיך אַנט־וויקעלט אַזאַ אויסערגעוויינליכער געשמאַק. דערנאָך, באַגרייפענדיג איר שווערע לאַגע, האט ער רוהיג געזאָגט, „איז, הייסט עס, פאַר מיר קיין האָפנונג נישטאָ?“

אויף איר פנים איז פאַרבליבען דער אויסדרוק פון פיין.

„קיינמאָל נישט? דו וואָלסט קיינמאָל נישט געקענט?“ ער האט זיך פארהוסט.

„ווען עס וואָלט קיין אַנדערער נישט געווען“, האט זי גע־מורמעלט, און אירע אויגען האָבען זיך האלב־פּארענטפעריש אראָפּ־געלאָזט צו דער שנור פערל.

די ביטערניש פון טויט איז געװען אין זיין נשמה. ער האָט פלוצלונג געהאַט אַ איראָניש געפיל פון אַן אָפענעם שפּאַלט אין זיין מאַטעמאַטישער פילאָזאָפיע. ער האָט דערגרונטעװעט דעם סוד פון זיין, ער האָט אַנאַליזירט און פאַראײנט אַלע זאַכען פון אײביגקייט, די אײביגקייט, און דאָך איז דאָ געװען אַן אָפּגעזונדערטע קראַפט — אַ פרױ׳ס װילען — װאָס איז פאַר׳עקשנט געשטאַנען צװישען אים און גליק. ס׳האָט אים אױסגעװיזען, אַז ער זעט אָט די קראַפט, אונטער איר ערנסט פנים, װאָס האָט ציניש חוזק געמאַכט.

די קליאַמקע פון דער טיר האָט זיך אַ דריי געטאָן און אַ יונגערמאַן איז אַרײנגעקומען. ער איז געװען אָנגעטאָן לױט דער לעצטער מאָדע — אַ מאַנטעל פון װענעציאַנישער זייד האָט באַקליידט אין גראַציעזע פאַלדען זיין שײנע פיגור, זיין האַלזבאַנד פון פלעמישער שטיקעריי, זיינע קניהױזען פון אַטלעס, זיינע שיך מיט גאָלדענע שנאַלען, זיין שװערט מיט טייערע שטיינער. ענערגיע האָט געפלאַמט פון זיינע אױגען, קראַפט האָט געשטראַלט פון זיין יעדער באַװעגונג.

„אָ, דידריך!” האָט זי אױסגערופען, און איר פנים האָט אױפגעלױכטען מיט מער װי דערלײכטערונג. „אָט איז ענדליך הער שפּינאָזאַ. דאָס איז הער קערקרינק!”

„שפּינאָזאַ!” אַ ציטער פון דרך ארץ איז געװען אין דעם יונגענמאַן׳ס שטים, די פאַרערונג פון די װאָס זיינען באַװאוסטזיניג דום פאַר די גרױסע מוחות פון דער ערד. ער האָט נישט אָנגענומען שפּינאָזאַ׳ס אױסגעשטרעקטע האַנט אין זיינער, נאָר ער האָט זי צוגענומען צו די ליפּען.

דער אײנזאַמער דענקער און דער גליקליכער ליבהאָבער זיינען אַזױ געשטאַנען אַ װייל, מקנא זייענדיג און פאַרערענדיג אײנער דעם אַנדערען. דערנאָך האָט שפּינאָזאַ העפליך געזאָגט, „און איצט, װען איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגען זיך צו טרעפען מיט הער קערקרינק, מוז איך מיך אײלען צוריק אין שטאָט אַרײן, אײדער עס װערט צו פינסטער אױפ׳ן װעג”.

„אָבער דער פאָטער ערװאַרט דיך צום עסען מיט אונז”, האָט קלאַרטיע אַ מורמעל געטאָן.

„ס'איז אַ נאַכט אָן אַ לבנה, און די גאַסען־יונגען קענען מיך נאָך אָננעמען פאַר אַ איד". ער האָט געשמייכעלט. „ענטשולדיג מיך פאַר'ן דאָקטאָר".

עס איז ווירקליך געווען אַ נאַכט אָן אַ לבנה, אָבער ער איז נישט אַוועק אויפ'ן שאָסע. אינסטינקטיוו האָט ער געווענדט זיינע טריט צום ים.

אַ לייכטער נעפּל איז געהאַנגען איבער יעדער זאַך, וואָס האָט נאָך שווערער געמאַכט די נאַכט, און האָט פאַרנעפּעלט דאָס שטעַ־טעל, אַז בלויז עטליכע פייערלאַך האָבען געלויכטען פון וויטען. ביים ברייטען זאַמדיגען ברעג האָט ער בלויז געקענט זעהן די קאָנטורען פון די שיפלאַך און די פישער־נעצען. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער זייט פון אַ שיפעל, איינאָטעמענדיג די ריחות פון סמאָלע און די געזאַלצענע לופט, און האָט געקוקט אויף אַ זעגעלשיף, וואָס נישט קוקענדיג אויף דעם גרויסען רויטען אַנקער ביי זיינע פיס, האָט זיך אים ביי יעדער אָנקומענדיגער כוואַליע אויסגעוויזען, אַז זי פאַרט ארויס אויפ'ן ים.

דער ים האָט זיך אויסגעשפּרייט אָן אַ קלאַנג, אָן באַוועגונג, און פינסטער, חוץ בלויז וואו ער האָט זיך צעבראָכען אין ווייסער שוים ביי זיינע פיס. נאָהענט פונ'ם האָריזאָנט האָט אַ פּעך־שוואַרצע וואַנט אַזוי ווי אויפגעהויבען זיך גלייך פונ'ם וואַסער און זיך פאַראייניגט מיט דעם גרויען הימעל, וואָס האָט זיך גע־וועלבט איבער די גרויסע פלאַכע וויטקייטען. און ווייל עס זיינען קיין שטערען נישט געווען, האָט די ערד אַליין אויסגעזעהן ריזיגער און געהיימער, און איר איינענע מורא'דיגקייט איז נישט געמינערט געוואָרען אין איר אָרומלויף, אין פאַרגלייך מיט די אומענדליכע פּערספּעקטיוון פון גרעסערע פּלאַנעטען. און פון דער קלאַנגלאָזער נאַכט און ים און הימעל, און פון דער שטרענגער פייערליכער וויטקייט פון זאַמד און וואַלד, וואו פאַרמען און פאַרבען האָבען זיך פאַרלוירען אין אַ טיפער איינקייט, איז צו שפּינאָזאַ'ן געקומען אַ פריש דערהויבענדיג געפיל פון דער אומענדליכער צייטלאָזער סובסטאַנץ צו ליבען און פאַרגעטערען, וואָס דאָס איז געווען באַ־גייסטערונג און עקסטאַז. דער איינזאַמער דענקער האָט זיך באַ־העפט מיט דעם איינזאַמען וועזען.

„אפילו ווען ער שעכט מיך", האָט זיין הארץ געמורמעלט,
„האָב איך דאָך בטחון אין אים".

יאָ, כאָטש די רעדער פונ׳ם שיקזאַל זיינען אריבער איבער זיין גוף, איז אים נאָך אַלץ געבליבען צו פרייען זיך מיט דער איביגער באַוועגונג, וואָס האָט געבראַכט גליק צו אַנדערע.

אַנדערע! ווי פול די וועלט איז געווען מיט לעבענס, יעדעס פאָלקאָם אין זיין אַרט, און די געזעצען פון גאָט׳ס נאַטור האָבען פריי אַרויסגעגעבען יעדען באַגריף פון זיין אומענדליכען אינטעלעקט. אין מאַן אַליין וויפיל אַרטען, סאָרטען, אינדיווידוען — פון הייליגע ביז פאַרברעכער, פון אַלטע פילאָזאָפען ביז גאַלאַנטע לעבּיונגען, אַלעמען דאַרף מען פאַרשטיין, קיינעם נישט האַסען. און דער מענש איז בלויז אַ טיילכעל פונ׳ם לעבען פון איין קליינעם גלאָב, וואָס האָט זיך נישט געדרייט אויף דעם מענשען׳ס אַקס, און האָט זיך נישט באַוועגט איינגאַנצען צוליב דעם מענשען׳ס צוועק. דער ים, וואָס האָט זיך געשטרעקט אָן אָטעם, איז נישט געווען הימליש טויט — אפילו לויט דעם פראַקטען באַגריף — נאָר דורכגעדרונגען מיט ציטערענדיגען געפיל, דאָס פיינע פרישע געפיל פון פיש, וואָס טוען זיך אַ ציה און שווימען, שפּראַצען מיט לעבען אין די פינען און אינ׳ם עק, יאָגענדיג און ווערענדיג געיאָגט, עסענדיג מיט גרינגקייט אָדער ווערענדיג אויפגעגעסען. אין דער לופט דער עקסטאַז פון פליה, אויף דער ערד די גליקליכע באַוועגונגען פון חיות, אפילו דער שטויב ציטערט אַנגענעם מיט קריכענדיגע באַשעפענישען. די ערד איז געווען דורכגעלעכערט מיט דער פאַמעלאַכדיגער פרעכטיגקייט פון ווערים. יעדעס קלענסטע באַשעפענישעל אַ פאָלקאָמענער אויסדרוק פון דער אידעע פון זיין וועזען, פאַרפערזענליכט דורך זיין איינגעבוירענער נייגונג, זיין באַמיהונג אַריבערצולעבען אויף זיין אייגענעם אופן, כאָטש בלויז אינ׳ם מענשען איז פאַראַן די פּאָטענץ דורך זעלבסטלאָזען שכל אַריינצוגעהן אין דעם אינטעלעקטועלען עקסטאַז פון יענער ליבע, מיט וועלכער גאָט ליבט זיך אַליין — זיך צו פרייען מיט דער קראַפט פונ׳ם לייב און מיט דעם חן פון דער גאַזעל און דער שיינקייט פון דער פרוי, וואָס געהערט צו אַן אַנדערען. געבענשט זאָלען זיין די גליקליכע ליבהאָבערס, געבענשט זאָלען זיין אַלע וואונדער-

ליכע באַשעפענישען, ליוב, ליוב צום אייביגען וועזען וואָס זיינע דרכים באַשאַפען די אייביגע פאַרביגע וועלט.

אין די צייטען אָן אַן אָנהויב פאַר זיין געבורט איז זי געווען — די גרויסע פאַרביגע וועלט, צו וועלכער וועזען האָט באַלאַנגט — ענדלאָזע צייטען נאָך זיין פאַרגיין וועט זי נאָך אַלץ גליהען און ציטערען מיט לעבען, און וועט אַלץ נאָך האָבען פאַר דער אונטערגעביגער מענשליכער נשמה די העכסטע דערהויבונג. ער האָט בלויז געהאַט אַ רגע צו באַטראַכטען אָט די וועלט, און דאָך פאַרשטיין איר זין, צו קענען די גרויסע געזעצען ווי אַזוי זי ארבייט, צו זעהן זי אונטער דער אייביגער השגחה, האָט געמיינט אַנטייל צו נעמען אין איר אייביגקייט. עס איז נישט נויטיג געווען צו וואַנדערען דורך רוים אָדער צייט צו אַנטדעקען איר באַוועגונג, אומעטום די אייגענע, אַזוי פולקאָם אין דער פאַרוואָרפענסטער פאַר־גאַנגענהייט ווי אין דער ווייטסטער צוקונפט, און שטרעבט אויף קיין פאַל נישט — ווי דאָס פראָסטע פאָלק שטעלט זיך פאָר — צו אַ שפּעטערדיגער פאַרפולקאָמונג. אומעטום ארויסגעצויגען פון די אייגענע דויערהאַפטע נויטווענדיגקייטען פון דער געטליכער פרייהייט. פאַרטשריט! אַזוי אָפּנאַרענדיג אַזוי ווי די באַוועגונג פון יענעם שיפעל וואָס איז פעסט פאַראַנקערט און זעהט אויס ווי עס וואָלט אַלעמאָל ארויסגעזעגעלט צום האָריזאָנט.

און אין אָט דעם טראַנס פון פאַרגעטערונג, אין דער הייליגער גלאָריע, אין דער אַנטציקטער באַוואוסטזיניגקייט אַז ער האָט גע־קעמפט זיין לעצטען קאַמף מיט די פאַרשקלאַפענדיגע געפילען, האָבען זיך פאַרמירט אין זיין נשמה — ווייסע היץ און ווייס ליכט אין דערזעלבער צייט — די לעצטע זאַצען פון זיין גרויס ווערק: —

„מיר זעהען דאַן וואָס עס איז די קראַפט פונ'ם קלוגען מענ־שען, און אויף וויפיל ער שטייגט אריבער דעם איגנאָראַנט, וועלכער ווערט געטריבען פאַראויס בלויז דורך זיין גלוסטונג. ווייל דער איגנאָראַנט ווערט נישט נאָר געטרייצט דורך אייביגע אורזאַכען אויף אַ סך אופנים, און האָט קיינמאָל נישט קיין אמת'ע רוה אין דער נשמה, נאָר ער לעבט אויך, אַזוי צו זאָגען, אין איגנאָראַנץ פון גאָט און זאַכען, און אַזוי גיך ווי ער הערט אויף צו ליידען, הערט ער אויך אויף צו זיין. פון דער אַנדער זייט, דער קלוגער מענש

ווערט זעלטען באַוועגט אין געדאַנק, נאָר זייענדיג באַוואוסטזיניג איבער א געוויסער אייביגער נויטווענדיגקייט אין זיך, אין גאָט און אין זאכען, הערט ער קיינמאָל נישט אויף צו זיין, און האָט אַלעמאָל אמת'ע רוה אין דער נשמה. אויב דער וועג, וואָס פירט אהין, ווייזט אוים צו זיין זייער שווער, קען מען אים אָבער דאָך געפינען. ער מוז באמת זיין שווער, ווייל ער ווערט אזוי זעלטען אנטדעקט. ווייל אויב די דערלייזונג זאָל ליגען פאַרטיג ביי דער האַנט און וואָלט געקענט אנטדעקט ווערען אָן גרויסער מיה, ווי וואָלט עס געווען מעגליך, אז כמעט יעדער זאָל זי פאַרנאַכלעסיגען? אָבער אַלע הויכע זאכען זיינען פונקט אזוי שווער ווי זיי זיינען זעלטען".

אזוי זיינען געלאָפען די ווערטער, וואָס האָבען באַדאַרפט בלייבען אומשטערבליך.

פּלוצלונג האָט א ליכט הינטער דעם שווארצען וואָלקען אַנגעזאָגט, אז די לבנה קעמפט דורך. א האַלבע לבנה איז ארוים, רויט אינ'ם נעפּעל, דערנאָך איז זי אינגאַנצען ארוים, כמעט אזוי גאָלדען ווי די זון.

שפּינאָזא האָט אויפגעוואַכט פון זיין חלום. זיין מאַנטעל איז געווען פייכט פון טוי, ער האָט געפילט דעם נעפּעל אין זיין האַלז. ער האָט אָפּגעהוסט. דערנאָך האָט ער געפילט גלייך דאָס זאַלץ פון דער לופט וואָלט אים אריין אין מויל, און ווען ער האָט אויסגעשפּיגען בלוט, האָט ער געוואוסט, אז ער וועט נישט לאַנג בלייבען אָפּגעזונדערט פון דער אייביגער איינהייט.

אָבער עס איז נישטאָ קיין זאַך וועגען וועלכער א פרייער מענש זאָל טראַכטען ווייניגער ווי וועגען טויט. באַגערענדיג צו פאַרשרייבען וואָס ער האָט געהאַט אין די געדאַנקען, האָט זיך שפּינאָזא אָפּגעווענדט פונ'ם ים און איז זיך געגאַנגען זיין רוהיגען וועג אַהיים.

# דער בעל שם

## I.

אצינד, ווען איך בין געקומען צום סוף פון מיינע טעג אויף דער ערד, און ווען די העכסטע עולמות ווילען זיך אינגיכען עפענען פאר מיר, וואס איך האב וועגען זייערע סודות געלערנט פון מיין חשוב'ען האר — וואו עס איז נישטא קיין עסען און קיין טרינקען, נאר די צדיקים זיצען באקרוינט און האבען הנאה פון קוקען אויף דער שכינה — וואלט איך געוואלט איבערלאזען עפעס א שריפט, אין די היינטיגע צוטומעלטע און שלעכטע צייטען, וועגען אים וועמען איך האב ליב געהאט מער פון אלץ אויף דער ערד, ווייל ער איז געקומען לערנען דעם מענשען דאס אמת'ע לעבען און דעם אמת'ען וועג צו דינען גאט. אים, דעם אייביג הארליכען און ליכטיגען, דעם איינציג אמת'דיגען ישראל בעל שם, בין איך שולדיג מיין אויסלייזונג פון א לעבעדיגען טויט. ווייל ער האט מיך געפונען באגראבען לעבעדיגערהייט אונטער א בארג אש, און ער האט מיך ארויסגעצויגען און אויפגעבלאזען דאס אש צו פייער, אזוי אז איך האב מיך דערווארימט דערביי. און אזוי ווי דער פלאם קען אצינד אויסגיין, און דעם בעל שם'ס תורה קען פאר־שטיקט און באהאלטען ווערען אונטער דעם אייגענעם בארג אש, בעט איך דיך גאט, אז ער זאל אריינגעבען גייסט אין מיין פאמע־לאכדיגער פען צו פארשרייבען אן אמת'דיג בילד פון דעם מאן און זיין תורה.

וועגען מיין אייגענער געשיכטע ווייס איך נישט צי עס איז נויטיג צו דערציילען א סך. מיין זיידע איז געקומען קיין פוילען פון ווין, וואוהין ער איז פארטריבען געווארען צוזאמען מיט אלע אידען פונ'ם ערצהערצאגטום, צו באפרידיגען די מיט יעזואיטען־באלאגערטע קעניגין מארגארעטע, וועלכע האט אויף אזא אופן

אויסגעדריקט איר דאנקבארקייט צום הימעל פאר דעם וואס זי איז געזונט געוואָרען פון אן אומגליקס-פאל, וואס האָט מיט איר געטראָפען ביי א באל אין הויף. איך האָב געהערט דעם אלטען מאן דערציילען ווי אזוי טרומפייטערס האָבען אויסגערופען אין די גאסען דעם קעניג'ס באפעל, און ווי אזוי יעדע בקשה האָט זיך ארויסגעוויזען נוצלאָז, אזוי ווי די גרויסע גאָלדענע שאָל און די זילבערנע שיסעל מיט דער קרוג, וואס די אידען האָבען געשאָנקען צו דער קעניגליכער פאָר, ווען זי איז ארויסגעקומען פון קירך, נאָך דער צערעמאָניע פון דעם דאנק צו גאָט.

אן אוממזל'דיגער שטערען האָט געפירט מיין זיידענ'ס פיס קיין פוילען. די אידען פון פוילען האָבען טאקע אמאָל געשפילט די וויכטיגסטע ראָלע אין אייראָפע, אָבער די קאָזאקישע פאָגראָמען און די צוריסענקייט אינ'ם קעניגרייך האָבען זיי דערנידעריגט, און זיי האָבען ארויסגעגעבען בעטלערס, וואס האָבען געוואנדערט איבער אייראָפע, וואס האָבען געפרעדיגט און גע'חנפ'עט מיט דער איי־געגער פארשפיצטקייט. מיין פאָטער וויינינגסטענס איז אנטרונען פון בעטלעריי, ווייל עס איז אים געלונגען צו באקומען א קליין שטיקעל ערד אין צפון-מזרח ליטע, כאָטש דער פרייז פונ'ם לאנד האָט אים אזוי אויסגעזויגען, און די רוסישע רעגימענטען, וואס זיינען איינגעשטאנען אין שכנה'שאפט, זיינען געווען אזוי ברוטאל, אז זיין לעבען איז געווען אזוי ביטער ווי די וואסערען פון מרה. די שטוב, אין וועלכער איך בין געבוירען געוואָרען, איז געווען אונזער גאנץ הויז, וואס איז געווען שווארץ ווי אן אָפגעברענטער קלאָץ אינווייניג און דרויסען, און האָט קיינמאל נישט געזעהן דאָס ליכט פון דער זון חוץ דורך ריסען אינ'ם פאפיר, וואס האָט פאר־דעקט די געקרייצטע שטרייפען סאָסנע וואס זיינען געווען די פענסטער.

ווינטער, ווען דער אויווען האָט באהייצט די שטוב צום דער־שטיקען, און דער ווינט און רעגען האָבען צוריק אריינגעיאָגט דעם רויך דורך דעם לאָך אין דאך, וואס האָט געדינט אלס א קוימען, איז די לופט געווען כמעט אזוי גיפטיג פאר אונז מענשליכע באַ־וואוינער, אזוי ווי דער רויך פאר די ווערים אין די האלב-געוואשענע קליידער, וואס זיינען געהאנגען אויף שטעקענס אין דער ברייט.

אין אזעלכע צייטען זיינען מיר געזעסען אויף דער ערד, נישט דער־וועגענדיג זיך צו זיצען העכער, אוים מורא דערשטיקט צו ווערען אין דער געדיכטערער אטמאָספערע, וואָס איז געהאנגען איבער אונז. און איך קען נאָך איצטער פילען דעם טריף, טריף אויף מיין קאָפּ פון דעם פעט פון די וואורשטען, וואָס זיינען געהאנגען איבער אונז זיך צו טריקענען. אין א ווינקעל פון אָט דער וואוין־און שלאָף־שטוב איז געשטאנען אַן עמער ריין וואסער, און דער־נעבען אַן עמער פאר מיסט און אַן עמער אין וועלכען מיין פאָטער האָט געמאָלקען די קוה. אָרעמע אַלטע קוה! זי איז געווען כמעט אזוי ווי אימיצער פון דער משפחה, און זי פלעגט אָפּטמאָל פאר־ברענגען אין שטוב נאָכדעם ווי מען האָט זי אויסגעמאָלקען.

מיין מאַמע האָט געקענט אויסגעצייכענט באַקען ברויט, און זי איז געווען אזוי פרום ווי זי איז געווען א גוטע באַלעבאָסטע, און האָט קיינמאָל נישט פארפעלט צו נעמען חלה. קיין גרויסע געלעגענהייטען צו באווייזען וואָס פאר א קעכין זי איז, האָט זי נישט געהאַט, ווייל אונזער הויפּט־שפּייז איז געווען קאָרן־ברויט, געמישט מיט קלייען און זויער קרויט און רויטע בוריקעס, וואָס זיינען געלעגען אוועקגעלייגט אויף דער ערד אין פעסלאַך. דאָ האָבען מיר אלע געלעבט צוזאמען — מיין זיידע, מיינע עלטערען, מיין ברודער און שוועסטער. נישט אזוי אומגליקליך, ספּעציעל אין שבתים און יום טובים, ווען מיר האָבען געגעסען פיש געקאָכט אין פוטער פרייטאג צו נאכטס, און פלייש צו מיטאָג, אראָפּגע־שווענקט מיט מעד אָדער בראנפען. מיר קינדער — און אפילו אונזערע עלטערע — זיינען אָפט געשטויסען און געשמיסען גע־וואָרען פון די רוסישע סאָלדאטען, ווען זיי זיינען געווען שכור, נאָר מיר האָבען געקענט זיין גענוג פריילאך, ווען מיר זיינען ארומגעלאָפען אָפּגעריסען און אָפּגעשליסען און אומגעוואשען, און אונזער אמת'דיג לעבען האָבען מיר געלעבט אין דעם הייליגען לאַנד מיט די אבות, מלכים און נביאים, און מיר האָבען געוואוסט, אז מיר וועלען זיך אהין אמאָל אומקערען, און ירש'נען דעם גן עדן.

איינמאָל געדענק איך, אז די פּרינצעסין, דאָס הייסט די פּריצה'טע, אונזער פּריץ'ס טאָכטער, איז מיד ווערענדיג פון דער יאגד, אריינגעקומען אָפּרוהען זיך אין אונזער אָרימער שטוב, מיט

אירע הויפּדאָמען און אירע לאַקייען, אַלע אַזוי שיין און פּרעכטיג, און פינקלענדיג מיט גאָלד און זילבער שטיקערייען. איך האָב זי אָנגעקוקט מיט איר ליבליך פּנים און רייך קלייד, אַזוי ווי מיינע אויגען וואָלטען אַרויסגעזעצט געוואָרען פון זייערע לעכער. „אוי, ווי שיין!" האָב איך ענדליך אויסגערופען מיט אַ זיפץ.

„נאַרעלע!" האָט מיין פאָטער, טרייסטענדיג, געמורמעלט. „אין עולם הבא וועט די פּריצה'טע פאַר אונז איינהייצען דעם אויוּוען".

איך בין פאַרשטומט געוואָרען פון אַ געמיש פון געפילען. וואָס! אַזאַ גליק שטייט אונז פאָר — אונז, וואָס זיינען איצט געשטויסען געוואָרען פון שיכור'ע קאָזאַקען! אָבער — די אָרימע פּריצה'טע! ווי זי וועט עס איינריכטען איר פּרעכטיג קלייד, ווען זי וועט אָנצינדען אונזער פייער! מיינע אויגען האָבען זיך אָנגעפילט מיט טרערען ווען איך האָב געקוקט אויף איר שיין פּנים, וואָס האָט אויסגעוויזען, אַז זי ווייסט גאָרנישט פון דער חרפּה וואָס דערוואַרט זי. איך האָב געפילט, אַז איך וועל אויפשטיין פרי, און וועל טאָן איר אַרבייט פאַר איר בסוד. און אַזוי ווי איך האָב אויסגעלערענט פון מיין רבי'ן די סודות פון עולם הבא, דאַנק איך זיין נאָמען וואָס עס איז פאַראַנען אין הימעל אַן אָפּטייל פאַר פּרינצעסינס וואָס טוען נישט קיין שלעכטס.

מיין ברודער און איך זיינען נישט געקומען נעענטער אין גן עדן אַריין דורך דעם וואָס מען האָט אונז געשיקט אין חדר אַריין, ווייל דאָס חדר איז געווען אַ שטוב אַ קליין ביסעל גרעסער און פּונקט אַזוי רויכיג ווי אונזער אייגענע שטוב, וואו אַ חברה איינגלאַך פון פאַרשידענעם עלטער זיינען געזעסען אויף האַרטע בענק אָדער אויף דער בלויזער ערד, וואָס דאָס האָט זיך געווענדט אָן דעם צושטאַנד פון דער אויבערשטער לופט. דער רבי, אָנגעטאָן אין אַ ברודיג העמד, איז שטרענג געזעסען אויפ'ן טיש, כדי צו באַהערשען דאָס גאַנצע חדר, און צווישען זיינע קני האָט ער געהאַלטען אַ שיסעל, אין וועלכער ער האָט מיט אַ ריזיגען שטויסער געריבען טאַבאַק אויף שמעק-טאַבאַק. די איינציגע אַרבייט, וואָס ער האָט אָפט געטאָן גאַנצע טעג איז געווען צו שלאָגען אַ קינד

ביז ברוין און בלוי, און טיילמאָל, ווען ער איז ווילד אין בעט געוואָרען, האָט ער שיער אָפּגעריסען אַ אינגעל׳ס אויער, אָדער כמעט אויסגעשטאָכען אַן אויג. דאָס איבעריגע לערנען האָבען געטאָן די באַהעלפערס — יעדער אין זיין ווינקעל — וועלכע זיינען אויך געווען אַזוי פול מיט נקמה, און פלעגען זיך אָפּטמאָל פאַרכאַפּען פאַר זיך אַליין די אָנבייסענס און איבערבייסענס, וואָס מיר האָבען געבראַכט מיט זיך. וואָס איז דער וואונדער, וואָס אונזער איינציג גן עדן איז געווען ווען דער לאַנגער טאָג האָט זיך געענדיגט, אָדער ווען שבת האָט אונז געבראַכט אַ גאַנצען טאָג יום טוב, און ראש חודש אַ האַלבען.

פון דער תורה, וואָס איך האָב דאָ אויסגעלערנט, און שפּעטער אין בית המדרש — ווייל מיין זיידע האָט פון מיר געוואָלט מאַכען אַ רב — איז מיין האַרץ מיר צו שווער צו ריידען. ווער קען נישט די וויסטע מדבר פון די צערעמאָניעלע געזעצען, די טרוקענע שפּיציגע דריידלאַך פון די וכוחים איבער דער גמרא, וועלכע האָבען דאַמאָלס אין מיין לאַנד דערגרייכט דעם עקסטרעם פון מענשליכער שאַרפקייט אין שפּאַלטען האָר? די טויטע ים־פּרוכט פון לערנען, וואָס איז נישט דערפרישט געוואָרען פון קיין לעבעדיגע וואַסערען? און ווער וועט זיך וואונדערען ווען מיין נשמה האָט זיך געווענדט אין שווייגענדיגער בענקשאַפט צו זוכען גרינע לאָנקעס, און האָט געלעכצט נאָך וואַסער־קוואַלען, און אויב מיין קינדישער גייסט האָט געפונען טרייסט אין מיין זיידענ׳ס מעשות וואָס ער האָט מיר שטילערהייט דערציילט וועגען שבתאי צבי, דעם זון פון גאָט? ווייל מיין זיידע איז אין האַרצען געווען אַ שבתאי צבי׳ניק. כאָטש שבתאי צבי איז געוואָרען אַ טערק, איז מיין ערליכער זיידע געווען איינער פון יענע אומאיבערצייגבאַרע וואָס האָבען זיך אָפּגעזאָגט אויפצוגעבען זייער גלויבען אין דעם אַמאָל געפייערטען משיח, און וועלכע האָבען שפּעטער איבערגעגעבען זייער געטריישאַפט צו די שפּעטערדיגע משיחים וואָס האָבען אים פאַרקערפּערט, אַזוי ווי ער אַליין האָט פאַרקערפּערט דוד המלך׳ן. ווייל די נייע שבתאי׳שע תורה וועגען דער גאָטהייט, לויט וועלכער די הויפּט־געשטאַלט פון איך דרייאיינינקייט איז כסדר׳דיג פאַרקערפּערט געוואָרען אין אַ געטליכען מאַן, האָט געלאָזט די טיר אָפען פאַר אַ ריי נביאים, וואָס

זיינען אַנטשטאַנען, דאָ אין טריפּאָלי, דאָ אין טערקיי, דאָ אין אונגארן. איך מוז מאָן מיין זיידען די גערעכטיגקייט צו זאָגען, אַז זיינע מאָטיווען זיינען געווען ריינער איידער די פון אַ סך פון זיין סעקטע, וואָס זייער הויפּט־צוציהונג איז מסתמא געווען די געהיימע לערע פון פרייער ליבע, און דאָס אדם הראשונ׳דיגע לעבען. ווייל דער אָרימער אַלטער מאַן האָט זיך מער אָפּגעגעבען מיט דער שברות פון פּיין ווי פון פאַרגעניגען, און האָט אויף זיך ארויפ־געלייגט אַלערליי שטראָפען, צוצואיילען דעם אָנקום פון גאָט׳ס קעניגרייך אויף דער ערד. ער האָט זיך פאַרזאָרגט שפּייז און שלאָף, האָט זיך געקאָלערט אין שניי, זיך געפּייניגט מיט רויכע־רייען, מיט השבעות און מלקות, אומצוברענגען, האָט ער געזאגט, די מחנה טייוואָלים, וואָס האָבען אָפּגעהאַלטען משיח׳ס אָנקום. טיילמאָל האָט ער מיך איבערגעשראָקען ווען ער האָט גערעדט צו אָט די טייוואָלים און זיי אָנגערופען ביים נאָמען, און אָנפאַלענדיג אויף זיי מיט אַ ווילדען מוט, האָט ער צובראָכען פענסטער און אויווענס אין זיין אָנפאַל ביז ער איז אַוועקגעפאַלען אַ פאַרטעמפּ־טער אָהן כחות. און כאָטש ער איז שוין געווען אזוי אַלט, האָט אים פונדעסטוועגען מיין פאָטער נישט געקענט אָפּהאַלטען פון דעם גרויסען עולה רגל זיין קיין ארץ ישראל, אונטער יהודה החסיד, צו וואַרטען דאָרט אויף דער גרויסער גאולה פון ישראל. דעם יהודה החסיד, וועלכער האָט דרייסט פאַנאַנדערגעבלאָזען די האָלאָ־וועשקעס פון דער שבתאי צבי אפּיקורסות אין אַ ווילדען פלאַם, קען איך מיך קלאָר דערמאָנען, ווייל ער האָט אמאָל געבראָכען אַ מנהג, איז ארויף אויפ׳ן בעלעמער אין שול אין שטעטעל און האָט געהאַל־טען אַ דרשה פאַר די ווייבער. איך געדענק אַז ער איז געווען אָנגעטאָן אין ווייסען אַטלעס און האָט געהאַלטען אונטער׳ן אָרעם אַ ספר תורה, וואָס אירע גלעקלאַך האָבען געקלונגען ווען ער איז געגאַנגען. נאָר וואָס עס וועט קיינמאָל נישט אָפּגעווישט ווערען פון מיין זכרון, איז די ליידענשאַפט פון זיינע רייד, זיין קלאָגען אויף אונזער זינד, זיינע קוואַלען מיט טרערען. כאָטש איך בין געווען אַ אינגעל, האָב מיך פונדעסטוועגען אָנגעכאַפּט אַ חשק מיטצוגיין עולה רגל זיין, און מיט ביטערע טרערען פון טאָפּעלטען באַדויער האָב איך צוגעזעהען ווי מיין זיידע איז אַוועק אויף דער

אומגליקליכער נסיעה, וואָס איהר פירער איז געשטאָרבען אין דעם סאמע טאָג פון זיין אָנקום קיין ירושלים.

מיין אייגענער שבתאי צבי'אישער פייער איז נישט אפגעקילט געוואָרען א לאנגע צייט, און ער איז גענערט געוואָרען פון מיין לערנען די קבלה. נאָר כאָטש איידער איך לייג אוועק מיין פען, וועל איך האָבען צו דערציילען עפּעס וועגען דעם אויסערגעוויינליכען ווידער־אויפשוואונג פון אָט דער אפּיקורסות אויף מיינע אלטע יאָרען, און וועגען די גרויסע יסורים, וואָס דאָס האָט פארשאפט מיין באליבטען רבי'ן דעם בעל שם, האָט דאָך דער שבתאי'איזם נישט ווירקליך געשפּילט קיין ראָלע אין מיין פריהען לעבען, ווייל די אָרטאָדאָקסישע רבנים האָבען אָנגענומען אזעלכע שטרענגע מיטלען געגען דעם, אז ער האָט אויסגעזען אזוי ווי אָפּגעווישט, און איך אליין, ווען איך האָב אָנגעהויבען טראכטען וועגען דעם, האָב עס געפונען פאר אומבאגרייפליך, אז א אידישער גאָט זאָל ווערען א טערק: ס'איז פונקט אזוי צו דערוואַרטען ווי ער זאָל זיך אָפּשמד'ען אויף א קריסט. נאָר אויף אן אומדירעקטען אופן איז די פאָרכטבארע באוועגונג הויפּטזעכליך אריין אין מיין לעבען דורך דער גרויסער אייבענשיץ־עמדען דעבאטע. ווייל עס וועט נישט זיין אלט אינ'ם זכרון פון מיינע לעזער, אז די באקלאָגליכע דעבאטע, וועלכע האָט צוטיילט און פארביטערט די אידען פון גאנץ אייראָפּע, וועלכע האָט אויפגערודערט קעניגען און הויפען, איז אנטשטאנען אין דער באשולדיגונג געגען דעם הויפּט רבי'ן פון די דריי קהילות, אז די קמיעות, וועלכע ער — דער קאָפּ פון דער אָרטאָדאָקסישער טראדיציע — האָט געשריבען פאר קימפּעטאָרינס, זיינען געווען באַפּאָרבט מיט שבתאי צבי'אישער אפּיקורסות. אזוי ביטער און פארשפּרייט זיינען געווען די קלאנגען און געגען־קלאנגען, אז אין א געוויסען מאָמענט איז יעדע אידישע קהילה געשטאנען אין חרם פון די גרויסע רבנים פון איין צד אָדער פונ'ם אנדערען — א לעכערליכע פּאָזיציע, וואָס איר איינציגער נוצען איז געווען וואָס זי האָט געבראכט דערצו, אז מען האָט אָנגעהויבען פאראכטען דעם חרם און מען האָט אים אויפגעהערט באנוצען. עס האָט זיך נישט געלייגט אויפ'ן שכל, אז א ויכוח וואָס האָט אָנגעהאלטען אזוי לאנג און אזוי ליידענשאפטליך, זאָל נישט ארייננדרינגען קיין פּוילען. און

באמת האט די קריגעריי, וועלכע איז אריינגעבראכט געווארען דורך ברוך יון, וועלכער איז געווען אן אגענט ביי ברול'ן, דעם זאקסישען מיניסטער, געבושעוועט אין איר ווילדעסטער פארם. יעדער יריד און יעדער פארזאמלונגס־פלאץ איז געווארען א שלאכטפעלד פאר די קעמפענדיגע צדדים. כאבאר, באצאלטע שפיאנען, פארראט און שלעגערייען — אלע פאר'סם'טע פרוכטען פון מלחמה — האבען געבליהט, און דער וואלקען פון ויכוח, ווייזט אויס, הענגט איבער מיין גאנצען פריהען לעבען.

כאטש איך האב טיף אריינגעדרונגען אין דער קבלה, האב איך דאך פונדעסטוועגען קיינמאל נישט געקענט ווערען קיין פראקטי־שער קענער פון אירע סודות. אין יענער צייט האב איך געמיינט, אז עס איז געווען דערפאר, ווייל איך האב נישט געהאט אין זיך גענוג רוקענביין אויסצופירען די שטרענגערע תשובות, און אז איך בין נישט געווען קיין אמת'ער יורש פון מיין זיידען. עס שטייט נאך איצט פאר מיר די שלאנקע אויסגעדארטע געשטאלט פונ'ם צדיק, וועלכען איך האב געפונען אויסגעשטרעקט אין אונזער פא־דערהויז. איך האב אים געבראכט צו זיך ווען איך האב אים אויפגעקנעפעלט דעם מאנטעל ביים האלז (און האב אויף אזא אופן אנטדעקט זיין האריג העמד), אבער אומזיסט האב איך מיך געאיילט אים צו ברענגען אלערליי דערפרישונגען. ער האט קיין זאך נישט צוגעלאזט צו זיינע ליפען. איך האב געקענט דעם מאן דורך דעם שם וואס ער האט געהאט. ער האט שוין געהאט דורכגעפירט די תשובה פון „קנה", וואס איז באשטאנען אין פאסטען טעגליך זעקס יאר דורכאנאנד, און אין אויסמיידען ביי זיין איבערבייסען יעדע נאכט יעדע זאך וואס קומט פון א לעבעדיג וועזען, פלייש, פיש, מילך אדער האניג. ער האט זיך אויך אפגעגעבען מיט דער תשובה פון וואנדערען, און איז קיינמאל נישט געשטאנען קיין צוויי טעג אויף איין ארט. איך בין געלאפען ברענגען מיין פאטער צו צווינגען דעם אלטען מאן צו עסען, נאר ווען איך בין צוריקגעקומען, איז דער פאר'עקשנ'טער אסקעט געווען אוועק. מיר זיינען אים נאכ־געגאנגען אויף זיינע שפורען און האבען אים געפונען ליגען טויט אויפ'ן וועג. דערנאך האבען מיר אויסגעפונען, אז אפילו זיינע פארגאנגענע תשובות האבען נישט באפרידיגט זיין געוויסען און

ער האט געוואלט דורכפירען די תשובה פון אפוועגען, וועלכע טיילט צו א באזונדערען עונש פאר יעדען חטא. נאר ווען ער האט פארזיכטיג אויסגערעכענט און געפונען אז זיינע זינד זיינען געווען צופיל אין צאל, אז ער זאל אזוי אפקומען פאר זיי, האט ער באשלאסען זיך צו פארהונגערען צום טויט. כאטש, ווי איך זאג, איך האב נישט געהאט די קראפט פאר אזא אסקעטיזם, האב איך אים דאך באוואונדערט פון ווייטען. איך האב מיך פארטיפט איבער'ן זוהר און איבער די שערי אורה און אין דעם עץ החיים (א ספר וואס איז באטראכט געווארען צו הייליג, אז מען זאל עס אפדרוקען), און איך האב מיך פארפלאנטערט מיט די סודות פון די צען נעמען, און אין דעם מיסטישען סימבאליזם פון גאט'ס בארד, פון וועלכער יעדע האר איז געווען א באזונדער אויסגוס פון געטליכער גנאד. און איינמאל בין איך געקומען צו א קאמי־שער דערנידריגונג פון מיין איינרעדעניש אז עס איז מיר געלונגען מיט דער מאכט פון נגינה צו ווערען א רואה ואינו נראה. אזוי ווי דאס האט א פארבינדונג מיט מיין ווייב, וועלכע האט רוהיג ווייטער געקוקט אויף מיר און גערעדט צו מיר לאנג נאכדעם ווען איך האב געמיינט אז איך בין פארשוואונדען, דערמאן איך מיך עפעס צו דערציילען וועגען אט דער חבר'טע מיינער פון די אינגעל־יארען. ווייל ליידער איז זי אינגיכען פארשוואונדען פון מיינע אויגען, ווען גאט האט זי צוגענומען איידער זי איז פופצען יאר אלט געווארען. אזוי אז איך, וואס זייענדיג א בכור און דער־לויבט פון שטאט צו גרינדען א משפחה, בין חתונה געמאכט גע־ווארען דורך אונזערע פאטערס ווען איך בין אלט געווען ניין יאר און זי אכט, האב נישט געהאט קיין סך געלעגענהייט צו האבען יורשים פון איר. און טאקע ביים טראגען אונזער ערשט קינד — א טויט־געבוירען אינגעל — איז זי געשטארבען, נישט קוקענדיג אויף דער אלטער קמיעה אין דער משפחה, וואס איז אמאל גע־בראכט געווארען פון מעטץ און איז געמאכט געווארען פון רבי אייבעשיץ. ווען א פארדעכטיגער אנהענגער פון עמדען האט נאך איר טויט געעפענט די קמיעה, האט זיך טאקע דארט געפונען אן אפיקורסישע אויפשריפט: „אין נאמען פון גאט פון ישראל, וועל־כער וואוינט אין דער באצירונג פון זיין מאכט, און אין נאמען פון

זיין געזאלבטען שבתאי צבי, וואס דורך זיינע וואונדען איז א היילונג געקומען צו אונז, באשווער איך אלע שדים און רוחות, אז זיי זאלען דער דאזיגער פרוי קיין בייז נישט טאן״. איך דארף נישט דערציילען וויפיל דאס האט צוגעגעבען צו דער היץ פונ׳ם ויכוח אין אונזער אייגען קליין שטעטעל. און איך מיין באמת, אז עס האט צושטערט מיין לעצטען אנהאלט אין שבתאי׳איזם. ווען איך קוק איצטער צוריק אויף דעם פונ׳ם ראנד פון מיין קבר, זעה איך ווי אלץ איז געשריבען אינ׳ם ספר הגורלות. ווייל ווען מיין פנינה וואלט נישט צוגענומען געווארען פון מיר, אדער ווען איך וואלט אנגענומען איינע פון די פיל טעבטער וואס איז מיר פארגעלייגט געווארען, אנשטאט איר, וואלט איך נישט געווען אזוי פריי אנצוהויבען די וואנדערונג צו מיין טייערען רבי׳ן, וועלכער האט באריכערט און געהייליגט מיין לעבען א סך מער ווי עס האט פארדינט.

אין אנהויב, אמת, האט מיך דער פארלוסט פון פנינה׳ן, צו וועלכער איך בין געווארען גאנץ צוגעבונדען — ווייל זי האט דרך ארץ געהאט פאר מיין לערנען און האט פארדינט אונזער ברויט און איז געווען אזוי פרום, אז זי איז מיין מאמען געפעלען — ארייגעווארפען אין א פינסטערען טרויער. מיין בענקשאפט נאך די לעבעדיגע וואסערען און די גרינע לאנקעס — וועלכע איז טיילווייז איינגעשטילט געווארען דורך פנינה׳ס ליבע ווען זי איז אויפגעוואקסען — האט אויפגעלעבט און איז געווארען ליידענ־שאפטליכער. איך האב געזוכט דערלייכטערונג אין מיינע אלטע קבלה׳שע לימודים, און האב ווידעראמאל אנגעהויבען פראווען תפילות, און האב אנגעהויבען טראכטען אויף עפעס אן אומקלארען אופן אז אצינד ווען איך האב א טייערען פריינד צווישען די טויטע, וועט זי מיר העלפען צו באהערשען די געטליכע סודות. אפטמאל האב איך ארויסגערופען איר געשטאלט, נאר ווען איך האב זי גע־וואלט ארומנעמען, איז זי פארשוואונדען, אזוי אז איך בין געבליבען אין צווייפעל צי איך האב דערגרייכט. איך האב געהאט ווילדע אנפאלען פון געוויין בייטאג און ביינאכט, נישט פון טרויער נאך פנינה׳ן, נאר ווייל עס האט זיך מיר עפעס אויסגעוויזען, אז איך האב געלעבט אין א גרויסער זאמדיגער מדבר. נאר אפילו ווען

איך וואָלט געוואוסט וואָס איך האָב געוואָלט, וואָלט איך אַלץ נישט געקענט עפענען מיין האַרץ פאַר מיין שווער (אין וועמענס הויז, אַ סך מיילען פון מיין היימיש שטעטל, איך האָב אַלץ געוואוינט), ווייל ער איז געווען אַ גוטער, פשוט'ער איד, וואָס האָט געהאָפט, אַז איך וועל מיט מיין רבנישען נאָמען אָנטאָן כבוד צו זיין פאַר־שטאָרבענער טאָכטער. איך האָב שוין טאַקע פון לאַנג געהאַט אַ סמיכה אויף רבנות און האָב בלויז געוואַרט אויף עפּעס אַ בכבוד'יגער שטעל.

אָבער קיין רב איז מיר קיינמאָל נישט באַשערט געווען צו זיין. ווייל דאַמאָלס איז עס דער ליכטיגער שאָטען פונ'ם בעל שם נעפאַלען אויף מיין לעבען.

II.

איינמאָל אין אַ ווינטער איז צו אונז אין שטעטעל אַריינגע־קומען אַ פרעמדער, וואָס האָט נישט אויסגעזעהן ווי קיין שנאָרער און נישט ווי קיין וואַנדערענדיגער מגיד. און פון דער קורצער צייט וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין בית המדרש, וואו איך בין געזעסען זינגענדיג איבער מיינע טרוקענע שיעורים, האָט ער אויך נישט אויסגעזעהן צו זיין קיין למדן. ער איז געווען אַ דאַרער, אויסגעמאָגערטער, קרענקליכער יונגערמאַן, נאָר זיינע אויגען האָבען געהאַט דאָס פייער פון אַ לייב, און זיין בליק איז געווען ווי פון אַ גאָט. ווען ער האָט גערעדט, האָט זיין קול אייך דורכגעשטאָכען, און ווען ער האָט געשוויגען האָט זיין אָנוועזענהייט אָנגעפילט די שטוב. פון אליפז דעם הענדלער (וועלכער האָט אַלץ געוואוסט אחוץ די תורה) האָב איך ענדליך אויסגעפונען, אַז ער איז געווען אַ משולח פון רב בער, דעם באַרימטען פירער ביי חסידים.

„די חסידים!" האָב איך אויסגערופען, „זיי זיינען אָפּגעשטאָר־בען מיט יהודה החסיד".

„ניין, דאָס איז אַ נייע חברה. האָסטו נישט געהערט וועגען בעל שם?"

דעם אמת, האָב איך פון צייט צו צייט געהערט אומבאַשטימטע קלאַנגען וועגען אַ נייעם צדיק אַ בעל מופת, וועלכען עס האָט זיך, ווייזט אויס, אַ סך בעסער איינגעגעבען מיט קבלה ווי מיר, און ער

האָט אפילו געהאַט חסידים, נאָר די נייע און אומקלאָרע באַוועגונג האָט נישט דערגרייכט אונזער פּאַרוואָרפן שטעטעל, וועלכעס איז איינגאַנצען געווען פאַרנומען מיט דעם אַלטען שבתאי צבי׳אישען ויכוח, און דערפאַר האָב איך בלויז געהאַט אַ טונקעלע אַנונג וועגען דעם. איך האָב עס געהאַלטען פאַר בעסער צו מאַכען זיך, אַז איך וויים אבסאָלוט גאָרנישט און אויף אַזאַ אופן אויסגעפינען עפּעס פונ׳ם הענדלער.

„דער בעל שם האָט דורך אַ סך תשובה אויסגעפונען גאָט׳ס נאָמען״, האָט ער געזאָגט. „און מיט דעם טוט ער וואָס ער וויל אויף דער ערד און אין הימעל, אַזוי אַז טיילמאָל קומט פאָר אַ צומישעניש אויף יענער וועלט״.

„און איז זיין נאָמען רב בער?״

„ניין, רב בער איז אַ איד אַ גרויסער למדן, וואָס איז צו־געשטאַנען צו אים, און וועמען ער האָט, צוזאַמען מיט אַנדערע גרויסע חסידים, אַריינגעפירט אין די סודות, אַזוי אַז זיי באַוויזען אויך איצטער מופתים. איך האָב מיך באַגעגענט מיט דעם יונגען־מאַן אויפ׳ן וועג, און ער האָט מיר דערציילט, אַז זיין סעקטע טייטשט דערפאַר אויס דעם פסוק תהילים: „שירו לה׳ שיר חדש, תהלתו בקהל חסידים״ אויף אַזאַ אופן: אַזוי ווי גאָט שטייגט אַריבער יעדעם ענדליכע וועזען, מוז זיין ליבּ אַריבערשטייגען דעם ליבּ פון יעדען אַזעלכען וועזען. ביז איצטער איז דער ליבּ צו אים באַשטאַנען פון צושרייבען אים נסים, און אַז ער ווייסט וואָס עס איז באַהאַלטען אין דער צוקונפט. אָבער אַזוי ווי איצינד קענען דאָס אַלע צדיקים צווישען די חסידים באַווייזען, איז שוין אין דער הינזיכט פון דעם איבערנאַטירליכען דער אַלמעכטיגער נישט העכער פון זיי — תהלתו בקהל חסידים, — און דערפאַר איז נויטיג פאַר אים צו געפינען עפּעס אַ נייע ליבּ — שירו לה׳ שיר חדש — וואָס פּאַסט בלויז צו אים אַליין״.

די כמעט גאָט־לעסטערישע דרייסטקייט פון דעם באַגריף, וועל־כע איז אין אַ געוויסען זין געגאַנגען אפילו ווייטער ווי די קבלה אָדער די שבתאי צבי׳ניקעס, האָט מיך איבערראַשט, אַזוי ווי די נייקייט פון דער אויסטייטשונג האָט מיך פאַרלאָקט.

„און אָט דער יונגערמאַן דאָ — קען ער פירען די אויבערשטע

און אונטערשטע וועלטען?"" האָב איך נייגעריג געפרעגט, אין זינען האָבענדיג מיינע אייגענע אומגליקליכע דורכפאַלען.

„אודאי, קען ער פירען די אונטערשטע וועלטען", האָט אליפז גענטפערט מיט אַ שמייכעל. „ווייל אויף דעם בין איך אַן עדות, ווען איך האָב אים געזעהן בשעת איך בין צוזאַמען מיט אים גע־שטאַנען אין אַ שטאָט אין אַ קהילה חסידים, וועלכע זיינען געווען ביי אים כחומר ביד היוצר, ווייל ער, זעהסטו, פאַרט פון אָרט צו אָרט, צו באַלערנען זיינע אונטערטאַנען אין דער חברה. די גבאים פון דער קהילה, בכבוד'ע אידען און למדנים, האָבען געציטערט ווי הינטלאך פאר אים. אַ גרויסער תלמיד חכם, וואָס האָט אים נישט געוואָלט אָננעמען, איז אזוי פאַרציטערט געוואָרען פון זיין שטרענ־גען בליק, אַז ער איז אריינגעפאַלען אין אַ שרעקליכען פיבער און איז געשטאָרבען, און ביי דעם בין איך אליין געווען אַן עדות".

„אָבער אין אונזער אָרט זיינען נישטאָ קיין חסידים", האָב איך געזאָגט, און האָב אליין געציטערט, האלב פון אויפרעגונג, האלב מיט צוגענויגטער שרעק. „וואָס קומט ער אהער דאָ צו טאָן?"

„עס זיינען אָבער יאָ דאָ חסידים, און עס ווערען זיין נאָך מער" — ער האָט פלוצלונג אָפגעהאַקט. „ניין, איך האָב גערעדט גלאַט אזוי".

„איר האָט געזאָגט דעם אמת", האָב איך שטרענג געזאָגט. „נאָר רעדט ווייטער — שרעקט זיך נישט פאר מיר".

„איר וועט אמאָל זיין אַ רב", האָט ער געזאָגט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

„איז וואָס זשע?"

„ווייסט איר נישט, אַז די רבנים קעמפען אומעטום מיט אלע כחות געגען דער נייער סעקטע, אַז זיי פארשעלטען זיי און לייגען זיי אריין אין חרם".

„פארוואָס?"

„איך ווייס נישט. די דאָזיגע זאכען זיינען צו הויך פאר מיר. אפשר דערפאר וואָס אַט דער רב בער האָט אויס:געשניטען די פיוטים פונ'ם סדור און ער דאַווענט לויט'ן נוסח ספרד".

„ניין", האָב איך געזאָגט לאַכענדיג. „ווען איר וואָלט נישט געווען אזא עולם הזה'ניק, וואָלט איר געוואוסט, אַז אויסצושניידען

איין שורה פון איין תפילה איז נענוג אז אלע רבנים זאלען זיך נעמען אייך ארייננצולייגען אין חרם".

„יא", האט ער געזאגט. „אבער איך ווייס אויך, אז אין געוויסע שטעט, וואו די חסידים האלטען גיין אויפשטייגען, ווארפען זיי אראפ זייערע רבנים און זעצען ארויף אויף זייער ארט א מנין פון רב בער'ס מענשען".

„אזוי! דאס זוכט עס דער יונגערמאן", האב איך געזאגט.

„דאס האב איך נישט געזאגט", האט דער הענדלער נערוועז געזאגט. „איך זאג אייך בלויז — כאטש איך האב גארנישט באדארפט זאגען — וואס דער יונגערמאן האט מיר געזאגט צו פארטרייבען די צייט אויפ'ן וועג.

„און אייך אריבערצוגעווינען", האב איך צוגעווארפען.

„ניין", האט אליפז געלאכט, „איך פיהל נישט קיין פארלאנג צו פולקאמענהייט, וואס דאס איז דער שפרוך פון אט די פיינע לייט".

ווען איך בין דאס אויף אזא אופן געווואר געווארען, איז מיר לייכט געווען צו אנטדעקען א באהאלטענע אסיפה פון חסידים (וועלכע איז באשטאנען פון דעם נויטיגען מנין, וואס די סעקטע האט, לויט דעם אלטען נוסח באטראכט פאר גענוג צו גרינדען א נייע קהלה) און צו באטראכטען די מיטגלידער פון דער געהיימער אסיפה ווען זיי זיינען אריין און ארויסגעגאנגען".

מיט טייל פון זיי האב איך פריוואט גערעדט, נאר כאטש איך האב זיי געטרייסט און האב זיי פארזיכערט, אז איך בין נישט געווען קיין שפיאן, נאר א נייגעריגער זוכער פונ'ם אמת, וועלכער האט נישט באגערט קיין גוואלדיגערע זאך ווי פולקאמענהייט, האבען זיי דאך ענטוועדער נישט געוואלט מיר איבערגעבען די אמת'ע סודות פון דער סעקטע, אדער זיי האבען נישט געהאט גענוג פארשטענדניש צו קענען מיר קלאר מאכען די ספעציעלע לערע. דאך זיינען זיי געווען וויליג צו ריידען וועגען דער פערזענליכקייט פונ'ם גרינדער, און איך וועל דא פארשרייבען די געשיכטע פון זיין לעבען ווי איך האב זי צוזאמענגעשטעלט אויסגעפונען פון די פשוטע חסידים. עס קען זיין אז אזוי ווי איך שרייב, וועט מיין פען נישט ווילענדיג צוגעבען עפיזאדען אדער פארבען, וואס האבען זיך שפעטער בא־

פעסטיגט אין מיין זכרון, אָבער לויט מיינע בעסטע כחות וועל איך דאָ פארשרייבען די געשיכטע, אזוי ווי מען האָט זי מיר דער־ציילט, און ווי מען פלעגט זי דאמאָלס דערציילען — ניין, וואָס זאָג איך? — אזוי ווי מען דערציילט זי איצט אין די חסידישע קהילות.

## III.

רב אליעזר, דעם בעל שם'ס פאָטער, האָט געלעבט אין דער מאָלדאווע, און אין זיינע יונגע יאָרען איז ער געכאפּט געוואָרען פון די טאטארען, נאָר זיין ווייב איז אנטלאָפען געוואָרען. מען האָט אים אוועקגענומען אין א ווייטער מדינה, וואו קיין איד האָט נישט געוואוינט, און ער איז פארקויפט געווארען צו א גראף. דערפאר וואָס ער איז געווען א געטרייער דינער, האָט ער אינגי־בען געפונען חן אין זיין האר'ס אויגען און איז געמאכט געוואָרען פאר אויפזעהער איבער זיין מאיאָנטעק. נאָר בסדר האָבענדיג אין זינען דעם גאָט פון ישראל, האָט ער געבעטען דעם גראף ער זאָל אים באפרייען פון ארבייט שבתים, וואָס דער גראף האָט אים, נישט פארשטייענדיג, נאָכגעגעבען. און דאָך איז דער רבי נישט געווען גליקליך. ער האָט זיך צוגעגרייט צו אנטלויפען, נאָר א זעהונג איז געקומען צו אים, וואָס האָט אים באפוילען צו פאר־ברענגען אביסעל לענגער מיט די טאטארען. דערנאָך האָט זיך אזוי געמאכט, אז דער גראף האָט פארלאנגט עפּעס א טובה פונ'ם וויצע־קעניג'ס בעל־יועץ, האָט ער אים אוועקגעגעבען דעם רבי'ן אלס באבאר.

רב אליעזר האָט אינגיכען געפונען חן אין זיין נייעם האר'ס אויגען. מען האָט אים געגעבען א באזונדער שטוב צו וואוינען, ער איז געווען פריי פון האנט־ארבעט, אויסער וואָס ווען דער בעל־יועץ איז אהיימגעקומען, האָט ער אים באדארפט אנטקעגענ־גיין מיט א שיסעל וואסער צו וואשען זיינע פיס, לויט דעם מנהג ביי די פריצים. דערפאר האָט רב אליעזר צייט געהאט צו דינען זיין גאָט.

עס איז געקומען א צייט, ווען דער קעניג האָט באדארפט גיין אין מלחמה אריין, האָט ער געשיקט נאָך דעם בעל־יועץ, נאָר

דער בעל־יועץ איז נישט אימשטאַנד געווען צו געבען קיין עצה צו דער זאַך, און דער קעניג האָט אים מיט כעס אוועקגעשיקט. ווען דער רבי איז אים אנטקעגנגעקומען מיט דער שיסעל וואַסער, האָט ער זי אין כעס איבערגעקערט מיט'ן פוס. אויף דעם האָט אים דער רבי געפרעגט, פאַרוואָס ער איז אַזוי נידערגעשלאָגען. דער בעל־יועץ האָט ווייטער געשוויגען, נאָר דער רבי איז צוגעשטאַנען, ביז דער בעל־יועץ האָט געעפענט פאַר אים זיין האַרץ.

„איך וועל בעטען גאָט", האָט רב אליעזר געזאָגט, „אַז דער ריכטיגער פּלאַן אַנצופירען די מלחמה זאָל מיר אַנטפּלעקט ווערען".

ווען זיין תפילה איז דערהערט געוואָרען, האָט ער איבערגעגעבען די עצה פון הימעל צו זיין האַר, וועלכער איז מיט פרייד אוועק צום קעניג. דער קעניג האָט זיך אויך דערפרייט מיט דעם פּלאַן.

„אַזאַ עצה קען נישט קומען פון קיין מענשען", האָט ער געזאָגט. „דאָס מוז קומען פון די ליפּען פון אַ כשופמאַכער".

„ניין", האָט דער בעל־יועץ געזאָגט, „מיין שקלאַף האָט עס אויסגעטראַכט דעם פּלאַן".

דער קעניג האָט באַלד געמאַכט דעם שקלאַף פאַר אַן אָפיציר אין זיין לייב־גוואַרדיע. אין אַ געוויסען טאָג האָט דער מאָנאַרך פאַרכאַפּט אַ פעסטונג מיט זיינע שיפען, נאָר די נאַכט איז צוגעפאַלען און ער האָט געזאָגט —

„עס איז צו שפּעט. מיר וועלען דאָ בלייבען איבער נאַכט, און מאָרגען וועלען מיר מאַכען די אַטאַקע".

אָבער דעם רבי'ן איז געזאָגט געוואָרען מן השמים אַז בייטאָג איז די פעסטונג כמעט נישט דורכצודרינגען. „שיק אויף דער פעסטונג גלייך", האָט ער געראַטען דעם קעניג, „אַ שיף פול מיט געפאַנגענע, וואָס זיינען פאַר'משפט צום טויט, און זאָג זיי צו, אַז דו וועסט זיי לאָזען לעבען אויב זיי וועלען פאַרכאַפּען די פעסטונג, ווייל אַזוי ווי זיי האָבען נישט וואָס צו פאַרלירען, זיינען זיי די איינציגע מענשען פאַר אַ פאַרלוירענער האָפנונג".

זיין עצה איז אָנגענומען געוואָרען און די פאַרצווייפעלטע האָבען צושטערט די פעסטונג. דאַן האָט דער קעניג געזעהן אַז דער רבי איז אַ גאָטליבער מענש, און ווען זיין וויצע־קעניג איז

געשטאָרבען, האָט ער אים באַשטימט אויף זיין פּלאַץ, און האָט אים חתונה געמאַכט מיט דעם פאַרשטאָרבענעם וויצע־קעניג'ס טאָכטער.

נאָר דער רבי, געדענקענדיג זיין חופּה וקידושין און זיין פליכט צו אידישקייט, האָט זי געמאַכט פאַר זיין ווייב בלויז אין נאָמען. איינמאָל, ווען זיי זיינען געזעסען ביים טיש צוזאַמען, האָט זי אים געפרעגט: „פאַרוואָס האַלטסטו זיך אַזוי דערווייטערט פון מיר?"

„שווער מיר", האָט ער געענטפערט, „אַז דו וועסט עס קיינמאָל קיין נשמה נישט דערציילען, וועסטו הערען דעם אמת".

ווען זי האָט אים צוגעזאָגט, האָט ער איר אויסגעזאָגט, אַז ער איז אַ איד. נאָך דעם האָט זי אים אין געהיים אַוועקגעשיקט, און האָט אים געגעבען גאָלד און בריליאַנטען, וואָס מען האָט אָבער ביי אים צוגערויבט אויפ'ן וועג אַהיים.

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט צו זיין גליקליך ווייב, וואָס כאָטש זי האָט אים געהאַלטען פאַר געשטאָרבען, האָט זי דאָך קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו טרויערען נאָך אים, האָט זיך אַ מלאך באַוויזען צו אים און האָט געזאָגט: „פאַר דיינע מעשים טובים און פאַר דיין פעסטער געטריישאַפט צום גאָט פון ישראל דורך אַלע דיינע צרות און נסיונות, וועסטו האָבען אַ זון, וואָס ער וועט זיין אַ ליכט צו באַלייכטען די אויגען פון גאַנץ ישראל. דערפאַר זאָל זיין נאָמען זיין ישראל, ווייל אין אים וועלען די ווערטער פון דער הייליגער שריפט מקוים ווערען! „דו ביזט מיין קנעכט ישראל און אין דיר וועל איך פאַרהערליכט ווערען".

נאָר דער רבי מיט זיין ווייב זיינען אַלץ עלטער און עלטער געוואָרען, און קיין זון איז ביי זיי נישט געבוירען געוואָרען. נאָר ווען זיי זיינען הונדערט יאָר אַלט געוואָרען, איז די פרוי פאַרנומען געוואָרען אין טראָגען און האָט געבוירען אַ זון, וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבען ישראל, און נאָכדעם האָט אים די וועלט געקענט אַלס דעם בעל שם. און דאָס איז געווען אין דעם מיטישען יאָר 5459, וואָס די אייגענשאַפטען פון די צאָלען זיינען איבער־וואונדערליך, ווייל די פינף וואָס איז דער סימבאָל פונ'ם פינפעק, איז דער שליסעל פונ'ם גאַנצען, און קומט אויך פון אַראָפּנעמען די ערשטע צוויי פון די לעצטע צוויי, און אַזוי ווי די ערשטע

גע'כפל'ט דורך דער דריטער איז די ווינקעלמאָס פון פינף, אזוי איז די צווייטע, גע'כפל'ט דורך דער פערטער, די ווינקעלמאָס פון זעקס, און פונקט אזוי איז די ערשטע צוזאַמענגעלייגט מיט דער דריטער — צען, וואָס דאָס באַטייט די עשרת הדברות, און די צווייטע מיט דער פערטער איז דרייצען, וואָס דאָס זיינען די שלשה עשר עיקרים. און אפילו לויט די קריסטען, וועלכע רעכענען דאָס יאָר אַלס 1700, איז עס דער אָנהויב פון אַ נייער צייט.

דעם קינד'ס מוטער איז געשטאָרבען אינגיכען נאָכדעם ווי עס איז אנטוועהנט געוואָרען, און רבי אליעזר'ן האָט נישט גענומען לאַנג איר נאָכצוגיין אין קבר אריין. אויף זיין טויטענבעט האָט ער גענומען דאָס קינד אין זיינע אָרעמס און האָט אים געבענשט מיט די ווערטער: „כאָטש עס איז מיר נישט באַשערט די ברכה דיך מגדל צו זיין, זאָלסטו אָבער אַלעמאָל דענקען אָן גאָט, און האָב נישט קיין מורא, ווייל ער וועט אייביג זיין מיט דיר". ווען ער האָט דאָס אָפּגעזאָגט, איז אים די נשמה אויסגעגאַנגען.

דאַמאָלס האָבען די אידען פון אוקאָפּ, אין בוקאָווינע, וואו דער בעל שם איז געבוירען געוואָרען, כאָטש זיי האָבען גאָרנישט געוואוסט פון זיין ליכטיגען גורל, זיך דאָך געזאָרגט ארום אים צוליב זיין חשוב'ען פאָטער. זיי האָבען פאר אים געדונגען אַ מלמד צו לערנען מיט אים תורה, נאָר כאָטש ער האָט אין אָנהויב, ווי עס האָט אויסגעוויזען, זיך זייער גרינג געלערנט, פלעגט ער זיך אָפּט אוועק'גנב'ענען אין וואַלד אריין ביים שטעטעל, און דאָרטען פלעגט אים זיין מלמד געפינען נאָך אַ לאַנגען זוכען, ווי ער איז אָן מורא געזעסען אונטער זון־דורכגעזופּטע בלעטער. עס האָט זיך אזוי שטאַרק ארויסגעוויזען, אַז ער האָט נישט ליב געהאַט דאָס געוויינליכע לערנען אין הויז, אַז מען האָט אים סוף כל סוף געהאַלטען פאר אַ נאַר, און מען האָט אים ערלויבט צו גיין אויף זיינע אייגענע פּאַרדרייטע וועגען. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז די גייסטער פון הימעל זיינען געווען זיינע לערער.

ווען ער איז עלטער געוואָרען, האָט מען אים געגעבען אַ שטעל אַלס באַהעלפער צום מלמד, אָבער ער האָט נישט באַדאַרפט לערנען מיט קיין קינדער — ווי אזוי קען אזא אומוויסענדיגער בתור נאָך אנדערע לערנען? — נאָר צו פירען די קינדער פון

זייערע הײמען אין שול אַרײַן און פֿון דאָרט אין חדר אַרײַן. אויפֿ'ן וועג האָט ער זיי געלערענט זמירות, וואָס ער האָט פֿאַר־פּאַסט און מיט זיי געזונגען, און די זיסע קולות פֿון די קינדער האָבען דערגרייכט דעם הימעל. און גאָט האָט הנאה געהאַט פֿון זיי, אַזוי ווי פֿון דעם געזאַנג פֿון די לוִיִים אין בית המקדש, און יעדער אין הימעל האָט הנאה געהאַט. נאָר דער שטן, מורא האָ־בענדיג אַז זיין מאַכט אויף דער ערד וועט דורכדעם געמינערט ווע־רען, האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ וואָלף, וואָס פֿלעגט זיך באַווײַ־זען פֿאַר דער שערענגע קינדערלאַך און זיי געמאַכט אַנטלויפֿען. די עלטערען האָבען דערנאָך געהאַלטען די קינדערלאַך אין דערהיים, און די תפילה־געזאַנגען זיינען אַנטשוויגען געוואָרען. נאָר ישראל, געדענקענדיג זיין גוטס'דיגען פֿאָטער'ס עצה, האָט איינגערעדט די עלטערען אים נאָכאַמאָל צו פֿאַרטרויען די קינדער. און ווידער האָט זיך דער וואָלף אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף די זינגענדיגע קינדער, אָבער ישראל האָט אים פֿאַרטריבען מיט זיין שטעקען.

אין זיין פֿערצענטען יאָר איז דער מכלומרשט נישט־געלערנטער ישראל באַשטימט געוואָרען פֿאַר שמש אין בית המדרש, וואו די לערנער האָבען אים געהאַלטען פֿאַר דעם געוויינליכען עם הארץ, וואָס „לייגט אוים נח מיט זיבען גרייזען". ער פֿלעגט אַרומגיין איבער דער שול אַ גאַנצען טאָג פֿאַר'חלומט און באַקומען אַ נייעם נאָמען אַלס אַ פֿוילער. נאָר ביינאַכט, ווען דאָס בית המדרש איז געווען ליידיג און די לערנער זיינען געשלאָפֿען, האָט ישראל אַראָפּ־גענומען די ספֿרים. אַ גאַנצע לאַנגע נאַכט איז ער געזעסען איבער די הייליגע ווערטער. האָט זיך איינמאָל געטראָפֿען, אַז אין אַ ווייטער שטאָט האָט אַ צדיק רב אדם, וועלכער האָט פֿאַרמאָגט כתבים פֿון הימעל (וועלכע זיינען פֿריהער אַנטפּלעקט געוואָרען בלויז צו אברהם אבינו און יהושע בן נון) געזאָגט אויפֿ'ן טויטען־בעט צו זיין זון, אַז ער איז נישט ווערט זיי צו ירשענען, נאָר אַז ער דאַרף גיין אין דער שטאָט אוקאָפּ און זיי איבערגעבען צו אַ געוויסען מאַן מיט דעם נאָמען ישראל, וועלכען ער וועט דאָרט געפֿינען, און וועלכער וועט אים לערנען אויב ער וועט עס ווערט זיין. נאָך זיין פֿאָטער'ס טויט איז דער זון ווי געהעריג אַוועק־

געפאָרען קיין אוקאָפּ און איינגעשטאַנען מיט דעם פּרנס פון שול, וועלכער האָט אים איינמאָל געפרעגט דעם צוועק פון זיין קומען.

„איך זוך מיר אַ ווייב", האָט ער געזאָגט.

באַלד האָט מען אים גערעדט אַ סך שידוכים, און ער האָט צום סוף איינגעשטימט חתונה צו האָבען מיט אַ גביר'ס טאָכטער. נאָך דער חתונה האָט ער ווייטער געזוכט דעם יורש צו די הייליגע כתבים, און ווען ער האָט דערזעהן דעם שמש פון בית המדרש, האָט ער באַשלאָסען, אַז דאָס מוז זיין דער מענש. ער האָט באַוואויגען זיין שווער צו האָבען אַן אָרט אָפּגעצוימט אין בית המדרש, וואו ער זאָל קענען אַליין לערנען און צוצונעמען דעם שמש, אַז ער זאָל לערנען מיט אים.

נאָר ווען דער לערנער איז איינגעשלאָפען, האָט ישראל אָנגעהויבען צו לערנען ווי ער איז געוויינליך געוואוינט געווען. און ווען ער איז איינגעשלאָפען האָט זיין תלמיד גענומען אַ בלאַט פון דעם סודות'דיגען כתב יד און עס אוועקגעלייגט נעבען אים. ווען ישראל האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערזעהן דאָס בלאַט, איז ער געווען זייער גערירט און האָט עס באַהאַלטען. צומאָרגענס האָט דער מאַן ווידער אוועקגעלייגט אַ בלאַט נעבען דעם שלאָפענדיגען ישראל, וועלכער האָט עס ווידער באַהאַלטען ווען ער האָט אויפגעוואכט. דאמאָלס איז דער מאַן געווען איבערצייגט, אַז ער האָט געפונען דעם יורש פון די הייליגע סודות, און ער האָט אים דערציילט די גאַנצע מעשה און אים פאַרגעלייגט אַלע כתבים בתנאי אַז ישראל זאָל ווערען זיין רבי. ישראל האָט צוגעשטימט, בתנאי אַז ער זאָל פאַר דער וועלט בלייבען זיין שמש אַזוי ווי פריהער, און אַז זיינע הימלישע סודות זאָלען נישט פאַרשפּרייט ווערען.

דער מאַן האָט איצט געבעטען זיין שווער, אַז ער זאָל אים געבען אַ שטוב אויסער דער שטאָט, ווייל זיינע לימודים האָבען פאַרלאַנגט נאָך מער אָפּגעזונדערטקייט. ער דאַרף קיינעם נישט חוץ ישראל'ן אים צו באַדינען. זיין שווער האָט אים געגעבען אַלץ וואָס ער ער האָט פאַרלאַנגט, און האָט זיך געפרייט וואָס ער האָט געפונען אַזאַ למדן אַן איידעם. און אַזוי ווי זייערע געהיימע לימודים זיינען טיפער געוואָרען, האָט דער תלמיד געבעטען דעם רבי'ן אַז

ער זאָל אראָפּברענגען דעם מלאך הגדול אז ער זאָל מיט אים לערנען. נאָר רבי ישראל האָט דאָס אים אויסגערעדט און אים ערקלערט, אַז די תפילה איז זייער אַ געפערליכע, דער גרינגסטער טעות קען ברענגען צו אומקום. אַ צייט שפּעטער האָט זיך דער מאַן ווידער געווענדט מיט דער אייגענער בקשה, און דער רבי האָט אים נאָכגעגעבען.ביידע האָבען געפאַסט פון איין סוף וואָך צום אַנדערען און האָבען זיך גערייניגט, און דערנאָך זיינען זיי דורכגעגאַנגען די גאַנצע צערעמאָניע פון רופען דעם מלאך הגדול פון דער תורה, נאָר אין דער געפערליכסטער רגע פון דער תפילה האָט רב ישראל אויסגערופען: „מיר האָבען געמאַכט אַ טעות. אַנשטאָט אים קומט דער מלאך האש. ער וועט פאַרברענען די שטאָט. לויף און זאָג אָן די מענשען צו פאַרלאָזען זייערע הייזער און צו פאַרכאַפּען זייערע טייערסטע זאַכען".

אויף אַזאַ מין אופן איז רבי ישראל'ס תלמיד געוואָרען אַ חשוב אין שטאָט, ווייל אַ סך האָבען אים באַטראַכט פאַר אַ מענש פון נסים און דעם רעטער פון זייערע לעבענס און אוצרות. אָבער ער האָט נאָך אַלץ באַגערט דעם מלאך הגדול פון דער תורה, און ער האָט ווידער באַוואוינען רב ישראל'ן אים אַרויסצורופען. זיי האָבען זיך ווידער גערייניגט און זיך צוגעגרייט, נאָר רב ישראל האָט אויסגערופען:

„ווי! מען האָט אויף אונז גזר געווען דעם טויט, סיידען מיר זאָלען היינט בלייבען וואַך אַ גאַנצע נאַכט".

זיי זיינען געזעסען און זיך איינער דעם אַנדערען געהיט נישט איינצושלאָפען, נאָר ענדליך, פאַרטאָג צו, האָבען זיך דעם פאַרמשפּט'ן מענשען'ס ברעמען פאַרמאַכט, און ער איז אַריינגעפאַלען אין יענעם שלאָף פון וועלכען מען וואַכט שוין נישט אויף.

אַזוי איז דער בעל שם אַוועק פון דאָרט און האָט זיך באַזעצט אין אַ קליין שטעטעל נעבען בראָד, און אוים ליבשאַפט צו קליינוואַרג, איז ער געוואָרען אַ מלמד צו קינדערלאַך. זיין שכירות איז געווען קליין און קנאַפּ זיין שפּייז, און די שטוב, אין וועלכער ער האָט געוואוינט, האָט ער זיך בלויז געקענט פאַרגינען, ווייל די רוחות האָבען דאָרט געוואוינט. ווען דער בעל שם האָט זיך

אהין ארייגגעצויגען, האָט דער באַלעבאָס, ארייגקוקענדיג קוים פון דער שוועל, געזעהן ווי אַ ריזיגער קאָזאַק האָט זיך אָנגעשפּארט ביים אויוען, נאָר ווען דער נייער איינוואוינער האָט זיך דערנעג־טערט, איז די געשטאַלט פונ'ם קאָזאַק ביסלאַכווייז פאַרשוואונדען, ביז דער קאַרליק איז אינגאַנצען נישט געוואָרען.

באַטש ישראל האָט זיך נאָך נישט אַנטפּלעקט, ווייל ער איז געווען פאַרנומען אין קעמפען מיט די געטליכע סודות, און אזוי ווי ער האָט געגעבען אַ שבועה אין די הויכע עולמות נישט צו נוצען די מאַכט פונ'ם שם איידער ער וועט אַלט ווערען פערציג יאָר אָן פיער, און כאָטש אויסערליך איז ער געווען געקליידט אין גראָבע מלבושים און צוריסענע שטיוועל, האָבען דאָך אַלע מענשען פון שטעטעל געפילט די ריינקייט און רעכטפאַרטיגקייט וואָס האָט אזוי ווי ארויסגעשטראַלט פון אים. מען האָט אים געזען זיך טובל זיין אַ סך אָפטער ווי עס איז געווען דער מנהג, און בשעת אַ ויכוח איז מען געקומען צו אים ער זאָל באַשליסען, און דער וואָס האָט פאַרלוירען איז אפילו קיינמאָל נישט געווען אומצופרידען מיט זיין באַשלוס. ווען עס איז נישט געווען קיין רעגען און די גוים זיינען געגאַנגען אין אַ הייליגער פּראָצעסיע, און די גלחים האָבען געטראָגען זייערע געטער, און אַלץ אומזיסט, האָט ישראל געזאָגט דעם רבי'ן צו פאַרזאַמלען די אידישע קהילה אין שול אויף אַ טאָג פון תענית און תפילה. די גוים האָבען זיי געפרעגט, פאַר־וואָס זיי האָבען אזוי לאַנג געדאַווענט יענעם טאָג, און ווען מען האָט זיי געזאָגט, האָבען זיי מיט חוזק געלאַכט. „וואָס! אייער גאָט קען עפּעס העלפען ווען מיר האָבען געמאַכט אַ פּראָצעסיע אומזיסט?" אָבער יענעם טאָג האָט גערעגענט.

און אזוי איז ישראל'ס נאָמען געוואַקסען און האָט דערגרייכט געוויסע מענשען אפילו אין בראָד.

איינמאָל האָט זיך אין דער גרויסער למדנ'ישער שטאָט גע־מאַכט אַ סכסוך צווישען דעם למדן רב אברהם מיט אַ אידען, און דער איד האָט אים איבערגערעדט, אַז זיי זאָלען פאָרען צו רב ישראל'ן אויסצוגלייכען זיך. ווען זיי זיינען געקומען פאַר אים, האָט דער בעל שם געוואוסט פון הימעל, אַז רב אברהם'ס טאָכטער וועט זיין זיין ווייב. ער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט, נאָר ארויס־

געגעבען אַ גערעכטען פּסק דין, לויט דעם רמב"ם. דער רבי איז געווען אַזוי צופרידען מיט דעם פרעמדען'ם למדנות, אַז ער האָט זיך אָנגערופען:

„איך האָב אַ טאָכטער אַ גרושה. איך וואָלט חשק געהאַט, אַז דו זאָלסט מיט איר חתונה האָבען".

„איך ווינש מיר נישט קיין בעסערס", האָט דער בעל שם געזאָגט, „ווייל איך ווייס, אַז זי האָט אַן איידעלע נשמה. אָבער איך מוז עס שטעלען פאַר אַ באַדינג, אַז אין דעם קבלת קנין טאָרען צו מיין נאָמען נישט צוגעשטעלט ווערען קיין שום טיטלען. עס דאַרף זיין פּשוט ישראל בן אליעזר".

אויפ'ן וועג צוריק קיין בראָד איז רב אברהם געשטאָרבען. איצט איז זיין זון, רבי גרשון, געוואָרען דער ראש בית דין און אַ באַרימטער למדן. און ווען ער האָט געפונען צווישען די פּאַפּירען פון זיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער אַ כתב, אַז זיין שוועסטער דאַרף חתונה האָבען מיט אַ מאַן וואָס האָט נישט קיין שום רבנישען טיטעל, איז ער נבהל ונשתומם געוואָרען.

ער האָט גערופען זיין שוועסטער צו זיך: „ווייסטו, אַז דו ביזט ווידער פאַר'קנסט? האָט ער זי געפרעגט.

„ניין", האָט זי געענטפערט. „ווי אַזוי דען?"

„אונזער פאָטער, עליו השלום, האָט דיך פאַר'קנסט צו איינעם ישראל בן אליעזר".

„אַזוי? מוז איך דאָך מיט אים חתונה האָבען".

„מיט אים חתונה האָבען? אָבער ווער איז דער ישראל?"

„פון וואַנען זאָל איך וויסען?"

אָבער ער איז אַן עם הארץ. ער האָט נישט קיין שום חשוב'ען טיטעל".

„וואָס אונזער פאָטער האָט געטאָן איז רעכט".

„וואָס?" האָט זיך דער באַליידיגטער ברודער געקאָכט. „דו, מיין שוועסטער, פון אַזאַ חשוב'ער משפּחה, וואָס דו קענסט אויסקלייבען פון די גרעסטע למדנים, וועסט חתונה האָבען אַזוי ווייט אונטער דיין כבוד?"

„אַזוי האָט מיין טאַטע געוואָלט".

„נו, אַ דאַנק דעם הימעל, דו וועסט קיינמאָל נישט אויסגעפינען ווער און וואו אַט דער עם הארץ ישראל איז".

„עס איז דאָ אַ טאָג אין חודש אויף דעם קבלת קנין", האָט די שוועסטער רוהיג געזאָגט. „אין דער באַשטימטער צייט וועט מיין מאַן קומען און מיך פאָדערען".

ווען דער באַשטימטער חופה־טאָג האָט זיך דערנענטערט, האָט דער בעל שם געלאָזט וויסען די מענשען פון זיין שטאָט, אַז ער גייט זיי פארלאָזען. זיי האָבען אים געבעטען צו בלייבען מיט זייערע קינדער און אים פאָרגעשלאָגען העכערע שכירות. נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט און האָט פארלאָזען דאָס אָרט. און ווען ער איז געקומען נאָענט פון בראָד, האָט ער זיך פארשטעלט פאר אַ פויער, אין אַ קורץ רעקעל און ווייסען גארטעל. און ער האָט זיך באַוויזען ביי דער טיר פונ'ם בית דין ווען רב גרשון האָט געהאַלטען אין באַשליסען אַ הויכען ענין. ווען דער דין האָט אים דערזען, האָט ער גערעכענט, אַז דאָס איז אַן אָרימאַן וואָס זוכט אַ נדבה. אָבער דער פויער האָט געזאָגט, אַז ער האָט אים צו אַנטפּלעקען אַ סוד. דער דין האָט אים אריינגענומען אין אַ צווייטער שטוב, וואו ישראל האָט אים געוויזען אַ קאָפּיע פון דעם קבלת קנין. רבי גרשון איז אַהיימגעגאַנגען אַן אויפגערעגטער און האָט אָנגעזאָגט זיין שוועסטער, אַז דער חתן, וואָס פאָדערט זי, איז געקומען. „וואָס אונזער פאָטער עליו השלום האָט געטאָן איז רעכט", האָט זי געענטפערט. „אפשר וועלען פרומע קינדער ארויסשפּראָצען פון דעם שידוך". רבי גרשון, וועמען דער אומכבוד פון דער משפחה האָט נאָך אַליץ וויי געטאָן, האָט אָן חשק באַשטימט דעם חופה־טאָג. פאר דער חופה האָט זיך ישראל בסוד געזען מיט זיין כלה און האָט זיך אַנטפּלעקט פאר איר און זיין שליחות צו איר.

„אַ סך שוועריגקייטען וועלען מיר איבערטראָגען צוזאַמען, אָרים וועט זיין אונזער וואוינונג, און מיט'ן שווייס פון אונזער אָנגעזיכט וועלען מיר פארדינען אונזער ברויט. דו, וואָס דו ביזט די טאָכטער פון אַ גרויסען צדיק, און אויפגעצויגען אין עשירות, האָסטו געגוג קראַפט זיך אַנטקעגענצושטעלען אַזאַ צוקונפט מיט מיר?"

„איך פאָדער נישט קיין בעסערס", האָט זי געענטפערט. „איך

האָב געהאַט צוטרוי אין מיין פאַטער'ס משפט, און איצטער בין איך באַלוינט".

דעם בעל שם'ס קול האָט געציטערט פון צערטליכקייט. „גאָט זאָל דיך בענשען", האָט ער געזאָגט. „אונזערע צרות וועלען בלויז נעמען א צייט".

נאָך דער חתונה האָט רבי גרשון געוואָלט לערנען זיין נייעם שוואָגער, וועלכער האָט פארשטייט זיך, באַזעצט זיך אין זיין הויז. נאָר דער בעל שם האָט זיך געמאַכט, אַז עס איז אים שווער צו פאַרשטיין און נאָך א צייט איז דער רין אין פאַרצווייפלונג אוועק מיט שטורעם צו זיין שוועסטער און האָט אויסגעשריען: „זע וואָס פאַר א שאַנד און חרפה עס ליגט אויף אונז דורך דיין מאַן וואָס ער פלפול'ט זיך ווי אַן עם הארץ געגען אונזערע חשוב'סטע רבנים. איך קען לענגער דעם אומכבוד נישט אריבערטראָגען. הער זשע, שוועסטער מיינע, איך גיב דיר אויסצוקלייבען — ענטוועדער דו וועסט דיך גט'ן מיט אָט דעם עם הארץ אָדער דו וועסט מיך לאָזען דיר קויפען א פערד און וואָגען און איר זאָלט זיך ביידע איינפאַקען די זאַכען און אוועק פון דאַנען".

„מיר וועלען אוועקגיין", האָט זי אים פשוט געזאָגט.

זיי האָבען זיך געשלעפּט אין זייער וואָגען ביז זיי זיינען געקומען וויט פון אידען און אפילו פאַרוואָרפען פון מענשען. און דאָרט אויף אַן איינזאַם שטיקעל אָרט, אויף איינעם פון די זייטען־בערג פון די קאַרפּאַטען, וואָס איז געווען געלעכערט פון היילען און געדיכט פון בוימער, האָט זיך דאָס פּאָרל געמאַכט זיין היים. דאָ האָט זיך ישראל אָפּגעגעבען צו תפילה און מחשבות. פאַר פרנסה האָט ער געגראָבען קאַלך אין די גריבער, און זיין ווייב האָט עס גענומען אין פערד און וואָגען, און האָט עס פאַרקויפט אין דער נאָענטסטער שטאָט און צוריקגעבראַכט מעל. ווען דער בעל שם האָט נישט געפאַסט, וואָס דאָס איז געווען זעלטען, האָט ער געמישט זיין מעל מיט וואַסער און ערד, און האָט עס געבאַקען אין דער זון. דאָס איז געווען זיין איינציגע שפּייז. וואָס נאָך האָט ער דען באַדאַרפט — ער, וואָס זיין גרעסטע פרייד איז געווען צו פּראַווען די הייליגע טבילות אין די בערג־וואַסערען, אָדער אַרויפצוקלעטערען אויף די שפּיצען פון די בערג און אַרומצואַוואַנדערען פאַרהילט אין מחשבות

וועגען גאָט. איינמאָל האָבען איִם די גזלנים וואָס האָבען געלויערט אין די הייל‎ען דערזען זיך דערנענטערען צו אַן אָפּגרונט, מיט זיין באַגייסטערטען בליק צום הימעל. זיי האָבען גערופען צו איִם, אָבער זיינע אויערען זיינען געווען פאַרנומען מיט די הימלישע מזמורים. זיי האָבען פאַרכאַפּט דעם אָטעם וואַרטענדיג אַז ער וועט אַראָפּפאַלען און צושמעטערט ווערען אויף שטיק. אָבער דער אַנטקעגענדיגער באַרג איז געקומען צו איִם. דערנאָך האָבען זיך די צוויי בערג צו־שיידט, און זיך ווידער פאַראייניגט ווען ער האָט באַדאַרפט צוריק־גיין. נאָך דעם האָבען איִם די גזלנים פאַרגעטערט אַלס אַ הייליגען מענש, און זיי אפילו פלעגען קומען צו איִם מיט זייערע טענות. און דער בעל שם האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון צו דינען זיי, — „ווייל", האָט ער געזאָגט, „אפילו צווישען די אומגערעכטע מוז גערעכטיג־קייט הערשען". נאָר איינער פון דער באַנדע, וואָס דער בעל שם האָט אַרויסגעגעבען אַ פּסק געגען איִם, האָט איִם געוואָלט שעכ־טען ווען ער איז געשלאָפען. אַן אומגעזעענע האַנט האָט אָפּגע־האַלטען די האַק, ווען זי איז געווען אויפגעהויבען צו דערלאַנגען דעם טויטענקלאַפּ, און האָט גוט אָנגעקלאַפּט דעם אויסוואורף, ביז ער איז אַוועקגעפאַלען באַדעקט מיט בלוט.

אַזוי זיינען פאַרביי זיבען יאָר פון אַרבעט און גייסטיגער זע־אונג און דער בעל שם האָט זיך אויסגעלערענט דאָס לשון פון די פייגעל און חיות אוןביימער, און די היילענדיגע אייגענשאַפטען פון קרייטעכצער און הייל־גראָזען. און ער האָט אויסגעלייזט נשמות וואָס האָבען פאַר זייערע זינד געמוזט אַריין אין זשאַבעס, זשאַב־קעלעך און עקעלהאַפטע באַשעפענישען פון די בערג.

נאָר צום סוף האָט ר' גרשונ'ען באַנג געטון פאַר זיין שוועס־טער, און האָט חרטה געהאַט אויף זיין האַרבקייט. ער האָט אויפ־געזוכט די אומבאַצווינגבאַרע פּאָר, און האָט זיי צוריקגעבראַכט קיין בראָד, און האָט זיי באַזעצט אין אַ דירה נעבען זיך, און האָט גע־מאַכט דעם בעל שם פאַר זיין בעל עגלה. אָבער ער איז זיין שוואָ־גער איינגיכען ווידער דערעסען געוואָרען, ווייל איינמאָל, ווען זיי זיינען געפאָרען צוזאַמען, און רב גרשון איז איינגעשלאָפען, האָט דער בעל שם, וואָס זיינע מחשבות זיינען געווען אין די עולמות העליונים, געלאָזט די פור זיך אַריינוואַקלען אין אַ גרוב. „דער

מענש טויג נישט פאר'ן הימעל און נישט פאר דער ערד", האט רב גרשון אויסגערופען.

ער האט ווידער געבעטען זיין שוועסטער, אז זי זאל ארויסקריגען א גט, אבער זי איז געבליבען פעסט ביי זיך און האט געשוויגען. אין פארצווייפלונג האט רב גרשון געפרעגט ביי זיינעם א פריינט, רבי מקטיור, ער זאל נעמען ישראל'ן צו א משוגענער, וועלכע פלעגט זאגען מענשען זייערע גוטע און שלעכטע מדות, און ער האט געמיינט, אז איר אויסזידלען וועט האבען א ווירקונג אויף זיין אומגעלומפערטען שוואגער. די אויפנאמס־שטוב פון דעם משוגענעם באשעפעניש איז געווען געפאקט, און, אזוי ווי יעדער באזוכער איז אריינגעקומען, איז א קול אראפ פון אירע ליפען, וואס האט אים באגריסט לויט זיינע אייגענשאפטען. ווען רבי מקטיור איז אריינגעקומען, האט זי אויסגעשריען: „ווילקאמען, הייליגער און ריינער", און דאס אייגענע צו א סך אנדערע. דער בעל שם איז אריינגעקומען דער לעצטער. „ווילקאמען, רבי ישראל", האט דאס קול אויסגערופען, „דו מיינסט אז איך האב מורא פאר דיר, אבער איך האב פאר דיר קיין מורא נישט. ווייל איך ווייס אויף זיכער, אז דו ביזט איינגעשוואוירען אין הימעל נישט צו באנוצען דעם שם פאר דיין זעקס־און־דרייסיגסטען יאר".

„פון וואס רעדסטו?" האבען די מענשען געפרעגט מיט דערשטוינונג.

דאן האט די פרוי איבערגע'חזר'ט וואס זי האט געזאגט, אבער די מענשען האבען זי נישט פארשטאנען. און זי האט ווייטער איבערגע'חזר'ט די ווערטער. צום סוף האט איר רבי ישראל שארף אויסגערעדט.

„שווייג, אדער איך וועל באשטימען א בית־דין וואס וועלען מיך באמעכטיגען דיך ארויסצוטרייבען פון דער פרוי. דערפאר פאדער איך פון דיר, אז דו זאלסט ארויס פון דער פרוי מיט דיין אייגענעם גוטען ווילען, און מיר וועלען מתפלל זיין פאר דיר."

האט דער גייסט צוגעזאגט ארויסצוגיין.

דאן האט דער בעל שם געזאגט: „ווער ביזטו?"

„איך קען דיר איצט נישט זאגען," האט דער גייסט געענטפערט.

„עס וועט פאַרשעמען מיינע קינדער וואָס געפינען זיך דאָ אין דער שטוב. אויב זיי וועלען אוועק, וועל איך דיר זאָגען".

אויף דעם זיינען אַלע מענשען גיך ארוים און האָבען פאַרשפּרייט די נייעס, אַז ישראל קען ארויסטרייבען דבוקים. דער דרך־ארץ פאַר אים איז געוואַקסען, אָבער רבי גרשון האָט נישט געגלויבט, און האָט געזאָגט אַז אַזעלכע זאַכען קען נאָר טאָן אַ צדיק. און ווען ער האָט ווידער פאַרלוירען זיין געדולד מיט דעם עם הארצ'ישען אַנשיקעניש אויף זיין בכבוד'יג הויז, האָט ער געקויפט זיין שוועסטער אַ קליינע קרעטשמע אין אַ דאָרף, ווייט אוועק ביים ראַנד פון אַ וואַלד. אין דער צייט וואָס זיין ווייב האָט געפירט די קרעטשמע, האָט זיך דער בעל שם געבויט אַ כאַטע אין וואַלד און איז דאָרט אוועק לערנען תורה יום ולילה. בלויז שבת איז ער ארויסגעגאַנגען, אַנגעטאָן אין ווייסען, און האָט זיך אַ סך מאָל טובל געווען, ווי עס פאַסט פאַר די ריינע און הייליגע.

דאָ האָט ער עס דערגרייכט זיין זעקס־און־דרייסיגסט יאָר, אָבער ער האָט זיך נאָך אַלץ נישט אַנטפּלעקט, ווייל ער האָט נישט געענדיגט לאַנג געטראַכט און האָט נישט אויסגעפונען זיינע ערשטע שליחים. נאָר אין זיין צוויי־און־פערציגסטען יאָר האָט ער אָנגעהויבען פריי צו ריידען און צונויפזאַמלען תלמידים, ארומוואַנדערענדיג איבער פּאָדאָליע און די וואָלאַכיי, און לערנענדיג אַנדערע דורך שמועסען און משלים, אריבערגייענדיג טייכען איבער זיין מאַנטעל וואָס ער האָט אויסגעשפּרייט איבער'ן וואַסער, און ער האָט אויסגעהיט זיינע תלמידים פון פאַרפרוירען ווערען אין די ווינטערדיגע פרעסט דורך אָנרירען די בוימער מיט זיינע פינגער־שפּיצען, אַזוי אַז זיי האָבען געברענט און זיינען נישט פאַרברענט געוואָרען.

און איצט איז ער געוואָרען דער הויפּט פון אַ מעכטיגער סעקטע, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אומעטום, און דער קאָפּ פון אַ חדר פון נביאים און בעלי מופתים, ווען ער האָט אַנטפּלעקט דעם סוד פונ'ם שם.

## IV.

אַזאַ אויסטערלישע און וואונדערליכע מעשה, אַזוי פול מיט קליינינקע איינצעלהייטען, און דאָס וואָס מיינע קאַבאַליסטישע שטו־

דיען האבען מיך צוגעגרייט פאר דעם מעגליכען אמת פון דער מעשה, האט ווידער אויפגעוועקט אין מיר די אייביגע טליענדיגע האפענונג צו ווערען א ידען אין די טראדיציאנעלע מנהגים פון אונזער פאלק. פארוואס זאל איך נישט, אזוי ווי אנדערע רבנים, האבען דעם שליטעל צו די וועלטען? פארוואס זאל איך אויך נישט צוגרייטען פרייטאג א פיין פעט קעלבעל און עסען עס צו דער סעודת שבת? אדער באשאפען א גולם און א נשמה מיך צו באדינען? צוליב די פיינקייטען פון דער גמרא האב איך געגוג לאנג ארומגעוואנדערט אין א בלענדעניש. איך וואלט ארויסגעגאנגען זוכען ליכט. איך וועל אנגורטען מיינע לענדען און נעמען מיין שטעקען אין האנט אריין און זוכען דעם קוואל פון חכמה, דעם גרויסען בעל שם אליין. איך וועל פאלען צו זיינע פיס און אים בעטען מיך אויפצונעמען צווישען זיינע תלמידים.

פארען איז געווען גרינג: אין יעדער שטאט א בית המדרש וואוהין דער וואנדערער גייט דאס ערשטע אריין. אין יעדער שטאט מכנסי אורחים וואס ועלען א למדן ווי מיר געבען א דירה און קעסט, און וועלען זיך פרייען מיט דעם כבוד. אפילו אין די ארעמסטע דערפער קען איך רעכענען אויף שווארץ ברויט און שאפסקעז און א בעט פון טענענצווייגען. נאר ווען איך בין געגאנגען זיך נאכפרעגען האב איך אויסגעפונען אז דאס שטעטעל אין וואלין, וואס רב בער האט געמאכט פאר זיין צענטער, איז געווען א סך נענטער ווי דער פארוואַרפענער און נישטצוגענגליכער וואלד, וואו דער בעל שם האט זיך צוריקגעצויגען נאכצוטראכטען נאך זיינע וואנדערונגען אין גאט'ס שליחות. נאך מער, אז מיינע טריט מוזען אומבאדינגט דורכגיין דורך דעם מעזריטש, די פאליטישע פעסטונג פונ'ם חסידיזם. די אנטדעקונג איז מיר נישט געווען אומאנגענעם, ווייל איך האב געפילט אז אויף אזא אופן וועל איך אנקומען צום בעל שם בעסער צוגעגרייט. אין מיין גערולד האב איך מיך קוים געקענט דערווארטען, אז די ווענען זאלען ווערען פריי צום גיין אויף זיי, און עס איז נאך אלץ געווען ווינטער, ווען איך האב מיט א לייכט הארץ און א ווילדער האפענונג, געווענדט מיין פנים צו די ווילדע היילען פון זיבענבערג און די וויסטע סטעפעס פון אוקראינע. איך בין אינגיכען אנגעקומען אין א געגענט וואו די חסידים

זיינען געווען אַ לעבעדיגע און ברענענדיגע פראַגע. און איך בין אפילו געקומען אין שטעט אריין וואו די פראַגע האָט געהאַט אַ לעבע־דיגערען אינטערעס איידער די קריגעריי איבער די קמיעות. און אין די געגענטען זיינען די קלאַנגען וועגען דעם בעל שם גערדיכטער גע־וואָרען. עס האָט זיך נישט געפונען קיין דאָרף פון כאַטעס וואָס זאָל נישט טומלען מיט זיין אייגענעם נס. אומעטום האָב איך גע־הערט וועגען דעם אויסהיילען קראַנקע און ארויסטרייבען דבוקים און ארויסרופען רוחות, און אַז דאָס פנים פנ'ם בעל שם האָט גע־לויכטען.

פון אַט די אויסטערלישע מעשות וועל איך דערציילען בלויז צוויי. דער בעל שם מיט זיינע מקורבים זיינען געפאָרען אויף אַ נסיעה און זיינען אָנגעקומען צו אַ פרעמדען וועג. זיינע תלמידים האָבען נישט געקענט דעם וועג, און זיי זיינען פארבלאָנדזשעט גע־וואָרען און האָבען ארומגעוואַנדערט ביז מיטוואָך ביינאַכט, ווען זיי זיינען אריין אין אַ קרעטשמע. אין דער פרי האָט זיי דער קרעטש־מער געפרעגט ווער זיי זיינען.

„איך בין אַ וואַנדערענדיגער מגיד", האָט דער בעל שם גע־ענטפערט, „און איך וואָלט געוואָלט אָנקומען אין דער הויפטשטאָט אויף שבת, ווייל איך האָב געהערט אַז דער רייכסטער מאַן אין שטאָט האָט דאָרט חתונה פרייטאָג, און אפשר וועל איך קענען האַלטען אַ דרשה אויף דער חתונה."

„דאָס וועסטו קיינמאָל נישט קענען", האָט דער קרעטשמער גע־זאָגט, „ווייל די הויפטשטאָט איז אַ וואָך רייזע".

דער בעל שם האָט געשמייכעלט. „מיר האָבען גוטע פערד", האָט ער זיך אָנגערופען.

דער קרעטשמער האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. „אוממעגליך", האָט ער געזאָגט, „סיידען איר זאָלט פליען דורך דער לופט". נאָר ווען ער האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז ער אליין דאַרף ניין אַ מהלך איבער'ן וועג צו דער הויפטשטאָט, האָט ער געבעטען ערלויבניש זיך אָנצושליסען אָן דער חבריא, און מען האָט אים די ערלויבניש מיט פארגעניגען געגעבען.

דער בעל שם איז אויפגעשטאַנען דאַווענען שחרית, און האָט אָנגעזאָגט ווי זיך נוהג צו זיין מכח אָנבייסען און מיטאָג.

„אבער פארוואס לייגסטו אפ?" האט דער קרעטשמער גע־פרעגט. „ווי אזוי קענט איר אנקומען אויף שבת?"

דער בעל שם האב אבער נישט אפגעלאזט קיין איינציג אות פון זיינע תפילות, און נישט פריער ווי אין אווענט זיינען זיי ארויס־געפארען. א גאנצע נאכט זיינען זיי געפארען, און אין דער פרי האט דער קרעטשמער, צו זיין איבערראשונג, זיך געפונען נישט דארט וואו ער האט גערעכענט צו שיידען זיך מיט די אנדערע, נאר אין דער געגענט פון דער הויפטשטאט. דער בעל שם האט זיך באזעצט אין אן ארימער געגענט, און דער איבערראשטער קרעטשמער האט ארומגעוואנדערט איבער די גאסען פון דער גרויסער שטאט, אונ־אנטשלאסען וואס צו טאן. פלוצלונג האט ער דערהערט געשרייען און דערזען א געלויף, מענשען זיינען געלאפען אהין און אהער. דערנאך האט ער דערזען ווי מענער טראגען א שיין מיידעל טויט אין כלה־קליידער און צווישען זיי איינער, וועלכער איז לויט זיינע שבת־קליידער און זיינע ווייסע שיך געווען דער חתן, צוטומעלט און בלייך ווי דער טויט. ער האט געהערט ווי מענשען האבען זיך דערציילט איינער דעם אנדערען, אז דער טויט האט זי אנגעכאפט ווען זי איז געשטאנען אונטער דער חופה, איידער מען האט גע־קענט ארויסריידען דאס ווארט אדער צוברעכען דאס גלאז וואס האט זי באדארפט מאכען פאר דעם ווייב פון דעם רייכסטען מאן אין דער הויפט־שטאט. דער קרעטשמער איז צוגעלאפען צו זיי און געזאגט —

„זייט נישט פארצווייפעלט. נעכטען ביינאכט בין איך געווען הונדערטער מייל ווייט פון דאנען. איך בין אהער געקומען מיט א גרויסען בעל־נס. אפשר וועט ער אייך קענען העלפען". דער חתן איז אוועק מיט אים אויפצוזוכען דעם בעל שם אין אנדערען עק שטאט, און האט אים פארגעשלאגען א גרויסע סומע צוריקצו־ברענגען זיין כלה צום לעבען.

„ניין, האלט דיר דיין געלט", האט דער בעל שם געזאגט. און ער איז מיטביידען אוועקגעפארען זען דעם מת, וואס איז געלעגען אין א דירה.

אזוי ווי ער האט א קוק געטאן אויפ'ן פנים פון דער כלה האט ער געזאגט: „זאל מען אויסגראבען א קבר. און זאלען זי די

מטהרים צוגרייטען צום קבר. דערנאָך זאָל מען זי איבערטאָן אין איר חופה־קלייד. איך וועל גיין אויפ'ן בית עולם און וועל ווארטען אויף איר".

ווען מען האָט געבראכט איר גוף, האָט ער געזאָגט די טרעגער, אז מען זאָל זי אריינלאָזען אין קבר, ערד צו ערד. די צוקוקערס האָבען געוויינט ווען זיי האָבען צוגעזען ווי דאָס חופה־קלייד איז פארוואַנדעלט געוואָרען אין תכריכים, און ווי די וואונדערליכע שיינקייט פון דעם טויטען פנים, באַקרוינט מיט דעם מירטענקראַנץ, האָט דורכגעלויכטען דורך דעם כלה־שלייער. דער בעל שם האָט אוועקגעשטעלט צוויי הויכע מענער מיט די פנים'ער צום קבר, און האָט באַפוילען, די רגע וואָס זיי וועלען באַמערקען אַן ענדערונג אין איר פנים זי אַרויסצונעמען. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעלענט אויף זיין שטעקען און האָט געקוקט אויף דעם טויטען פנים. און די וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט האָבען געזאָגט אַז זיין פנים האָט געלויכטען מיט אַ הימליש ליכט פון רחמנות. נאָר זיין שטערן איז געווען אין קנייטשען, ווי ער וואָלט טיף נאָכגעדענקט. די מינוטען זיינען פאַרביי, אָבער דער בעל שם איז געבליבען אומבאַוועגליך אַזוי ווי זי אינ'ם קבר. און אַלע זיינען געשטאַנען אַרום דערשטוינט פון מורא, און האָבען זיך קוים דערוועגט צו שושקען. פּלוצלונג האָט זיך אַ לייכטע רויטלדיגקייט באַוויזען אין דעם טויטען פנים. דער בעל שם האָט געגעבען אַ צייכען, די צוויי מענער האָבען אַרויסגענומען די כלה פון דער פרישער ערד, און ער האָט אויסגערופען „גייט אָן מיט דער חתונה", און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

„ניין, קום מיט אונז", האָט אים דער וויינענדיגער חתן געבעטען, פאַלענדיג צו זיינע פיס און קושענדיג דעם זוים פון זיין קלייד. „קיינער חוץ דיר טאָר אונז איצט נישט פירען צו דער חופה".

אַזוי איז דער עולם צוריקגעלאָפען אין שול אריין מיט שמחה און געזאַנג, און די פאַרלאָשענע פאַקלען זיינען צוריק אָנגעצונדען געוואָרען, און די כלי־זמרים האָבען ווידער אָנגעהויבען שפּילען, און די כלה איז געגאַנגען, מיט די אונטערפירערינס ביי די זייטען, אַזוי ווי נישט וויסענדיג גאָר אַז דאָס איז נישט געווען די אייגענע שמחה'דיגע אונטערפירונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען אינדערפרי,

אָדער אַז זי איז שוין איינמאָל געשטאַנען אונטער דער חופּה. נאָר שם האָט אָנגעהויבען די חופּה, האָט ביים קלאַנג פון זיין קול אַ מאָדנע ליכט פון ערינערונג גענומען לייכטען אויף איר פּנים. זי האָט אַראָפּגעריסען איר שלייער פון זיך און האָט אויסגעשריען: „דאָס איז דער, וואָס האָט מיך אַרויסגעצויגען פון קאַלטען קבר“.

„שווייג“, האָט איר דער בעל שם שטרענג פאַרגעוואָרפען, און איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט אָנפירען די חופּה. ביי דער סעודה, האָבען די כלה'ס פריינד זי געפרעגט, וואס זי האָט געזען און גע־הערט אין קבר. אויף דעם האָט זי זיי דערקלערט די גאַנצע זאַך. איר רייכען חתן'ס ערשט ווייב איז געווען דער כלה'ס מומע, און ווען זי איז קראַנק געוואָרען און האָט געוואוסט אַז זי וועט שטאַר־בען, האָט זי געפילט, אַז ער וועט זיכער חתונה האָבען מיט דעם יונגען מיידעל — זיין וויכאַוואַנקע, — וועלכע איז אויפגעצויגען געוואָרען אין זיין הויז. זי איז געוואָרען משוגע אייפערזיכטיג, און זי האָט צוגערופען איר מאַן צו איר טויטענבעט און האָט ביי אים אַרויסגענומען אַ שבועה, אַז ער וועט מיט דעם מיידעל נישט חתונה האָבען. און זי האָט אים פריער נישט געוואָלט געטרויען ביז ער האָט געשוואוירען מיט זיין רעכטער האַנט אין אירער און זיין לינקער האַנט אין דעם מיידעל'ס. נאָך דעם ווייב'ס טויט איז קיין איינער פון די צוויי צדדים נישט געבליבען טריי צו דער שבועה, נאָר זיי האָבען באַגערט חתונה צו האָבען איינס מיט דאָס אַנדערע. דערפאַר, ווען זיי זיינען געשטאַנען אונטער דער חופּה, האָט דאָס טויטע ווייב דער'הרג'ט די כלה, וועלכע האָט די אייג־ציגע זי געזען. ווען זי איז געלעגען אין קבר איז דער בעל שם געווען פאַרנומען מיט איבערוועגען די זאַך, און זי און די אייפער־זיכטיגע פרוי האָבעןביידע געמוזט דערקלערען זייער צד. און ער האָט באַשלאָסען, אַז די לעבעדיגע זיינען געווען גערעכט, און זיי האָבען בלויז געגעבען זייער שבועה צו דער טויטער פרוי, ווייל זיי זיינען געווען געצוואונגען, און אוים רחמנות. דערפאַר האָט ער אויסגערופען: „גייט אָן מיט דער חופּה!“ דער זכר פון דעם משפּט אין דער וועלט פון גייסטער איז איר אינגאַנצען אַרוים פון קאָפּ ביז זי האָט דערהערט דעם בעל שם'ס קול ווען ער האָט אָנ־

געחויבען זאגען די ברכות, און זי האָט אויסגעשריגען און אראָפּגע־ריסען פון זיך דעם שלייער און האָט אים קלאָר געזען.

דער בעל שם האָט פארבראכט שבת אין דער הויפּט־שטאָט. און זונטאָג האָט מען אים ארויסבאגלייט פון שטאָט מיט א גרוי־סען עולם וואס האָט אים אָפּגעגעבען כבוד. דערנאָך האָט מען אויס־געפונען אז אלע קראנקע, וואָס זייערע קרובים האָבען אויפגעשריי־בען זייערע נעמען אויף די מצבות וואָס זיין מאַנטעל האָט באריהרט, זיינען געזונד געוואָרען. און דאָס האָט נישט געקענט איינגאנצען קומען אין זכות פון דעם מת וואָס איז געלעגען אונטער דער מצבה, וואָס פאר א צדיק ער זאָל נישט האָבען געוועזן.

דינסטאָג ביינאכט איז דער בעל שם אָנגעקומען מיט זיינע תלמידים אין א קרעטשמע, וואו ער האָט געפונען דעם בעל אכסניא זיצענדיג פארטרויערט אין א שטוב וואָס איז געוועזן יום־טוב׳דיג באלויכטען מיט אומצעליגע ליכט און געפּאקט מיט קליינע איינג־לאך, וואס האָבען זיך דאוועגענדיג געשאָקעלט אהין און אהער.

„קענען מיר דאָ איבערשלאָפען די נאכט?“ האָט דער בעל שם געפרעגט.

„ניין,“ האָט דער בעל אכסניא א דערשלאָגענער געענטפערט.

„וואָס ביזטו טרויעריג? אפשר קען איך דיר העלפען“, האָט דער בעל שם געזאָגט.

„היינט, ווי דו זעסט, איז וואכנאכט“, האָט דער איד געענט־פערט. „ווייל מאָרגען דארף מיין נייסט־געבוירענער זון גע׳מלה׳ט ווערען. דאָס איז מיין פינפט קינד און אלע אנדערע זיינען פלוצ־לונג געשטאָרבען אום האלב נאכט, כאָטש מען האָט ביז דעמאלס קיין שום קראנקהייט ביי זיי נישט געזען. איך וויים נישט פארוואָס לילית זאָל טראָגען אזא צאָרן אויף מיינע יורשים אָבער אזוי איז עס, דעם טייוועל׳ס מאַמע דער׳הרג׳עט זיי, יעדען איינעם, נישט קוקענדיג אויף אלע קמיעות וואָס הענגען ארום מיין ווייב׳ס בעט. יעדען טאָג פון דער געבורט אָן קומען די קינדער אהער לייענען קריאת שמע און זאָגען דאָס קאַפּיטעל צ״א פון תהלים. און היינט ביינאכט קומען די גבאים וואכען און לערנען תורה א גאנצע נאכט. אָבער איך האָב מורא אז זיי וועלען נישט ארויסרייסען ביי לילית׳ן

איר רויב. דערפאר בין איך נישט אויפגעלעגט אויפצונעמען פרעמדע".

„לאז די אינגלאך אהיימגיין. זיי שלאפען איין", האט דער בעל שם געזאגט. „און היים זיי זאגען זייערע פאטערס, אז זיי זאלען בלייבען אינדערהיים אין זייערע בעטען. מיינע תלמידים און איך וועלען וואכען און תפילה טאן".

געזאגט און געטאן. דער בעל שם האט באפוילען צוויי פון זיי־נע תלמידים צו האלטען א זאק אפען ביים קינד'ס וויגעל, און ער האט באפוילען זיינע איבעריגע תלמידים צו לערנען תורה כסדר, און זיי זאלען בשום אופן זייערע אויגען־ברעמען נישט פארמאכען, כאטש ער אליין האט בדעה געהאט צו שלאפען. אויב עפעס זאל אריינפאלען אין זאק דארפען זיי אים גלייך פארמאכען און אים אויפוועקען. מיט א לעצטער ווארנונג צו זיינע תלמידים נישט איינצושלאפען, איז דער בעל שם אוועק צו זיך אין חדר. די שעה'ען זיינען געגאנגען. מען האט גארנישט געהערט א חוץ דאס אונ־טערזינגען פון די תלמידים און דאס זעגען פונ'ם ווינט אין וואלד. אום האלבע נאכט האבען די פלעמלעך פון די ליכט ווילד געפלא־טערט, כאטש מען האט קיין אטעם פון קיין ווינט נישט געפילט אין דעם הייסען צימער. נאר די וואכלייט האבען פארשטעלט די פלעמלעך מיט זייערע הענט און נישט געלאזט זיי זיך פארלעשען. דאך זיינען זיי אלע אויסגעגאנגען און א וויסטע פינסטערניש איז געפאלען אויף דער שטוב און געווארפען שרעקליכע שאטענס פון די תלמידים אויף די ווענט און אויפ'ן באלקען. דאס בלוט איז זיי פארקילט געווארען. נאר איינער, דרייסטער פון די איבעריגע, כאפענדיג א ברענענדיג שטיק האלץ פון אויוועןן, האט צוריק אנ־געצונדען די ליכט. ווען די לעצטע קנויט האט ווידער געברענט, איז א גרויסע, שווארצע קאץ אריינגעפאלען אין זאק אריין. די צוויי תלמידים האבען גלייך א פארבינד געטון דעם זאק און זיינען געגאנגען אויפוועקען דעם בעל שם.

„נעמט צוויי שטיקער האלץ", האט ער געזאגט, „און האקט דעם זאק אזוי שטארק ווי איר קענט".

נאכדעם ווי זיי האבען אים גוט אויסגעקלאפט, האט ער זיי געהייסען אויפבינדען דעם זאק און אים ארויסווארפען אין גאס

אַריין. און אַזוי איז דער טאָג אָנגעקומען און דאָס קינד איז געווען אַזוי געזונט ווי פריער. יענעם טאָג האָבן זיי געפּראַוועט דעם ברית מיט גרויס שמחה און דער בעל שם איז געווען דער סנדק. נאָך איידער די סעודה האָט זיך אָנגעהויבן, האָט דעם קינד'ס פאָטער געבעטען דעם בעל שם צו וואַרטען, „ווייל", זאָגט ער, „איך מוז פריער אומבאַדינגט גיין צום פּריץ און אים ברענגען א מתנה וויין. ווייל ער איז א גרויזאַמער רשע, און וועט זיך מיט מיר אָפּרעכענען אויב איך וועל אים נישט צוטיילען דעם כבוד צו דער געלעגענהייט פון דער שמחה.

„גיי בשלום", האָט דער בעל שם געזאָגט.

ווען דער איד איז אָנגעקומען צום פּריץ'ס הויז, האָבן אים די לאַקייעס אָנגעזאָגט, אז דער האַר איז קראַנק, נאָר ער האָט אָנגעזאָגט אז מען זאָל אים צו וויסען טון ווען די מתנה וועט אָנקומען. דער איד האָט געוואַרט און דער האַר האָט באַפוילען, אז מען זאָל אים אַריינלאָזען, און האָט אים זייער ליבליך אויפגענומען, אים געפרעגט ווי די געשעפטען גייען און צי האָט ער געסט אין קרעטשמע.

„יאָ, אודאי", האָט דער קרעטשמער געענטפערט. „עס שטייט ביי מיר איין א זייער הייליגער צדיק, וואָס קומט פון פוילען, און ער האָט אויסגעלייזט מיין קינד פון טויט".

„טאַקע!" האָט זיך דער פּריץ א פאַראינטערעסירטער אָנגערופען, און דער איד האָט אים דערויף דערציילט די גאַנצע מעשה.

„ברענג מיר אַהער דעם פרעמדען", האָט דער פּריץ באַפוילען, איך וויל רעדען מיט אים.

דער קרעטשמער איז אַהיימגעגאַנגען זייער צורודערט.

„וואָס זעסטו אויס אַזוי איבערגעשראָקען?" האָט אים דער בעל שם געפרעגט.

„דער פּריץ פאַרלאַנגט, אז דו זאָלסט קומען צו אים. איך האָב מורא אז ער וועט דיר שלעכטס טון. איך בעט דיך, פאָר גלייך אוועק, און איך וועל אים זאָגען, אז דו ביזט שוין נישט געווען".

„איך וועל גיין צו אים", האָט דער בעל שם געזאָגט.

מען האָט אים אַריינגעפירט אין קראַנקענצימער. אַזוי גיך ווי דער פּריץ האָט אַרויסגעשיקט די לאַקייעס, האָט ער זיך אויפגע־

זעצט אין בעט, און האט באוויזען ברוין און בלאָע צייכענס אויף זיין לייב און האט נקמה׳דיג געשטעכעלט:

„דו האלטסט דיך אודאי פאר זייער דורכגעטריבען וואס דו האסט מיך געפּאַקט אזוי אומגעריכט".

„הלואי וואָלט איך געקומען איידער דו האסט דער׳הרג׳עט די אנדערע פיר", האט דער בעל שם געענטפערט.

„האָ! הא!" האט דער כשוף׳מאכער געשיפעט. „פילסטו, הייסט עס, אז דו ביזט זיכער א גרעסערער צויבערער פון מיר. אויב אזוי וויל איך דיך אויספּריווען.

„איך האב נישט בדעה זיך צו פארמעסטען מיט דיר אין כחות", האט דער בעל שם רואיג געענטפערט. „איך בין נישט קיין צויבערער. איך האב בלויז דעם כח פונ׳ם שם".

„וויים איך! מיין כשוף נעגען דיין שם," האט דער כשוף־מאכער מיט חוזק געלאכט.

„איך מוז פון דיר ריינוואשען דעם שם", האט דער בעל שם געזאָגט. „איך נעם אָן דיין ארויסרוף. א חודש פון היינט וועל איך פארזאמלען מיינע תלמידים. פארזאמעל דו מיט דיינע ברידער דיינע גייסטער. און דו וועסט אויסגעפינען, אז עס איז דאָ א גאָט".

אין א חודש ארום האט דער בעל שם מיט אלע זיינע תלמידים באגעגענט דעם כשופמאכער מיט זיין סוויטע אין אן אָפען פעלד. און דאָרט אונטער דעם בלאָען קרייז פון הימעל האט דער בעל שם געמאכט צוויי קרייזען ארום זיך אליין און איינעם אין אן אנ־דער אָרט ארום זיינע תלמידים, און האט זיי אָנגעזאָגט צו האל־טען זייערע אויגען אויף זיין פנים, און אויב זיי וועלען עפּעס באמערקען אן ענדערונג אויף אים, זאָלען זיי גלייך אָנהויבען אויס־שרייען תפילות פון תשובה. דער הויפּט־מכשף האט אויך געמאכט א קרייז ארום זיך און זיינע מיט־מכשפים אויפ׳ן אנדערען עק פעלד, און ער האט גלייך אָנגעהויבען זיין אטאקע. ער האט געשיקט אנט־קעגען דעם בעל שם א געווימעל פון חיות, וואס האבען זיך א לאָז געטאָן צום קרייז מיט געוואלטיגער ווילדקייט. נאָר ווען זיי זיינען צוגעקומען צום ערשטען קרייז זיינען זיי פארשווינדען. דאן האט אן

אנדער שווארם פארנומען זייער פּלאַץ — און אַן אנדערער — און דערנאָך אַן אנדערער — לייבען, טיגערען, לעמפּערטען, וועלף, פּי־פּערנאַטערס, איינהערנער, און חיות וואָס האָבען קיין נאָמען נישט, אַלע האָבען זיך אַ ווארף געטאָן צום היילינגען קרייז און זיינען נישט געוואָרען. אזוי איז עס אָנגעגאנגען אַ גאנצען לאַנגען טאָג, יעדע רגע האָט געזען ארויסברעכען אַ נייע קאָכעדיגע האָרדע וואָס איז באַלד פארשלונגען געוואָרען.

פארנאַכטצו האָט דער מכשף ארויסגעלאָזט אויפ'ן בעל שם אַ כאָפּטע ווילדע עבערס, וואָס האָבען געשפּיגען מיט פלאַמען. און די זיינען ענדליך אריבערגעגאנגען דעם ערשטען קרייז. דאַן האָבען די תלמידים דערזען אַן ענדערונג אויפ'ן בעל שם'ס פּנים, און זיי האָבען אָנגעהויבען קלאָגען די תפילות תשובה.

און די עבערס זיינען אַלץ געלאָפען ביז זיי האָבען דערגרייכט דעם צווייטען קרייז. דעמאלס זיינען זיי פארשוואונדען. דריי־מאָל האָט דער כשופמאכער אָנגעשיקט זיינע עבערס, די פלאַמען פון זיינע מאָרדעס האָבען באלויכטען דעם אָנקומענדיגען פארנאכט, אָבער זיי זיינען אויסגעגאנגען אזוי ווי אויסגעלאָשענע ליכט ביים צווייטען קרייז. דאַן האָט דער כשופמאכער געזאגט, „איך האָב געטון אַלץ וואס איך האָב געקענט". ער האָט אָנגעבויגען זיין קאָפּ. „מילא, איך וויים אז איין בליק פון דיינע אויגען וועט מיך אומ־ברענגען. איך געזעגען זיך מיט'ן לעבען".

„ניין, קוק ארויף", האָט דער בעל שם געזאָגט, „ווען איך וואָלט דיך געוואָלט דער'הרג'ענען, וואָלסטו שוין פון לאַנג געווען בלויז אַ האַנט אַש צושפּרייט איבער דעם פעלד. אָבער איך וויל דיר ווייזען, אז עס איז דאָ אַ גאָט איבער אונז. קום, הויב אויף דיינע אויגען צום הימעל."

דער כשופמאכער האָט אויפגעהויבען זיינען אויגען צום הי־מעל, אין וועלכען די ערשטע שטערן האָבען אָנגעהויבען צו פינק־לען. דאַן זיינען אָנגעקומען צוויי דערנער און האָבען ארויסגענומען זיינע אויגען. ביז אין זיין טויט איז ער בלינד געווען. אָבער ער האָט געזען, אז עס איז געווען אַ גאָט אין הימעל.

V.

ווענען רב בער'ן האָב איך אויף מיין וועג נישט געהערט קיין זאַך חוץ לויב־געזאַנגען, און זיינע מופתים זיינען בלויז געווען קלענער פון די מופתים פון זיין רבי'ן. ער איז געווען א גדול בישראל, א זעלטען טיפער למדן. אפילו די שונאים פון די חסידים — און עס זיינען געווען א סך און פאַרביטערטע — האָבען צוגע־געבען זיין לומדות, און האָבען זיך באַקלאָגט, אז דאָס וואָס ער איז אוועק צו דער סעקטע האָט זייער פאַרשטאַרקט און אָפּגע־צויגען א סך ערנסטע תלמידים צו אָט דער פינסטערער באַוועגונג. ווייל לויט זיי איז דער בעל שם געווען אַן עם הארץ אזוי ווי ער האָט זיך ארויסגעגעבען צו זיין, און זיי האָבען נישט געוואָלט גלויבען וואָס זיינע נאָכפאָלגערס האָבען דערציילט אז זיין מכלומר'שטע עם הארצות איז געקומען פון דער שבועה וואס ער האָט געגעבען אין הימעל נישט צו אַנטפּלעקען זיך ביז זיין זעקס־און־דרייסיגסטען יאָר. וואָס אַמבאַלאַנגט זיינע נאָכפאָלגער זיינען זיי באַטראַכט געוואָרען פאַר א חברה אומריינע טאַנצענדיגע פאַנאַטיקער. און באמת, ווען עס איז מיר איינמאָל געלונגען צו זיין אין א שטאָט ביי זייער דאַוונען, זיינען מיינע האָפנונגען שטאַרק אָפּגעקילט געוואָ־רען. ווייל די דאַוונערס האָבען געשריגען, זיך געקלאַפּט אין הארצען, זיך געקלאַפּט די קעפּ אָן דער וואַנט, זיך געריסען ביי די פאות, זיי־נען געשפּרונגען מיט ווילדע קולות און האָבען אפילו געשוימט פון מויל, און איך האָב אפילו נישט געקענט זען קיין דערהויבענעם געדאַנק הינטער די אַלע משוגענע אויסדרוקען. זיי האָבען זיך דאָ געהאַט זייער אייגענעם צדיק, וואָס זיי האָבען אים געהאַלטען פאַר העכער פון בער'ן.

„ער רעדט מיט מלאכים”, האָט מיר איינער געזאָגט.

„ווי אזוי ווייסטו דאָס?”, האָב איך סקעפּטיש געפרעגט.

„ער אַליין גיט עס צו”.

„און טאָמער זאָגט ער ליגען!”

„וואָס! א מענש וואָס רעדט מיט מלאכים קען זאָגען ליגען!”

איך האָב מיך נישט אָפּגעהאַלטען אים צו באַווייזען אז אזא

סאָרט דענקען טרעט אפילו אריבער די לאָגיק פון דער גמרא, ווייל איך האָב מורא געהאַט אז אויב איך זאָל אָננעמען די חסידישע תורה פון אזעלכע מיילער וועל איך פארלירען מיין באַגייסטערונג איידער איך וועל דערגרייכען דעם קוואל, און אויף מיינע ווייטער־דיגע רייזעס האָב איך אויסגעמידען אויפצוזוכען חסידים, פונקט ווי איך האָב מיך באמת ארויסצואווארפען פון מיין געדאַנק די בייזוויליגע אָנצוהערענישען און פארדאַמונגען געגען זייערע געגנער, וועלכע האָבען געזאָגט אז עס איז נישט געווען אָן אן אורזאך וואָס די סעקטע איז אויפגעשטאַנען אין לאַנד, וואו בלויז דעם בכור אין א אידישער משפחה איז ערלויבט געוואָרען פון דער רעגירונג חתונה צו האָבען. איך וועל האַלטען מיין געדאַנק פריי און קלאָר פון פאָראורטיילען געגען וועלכען עס איז פון די צדדים. און ענדליך, נאָך א סך מידע טעג און באַגעגענישען, וואָס עס נוצט נישט דאָ איבערצודערציילען, ווי למשל, שידוכים, וואָס טייל פון מיינע מכניס אורחים האָבען מיר אָנגעשלאָגען, אלע פיינע בעלי בתים, כאָטש נישט קיין לומדים — בין איך אָנגעקומען צום ציל פון דער ערשטער סטאַנציע אויף מיין רייזע, דאָס שטעטעל מעזריטש.

איך בין קוים געשטאַנען זיך צו דערפרישען נאָך מיין רייזע, נאָר איך האָב מיך גלייך געאיילט צו ר' בער'ס הויז, וואָס איז גע־שטאַנען קעניגליך אין הויף אויף א וואלד־בערגעל איבער'ן טייך, וואָס האָט געשווימט דורך די בערג־טייכלעך אויפ'ן וועג צום דניע־פער. איך בין אריבערגעגאַנגען די ברייטע סאָסנע־בריק און זיך אפילו נישט אומגעקוקט צום לויפענדיגען וואַסער, נאָר צו מיין ביי־טערער אַנטוישונג ווען איך בין צוגעקומען צום גרויסען הויז האָט מען מיך נישט אריינגעלאָזט. מען האָט מיר געזאָגט אז קיין שטארב־ליך אויג טאָר דעם צדיק נישט זען ביז שבת, מחמת, ער געפינט זיך, לויט איך האָב פארשטאַנען אין א מיסטישען צושטאַנד. עס איז דאמאלס געווען מיטוואך. איך בין נישט געווען דער איינציגער אַנטוישטער, ווייל די טיר איז געווען באלאגערט מיט א מאָדנער מחנה וואנדרערס פוןביידע געשלעכטער, טייל זיינען געקומען פון נאָר ווייט, טייל צופוס אין שמאַטעס, טייל אין פיינע קאַרעטען. איינער פון די לעצטע — א שענע, רייך־געקליידעטע פרוי — האָט נישט זייער וואויל אויפגענומען דעם אפזאָג זי אריינצולאָזען,

זי האָט באַפוילען איך קוטשער ווידער און ווידער אמאָל צו קלאַפּען אין דער טיר, און זי האָט געוואָלט אונטערקויפען דעם טיר־היטער מיט עסענוואַרג, וויין און צום סוף מיט גאָלד. אָבער עס איז אַלץ געווען אומזיסט. איך בין אריין אין אַ שמועס מיט טייל פון דער מאַסע, און האָב אויסגעפונען „אַז טייל זיינען געקומען נאָך אַ היילונג, טייל נאָך קמיעות, און טייל נאָך געטליכער אריינמי־שונג אין זייערע וועלטליכע געשעפטען; איין מאַן, האָב איך געפונען, האָט געוואָלט אַז דער פּרייז פון ווייץ זאָל שטייגען, און אַן אַנדערער האָט געוואָלט ער זאָל פאַלען. אַן אַנדערער האָט פאַר־לאַנגט אַ מאַן פאַר זיין אַלטער טאָכטער, וואָס איז שוין ניינצען יאָר אַלט. און אַן אַלטע פרוי איז געווען שטאַרק פאַרצווייפעלט וואָס מען האָט ביי זיי צוגערויבט זייער צירונג, און זיי זיינען געווען זיכער, אַז דער צדיק וועט אַנטדעקען דעם גנב און וועט זיי אומקערען די גנבה. איך האָב געפונען בלויז איינעם וואָס איז געקומען אַזוי ווי איך, ווייל אַ פאַרלאַנג האָט אים פאַרצערט צו הערען אַ נייע תורה פאַר דער נשמה. און מיט אַ שמייכעל האָב איך אויסגעפונען, אַז מיר איז נאָך, הייסט עס, בעסער פון זיי. ווייל אין דער צייט וואָס איך וועל האָבען מיין פאַרלאַנג אים שבת צו דער פאַרבעטענער מלוה מלכה, וועלען אָבער די וועלטליכע גע־שעפטען נישט קענען פריער באַזאָרגט ווערען ווי זונטאָג. איך האָב דערווייל פאַרבראַכט די עטליכע טעג אַזוי געדולדיג, ווי איך האָב געקענט, באַטראַכטענדיג די שעהנע געגענט אַרום דעם צדיק'ס הויז, אַזוי ווייט, וואָס קיינער איז קיינמאָל ווייטער נישט געגאַנגען. און טאַקע זייער זעלטען האָב איך געהערט, אַז אַ איד זאָל מאַכען אַ ברכה איבער הויכע בערג אָדער שענע בוימער. אפשר ווייל אונזער מדינה איז מערסטענס געווען בלויז אַ גרויסער זומפּ. אָבער איך האָב אָפט געהאַט אַ געלעגענהייט אויף מיינע שפּאַצירגענג צו זאָגען: „ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שככה לו בעולמו". איך האָב זעלטען געזען אַ מענשליך באַשעפעניש, וואָס האָט מיך עפּעס גע־טרייסט און דערחויבען. בלויז איינמאָל זענען מיינע געדאַנקען איבערגעריסען געוואָרען, און דאָס דורך אַ געשריי וואָס האָט מיך איבערראַשט, און האָט מיר פונקט צייט געגעבען אויסצומיידען דעם וועג פאַר אַ פיינער, גלאַנציגער קאַרעטע מיט צוויי ווייסע פערד,

אין וועלכער אַ דיקער מאַן האָט זיך רחבות'דיג געוויגט און געררוי־בערט אַ פּערזישע ליולקע. מיין תפילה'דיגע שטימונג איז איבער־געריסען געוואָרען, און איך בין אריינגעפאַלען אין וועלטליכע גע־דאַנקען איבער רייכקייט און באַקוועמליכקייט.

פרייטאָג־צו־נאַכטס האָב איך געגעסען ביי אַ גבאי פון די חסידים, וועלכער האָט געהערט אַז איך בין פאַראינטערעסירט מיט חסידות, נאָר וועלכען איך האָב נישט געקענט מאַכען צו פאַרשטיין, אַז איך בין געקומען אויסגעפונען, און נישט אָננעמען אָן שום קשיות. איך האָב אים פאַרוואָרפען מיט קשיות וועגען די געדאַנקען פון חסידות, נאָר ער פון זיין זייט האָט מיר גאַרנישט געקענט קלאָר מאַכען אויסער דעם געדאַנק פון זעלבסט־פאַרניכטונג און תפילה, דורך וועלכער דער הייסער מתפלל איז באַהאַפטען געוואָרען מיט גאָט. אַ געדאַנק, וואָס האָט נאַטירליך נישט צוגעלאָזט קיין באַשטימ־טע שעה'ען פון תפילה, ווייל די שטימונג צו ווערען אינגאַנצען באַ־האַפטען מיט גאָט קען מען, פאַרשטייט זיך נישט האָבען אויף באַ־פעל. טיילמאָל, פאַרשטייט זיך, איז שווייגען אַ בעסערע תפילה, און דאָס איז געווען דער אמת'ער טייטש פון דעם גמרא־ווערטל: „מלתא בזוזא שתיקא בתרין" (אויב רייד זענען ווערט אַ זילבערשטיק איז שווייגען ווערט צוויי". און דאָס איז אויך געווען דער טייטש פון'ם פסוק אין מלכים ב', קאַפּיטעל ג', פסוק ט"ו: „והיה כנגן המנגן ותהי עליו יד ה'" (און אַז דער שפּילער האָט געשפּילט, איז גאָט'ס גייסט געקומען איבער אים). דאָס הייסט, ווען דער שפּילער איז געוואָרען אַן אינסטרומענט און האָט ארויסגעגעבען מוזיק פון זיך, איז עס געווען דערפאַר, ווייל גאָט'ס גייסט האָט געשפּילט אויף אים. אַזוי לאַנג ווי אַ מענש איז זעלבסט־טעטיג קען דער רוח הקודש נישט קומען איבער אים.

דער פסוק אין מלכים האָט מיר אויסגעוויזען אַזוי ווי אַרויסגע־ריסען פון מיטען אויף אַן אופן וואָס האָט כ'יך שוין געגודיעט אין די אַלטע ישיבות, נאָר אַזוי ווי איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבען נישט געהאַט אַזעלכע געבענשטע מינוטען ווי אויף מיינע שפּאַצירגענג אין די בערג, האָב איך אַזוי האַרציג צוגעשטימט צו דעם חסידות אַליין — וואָס איז פאַר דעם אָרטאָדאָקסישען שכל גע־

וואוינט צו די אויסגעארבייטע געזעצן מכח דער צייט צו דאווגען שחרית אָדער מעריב, איז דאָס געווען אַ גוואַלדיגע איבערראַשונג — אַז מיין מכנים אורח האָט שוין אויף זיכער געגלויבט, אַז איך האָב געמיינט צו ווערען אַ חסיד.

„נישטאָ קיין רעליגיעזע צערעמאָניעס", האָט ער מיר מיט פאַר־זיכערונג געזאָגט. „אַז איר זוכט נאָר פאָלקאָמענהייט איז דאָס שוין גענוג אַז מען זאָל אייך אויפנעמען אין אונזער סעקטע. ביי דער מלוה מלכה וועט מען אייך נישט אויספרעגען וועגען אייער פריי־דיג לעבען, אָדער אייערע זינד, ווייל אייער הארץ איז פאַר דעם צדיק ווי אַן אָפענע מגילה, וואָס איר וועט אויסגעפינען ווען איר וועט די זכיה האָבען אים צו זען פנים אל פנים, ווייל כאָטש ער וועט ריידען צו אַלע וואָנדערער מיט אַמאָל, וועט איר פונדעסטוועגען הערען פון אים רייד, וואָס וועלען זיין געווענדט בלויז צו אייך".

„אָבער ער האָט נאָך קיינמאָל וועגען מיר נישט געהערט!"

דאָס וואָלט שוער געווען פאַר איינעם וואָס דרשנ'ט בלויז פאַר זיין אייגענעם כבוד. אָבער דער וואָס לאָזט זיין גייסט שפּי־לען אויף זיך איז קלוגער פון אַלע דרשנים".

מיט אַ קלאַפּענדיג הארץ בין איך אריין אין צדיק'ס הויז אין דעם לאַנג־דערוואַרטען שבת. מען האָט מיך אריינגעפירט, מיט אַ סך אַנדערע אידען, אין אַן עס־שטוב, מיט רייכע טעפּיכער און גע־הענגען, מיט אַ גרויסען דעמבענעם טיש געגרייט פאַר אַ צוואַנציג פּאַרשוין. אַ דינער אין אַ ליווריי, גייענדיג מיט שטילע טריט, האָט אונז באַאיינפלוסט מיט זיין אייגענעם דרך ארץ, און זיך קוים דער־וועגענדיג צו שושקען, האָבען מיר געוואַרט אויף דעם גרויסען צדיק. ער האָט זיך ענדליך באַוויזען, הויך און מלכות'דיג, אין אַ בריי־טען קאַפּטאַן פון ווייסען אַטלעס, אַזוי געשניטען, אַז מען זאָל אַרויסזען זיין בלויזע ברוסט. זיינע שיך זיינען געווען ווייס און אַפילו דאָס טאַבאַק־פּושקעלע מיט וועלכען ער האָט זיך געשפּילט איז אויך געווען פון דעם געבענשטען קאָליר. ווען איך האָב צום ערשטען מאָל דערבליקט זיין פּנים האָב איך געפילט, אַז עס איז מיר מאָדנע באַקאַנט, נאָר וואו און ווען איך האָב עס געזען, האָב איך מיך נישט געקענט דערמאָנען, און דער געדאַנק פון דעם האָט מיך ערגעץ טיף אין קאָפּ פאַרפאָלגט די גאַנצע צייט.

„שלום עליכם", האט ער געזאגט צו יעדען באזונדער. מיר האבען צוריקגעאטעמט מיט דרך ארץ דעם ענטפער, און מיר האבען זיך אויסגעזעצט ביים טיש. די אייגענע פייערליכע שטילקייט האט געהערשט אין דער צייט פון דער מאלצייט, וואס איז פארענדיגט געווארען מיט קוגעל. אין דער צייט איז שוין די שטוב פול געוועזן מיט ניי־אנגעקומענע, וואס זיינען בּיסלעכוויז אריינגעפאלען צו קבלת פנים, און וועלכע האבען זיך איצט געדרענגט ארום דעם טיש, זשעדנע צו באקומען דאס קלענסטע קרישעלע קוגעל. און גרויס איז געוועזן דאס גליק אויף די פנימ'ער פון יענע וואס האבען די זכיה געהאט צו א פיצעלע קוגעל, גלייך דאס וואלט זיי פארשאפט דעם גן־עדן.

ווען די טומעלדיגע כאפעריי איז געוועזן פארביי, האט דער צדיק — וועלכער האט, דעם קאפ אנגעשפארט אויף די הענט, אזוי ווי נישט געזען וואס דא איז אנגעגאנגען — אנגעהויבען זינגען א פרייליכען נגון. דערנאך האט ער זיך פארשטעלט די אויגען מיט די הענט, אזוי ווי פארלוירען אין עקסטאז. נאכדעם האט ער פלוצלונג אנגעהויבען אויסצורופען אונזערע נעמען, צוזאמען מיט די ערטער פון וואנען מיר זיינען געקומען, און האט אונז איינעם נאכ'ן אנדערען איבערראשט. יעדער גאסט, ווען ער האט אים אזוי אויסגערופען, האט געענטפערט מיט א פסוק פון תנ"ך. ווען עס איז געקומען צו מיר, בין איך אזוי דערשטוינט געווארען דערפון וואס דער צדיק האט מיך געקענט, אז איך האב בשום אופן זיך ניט געקענט דערטראכטען צו א פסוק. נאר צום סוף, רויט און פארשעמט, האב איך מיך אנגעכאפט אן דעם פסוק פון מיין נאמען, וואס האט זיך אנגעהויבען מיט מיין ערשטען אות, צו העלפען מיר געדענקען מיין נאמען (ווייל אזוי האט מען מיך געלערענט) ווען דער מלאך דומה וועט אים מיך פרעגען אין מיין קבר. צו מיין דערשטוינונג האט דאמאלס דער צדיק אנגעהויבען א דרשה איבער די אלע פסוקים אזוי חכמה'דיג צוזאמענגעפאסט, אז מען האט געקענט שווערען, אז קיין בעסערע פסוקים האט מען גארנישט געקענט צוקלייבען. „האט מען טאקע דערציילט דעם אמת וועגען דעם מאנ'ס לומדות", האב איך מיר א טראכט געטאן מיט א גלי. און אט די וואונדערליכע דרשה האט אויך נישט פארפעלט ארויסצעווייזען אן איבערראשענ־

דיגע באקאנטשאפט מיט מיין פארגאנגענהייט — אפילו וועגען מיין פארשטארבען ווייב — וואס מיין מכנים אורח האט פאראויסגעזאגט. איך האב פארלאזט דעם בעל מופת'ס הויז א באגייסטערטער און דערהויבענער, כאטש אלץ וואס איך געדענק איצט פון דער דרשה איז די נייע אויסטייטשונג פונ'ם פסוק אין פרק: „זאל דער כבוד פון דיין חבר דיר זיין אזוי טייער ווי דיין אייגענער".

„דיין אייגענער", האט רב בער געזאגט, „מיינט דער כבוד וואס דו טוסט זיך אליין אן. וואס צו האבען הנאה דערפון וואלט געווען לעבערליך. פונקט אזוי וועניג הנאה דארף דער חכם האבען פון זיין חבר'ס כבוד — דאס הייסט, פון דעם כבוד וואס זיין חבר טיילט אים צו". דאס, האט עס אויסגעזען, איז עפעס נישט אין איינקלאנג מיט זיין אייגענעם פאמפ, און ערשט מיט חדשים שפעטער האב איך אפגעשעצט די אויסטייטשונג.

ערשט נאך דער גאנצער דרשה, איז אנגעקומען איינער פון די חסידים. „פארוואס אזוי שפעט?" האט מען אים געפרעגט.

„מיין ווייב איז געלעגען געווארען", האט ער מיט א פארשעמט פנים געענטפערט. מען האט אים באגריסט מיט טומלדיג שפאסיגע מזל-טוב'ס.

„א אינגעל צי א מיידעל?" האבען א סך קולות געשריגען.

„א מיידעל", האט ער מיט א נאך פארשעמטער פנים געזאגט.

„א מיידעל!" האט דער צדיק מיט א צארנדיג קול אויסגע-רופען. „מען דארף דיך שמייסען".

די חברה האבען זיך גלייך מיט גרויס שמחה א נעם געטאן צום אומגליקליכען איד, מען האט אים איבערגעקוליעט און מען האט אים אויף קאטאוועס אבער געזונט אפגעשמיסען. איך האב מיט דערשטוינונג אנגעקוקט דעם צדיק. ער האט ברייט געשמייכעלט, און ווידער האט מיר אויפגעבליצט אין זכרון זיין פנים. נאר איי-דער איך האב מיך געקענט קלאר דערמאנען וואו איך האב עס געזען, האט ער אפגעשטעלט דעם שפאס.

„קומט, ברידער", האט ער געזאגט, „לאמיר דינען דעם רבונו של עולם מיט שמחה", און ער האט ארויסגעזונגען א פרייליכען נגון.

צומארגענס האב איך, מיט געמישטע געפילען, ווידער אויפגע-

זופט דעם צדיק'ס טיר, דורך וועלכער עס האָט זיך אריינגעגאָסען
דער שטראָם פון די וואָס האָבען געוואַרט אַזוי לאַנג. אָבער צוטריט
צום צדיק איז נאָך אַלץ נישט געווען גרינג. אין דער גרויסער פאָר־
דער־שטוב איז געזעסען דעם צדיק'ס קוויטעל־שרייבער, ביי אַ טיש
אַרום וועלכען דער עולם האָט זיך געהאַלטען, און יעדער האָט דער־
קלערט זיין אָדער איר נויט, וואָס דער שרייבער האָט פאַר זיי אויפ־
געשריבען אויף אַ שטיקעל פאַפיר אריינצונעמען צום צדיק. איך
האָב מיך צוגעהערט צו די בקשות פון דעם טומעלדיגען עולם. „איך
רחל בת חנה ווינש צו האָבען קינדער", האָט זיך געלייענט די בקשה
פון דער שיינער רייכער פרוי וואָס איר קוטשער האָט אַזוי כסדר
געקלאַפט, און איר פדיון צום שרייבער איז הפנים געווען פון גאָלד.
איך אַליין האָב בלויז באַצאָלט עטליכע גרייצער, און האָב פשוט פאַר־
לאַנגט — און בין געווען דער איינציגער וואָס האָב עס פארלאַנגט —
„פולקאָמענהייט". עס איז געווען נאָך אַ איד וואָס האָט גענומען
געלט ביים רבינ'ס טיר. נאָר איך בין אריין אין דעם גאָלדענעם
שטראָם פון דער רייכער פרוי, און בין פונקט געווען אין צייט נאָך
צוצוזען ווי דאָס שרייענדיגע אַלטע פאָרל ווען דער רבי האָט
אומגעקערט זייער צירונג האָבען זיך אָפּגעזעגענט מיט דאַנק. דער
צדיק, וועלכער האָט נישט אַרויסגעוויזען קיין שום צייכען פון צו־
פרידענקייט מיט'ן נסים'דיגען ערפאָלג, האָט מיט אַן ערנסט פנים
אוועקגעשיקט דאָס פלאַפּלענדיגע פאָרל, און האָט גענומען דאָס איינ־
געלייגטע קוויטעל וואָס די שיינע פרוי האָט אים דערלאַנגט, און
וועלכעס ער האָט אַפילו נישט געעפענט, און האָט עס צוגעלייגט צו
זיין שטערן און געווענדט די אויגען צום הימעל.

„דו ווילסט האָבען אַ קינד", האָט ער געזאָגט.

די פרוי איז פאַרציטערט געוואָרען. „אוי, דו געטליכער מענש!"
האָט זי אַ געשריי געטאָן און איז אים געפאַלען צו די פיס.

דער צדיק האָט טריסטענדיג אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף
אירע האָר. און אין דער רגע האָט עפּעס אין זיין אויסדרוק ענד־
ליך אויפגע'חתמ'עט מיינע אויגען, און מיט אַ קלעם פון וויטאָג
האָב איך דערקענט דעם מאַן, וואָס איז פאַר מיר פאַרבייגעפאָרען
אין דער פיינער קאַרעטע און האָט זיך פויל געוויגט און געדויכערט
די פּערזישע ליולקע. איך בין געווען אַזוי צורודערט, אַז איך בין

אַן צערעמאָניעס אנטלאָפען פון דער אויפנאמסשטוב. פּולקאָמענהייט, ווי דען! דאָס איז א לערער פון אונטערטעניגקייט, וואָס זיצט זיך ווי אויף א טראָן צווישען טעפּיכער, א פּרעדיגער פון רעכטפארטיג־קייט, וואָס אין דער צייט ווען ער האָט פּרעטענדירט צו זיין פאר־טיפט אין גאָט, האָט ער זיך געוואַלגערט אין זיין קאַרעטע! יא, די חסידישע רביים זיינען געווען אויסגעקאַלכטע קברים. און אַזוי ווי אזעלכע האָבען זיך געפונען גענוג צווישען די אַלטע קהלות, האָט עס אויסגעזען א פארשווענדונג פון צייט צו פארלאָזען דאָס אַלטע צו גיין זוכען מער אַזעלכע. אַלץ וואס איך האָב געהערט געגען דער סעקטע אויף מיין וועג איז מיר איצט געקומען אין קאָפּ אריין, און איך האָב צוטיילט אירע מיטגלידער אויף שווינדלער און באַ־שווינדעלטע. און אין דער ביטערער שטימונג זיינען זיך א טוץ דינגע פעדים צוזאמענגעפלויגען און האָבען זיך אויסגעוועבט אין א גע־וועב פון פארדאָרבענקייט. איך האָב צו זיך געזאגט, אז דאָס דאָרף מוז זיין פול מיט רב בער׳ס שפיאָנען, און אז מיין מכניס אורח אַליין האָט פון מיר כיטרע ארויסגעצויגען די פאקטען וועגען מיין לעבען. און וואס אמבאלאנגט דעם אומגעקערטען צירונג, בין איך געווען זיכער אז זיינע אייגענע מענשען האָבען עס גע׳גנב׳עט. איך האָב פארוואָרפען מיין רייזע־זאַק אויפ׳ן אקסעל און זיך געלאָזט אהיים.

אָבער איך בין אָפּגעגאנגען נישט מער ווי א פּאָר הונדערט איי־לען, ווען מיין שטימונג איז ווייכער געוואָרען. איך האָב מיך דער־מאָנט די וואונדערליכע דרשה, ווי אַזוי עס זיינען געווען צושטעלט די פסוקים וואָס רב בער האָט נישט געקענט פאַראויסזען, און איך האָב מיך באטראַכט, אַז ער מוז באמת זיין א שר בישראל, און אז דוד המלך און שלמה חכם האָבען דאָך אויך געלעבט אין דער געהעריגער פראַכט. „און נאָך אַלעם״, האָב איך מיר געטראַכט, „איז עס דאָך א גאַנץ אומשולדיגע זאַך זיך דורכצופאָרען ביים ברעג טייך. ווער וויים, אפשר אפילו אויף אזא אופן דערגרייכט ער די פארטיפונג אין גאָט? זאָגען דען נישט די וואָס רויכערען טאַבאַק אַז ער באַ־רוהיגט און רייניגט די נשמה?״

אויסערדעם, האָב איך ווייטער געטראַכט, ווער א חוץ א נאַר,

וועט עס צוריק אַנטלויפען אהין פון וואַנען ער איז אָנגעקומען, האַרליכקייטען פון זיין הויף.

און אַזוי בין איך ווידער אַוועק קיין מעזשיבאָזש, כאָטש דורך אַ זייטיגען וועג, כדי אויסצומיידען בער'ס דאָרף.

איידער ער האָט געזען זיין ציל? איך האָב געזען די פּראַכט פונ'ם תּלמיד, לאָמיך זען די פּראַכט פונ'ם רבי'ן אַליין, און די פּורפּורנע

## VI.

עס איז געווען אַפּריל איידער איך האָב מיך אָנגעהויבען דער־נענטערען צו מיין ציל. די וועגען זיינען נאָך געווען בלאָטיג און זומפּיג. נאָר אין דער גליקליכער צווישענצייט צווישען דעם גראָען ווינטער און פאַרנעפּעלטען זומער האָט דער פרילינג־אָטעם די וועלט שיין געמאַכט. דער טייך סטרי האָט געפינקעלט, אפילו די חורבות פון שלעסער האָבען אויסגעזען לוסטיג, און די פרישע שפּיל־לאַנ־קעס האָבען אָנגעפילט די לופט מיט פרישע ריחות. איינמאָל, ווען איך האָב מיך געהאַלטען אין דערנענטערען צו אַ דאָרף אויף אַ טיילוויז־משופּע'דיגען וועג, איז מיר פאַרבייגעפאָרען אַ קליין גראָ מענשעלע אין אַ וואָגען מיט זעק מעל, און ער האָט זיך פריילִיך צו־געפּייפט. מיר האָבען זיך אָפּגעגעבען „שלום", ווייל מיר האָבען זיך דערקענט פאַר אידען, שוין ביי די שטריימלעך און פּאות אַליין. פּלוצלונג, אוים רחמנות צו זיין פערד, האָב איך אים געזען אַראָפּ־שפּרינגען און צולייגען זיין אקסעל צום ראָד. אָבער ער איז קוים אָפּ־געגאַנגען אַ פופציג שריט, ווען זיין פערד האָט זיך אויסגעגליטשט און איז געפאַלען. איך בין צוגעלאָפען אים העלפען אַרויסשלעפּען דאָס פערד. און איידער עס איז אונז געלונגען צוריק אויפצוהויבען דאָס פערד אויף אַלע פיר פיס, האָט דעם פורמאַנ'ס מונטערקייט אונטער אַלע שוועריגקייטען מיך געמאַכט פילען גאַנץ פריינטליך צו אים.

„דער שטן וויל מיר הפּנים שטערען מיין פּסח", האָט ער זיך אָנגערופען, ווייל דאָס איז שוין דאָס צווייטע מאָל וואָס איך האָב פּרובירט אהיימצוקריגען מיין פּסח'דיג מעל. מיין גוט ווייב האָט מיר געזאָגט, אַז מיר האָבען גאָרנישט צו עסען אויף יום־טוב, האָב איך געפילט, אַז איך מוז מיר אַן עצה געבען. בין איך אַרויס־

געפּאָרען מיט מיין חלף אין די צפון־דערפער — ניין, שרעקט אייך נישט, נישט אויסצו'הרג'ענען די מענשען, נאָר צו שעכטען זייערע עופות אויף פסח."

„איר זענט אַ שוחט", האָב איך געזאָגט.

„יאָ," האָט ער געענטפערט, „צווישען אַנדערע מלאכות — אַ שוחט אויך. די באַשעפטיגונג וואָלט געווען אומדערטרעגליך", האָט ער אַ פאַרטראַכטער צוגעגעבען, „ווען עס וואָלט מיך נישט בארואיגט דער געדאַנק, אַז אַזוי ווי די עופות דאַרפען געשאָכטען ווערען, איז זיי שוין בעסער געקוילעט צו ווערען פון מיינע הענט. דאָך, ווי איך האָב געזאָגט, האָב איך געקוילעט געננוג עופות זיך צו קויפען מעל אויף פסח. נאָר איידער איך האָב עס אהיימגעבראַכט האָט דער טייוועל געשיקט אַזאַ מבול, אַז עס איז איינגאַנצען קאַליע געוואָרען. האָב איך ווידער גענומען מיין חלף און בין ארויסגעגאַנגען אין די דרום־דערפער, און אַצינד בין איך אין אַן אַנדער צרה. איך האָף נאָר, אַז איך זאָל נישט דאַרפען שעכטען מיין פערד אויך".

„ניין, איך גלויב נישט, אַז דעם פערד האָט עפּעס געשאַדט", האָב איך געזאָגט, און עס האָט זיך טאַקע אַזוי ארויסגעוויזען.

ווען איך האָב געהאָלפען דעם גוטהאַרציגען אידעלע און זיין פערד אויפ'ן באַרג אַרויף, האָט ער מיך פאַרבעטען אריינצושפּרינגען אין זיין וואָגען, אויב איך דאַרף גיין דעם אייגענעם וועג.

„איך זוך דעם בעל שם", האָט איך אים דערקלערט.

„טאַקע", האָט ער געזאָגט, „מען קען אים לייכט געפינען".

„וואָס, איר קענט דעם בעל שם?" האָב איך איבערראַשט אויס־גערופען.

מיין איבערראַשונג האָט אים, ווייזט אויס, הנאה געטאָן. זיינע שוואַכע אויגען האָבען געפינקעלט. „ס'הייסט", זאָגט ער, „יעדער איינער אין דער געגענט קען דעם בעל שם".

„ווי אַזוי זשע קען איך אים געפינען?" האָב איך געפרעגט.

ער האָט געצווינגען די אַקסלען. „איר דאַרפט נאָר אריינגיין אין מיין וואָגען".

„אַ יישר כח!" האָב איך מיט דאַנק אַ געשריי געטאָן. „איר גייט זיין וועג?"

ער האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ.

איך בין ארויסגעקראָכען אויף אַ ראָד און האָב מיך אריינגע־וואָרפען צווישען צוויי זעק מעל. „איז עס ווייט?" האָב איך גע־פרעגט.

ער האָט געשמייכעלט. „ניין, ווען עס וואָלט געווען ווייט. וואָלט איך אייך נישט אריינגעבעטען אין וואָגען".

נאָכדעם זיינען מיר ביידע שטיל געבליבען. נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס דער וואָגען האָט געהוידעט, איז דאָס שטיקעל רייזע דאָך געווען אַן אָפּרו פאר מיינע מידע גלידער, און דער בלויער הימעל און די שורשענדיגע בלעטער און די אויסזיכט, אז באַלד וועל איך ענדליך זען דעם בעל שם, האָבען געהאָלפען מיך פארוויגען אין אַן אנגענעמער בארואיגונג. נאָר מיין פארשלאָפענקייט איז נישט געווען אזוי טיף ווי די אין וועלכער מיין נייער פריינד איז, ווייזט אויס, אריינגעפאלען, ווייל ווען מיר האָבען זיך דערנענטערט צו אַ דאָרף און אַן אנדער וואָגען איז אונז אנטקעגען געלאָפען, האָבען בלויז מיינע און דעם אנדערען פורמאַנ'ס געשרייען אים אויפגע־וועקט אין צייט אויסצומיידען צו פארלירען אַ ראָד.

„איר האָט געמוזט טראכטען וועגען אַ פארפּלאָנטערטען ענין אין דער תורה", האָב איך געזאָגט.

„אַ פארפּלאָנטערטער ענין", האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטער. „דער שטן מאכט עס דעם פּלאָנטער".

„אָהאָ", האָב איך מיך אנגערופען, „איר זענט טאקע אַ שוחט, אָבער איר האָט, ווייזט אויס, נישט ליב קיין רבנ'ישע לומדות".

„וואו עס איז דאָ אַ סך לומדות", האָט ער קורץ געענטפערט, „איז דאָ ווייניג פרומקייט".

אין דער רגע, עפּעס ווי אַ מזל זאָך, זיינען מיר פארבייגעפאָ־רען דאָס שטעטעלדיגע בית המדרש, פון וואַנען עס האָבען זיך געהערט קולות פון פּלפּולים. דער פורמאַן האָט זיך מיט די אָפּע־נע הענט צוגעהאַלטען די אויערען.

„אַט אזעלכע פּלפּולניקעס", האָט ער אויסגעשריגען מיט אַ פארקרומט פנים, „פארציען עס די אידישע אויסלייזונג פון גלות".

„ווי אזוי?" האָב איך געפרעגט.

„דער שטן רעדט צו די רבנים", האָט ער געזאָגט, „צו לער־נען בלויז יענע טיילען פון אונזערע הייליגע ספרים, אויף וועלכע

זיי קענען זיך שאפען זייערע מוחות. נאר פון אלע ספרים וואס וואלטען געפירט צו פרומקייט און מורא פאר גאט האלט ער זיי פון ווייטען".

איך בין דערפרייט און דערשטוינט געווען צו הערען דעם שוחט אזוי זיך אראפרעדען פון הארץ, נאר איידער איך האב צייט געהאט אויסצודריקען מיין צושטימונג איז זיין אויפמערקזאמקייט צוגעצויגען געווארען פון א שיין מיידעל וואס איז אנגעקומען טרייבענדיג א קו.

„וואס פאר א וואונדערליך באשעפעניש!" האט ער אויסגערופען מיט לייכטענדיגע אויגען.

„וועלכע?" האב איך לאכענדיג א פרעג געטאן. „די קו?"

„ביידע", האט ער געענטפערט, מיט א לאנגזאמען בליק צוריק.

„איך פארשטיי איצט וואס איר מיינט מיט פרומע ספרים", האב איך מיט א שטאך געזאגט. „שיר השירים".

ער האט מיך אנגעקוקט מיט א מאדנער ערנסטקייט, ווי ער וואלט נישט פארשטאנען מיין איראניע. „יא, אודאי", האט ער אויסגערופען. „נאר ווען די רביים לייענען אים, פארוואנדלען זיי אים אין א משל אן בלוט. אידישע טייוואלים זיינען זיי! וואס איז די שיינקייט פון יענעם מיידעל דארט א חוץ אן אויסשטראלונג פונ'ם געטליכען? וואס שענער דער גוף, אלץ לייכטענדיגער פירט ער אונז צום געדאנק פון גאט".

דער מאדנער איד, וואס איז מיר טשיקאווע פארגעקומען, האט אויף מיר געמאכט א שטארקען איינדרוק.

„אבער דאס איז זייער א געפערליכער געדאנק", האב איך געזאגט. „מיט דעם אייגענעם שכל קענט איר אויך אויסטייטשען אז די גלוסטונג פונ'ם גוף איז געטליך".

„אלץ איז געטליך", האט ער געזאגט.

„וואלטען פרייליכע סעודות באדארפט זיין פונקט אזוי גוט פאר דער נשמה ווי תעניתים".

„בעסער", האט דער פורמאן קורץ א זאג געטאן.

איך בין געווען אויסער זיך צו געפינען אזעלכע אפיקורסישע געדאנקען אין א געגענט וואו, א חוץ מיין ערפארונג מיט בער'ן, וואלט איך ערווארט צו זען דעם אסקעטישען איינפלוס פון דעם

בעל שעם האָבען די אויבערהאַנט. „זענט איר נישט קיין חסיד פונ'ם בעל שם?” האָב איך אים פאַרשענדיג א זאָג געטאָן.

„אודאי נישט”, האָט ער געזאָגט מיט א געלעכטער.

ער האָט מיך אריינגעבראַכט אין אזא סימפּאַטיע צו אים ווייל עפּעס האָט ער געהאַט א מאָדנע אָנציאונג — אז איך האָב דאַכט זיך געפילט, אז ווען דער בעל שם וואָלט אפילו געווען אַן אַסקעט, וואָל איך סיי ווי פון אים גאַרנישט געווינען, און אז מיין לאַנגע נסיעה וואָלט געווען אומזיסט, ווייל די גרינע לאָנקעס און די לעבעדיגע וואַסערען זיינען נאָך אַלץ אזוי ווייט ווי שטענדיג פון מיין דורשטיגער נשמה.

מיר זיינען איצט אַרויס פון דאָרף און אריין אין א געדיכטען סאָסנע־וואַלד מיט א סטעזשקע וואָס איז קוים געווען ברייט גענוג פאַר'ן וואָגען. פּלוצלונג איז די שטילקייט אין וועלכער מיר זיינען ווידער אריינגעפאַלען איבערגעריסען געוואָרען פון גוואַלדיגע קולות נאָך „הילף”, וואָס זיינען געקומען פון א געדיכטעניש רעכטס. דער פורמאַן האָט גלייך איינגעהאַלטען דאָס פערד, איז אַראָפּגעשפרונ־גען אויף דער ערד און האָט אַרויסגענומען א גרויס מעסער פון זיין גאַרטעל.

„ס'איז ניצליך צו זיין א שוחט”, האָט ער פינסטער א זאָג גע־טאָן און האָט זיך אריינגעלאָזט אין די קוסטען. איך בין אים נאָכ־געגאַנגען אין זיינע טריט און א מאָדנע בילד האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונז. א שיינע פרוי האָט זיך געראַנגעלט מיט צוויי טייוועל־פּנימ'דיגע מענער אָנגעטאָן ווי רבנים אין זיידענע זאַקען און זשור־פיצעס. איינער האָט איר צוגעהאַלטען די הענט ביי די זייטען, און דער אַנדערער האָט געהאַלטען ביי אריינשטעקען איר א שטילעט אין האַרץ.

„האַלט!” האָט דער שוחט א געשריי געטאָן.

דער מיט'ן מעסער איז צוריקגעפאַלען, מיט א דערשטוינטען בליק אויף זיין שמאָל פאַנאַטיש פּנים.

„לאָזט אָפּ די פרוי!”, האָט דער פורמאַן פעסט א זאָג געטאָן. מיט אָפּענעם כעס האָט דער אַנדערער געפאָלגט. די פרוי איז גע־פאַלען פאַראויס, האַלב־פאַר'חלש'ט, און דער פורמאַן האָט זי אונ־טערגעכאַפּט.

„שרעק דיך נישט", האָט ער געזאָגט, „און איר רוצחים, פּאַלט צו מיינע פּיס און דאַנקט מיר וואָס איך האָב אייך אָפּגעראַטעוועט אייער חלק עולם הבא".

„ניין, איר האָט עס פאַרשפּילט צו אונז", האָט געזאָגט דער מיט דעם שטילעט. „ווייל מיר האָבען איצט געהאַלטען אין אויספירען די נקמה פון הימעל. ווייסט, אז דאָס איז אונזער שוועסטער, וואָס מיר האָבען אויסגעפונען אז זי איז אַן אויסגעלאָסען באַשעפעניש, וואָס מוז ברענגען חרפּה אויף אונזער למדניש הויז און אונזער גאַטס-פאַרכטיגע שטאָט. דערויף האָבען מיר מיט איר מאַן געהאַלטען אַ בית-דין בסוד און באַשלאָסען לויט דעם גייסט פון דער תורה, אז דער שאַנדפלעק מוז אויסגערייניגט ווערען פון ישראל לכבוד השם".

„לכבוד השם!" האָט דער פורמאַן איבערגע'חזר'ט, און זיינע אויגען האָבען אויפגעפלאַמט. „וואָס ווייסט איר פון כבוד השם?"

ביידע ברידער האָבען אויפגעציטערט פאַר דער ליידענשאַפט פון זיינע רייד. זיי האָבען זיך איינער דעם אַנדערען אנגעקוקט מאָדנע און אומרואיג, נאָר זיי האָבען גאָרנישט געענטפערט.

„ווי דערוועגסטו זיך צו רופען אַ אידישע טאָכטער אַ שאַנד-פלעק?" האָט דער פורמאַן ווייטער גערעדט. „איז וועלכע עס איז זינד גרוים גענוג אונז אָפּצוטיילען אויף אייביג פון גאָט, וואָס איז אין אלעם? טוט תפילה פאַר אייער שוועסטער אויב איר ווילט, נאָר דערוועגט זיך נישט צו זיין די שופטים איבער אַ לעבעדיג באַ-שעפעניש".

די פרוי האָט אויסגעבראָכען אין הויכע זיפצען און איז גע-פאַלען צו זיינע פיס.

„זיי זיינען גערעכט! זיי זיינען גערעכט!" האָט זי געשריגען. „איך בין אַן אויסגעלאָסען באַשעפעניש. עס וואָלט געווען בעסער ווען מען זאָל מיך אומברענגען".

דער פורמאַן האָט זי צערטליך אויפגעהויבען. „ניין, אין דער רגע האָסטו חרטה געהאַט", האָט ער געזאָגט, „און איין רגע חרטה געווינט צוריק גאָט. פון איצט אָן זאָלסטו לעבען אָן זינד".

„וואָס! איר וועט זי צוריקפירען קיין בראָד?" האָט געשריגען דער עלטערער ברודער — „צו ברענגען גאָט'ס צאָרן אויף אזא געט-

ליבער שטאָט! איר מעגט אייך זיין ווער איר זענט, א צדיק אָדער א שד, דאָס איז נישט אין אייער מאכט. איר מאַן וועט זי זיכער נישט צוריקנעמען. מיט איר משפחה קען זי נישט וואוינען".

„וועט זי וואוינען מיט מיינער", האָט דער שוחט געזאָגט. „מיין טאָכטער וואוינט אין בראָד. איך וועל זי נעמען צו איר. גייט אייך אייער וועג".

זיי זיינען געשטאַנען געפּלעפּט. פּלוצלונג האָט דער יונגערער געזאָגט:

„פון וואַנען ווייסען מיר, אז מיר, לאָזען זי נישט איבער אויף נאָך גרעסערער חרפּה?"

דעם אַלטען'ס פּנים איז געוואָרען שרעקליך.

„גייט אייך אייער וועג," האָט ער איבערגע'חזר'ט.

זיי זיינען אוועק און איך האָב זיי נאָכגעקוקט ווי זיי זיינען אריין אין א וואָגען מיט צוויי פערד, וועלכען איך האָב איצט דער־זען אויף דער אַנדערער זייט פון די קוסטען. איך בין א לויף גע־טאָן פאָראויס צו דערלאַנגען דער פרוי מיין אָרעם, ווייל זי האָט ווי־דער האַלב גע'חלש'ט.

„האָב איך נישט געזאָגט", האָט דער אַלטער נאָכדענקליך גע־זאָגט, אז אפילו די ערגסטע זינדערס זיינען בעסער ווי אָט די רבנים? אזוי בלינד זיינען זיי אין דער חוצפּה פון זייער איינרעדע־ניש, אזוי פארפינסטערט דורך זייער שטאָלץ, אז אפילו זייער איבער־געבענקייט צו דער תורה ווערט א מיטעל פאַר זייערע זינד".

מיר האָבען צערטליך געהאָלפען דער פרוי אין וואָגען אריין. איך בין אריינגעקראָכען, נאָר דער אַלטער האָט אָנגעהויבען צו גיין מיט'ן פערד, האַלטענדיג די צוים און פאַרקירעוועט אויף צוריק.

„וועט איר נישט אריינשפּרינגען?" האָב איך געפרעגט.

„מיר נייען איצט ארויף, אנשטאָט אראָפּ", האָט ער געזאָגט מיט א שמייכעל. „בראָד זיצט הויך, אין שטול פון די פאַראַכטער".

א כוואַליע פון חרפּה איז דורך מיין ברוסט. וואָס! איך פאַר און דער גוטער איד גייט צופוס! נאָר איידער איך האָב אים נאָך געקענט זאָגען, אז איך גיי אראָפּ, האָט מיך א נייער געדאַנק צו־טומעלט. איך, וואָס איך זוך אָרום דעם בעל שם, בין גאָר איצט ווע־גען א זייטיגען ענין אויפ'ן וועג קיין בראָד. און דאָך האָט זיך מיר

נישט געוואָלט צושיידען מיט מיין נייעם פריינט אזוי גיך. א חוץ דעם, האָב איך מיר געטראכט, איז בראָד סיי ווי ווערט אז איך זאָל עס באזוכען. דער נאָמען פון די בראָדער ישיבות איז געווען פארשפרייט איבער דער מדינה און כאָטש איך האָב זיי, אזוי ווי דער אלטער, פיינט געהאַט, בין איך אָבער שטאַרק נייגעריג צו זען זיי. און אפילו צוליב דעם בעל שם וואָלט איך באדארפט אהינפאָרען. ווייל איך האָב מיך איצט דערמאָנט, אז זיינע יונגע יאָרען האָבען געהאַט א סך פארבינדונגען מיט דער שטאָט, און אז זיין ווייב איז דאָרט געבוירען געוואָרען. האָב איך מיך אָנגערופען: „ווי ווייט איז בראָד?‟

„צען מייל‟, האָט ער געזאָגט.

„צען מייל‟, האָב איך איבערגע׳חזר׳ט מיט שרעק.

„צען מייל‟, האָט ער פארטראכט געזאָגט, „און צען יאָר, צייט איך בין געווען אין בראָד‟.

איך בין אראָפּגעשפרונגען. „איך מוז גיין צופוס, נישט איר‟, האָב איך געזאָגט.

„ניין‟, האָט ער גוטמוטיג געזאָגט. „איך פארשטיי אז קיינער פון אונז קען נישט גיין. אָט די זעק וועלען מוזען אראָפּ. ארוים מיט זיי‟.

„ניין‟, האָב איך געזאָגט.

„יאָ‟, איז ער לאַכעדיג באַשטאַנען אויף זיינס. „האָב איך נישט געזאָגט, אז דער שטן איז אנטשלאָסען מיר צוצושטערען מיין פסח? אפשר וועל איך דאָס דריטע מאָל האָבען מער מזל‟.

איך האָב צו אים איינגע׳טענה׳ט, אז איך וויל אים נישט פאר־שאפען אזא גרויסען היזק און האָב אים געזאָגט, אז איך וועל אליין גיין געפינען דעם בעל שם, אָבער ער האָט ארויסגעקייקעלט די זעק מעל, און האָט איבערגעלאָזט איינעם פאר דער פרוי זיך אָנצושפּא־רען.

„אָבער אייער ווייב וועט דאָך וואַרטען אויף דעם מעל‟, האָב איך באַמערקט, ווען דער וואָגען איז ווייטער געפאָרען מיט אונזביידען אין אים.

„זי וועט אויף מיר אויך וואַרטען‟, האָט ער געזאָגט מיט א באַדויערליכען שמייכעל. זי האָט אָבער אמונה אין דעם רבונו של

עולם. ס׳האָט אונז נאָך קיינמאָל קיין שפּיוז נישט אויסגעפעלט. דער וואָס שפּייזט די ראָבען" — עפּעס איז אים איינגעפאַלען און ער האָט פּלוצלונג אָפּגעהאַקט, איז אראָפּגעשפּרונגען און איז געלאָפען צוריק.

„וואָס איז?" האָב איך געפרעגט.

איך האָב געזען ווי ער האָט ווידער ארויסגעצויגען זיין מעסער און האָט אויפגעשניטען די זעק. „זאָלען די פייגעל האַלטען פּסח", האָט ער פריילין אויסגערופען.

די פרוי האָט נאָך אַלץ געזיפצט, ווען ער איז צוריק אריינגעקראָכען אויף זיין פּלאַץ, נאָר ער האָט זי געטרייסט מיט זיינע לוסטיגע און אפּיקורסישע געדאַנקען.

„דאָס איז דעם שטן׳ס א שפּיצעל", האָט ער געזאָגט, „צו טרייבען אונז צו עצבות, כדי צו דערשטיקען אין אונז דעם געטליכען פונק. דיין זינד איז גרויס, אָבער דיין פאָטער אין הימעל וואַרט אויף דיר, און וועט זיך פרייען ווי א מלך פרייט זיך ווען א פּרינצעסין איז באַפרייט געוואָרען פון געפאַנגענשאַפט. יעדע נשמה איז א גאַנצער תנ"ך פאַר זיך. דיינע אנטהאַלט שרה׳ן און רות׳ן און איזבל׳ן און מיכל׳ן. ביז איצט האָסטו אנטוויקעלט די איזבל אין זיך. איצט דאַרפסטו שטרעבען צו אנטוויקלען די שרה". מיט אזעלכע דרייסטע טרייסטונגען האָט ער זי באַרואיגט, ביז די איינטאָניגע באַוועגונגען פון דעם וואָגען האָבען זי פאַרוויגט אין א געבענשטען שלאָף. דאַן האָט ער ארויסגענומען א פּיפּקע, און בעטענדיג ביי מיר ערלויבעניש, האָט ער זי פאַררויכערט. ווען דער רויך האָט זיך ארויפגעקרייזעלט איז זיין פּנים געוואָרען באַגייסטערט.

איך מיין", האָט ער נאָכדענקליך באַמערקט, אז גאָט איז מער צופרידען מיט אָט דעם ווייררויך מיינעם איידער מיט אַלע תפילות פון אַלע רבנים."

דאָס האָט אפילו מיך אויפגעטרייסעלט, כאָטש איך בין געווען ווי פאַר׳כשופ׳ט פון אים. איך האָב קיינמאָל נישט באַגעגענט אזא מענשען ביי אידען. איך האָב געשאָקעלט דעם קאָפּ אין האַלבערנסטען פאָרוואורף. „איר זינדיגט", האָב איך געזאָגט.

„פאַרוואָס, איז דען רויכערען נישט קיין תענוג? הנאה האָ־

בען אמת'דיג פון עפעס וואס גאט האט באשאפען מיינט צו ליבען גאט. אפילו אזוי, איז דען תפילה טאן נישט דער גרעסטער תענוג?"

„תפילה טאן?" האב איך פארוואונדערט איבערגע'חזר'ט. „ניין, מיר דאכט עס איז א שווערער יאך דורכצודראווענען אונזערע סידורים און מחזורים".

„א יאך!" האט דער אלטער אויסגערופען. „א יאך זיך צו באהעפטען מיט גאט, איינגעזאפט צו ווערען אין דער געטליכער איינהייט. ניין, דאס איז א פרייד, ווי ביי חתן כלה. ווער עס פילט נישט אט די פרייד פון התאחדות — דעם געטליכען קוש — דער האט נאך נישט געדאווענט".

„אויב אזוי האב איך קיינמאל נישט געדאווענט", האב איך גע־זאגט.

„אויב אזוי זענט איר דער זינדיגער", האט ער געענטפערט מיט א געלעכטער.

זיינע ווערטער האבען מיך פארשלאגען אין א נאכדענקליכען שווייגען.

עס איז געווען פארנאכטצו, ווען מיר דריי וואס האבען זיך אויף אזא מאדנעם אופן באגעגענט, זיינען אנגעקומען צום גרויסען תלמודישען צענטער. צו מיין איבערראשונג האט, ווייזט אויס, א גרויסער עולם געווארט ביים טויער.

„אויף מיר ווארט מען דאס", האט זיך די פרוי היסטעריש אנגערופען, ווייל זי האט זיך ערשט איצט אויפגעכאפט. „מיינע ברידער האבען דערציילט די גבאים. זיי וועלען אייך דער'הרג'ענען. ראטעוועט אייך."

„רואיג, רואיג", האט דער אלטער געזאגט, רויכערענדיג זיין ליולקע.

ווען מיר זיינען צוגעקומען נעענטער, האבען מיר געהערט דעם עולם שרייען, און ווען מיר זיינען צוגעקומען נאך נעענטער, האבען מיר געקענט קלאר הערען די קולות. טאקע? יא, איך האב נישט געמאכט קיין טעות. „דער בעל שם! דער בעל שם!"

מיין הארץ האט ווילד געקלאפט. וואס פאר א מזל דאס איז געווען! „דער בעל שם איז דארט דא!" האב איך א באגייסטערטער אויסגעשריגען.

דער פרוי איז נאָך ערגער געוואָרען. „דער בעל שם!״ האָט זי געקוויטשעט, „ער איז אַ הייליגער מאַן. ער וועט אונז שעכטען מיט אַ בליק״.

„שטיל, מיין שיין באַשעפעניש״, האָט דער פורמאַן געזאָגט. „גיכער קענסטו אים שעכטען מיט אַ בליק״.

דאָס מאָל האָט מיך זיין ליכטזיניגקייט געערגערט. איך האָב ניינעריג געגלאָצט צום טויער, און באַמיט זיך צו דערזען די געשטאַלט פון דעם מעכטיגען צדיק!

דער געדיכטער עולם האָט זיך מיט אַ טומעל באַוועגט. טייל פון די מענשען זיינען געלאָפען צו אונזער וואָגען. אונזער פערד האָט געמוזט בלייבען שטיין. אין אַ רגע האָבען אים אַ צען הענט אויסגעשפּאַנט, עס איז געווען אַ מאָמענט פון שרעקליכער צוטומלעניש אין וועלכען איך האָב געפילט, אַז מען האָט געטראַכט צו באַגיין אַ ווילדקייט. דערנאָך האָב איך דערזען, אַז הענט רייסען זיך צו שלעפען אונזער וואָגען אַזוי ווי אין טריומף, און אין מיינע אויערען האָט געדונערט אַזוי ווי פון טויזענט העלזער: „דער בעל שם! דער בעל שם!״ פלוצלונג האָב איך אַ קוק געטאָן מיט אומגלויבליכען פאַרדאַכט אויף דעם אַלטען, וואָס האָט זיך רואיג געריכערט ביי מיין זייט.

„בראָד האָט זיך טאַקע געענדערט״, האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטער וואָס איז געווען האַלב זיפץ.

אַ חלשות וואָס איז מיך באַפאַלען האָט פאַרווישט דאָס גאַנצע אויסטערלישע בילד — דאָס שטאָט־טויער, די נייגעריגע פנים׳ער, די מענשען וואָס האָבען געמאַכט מיט די הענט, די הייזער, די דערשראָקענע פרוי ביי מיין זייט.

עס איז געווען די גרעסטע איבעררעשונג פון מיין לעבען.

## VII.

אַ כאָאָס פון געשטאַלטען האָט זיך צונויפגעשלאָגען אין מיין מח. איך האָב געזען ווי די מיסטישע געשטאַלט פון דעם מעכטיגען בעל שם איז געשטאַנען אויפ׳ן בית עולם און גע׳משפט צווישען די נשמות פון די מתים. איך האָב אים געזען אין דעם עולם העליון צווישען די מלאכים. איך האָב איך געזען אַ ליכטיגען אין

מיטען פון זיין כשוף־קרייז, פארניכטענדיג מיט זיין בליק די פלאַ־מענדיגע הארדעס פון די טייוואלים־עבערס. און פונקט אזוי ווי די באשעפענישען האבען זיך אנגעשלאגען אן דעם קרייז און זיינען נישט געווארען, אזוי מוזען אויך איצט די געטליכע זעאאונגען פאר־שווינדען פאר דעם ליבליכען אלטען. און דאך איז מיין אנטווי־שונג נישט געווען אינגאנצען פוסט. די פריידענס־געשרייען זיינען נאך געבליבען מיך צו דערהויבען, עס איז מיר נאך געבליבען מיין מאדנער פריינט, וואס זיינע געדאנקען האבען שוין געציטערט אין מיר, און וואס זיין פנים האט איצט אנגענומען א נייע געשטאלט אין מיין פארשטעלונג, דערביי געווינענדיג א סך פון דעם וואס די פאנטאסטישע געשטאלט האט פארלוירען. און אין מיטען דעם גאנצען דערוויילינען טומעל, האט אין מיין ברוסט געזונגען די געט־ליכע פארזיכערונג, אז דא זיינען ענדליך געווען לעבעדיגע וואסע־רען, דא זיינען געווען גרינע לאנקעס. „רבי", האב איך ווילד אויסגעשריען, און אנגעכאפט זיין האנט און זי געקושט.

„מיין זון", האט ער צערטליך געזאגט. „די רוצחים האבען הפנים אנגעזאגט דער שטאט אז מיר קומען".

„גוט אזוי", האב איך געזאגט, „איר פריי מיך צו זען אייער זיג איבער א שטאט וואס איז אזוי פול מיט רבנים".

„ניין, רעד נישט וועגען מיין זיג", האט דער רבי מיר פארגע־ווארפען.

„דאנק גאט פאר דער ענדערונג אין זיי, אויב עס איז אן ענדערונג פארהאן. א מענש דארף זיין גלייכגילטיג צי ער ווערט געלויבט צי געטאדעלט, געליבט צי געהאסט, צי מען האלט אים פאר דעם גרעסטען חכם פון דער מענשהייט, צי פאר דעם גרעסטען נאר".

„זיי פארלאנגען, אז איר זאלט רעדען צו זיי, רבי, האב איך אויסגערופען, ווען די פריידענס־געשרייען זיינען ווייטער אנגעגאנגען. ער האט געשמייכעלט.

„קיין ספק נישט — זיי ווילען הערען א דרשה מיט האר־שפאלטענדיגע פשט'לאך און טייוולאנישע פלאנטערס. איך בעט אייך, גייט אראפ און זעט, אז מען זאל מיר מיין פערד נישט צו־גנב'ענען."

איך בין פלינק אראָפגעשפרונגען אויסצופאָלגען זיין ערשטען באַפעהל, און, ארויספריבענדיג אויפ׳ן פערד, האָב איך ווידער אַ קוק געטאָן אויף דעם ים פּנים׳ער, אלע געווענדעט צום בעל שם. פון דער אויפגערעגטער געדרודעריי פונ׳ם עולם, האָב איך ארויס־געפונען, אז דער בעל שם האָט נאָרוואָס באַוויזען איינעם פון זיינע גרעסטע מופתים. צוויי ברידער זיינען געפאָרען מיט זייער שוועס־טער אין וואַלד אריין און זיינען באַפאַלען געוואָרען פון גזלנים. זיי האָבען שוין געהאַלטען ביים טויט, ווען דער בעל שם איז אָנ־געקומען דורך אַ נס, און פשוט דורך דערמאָנען דעם שם, האָט ער געמאכט אז די גזלנים זיינען געפאַלען צו דער ערד אזוי ווי קורח. אזוי ווי די שוועסטער איז געווען צו איבערגעשראָקען זיך אומצו־קערען מיט אירע ברידער, האָט דער בעל שם זיך אונטערגענומען זי אליין צו ברענגען קיין בראָד אין זיין אייגענעם הימלישען רייט־וואָגען, וואָס פאַר די וועלכע זיינען נישט געווען באַקאַנט מיט די העכערע סודות, האָט ער אויסגעזען ווי אַ געוויינליכער וואָגען.

דערווייל האָט דער רבי ווידער אָנגעפילט זיין ליולקע. „איז דאָס מיין אַלטער פריינד דוד", האָט ער אויסגערופען צו איינעם אין אַ שוסטערשען פאַרטוך. „און ווי גייען עפּעס די געשעפ־טען?"

דער שוסטער האָט זיך פאַרשעמט מיט דעם אומדערוואַרטען כבוד, איז רויט געוואָרען און האָט ארויסגעשטאַמעלט: „גאָט איז גוט".

„אַ טרויעריגער ענטפער, דוד. גאָט וואָלט אויך געווען אזוי גוט, ווען ער שיקט דיך בעטלען. האַ! האַ!" האָט ער ווייטער לוס־טיג גערעדט. „איך זע יוסף קרעטשמער איז שוין אויסגעוואַקסען ווי אַ פעסעל. שלום עליכם, יוסף! האָסט דיך שוין אויסגעלערענט עברי? ניין! זענט איר נאָך אלץ דער גרעסטער חכם אין שטאָט."

ארום דער צייט האָבען שוין טייל פון די רבנים און גבירים פון פאַרענט פונ׳ם עולם אָנגעהויבען אויסזען ברוגז׳דיג דערפאַר וואָס מען האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף זיי, אָבער נאָך שאַרפער ווי ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף אָט די זיילען פון דער קהלה, האָט זיך דער בעל שם נישט אומגעקוקט אויף זיין עפענטליכען מבלת פנים, און האָט זיך ווייטער איבערגעגריסט מיט ארעמע אלטע

באקאנטע, און האט צום סוף געבעטען די אידען צווישען די דישלעס זיי זאלען אדער ווייטער געבען זיין פערד דעם וועג אדער זיי זאלען אים צוציען צו זיין טאכטער'ס הויז, וואוהין ער האט זיך אונטער־גענומען צו ברענגען די פרוי וואס זיי זעען (וועלכע איז די גאנצע צייט געזעסען אזוי ווי א פאר'חלומ'טע). נאר ווען די געשרייען נאך א דרשה האבען אנגעהאלטען, האט ער געזאגט:

„פריינט, איך קען צו אייך אזוי דרש'ענען, ווי מיין פערד דארט. אלע דרשנ'ט. האלט קיין זאך נישט פאר פראסט אדער וואכעדיג. דורך גאט'ס דערביי זיין זיינען אלע זאכען הייליג. איר זעט דארט די ערשטע שטערען? איז דאס נישט א וואונדערליכע וועלט? האט הנאה פון איר. בלויז נאראנים און רבנים ריידען וועגען דער וועלט ווי וועגען עפעס וואס איז נוצלאז און פוסט. נאר אזוי ווי א ליבהאבער זעט אפילו אין דער צירונג פון זיין געליבטער בלויז איר אייגענע שיינקייט, אזוי מוזען מיר אין די שטערען און אין די וואסערען בלויז זען גאט". ער האט ווידער גענומען רויכערען זיין ליולקע, אבער דער ווארטענדיגער עולם האט אים נאך אלץ נישט געוואלט לאזען דורכפארען. „איר נאראנים", האט ער רוי א זאג געטאן, „איר וואלט מיך געוואלט מאכען, אזוי ווי איר האט געמאכט אייער תורה און אייער וועלט", אן ארט וואו זיך אפצושטעלען, אין דער צייט ווען אלע זאכען זיינען בלויז אויפ'ן וועג צו גאט. עס איז אמאל געווען א מלך", האט ער ווייטער גערעדט, „וועלכער האט זיך אויפגעבויט א פאלאץ אויף חידושים. דער מלך איז געזעסען אויף זיין כסא מלכות אין מיטען פון א מין פלאנטער פון געדרייטע קאַ־רידארען. אין די ארייננאנג־זאלען זיינען געלעגען בערג מיט גאלד און זילבער, און דאס פאלק איז צופרידען געווען צו בלייבען, און זיך זאט קוקען פון הנאה. צום סוף האט דער משנה למלך רחמנות געהאט אויף זיי און האט צו זיין אויסגערופען: „די אלע אוצרות און די אלע ווענט און קארידארען זיינען באמת גארנישט פאראהן. זיינען בלויז א כשוף'דיגע פארבלענדעניש. גייט דרייסט ווייטער און איר וועט געפינען דעם מלך!"

נאר אזוי ווי דער עולם האט נאך אלץ געווילדעוועט אז אנט־טוישטער און געבעטען א מופת, האט דער בעל שם א פייף גע־

טאָן און זיין פערד איז אַזוי פּלוצלונג צו אים צוגעפּלינען, אַז איך בין שיער אַראָפּגעפּאַלען און דער עולם האָט זיך אויף גיך געמוזט צעטיילען. אַ פּאַראַליזירטע קאַליקע האָט מיט האַסט אַ וואָרף געטאָן זיין קוליע און גענומען לויפען אינגאַנצען אַן אויסגעהייל־טער.

„אַ מופת! אַ מופת!" האָבען אַ הונדערט קולות געשריגען. געלויבט איז גאָט!"

דער געשריי איז אויפגענומען געוואָרען איבער דער גאַנצער גאַס, און נייגעריגע צוקוקער האָבען אַרומגערינגעלט דעם גליקליכען קאַליקע, און אים אויסגעפרעגט און באַטאַפּט זיינע פיס.

„איר זעט, איר זעט!" האָב איך געהערט ווי זיי האָבען גע־זאָגט איינער צום אַנדערען, „אפילו אין זיין פערד איז פאַראַהן כשוף!"

ווען דאָס פערד איז צוגעקומען צו די דישלעס, זיינען די וואָס האָבען געצויגען דעם וואָגען זיך גיך צולאָפען. איך האָב איינגע־שפּאַנט דאָס פערד אין וואָגען און מיר זיינען דורכגעפאָרען דורך דעם עולם וואָס האָט געבעטען דעם בעל שם'ס ברכה. נאָר ער האָט זיי בלויז שמייכלענדיג אָוועקגעפּאָכעט מיט דער האַנט.

„בענטשט איינער דעם אַנדערען מיט אייערע מעשים", האָט ער פון צייט צו צייט אויסגערופען. „דאַמאָלס וועלען אייך אברהם, יצחק און יעקב בענטשען". און אַזוי זיינען מיר געקומען צום רינג־פּלאַץ, און דורך אים, צו דער געביידע, וואָס מיר האָבען געזוכט, — אַ הויכע צוויי־שטאָקיגע שטיינערנע געביידע.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען צו זיין טאָכטער'ס הויז, האָבען מיר אויסגעפונען אַז זי האָט בלויז געדונגען אַ דירה, אַזוי אַז קיינער פון אונז אַ חוץ די פרוי האָבען דאָרט נישט געקענט בלייבען, כאָטש מען האָט אונז אונטערהאַלטען מיט עסען און וויין. נאָך נאַכטמאָל, ווען מען האָט די אייזערנע לאָדענס פאַרמאַכט, האָט דעם בעל שם'ס טאָכטער — אַ שוואַרץ־אויגיגע שיינהייט — געטאַנצט מיט אַזאַ פייער און איבערגעבענקייט, אַז איר רויט קאַפּטוך איז שיער אַראָפּ־

געפאלען, און איך, זייענדיג איצט אין א פרייליכער שטימונג, האב אנגעהויבען מקנא זיין איר מאן, וועלכער האט געפירט א פרייליכען שמועס מיט דער גערעטעוועטער פרוי. אין מיטען דער פרייליכקייט איז דער בעל שם אוועק אין א ווינקעל, געזאגט אז ער וויל דאווענען מנחה און האט אונז געהייסען זיך ווייטער משמח זיין און נישט קוקען אויף אים.

„מנחה!" האב איך נישט טראכטענדיג אויסגערופען, „עס איז דאך צו שפעט".

„וואלסטו געגעבען א קינד פארשריפטען ווען עס מעג ריידען צום פאטער?" האט מיר דעם בעל שם פארגעווארפען.

האב איך ווייטער געשמועסט מיט זיין טאכטער, נאר פלוצלונג האט א שמייכעל געבויגען מיינע ליפען ביים געדאנק ווי די נארישע פארפאסערס פון לעגענדען האבען אויסגעטראכט אז זיין דאווענען איז אזוי פול מיט פארבארגענע מעשים, אז דער וואס קוקט אויף אים קען שטארבען. איך האב מיך אומגעדרייט און גע'גנב'עט א בליק אויף אים.

צו מיין דערשטוינונג, ווען איך האב דאמאלס דערזען זיין פנים, האב איך צום ערשטען מאל באגריפען, אז ער איז באמת געווען, ווי מענשען האבען אים גערופען, דער האר פון געטליכע סודות. אויף זיין שטערען זיינען געשטאנען גרויסע פלעקען שווייס, און אזוי ווי פון א גסיסה זיינען טרערען גערינען פון זיינע באקען, נאר זיינע אויגען זיינען געווען געוועלגערט ארויף און פארגלייזט, און זיין פנים איז געווען ווי פון א מת אן א נשמה, נאר מיר האט זיך אויסגעוויזען, אז דער שטראלענקראנץ וועגען וועלכען מען האט גערעדט, איז טאקע געווען ארום זיין קאפ. און אויך זיין געשטאלט, וואס איז שטייף געווארען, האט אויסגעזען מאדנע העכער. מיין האנט האט פעסט געהאלטען א ווינקעל פון דעם שראנק. איך האב גיך אפגעווענדט מיינע אויגען, פאר מורא אז איך זאל נישט גע־שלאגען ווערען מיט בלינדקייט. איך ווייס נישט וויפיל מינוטען עס זיינען אריבער איידער איך האב געהערט א טיפען זיפץ, און ווען איך האב מיך אומגעדרייט האב איך דערזען ווי דעם בעל

שם'ם געשטאלט האט זיך באוועגט און געציטערט, און אין א רגע ארום האט ער מיך אנגעקוקט מיט א שטראלענדיגען שמייכעל. „נו, מיין זון, פילסטו דיך געגוויגט צו גיין אין בעט אריין ?"

זיין פראגע האט מיך דערמאנט וויפיל איך בין דורכגעגאנגען יענעם טאג, און כאטש איך האב מיך נישט געאיילט צו פארלאזען דעם אנגענעמען קרייז, האב איך דאך געענטפערט, אז זיין פאר־לאנג איז פאר מיר געזעץ. אויף דעם האט ער, צו מיין צופרידענהייט געזאגט, אז ער וועט נאך פארווייילען א פערטעל שעה. ווען מיר זיינען אוועק צו יוסף'ס קרעטשמע, וואוהין אונזער פערד און וואגען זיינען פריער אוועק, איז געוועזען צען א זייגער, אבער עס איז נאך אלץ געווען אן עולם פאר'ן הויז. א סך פון די גרויסע אייזערנע טירען אין גאס זיינען נאך געווען אפען, און מענער און ווייבער האבען זיך צוגעשטופט א קוש צו טאן דעם זוים פונ'ם רבינ'ס קלייד.

אויף אונזער וועג האב איך אים געבעטען ער זאל מיר זאגען וואס ער האט געזען בשעת דאווענען.

„איך האב געהאט עלית נשמה", האט ער פשוט געזאגט, „און איך האב געזען וואונדערליכערע זאכען ווי איך האב ווען עס איז געזען, צייט איך האב באקומען מיינע געטליכע קענטעניש. געלויבט איז איין גאט !"

„קען איך אויך זען אזעלכע זאכען ?" האב איך אן אטעם א זאג געטאן, ווען די גאנצע קבלה וואס איך האב געלערענט און אלע מיינע אומזיסטע באמיאונגען צו באווייזען מופתים זיינען מיר מיטאמאל אנגעלאפען אויפ'ן זינען.

„ניין — איר נישט".

מיר איז קאלט געווארען, אבער ער האט ווייטער גערעדט:

„נישט איר — דער איר מוז אפגעווישט ווערען. איר מוזט צוריק איינגעזאפט ווערען אין דער איינהייט".

„אבער ווי אזוי ?"

„פארטיפט זיך מיט'ן געדאנק אויף גאט. פארגעסט זיך אליין."

„איך וועל פרובירען, טייערער רבי", האב איך געזאגט. „נאר זאגט מיר, וואס האט איר געזען".

„וואָס איך האָב געזען און געלערנט האָרט אויבען איז אומ־מעגליך איבערצוגעבען מיט'ן מויל“.

אָבער איך האָב אים אַזוי לאַנג געבעטען, אַז איידער מיר האָ־בען זיך צושיידט אויף דער נאַכט, האָט ער זיך אויסגערעדט פאר מיר, וועגען אַט די געטליכע זאַכען אין לשון קודש:

„איך מעג בלויז דערציילען וואָס איך האָב צוגעזען ווען איך האָב אראָפּגענידערט אין גן עדן התחתון. איך האָב געזען דאָרט א סך, א סך נשמות פון לעבעדיגע און טויטע מענשען, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע פאר מיר, אָן אַ צאָל און אָן אַ מאָס, זיינען געקומען אין געגאַנגען פון איין וועלט אין דער אַנדערער דורך דעם זיי וואָס איז באַקאַנט צו די וואָס וויסען גאָט'ס גנאָד. גרויס איז געווען די שמחה וואָס דער אָטעם פונ'ם גוף קען נישט דערציילען און דאָס אויער פונ'ם גוף קען גיט'ט פארנעמען. א סך שרעקליכע מעשים זיינען צוריקגעקומען אין חרטה, און אַלע זייערע זינד האָט מען זיי מוחל געווען, ווייל דאָס איז געווען די צייט פון גאָט'ס גנאָד אין הי־מעל. איך האָב מיך באמת געוואונדערט וואס אזויפיל זיינען אויפ־גענומען געוואָרען. זיי האָבען מיך אַלע שטאַרק געבעטען, אז איך זאָל ארויפגיין מיט זיי אין עולמות העליונים, און צוליב דער גרויסער שמחה וואס איך האָב צווישען זיי געזען, האָב איך איינגע־שטימט. דאַן האָב איך פארלאַנגט, אז מיין הימלישער רבי זאָל גיין מיט מיר, ווייל גרויס איז די סכנה ארויפצושטייגען אזעלכע הויכע וועלטען, וואו איך בין קיינמאָל נישט געווען צייט איך עק־זיסטיר. אזוי בין איך ארויפגעשטיגען פון שטאַפעל צו שטאַפעל ביז איך בין אריינגעקומען אין דעם היכל פון משיח, אין וועלכען משיח לערנט תורה מיט אַלע תנאים און צדיקים און די זיבען פאס־טיכער און דאָרט האָב איך געזען אַ גרויסע פרייד. איך האָב נישט געוואוסט וואס די פרייד האָט באַטייט. איך האָב צוערשט געטראַכט, אז די פרייד איז אפשר צוליב מיין גיכען טויט. נאָר זיי האָבען מיר געלאָזט וויסען אז איך וועל נאָך נישט שטאַרבען, ווייל עס איז אַ גרויסע פרייד אין הימעל ווען איך מאַך הימלישע באַהעפטונגען אויף דער ערד דורך זייער הייליגער תורה. אָבער וואָס די פרייד האָט געמיינט, האָב איך נאָך אַלץ נישט געוואוסט. איך האָב געפרעגט: 'ווען וועט דער האַר קומען?' האָט מען מיר

גענטפערט: 'ווען דיין תורה וועט באוואוסט און אנטפלעקט ווע־רען צו דער וועלט און דיינע קוואלען וועלען פארשפרייטען אומע־טום דאס וואס איך האָב דיך געלערענט, און דאס וואס דו האסט דאָ פארנומען, און ווען אלע מענשען וועלען בכח זיין צו מאכען באהעפטונגען און ארויפשטייגען אזוי ווי דו. דאמאלס וועט יעדע מלאכה פון וועלטליכער רשעות פארשווינדען, און עס וועט זיין א צייט פון גנאַד און דערלייזונג'. מיך האָט שטארק געוואונדערט, און איך האָב געפילט גרויס טרויער פארוואָס די צייט האָט גע־מוזט אזוי לאנג אָפגעלייגט ווערען. ווייל ווען קען דאָס זיין? אָבער איצט אין מיין לעצטען אויפשטייג האָב איך אויסגעלערענט דריי ווערטער וואס זיינען מעכטיגע סגולות און דריי געטליכע שמות. זיי זיינען לייכט אויסצולערנען און אויסצוטייטשען. דאָס האָט מיר אָפגעקילט דעם געדאנק. איך גלויב אז דורך זיי וועלען מענשען פון מיין גייסט גיך דערגרייכען מיין שטאפעל, אָבער איך האָב נישט קיין רשות זיי צו אנטפלעקען. איך האָב געבעטען, אז עס זאָל מיר ווייניגסטענס דערלויבט ווערען זיי זיך אויסצולערנען, אָבער איך מוז האַלטען מיין שבועה. אָבער דאָס לאָז איך דיר וויסען, און גאָט וועט העלפען. זאָלען דיינע וועגען פירען צו גאָט, זאָלען זיי נישט זיין אָפגעווענדט פון אים. ווען דו דאווענסט און לערענסט, אין יעדען וואָרט, אין יעדען קלאנג פון דיינע ליפען פיר דיין געדאנק צו באהעפטונג, ווייל אין יעדען אות זיינען פארהאן וועלטען און נשמות און גאָטהייט. די אותיות באהעפטען זיך און ווערען א וואָרט, און דערנאָך באהעפטען זיי זיך אין דער גאָטהייט, דער־פאר זאָלסטו פרייוען צו באהעפטען דיין נשמה אין זיי, אזוי אז אלע וועלטען ווערען באהאַפטען אין איינס, וואָס דאָס ברענגט אומ־ענדליכע פרייד און דערהויבונג. אויב איר פארשטייט די פרייד פון חתן כלה אביסעל און אין א קערפערליכען זין, וויפיל זשע מער באגייסטערונג איז פארהאן אין דער באהעפטונג פון דעם הימלישען מין! אוי, דער וואונדערליכער טאָג ווען רשעות וועט זיין פארטי־ליגט פון דער וועלט, און גאָט וועט זיין איינס מיט זיין באשאפונג. דער רבונו של עולם זאָל אייך העלפען!"

איך בין א וויילע געזעסען א דערשטוינטער פון פארוואונדערונג. „טייערער רבי", האָב איך מיך ענדליך אָנגערופען, וואָס פאר

אייך זיינען אנטפלעקט די סודות פון אלע וועלטען, קענט איר נישט לעזען מיין צוקונפט?"

„יא," האט ער געענטפערט. איך האב אים אנגעקוקט מיט א פארכאפטען אטעם. „איר וועט מיר אלעמאל געטריי בלייבען", האט ער פאמעליך געזאגט.

מיינע אויגען האבען זיך אנגעפילט מיט טרערען. איך האב א קוש געטאן זיין האנט.

„און איר וועט חתונה האבען מיט מיין טאכטער?"

מיין הארץ האט געקלאפט. „מיט וועלכער?"

„די, וואס איר האט נארוואס געזען".

„אבער זי האט דאך א מאן", האב איך געזאגט און דאס בלוט האט מיר זיס געריזעלט אין מיינע אדערען.

„איר מאן וועט איר געבען א גט".

„און וואס וועט ווערען מיט אים?"

„ער וועט חתונה האבען מיט דער פרוי וואס מיר האבען גע־ראטעוועט. און זי וועט אויך אויסלייזען א סך נשמות".

„אבער ווי אזוי ווייסט איר?" האב איך געמורמעלט האלב אומגלויבליך.

„אזוי איז עס מיר מגלה געווארען", האט דער בעל שם גע־זאגט מיט א שמייכעל.

אזוי איז עס טאקע מיט א צייט שפעטער מקוים געווארען. און אזוי האט זיך געענדיגט דער ערשטער אויסטערלישער טאג מיט דעם באליבטען רבי'ן, וואס זיין ליכט לייכט דורך די וועלטען.

## VIII.

עס איז שוין א סך יארען צייט איך האב צום ערשטען מאל געזען דעם בעל שם, און אזוי פיל יארען צייט איך האב אים גע־בראכט אין זיין קבר אריין, דאך איז זיין יעדעסווארט וואס ער האט גערעדט צו מיר באהאלטען ווי א גאלדענער אוצר אין מיין הארץ, אזוי ווי ריין גינגאלד. נאר די האנט פון אלטקייט ליגט שווער אויף מיר, און אזוי ווי איך קען אמאל נישט דערלעבען צו פארענדיגען אפילו די קירצערע געשיכטע, וועל איך דערפאר דא בלויז פארשרייבען דעם בלויזען איינדרוק פון זיין לערע וואס איז

מיר געבליבען אין געדאַנק, מיט דער האָפענונג אז איך וועל קענען ווידמען אַ באַזונדערען באַנד צו די שמועסען מיט מיין געטליכען רבי'ן. און דאָס איז נאָך מער נויטיג, ווי איך האָב געזאָגט, ווייל די צאָל פון די וואָס נאַרען אָפּ און באַשווינדלען זיך באַנוצענדיג מיט זיין נאָמען פאַרגרעסערט זיך און ווערט ערגער מיט יעדען טאָג. אפילו ביי זיין לעבען איז שוין דעם בעל שם'ס לערע, ווי איר האָט עס געמוזט באַמערקען, שוין געווען גענוג צוקרומט דורך נשמות וואָס זיינען געווען קלענער פון זיינער, און דורך די געבראָכענע שטראַלען פון ווייטקייט — וואָרום ווי דען אַנדערש קען אַן אמת'דיג בילד פון אים איבערגיין פון שטאָט צו שטאָט, דורך וואַלד און באַרג, דורך דער גאַנצער גרויסער מדינה? האָט בלויז דעם רבינ'ס לעבען אַליין מיר קלאָר געמאַכט דאָס וואָס איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין פון זיינע נאָכפאָלגערס. פונקט ווי זייערע משוגענע טאַנצערייען און געוואַלטען און ספּאַזמען זיינען געווען מפּולדיגע פּריווען נאָכצומאַכען זיין התלהבות ביים דאַווענען, אַזוי האָבען זיי אים אין אַלע זאַכען בלויז נאָכגעקרימט. אָבער אַצינד, ווען ער איז טויט, און מען קען די שטיק מער נישט אָפּהאַלטען דורך זיין לעבעדיגען ביישפּיל, זיינען די מעשים וואָס ווערען אָפּגעטאָן און די זאַכען, וואָס ווערען געלערענט אין זיין נאָמען אַזוי שווידערליך, אַז כאָטש די חסידים וואָס ער האָט געגרינדעט זיינען געוואָרען — נישט קוקענדיג אויף אַלע פאַרפאָלגונגען פון די אָרטאָדאָקסישע אידען, נישט קוקענדיג אויף דעם וואָס מען האָט געשמיסען זייערע לייבער, זיי געזעצט אין קלעם, נישט קוקענדיג וואָס מען האָט אונז געלייגט אין חרם אריין און פאַרמאַכט אונזערע שולען און פאַרברענט אונזערע ספרים — אַ מעכטיגע סעקטע איבער דער לענג און ברייט פון מיטעל־עראָפּע, האָב איך אָבער דאָך ווייניג הנאה פון זיי, ווייניג פרייד אין פאַרשפּרייטען די לערע צו וועלכער איך האָב געווידמעט מיין לעבען. און טיילמאָל — ווייל איצט לייכט שוין נישט אויף מיר מיין רבינ'ס טרייסטענדיג פנים, אויסער אין חלום און אין זכרון — האָב איך די דרייסטקייט זיך צו וואונדערען צי די וועלט איז בעסער ווייל ער האָט געלעבט אין איר. און טיילמאָל געפין איך אַיין אַז איך אַליין סימפּאַטיזיר מיט אונזער הויפּט־פאַרפאָלגער, דעם הייליגען למדן, דעם ווילנער גאון.

און ערשטענס, אזוי ווי עס זיינען איצט ליידער פארהאן טייל זיינע נאָכפאָלגערס, וואָס דורך זייער פארקריפּעלטער אנשטרענגונג צו פירען אַ פּשוט לעבען, וואנדערען זיי ארום נאַקעט אין די גאַסען, און טוען אפילו אָפּ זייערע נאַטירליכע באדערפעגישען עפענטליך, ווייל איך דאַ עדות זאָגען, אז כאָטש דער בעל שם האָט באַטראַכט דעם גוף מיט אַלע זיינע פונקציעס פאר הייליג, האָט ער דאָך נישט פארטיידיגט אַזעלכע איבערטרייבונגען. און כאָטש אין זיין ליבשאַפט צו דער זון און צו וואסער און צו קערפּערליכער ריינקייט — וואָס איז פאר אים געווען אַ הימלישער סימבאָל — האָט ער זיך אָפט געבאָדען אין פארוואָרפענע שטראָמען, אָבער עפענטליך איז ער אַלעמאָל געווען פאַסיג אָנגעטאָן. און כאָטש קיין געלט איז אים נישט אָנגעגאַנגען, האָט ער אָבער, ווען עס איז אים נויטיג געווען, געפּריוועט עס פארדינען דורך ארבייט, און איז נישט ארומגעגאַנגען אָפּגעלאָזט רויכענדיג און פלאָפּלענדיג וועגען פּאָלקאָמענהייט, פּרעטענדירענדיג צו זיין פארטראַכט וועגען גאָט, ווען אַנדערע האָבען זיך געמיט און געארבייט פאר אים.

ווייל אויך אין זיין ארבייט איז מיין רבי, צו יעדער שעה געווען אין דער אנוועזענהייט פון גאָט, און אין דער אנוועזענהייט פון די אבות און די נביאים, פון די גדולי ישראל, די תנאים און די אמוראים, און אַלע וואָס האָבען געזוכט צו ברענגען גאָט'ס קינגרייך אויף דער ערד, אז גאָט און זיין באַשאַף, הימעל און ערד, זאָלען זיין איינס, און אַז משיח זאָל קומען אין דער געטליכער שלום זאָל פאַלען איבער דער גאַנצער וועלט. און ווען ער האָט מתפלל געווען און געבעטען פאר די זינד פון זיין פאָלק, האָט זיין גייסט ארויפגעשטיגען אין הויכע וועלטען און האָט דאָרט געשמועסט מיט די הייליגע, אָבער דאָס האָט אים נישט אָנגעבלאָזען מיט פּוסטקייט, אזוי ווי יענע וואָס בארימען זיך היינט, אַז זיי האָבען עלית נשמה, אַן ערפאַרונג, צו וועלכער איך האָב נאָך ליידער ביז איצט נישט די זכיה געהאַט. ווייל ווען ער האָט זיך אומגעקערט צו דער ערד האָט זיך דער בעל שם תמיד געפירט ווי אַ פּשוט'ער מענש וואָס האָט קיינמאָל נישט פארלאָזט זיין היימישען דאָרף, אין דער צייט, וואָס די היינטיגע ארומפאָרער אין די הימלען פאַראַכטען כלומר'שט אונזער ערדישע וועלט, אַנדערע האָבען אפילו אַזויפיל

איינרערעניש און חוצפה אז זיי פארלירען זייער שכל און זאָגען אז זיי זיינען שוין נתגלה געוואָרען און זיי זיינען נישט מער קיין שטארבליכע מענשען. מיין רבי האָט באמת געהאָפט נתגלה צו ווע־רען ביים לעבען אזוי ווי אליהו, ווייל ער האָט אמאָל וויינענדיג געזאָגט צו מיר — ס׳איז געווען נאָכדעם ווי מיר זיינען צוריק־געקומען פון זיין ווייב׳ס לויה — „איצט, אז מיין ווייב איז טויט, וועל איך אויך שטארבען. אזא צדקת ווי זי האָט מיך געקענט מיט־נעמען אין הימעל אריין. זי איז מיר אָן שום פראגען נאָכגעגאנגען אין וואלד אריין, האָט געלעבט אָן שכנים, זומער און ווינטער, איז אויסגעשטאנען פיין און ארבייט פון מיינעטוועגען, און ווען נישט איך גלויבען אין מיר וואָלט איך גאָרנישט דערגרייכט". קיין מאָן האָט נישט מער פארערט די פרויען ווי דער בעל שם. אין דעם, ווי אין א סך אנדערע זאכען איז זיין לעבען געווען פאר מיר א מוסטער, און זיין טייערע טאָכטער האָט געוואוסט פון דעם וואָס איך האָב ביי איר פאָטער געלערנט. מיר מאכען א טרויעריגען טעות, ווען מיר שעצען נישט געהעריג אונזערע פרויען: זיי דאר־פען זיין אונזערע חברים, נישט אונזערע שקלאפען, און אונזערע עליות נשמה — אזוי צו זאָגען — דארפען געמאכט ווערען אין זייער ליבענדיגער חבר׳שאפט.

מיין רבי האָט געגלויבט, אז גאָט׳ס אָטעם האָט באלעבט די וועלט, באנייענדיג יעדען טאָג די ארבייט פון באשאפונג, און דער־פאר איז די אלטעגליכע וועלט אזוי באגייסטערט ווי די תורה, ווייל איינע ווארפט ליכט אויף דער צווייטער. די תורה שבכתב מוז אויסגעטייטשט ווערען אין יעדען דור לויט דער הערשענדיגער איי־גענשאפט פון גאָט — ווייל גאָט הערשט אין יעדען דור דורך אָן אנדער אייגענשאפט, טיילמאָל דורך זיין ליבשאפט, טיילמאָל דורך זיין מאכט, טיילמאָל דורך זיין שיינקייט. „נישט די צאָל מצוות וואָס מיר היטען אָפּ ברענגט אונז צוזאמען מיט גאָט", האָט דער בעל שם געזאָגט. „איין מצוה וואָס מיר טוען אין און דורך ליב־שאפט צו אים איז אזוי שטארק ווי אלע מצוות". אָבער דאָס האָט נישט געמיינט, אז מען האָט די אנדערע מצוות נישט באדארפט אויס־פאָלגען, ווי טייל האָבען דערפון געדרונגען. אָבער אז איין מצוה דארף ווערען דער מיטעלפונקט פון לעבען, ווי אנדערע האָבען גע־

טאָן. ווייל, כאָטש דער צדיק, וועלכער האָט אוועקגעגעבן זיין לעבען צו העלפען זיין שכן אָדער זיין שונא'ס אייזעל וואָס איז געלעגען אונטער אַ לאַסט, ווי עס שטייט געשריבען אין שמות כ"ג, ה', איז נישט אומווירדיג געווען, אז מען זאָל אים באוואונדערען — דאָס איז געווען מיינער אַן אייגענער תלמיד, און ער האָט אויף אַזאַ אופן געוואָלט פייערען די אומשטענדען פון מיין ערשטער באַ־געגעניש מיט דעם בעל שם, — אַט דער וואָס האָט זיך אומיסטען אָפּגעגעבען נישט צו זאָגען דעם מינדסטען ליגען, איז פאַרפירט גע־וואָרען צו נאָך אַ גרעסערער עבירה, ווייל ווען ער איז שוין געוואָ־רען אַזוי באַרימט, אַז זיין נאָמען האָט שוין אפילו דערגרייכט די רעגירונגס־באַאמטע, האָבען זיי, פאַרדעכטיגענדיג די אידען פון שטאָט אין שמוגלעריי, געזאָגט, אַז זיי וועלען צוריקציען די באַשול־דיגונג אויב דער צדיק וועט ערקלערען אַז זיינע ברידער זיינען אומ־שולדיג. אויף דעם האָט ער געבעטען גאָט צו ראַטעווען אים פון זיין ביטערער פאַרלעגענהייט און אים שיקען דעם טויט, און זע! ווען מען איז אים געקומען נעמען אין געריכט אריין, האָט מען אים געפונען טויט. אָבער אַן אמת'ער נאָכפאָלגער פונ'ם בעל שם האָט באַדאַרפט עדות זאָגען פאַר'ן אמת אפילו געגען זיינע ברידער, און לויט מיין באַשיידענער מיינונג, איז זיין טויט נישט געווען קיין באַפרייאונג, נאָר אַ שטראָף פון אויבען.

נאָך מער, וואָלט דער צדיק געלעבט מיט עניוות — וואָס דער בעל שם האָט געהאַלטען פאַר דער ערשטער פון די דריי ערשטע גוטע מדות — וואָלט ער עס נישט געהאַלטען פאַר אַזאַ שרעק־ליך אומגליק צו זאָגען איינמאָל אַ ליגען. ווייל ווער קען צוויי־פלען, אַז ער האָט פאַרמאָגט אין זיך מער גייסטיגען שטאָלץ מיט זיין אייגענער פאַרגאַנגענהייט איידער אמת'דיגע ליבשאַפט צום אמת? און וואָלט ער געלעבט מיט דער צווייטער פון די דריי ערש־טע גוטע מדות — בטחון — וואָלט ער געוואוסט, אַז גאָט קען באַ־פרייען אַ מענשען אפילו פון דער זינד פון ליגען זאָגען. און ווען ער וואָלט געלעבט מיט דער דריטער — התלהבות — וואָלט ער זיך קיינמאָל נישט אַראָפּגעלאָזט צו בלויז איין מצוה, נאָך דערצו אַ לאו — נישט צו זאָגען קיין ליגען. ווייל דאָרט וואו עס איז דאָ אַ לעבעדיגער פלאַם אין האַרץ, צושפּרייט ער זיך צו אַלע אברים.

„גאָט דינען איז אין זיך אַליין אַ שכר, אַ פרייד", האָט דער בעל שם געזאָגט. קיין מענש דאַרף זיך נישט אָפּגעבען מיט נישט באַגיין קיין זינד. זיין טאָג דאַרף זיין איבערפילט מיט פרייד פון דינען גאָט. משיח'ס צייטען, האָט דער בעל שם גע־לערענט, וועלען זיין, ווען יעדער מענש וועט טאָן וואָס גוט און רעכט איז פון זיין אייגענעם נאַטירליכען ווילען, בשעת ער וועט אַפילו נישט געדענקען, אַז ער טוט רעכט, און וועט נאָך וויניגער זיין צוליב דעם דערהויבען, ווייל קיין מענש איז נישט שטאָלץ מיט דעם וואָס ער גייט אָדער שלאָפט. דאַמאָלס וועט רעכטפערטיגקייט זיין פאַרקערפערט אויף דער וועלט, און די קליפּה וועט זיין געשלאָ־גען, און יעדער מענש וועט בכח זיין צו מאַכען הימלישע באַהעפ־טונגען און האָבען עלית נשמה.

אַ סך צרות איז דער בעל שם אויסגעשטאַנען אין די יאָרען וואָס איך בין געווען מיט אים. אָרעמקייט און פאַרפאָלגונג זיינען אויף אים אָפט אויסגעפאַלען, און ווי זיין ווייב'ס טויט האָט אים דערשלאָגען האָב איך שוין פריער דערמאָנט. נאָר די ערגסטע באַ־אומרואיגונג האָט אים פאַרשאַפט יעקב פראַנק'ס אויפלעבונג פון דער שבתאי צבי'אישער אפיקורסות. אָט דער פראַנק, וועלכער איז לויט דער ריי געווען אַ טערק, אַ איד און אַ קאַטאָליק, האָט געשפּילט די ראָלע פון שבתאי צבי'ס נאָכפאָלגער אַלס משיח, האָט באַפוילען זיינע נאָכפאָלגער אים צו רופען הייליגער האַר, און שפּעטער האָט ער אָרומגעפירט זיין שיינע טאָכטער חוה אַלס די פּרוּוִליכע גאָט־הייט. אַ סך פון דעם וואָס מיין זיידע האָט מיר דערציילט וועגען דעם ערשטען פאַלשען משיח איז איבערגע'חזר'ט געוואָרען, מיט דער אויסנאַם וואָס דער ערשטער האָט זיך פאַרבונדען מיט די מאַכ־מעדאַנער, און דער צווייטער האָט קאָקעטירט מיט די קריסטען. דערפון האָבען זיך גענומען די עפּענטליכע וכוחים, וואָס די קריסטען, האָבען געגערט, אין וועלכע די פראַנקיסטען האָבען געקעמפט מיט די תלמודיסטען, און אַזוי ווי זיי זיינען אַרויס די זיגער, האָבען זיי זיך געפילט דערהויבען ווען זיי האָבען געזען ווי מען האָט פאַר־כאַפּט די הייליגע ספרים פון די רבנים. ווען מען האָט אַריינגע־וואָרפען טויזענט גמרות אין דעם גרויסען גרוב אין קאַמעניעץ, און דער תליון האָט זיי פאַרברענט, האָט דער בעל שם פאַרגאַסען טרע־

רען און געהאלטען מיט אלע דעם תענית צוליב דער פארברענונג פון דער תורה. ווייל נישט קוקענדיג אויף דעם, וואס ער האט גע־האסט די טייוולאנישע פלפולים, האט ער געהאלטען, אז די תורה האט מיט זיך פארגעשטעלט די תורה שבעל פה, וואס האט אויס־געדריקט די שטענדיגע באגייסטערונג פון די גדולי ישראל, און אז צו פארלאזען זיך אויפ'ן תנ"ך אליין וואלט געווען צו פארגעטערען די מומיע פון רעליגיע. און ער האט נישט ווייניגער געטרויערט איבער דעם ווערטער־קאמף צווישען די תלמוד'יסטען און פראנ־קיסטען וואס איז פארגעקומען אין בער לעמבערגער קאטעדראל, ווען די פוילישע פריצים און בירגער האבען געקויפט איינגאנגס־בילעטען פאר הויכע פרייזען. מיט וכוחים איבער גלויבען, דינט מען דעם טייוועל, נישט גאט, האט דער בעל שם געזאגט. און ווען די פראנקיסטען האבען זיך צום סוף גע'שמד'ט אין די טויזענ־טער, און זייער משיח אין קאסטבארע טערקישע קליידער האט פא־ראדירט איבער דער שטאט אין א קארעטע מיט זעקס פערד, און ארומגערינגעלט פון טערקישע וועכטער, האט דער בעל שם זיך מער געפרייט ווי געטרויערט איבער דעם סוף. אבער ווען אט די קא־טאליקען האבען געהאט א ביטערען סוף, און ווען די פוילישע אינ־קוויזיציע האט פראנק'ן איינגעזעצט אין תפיסה און זיי זיינען גע־ווען דערנידעריגט צו בעטלען ביי די קירכען־טירען, איז דער בעל שם געווען דער איינציגער וואס האט נישט אפגעלאכט פון זיי דער־פאר ווייל זיי האבען נאך אלץ מיט בענקשאפט געקוקט צום „טויער פון רוים", ווי מען האט מיסטיש אנגערופען דעם קלויסטער אין טשענסטאכאוו, אין וועלכען פראנק איז געלעגען א געפאנגענער. און ווען זייערע שונאים האבען געזאגט, אז זיי האבען דערלעבט וואס זיי האבען פארדינט, האט דער בעל שם געזאגט: נישטא קיין אפטייל אין הימעל וואו די נשמה האלט זיך אויף א קירצערע צייט, ווי אין דעם אפטייל פון שכר, און נישטא קיין אפטייל וואו זי האלט זיך אויף לענגער ווי אין דעם אפטייל פון ליבשאפט". א סך האט אויך אין יענע ביטערע צייטען דער בעל שם געליטען דורך זיין מיטלייד צו די לײדען פון פוילען, אין איר ברודער־מערדע־רישער מלחמה, ווען די קאזאקען האבען אויפגעהאנגען צוזאמען א נאבעלמאן, א איד, א מאנאך און א הונט, מיט דער אויפשריפט:

„אַלע זיינען גלייך”. כאָטש אָט די קאָזאַקען, און דערנאָך די טער־קען, וועלכע האָבען, אונטער דער מאַסקע פון פריינט פון פוילען, פאַרוואַנדעלט די דרומ׳דיגע פּראָווינצען אין מדבריות, האָבען גיכער געהאָלפען איידער געשטערט זיינע נאָכפאָלגער דורך דעם וואָס זיי האָבען אַראָפּגעוועגדט פון וועג זייערע פאַרפאָלגער, האָט דעם בעל שם׳ס האַרץ געקלאַפּט מיט רחמנות צו אַלע — הינט, מאָנאַכען, נאָבעלליט און אידען. אָבער, ווי שטאַרק ער האָט נישט געליטען, האָט זיין שטילער גלויבען פול מיט בטחון, אויף וועלכען די צרות זיינען בלויז געווען טונקעלע פלעקען, קיינמאָל נישט אינגאַנצען אויפגעהערט צו לייכטען אין זיין פנים. אפילו אויף זיין טויטען־בעט האָבען נישט געפעלט זיינע דריי ערשטע גוטע מדות. ווייל קיין מענש האָט נישט געקענט באַגעגענען דעם מלאך המות מיט מער שמחה, אָדער דערוואַרטען מיט מער התלהבות די באַהעפטונג מיט גאָט, און וואָס אמבאַלאַנגט עניוות, זיינען זיינע גסיסה־ווער־טער געווען: „גאוה! גאוה! אפילו אין דער שעה פון טויט דערוועגסטו זיך צו דערנענטערען צו מיר מיט דיינע נסיונות. ׳באַ־טראַכט דיך, ישראל, וואָס פאַר א גרויסע לויה דו וועסט האָבען ווייל דו ביזט געווען אזוי קלוג און גוט׳. גאוה, גאוה, פאַרשאָל־טען זאָלסטו זיין”.

יעדער איינער ווייסט, אז כאָטש איך בין געווען זיין איידעם און בין געווען מיט אים ביז אין זיין לעצטער שעה, האָט ער פונדעסט־וועגען באַשטימט רב בער׳ן, און נישט מיך פאַר זיין נאָכפאָלגער. ווייל כאָטש מיין באַקאַנטשאַפט מיט דעם בעל שם איז נישט בכח געווען צו פאַרגרעסערען מיין באַוואונדערונג פאַר זיין הויפט־תלמוד, האָב איך מיך אָבער קיינמאָל וועגען דעם געגוי נישט אויסגערעדט פאַר מיין רבי׳ן, ווייל נאָך פרי האָט ער מיך געלערענט, אז די אַנט־קעגענדיגע זייט פון דער מדה פון עניוות איז צו האָבען א הויכע מיינונג פון איינעמס מיטמענשען. „דער וואָס האָט ליב גאָט דעם פאָטער, וועט אויך ליב האָבען די קינדער”.

נאָר אזוי ווי ער האָט פיינט געהאַט לערנען גלאַט אזוי, און יעדען סאָרט לערנען אַליין וואָס פירט נישט צום אומענדליכען ליכט, האָב איך מיך איינגעשטעלט און אים געפרעגט פאַרוואָס ער

האט דערלויבט בער׳ן, דעם למדן ארומצוגיין אלס זיין העלפער און גרינדען קהילות אין זיין נאמען.

„דערפאר", האט ער געענטפערט מיט א שיינער פשטות, „ווייל איך האב געזען אז איך האב געזינדיגט ווען איך האב געהאלטען אז עס הארצות איז א גוטע מדה. עס זיינען פאראן גוטע מענ־שען אפילו צווישען לומדים — מענשען וואס זייערע הערצער זיי־נען נישט פארדארבען דורך זייער מח. בער איז געווען אזא מענש, און אזוי ווי ער האט געהאט א גרויסען נאמען צווישען לומדים, האב איך געזען אז די לומדים וואס ווען זיך נישט צוהערען צו א פשוט׳ען מענש, וועלען זיך צוהערען צו אים".

און איצט, איידער איך זאג נאך עפעס אנדערש וועגען דעם ענין, זאלען אט די רייד דעם רבינ׳ס זיין א מוסר פאר זיינע אומ־ווירדיגע נאכפאלגער, וועלכע האבען פיינט לומדים, אין דער צייט, וואס זיי אליין זיינען נישט פרום אפילו, און וואס בארימען זיך מיט זייער עם הארצות, גלייך דאס וואלט באוויזען זייער באלויב־טענקייט. נאר וועגען רב בער׳ן ווייל איך אפען זאגען, אז עס וואלט געווען בעסער פאר דער וועלט און פאר דעם בעל שם׳ס לערע, ווען איך וואלט באשטימט געווארען זי ווייטער איבערצוגעבען. ווייל בער האט פונ׳ם רבינ׳ס צאפלדיגען לעבען געמאכט א צעטעל גע־זעצען און א גלויבען וואס איז געווארען שטייף און טויט. און ער האט צונויפגעזאמעלט זיינע נאכפאלגערס דורך אויסערליכע סמנים — טומעלדיג דאווענען, טבילות, ווייסע שבת׳דיגע קליידער און אזוי ווייטער — אזוי, אז דער גייסט איז געשטארבען און די סימבא־לען זיינען געבליבען, און פון די צענדליגער טויזענטער וואס רופען זיך איצטער חסידים און דאווענען די תפילות און פירען אויס די מנהגים און טראגען די ווייסע קליידער, זיינען נישטא קיין צען וואס האבען די מינדסטע השגה פונ׳ם בעל שם׳ס תורה. ווייל גייסט איז לייכטפארטיג און פליט אוועק, אבער סימבאל איז פעסט און ווערט איבערגעגעבען פרום פון דור צו דור. אבער דעם גרעסטען שאדען האט אנגעטאן דאס איינפירען די צדיקים. עס קען זיין, אז רב בער׳ס לאגיק איז געזונט, אז אויב גאט איז אין אלע זאכען, אזוי ווי דער רבי האט געלערענט, קען דאמאלס זיין, אז עס איז פאראן אזויפיל פון גאט אין טייל אויסדערוויילטע מענשען, אז זיי אליין זייבען

געטליך. איך צווייפעל נישט אז דער רבי אליין איז געווען נאָענט צו געטליכקייט, ווייל כאָטש ער האָט נישט געלאָזט וויסען אז ער באווייזט מופתים, טענה׳ענדיג, אז ווען ער האָט געהיילט אימעצען איז עס געווען אַ דאנק זיין קענטעניש פון גראָזען און קרייטעכצער, און שפּאסענדיג אז דער מלאך רפאל באגלייט יעדען גוטען דאָקטאָר, און ער האָט מיר קיינמאָל נישט צוגעגעבען אז ער האָט מלחמה געהאַלטען מיט רוחות און מכשפים א חוץ אין א פארשטעלטען זין, האָט ער אָבער דאָך פארמאָגט אַ מאָדנעם כח, וואס מענשען האָבען נישט געוועגליך, צו בארואיגען און צו היילען דורך זיין בלויזען אָנריר, אזוי אַז ווען ער האָט צוגעלייגט די הענט צו אימעצענס שטערען — אויף דעם קען איך אליין עדות זאָגען — האָבען די הענט געקענט אויסהיילען קאָפּווייטאָג און פארטרייבען בייזע געדאנקען. און איך וועל אפילו גלויבען, אז אויך רב בער האָט פארמאָגט עפּעס פון אַט דער געטליכקייט. נאָר אין דער צייט וואָס דער בעל שם האָט פארהילט זיין געטליכקייט אין זיין מענליכקייט, האָט בער געשטרעבט צו פארהילען זיין מענליכקייט אין זיין געטליכקייט, און אַרויסבאקומען זיין מאכט דורך קונצען און אויסרעכענונגען, צו קענען בעסער באאיינפלוסען מענשען און הערשען איבער זיי, און ארויסקריגען גאָלד פון זיי אויסצופירען זיינע ווייטערדיגע פלענער. אָבער איין זאך האָב איך געלערענט פון זיין לערע, אז אויב דער אמת איז נישט גרוים גענוג צו קענען הערשען אליין, דארף ער נישט הערשען דורך ביטרעקייט. ווייל סוף כל סוף וועלען קומען מענשען וואָס וועלען ארויסווייזען ביטרעקייט אָן דעם אמת. אזוי ווייניגסטענס איז עס דאָ געשען. צוערשט דער בעל שם, דער ריינער צדיק, דערנאָך רב בער, דער וועלטליכער צדיק, דערנאָך א מחנה צדיקים, וואס אַ סך פון זיי האָבען בלויז געהאט דעם אויסערליכען שיין פון הייליגקייט. ווייל אזוי ווי אונזער אין דער אמת׳ן גרויסע סעקטע איז צושפּאָלטען אויף טויזענט קליינע סעקטעלאך, וואס יעדע באדימט זיך מיט איר אייגענעם צדיק — וואָס ער איז העכער פון אלע אנדערע, דער איינציגער אמת׳דיגער פארמיטלער צווישען גאָט און מענש, דער איינציגער קוואל פון ברכה און ברונע פון גענאָד — און יעדע באזעצט אים אין א פּאלאַץ (וואוהין זיי זיינען עולה רגל אויף יום טובים אזוי ווי אמאָליגע צייטען צום בית המקדש)

און מען צאָלט אים פּדיונות פון גאָלד און אוצרות. עס לאָזט זיך לייכט פאַרשטיין אז אָט די נעבעכדיגע צדיקים האָבען אליין אָנגעמאַכט אָט די שפּאַלטונגען פון זייער אייגענעם כבוד און ריוח וועגען. און איך וויין נאָך מער איבער דעם וואס מען בארויבט אזוי מיינע חסידים, ווייל עס איז פאַרהאַן אזוי פיל פאַרפירטע גוטסקייט צווישען זיי, אזוי פיל מקריב זיין זיך איינער פאַר'ן אנדערען אין א צרה, און אזא געטרייע געהאַרכזאַמקייט צום צדיק, וואָס אומעטום פאַרנעמט ער פאַר זיך די תפילות און די פאַרהאַרליכונג וואָס געהערט צו גאָט. א שאָד, אז א באַוועגונג וואס האָט זיך אָנגעהויבען מיט אזא ריינער שטרעבונג, וואס איז געווען פאַר מיין נשמה און פאַר די נשמות פון אזויפיל אנדערע יונגע תלמידים, אזוי ווי דער שאָטען פון א גרויסען פעלז אין א לאַנד פון מאַטקייט, אז א לערע וואס האָט געעפענט פאַר דעם יונגען ישראל אזעלכע גייסטיגע אויסזיכטען און העכסטע האַרליכקייטען פון דער גאָטהייט, זאָל זיך ענדיגען אין אזעלכע אָפּנאַרענישען און פאַרקרימונגען.

ווי צו מיר! וועט עס אזוי אייביג זיין מיט ישראל? וועלען מיר אַרויסקלעטערען פון איין זומפּ בלויז אַריינצופאַלען אין אַן אנדערען? אָבער די ספקות זיינען אַן אומכבוד פאַר דעם רבי'ן. איך וויל בעסער זיין אונטערטעניגער ווען איך משפּט אנדערע, פריילּיכער ווען איך קוק אַרוים אויף דער צוקונפט, מער התלהבות'דיג צו די יונגעלייט וואס וואַקסען אויף אַרום מיר, און וועלכע קענען נאָך ווייטער טראָגען דעם פאַקעל וואס דער רבי האָט אָנגעצונדען. זיי וויל איך דערמאָנען וויפיל נשמות ער האָט אָנגערירט, וואָס זיי האָבען אָנגעהויבען ברענען מיט א קלאָרערען פלאַם. איך וויל זיי דערציילען וועגען יענע וואס האָבען אויפגעגעבען שטעלן און כבוד צו פאַרשפּרייטען זיין תורה, און זיינען אויסגעשטאַנען הונגער און פאַראַכטונג. און לאָמיך נישט פאַרגעסען צו דערמאָנען רב לעמעל, דעם אוהב צדק, וועלכער איז אמאָל מיטגעגאַנגען מיט זיין ווייב צום בית דין, ווען זי האָט געהאַט א דין תורה מיט איר דינסט.

„איך דאַרף דיך נישט דו זאָלסט רעדען פאַר מיר", האָט זי מיט כעס געזאָגט. „איך קען מיך אַליין אויס'טענה'ן".

„ניין, איך גיי נישט רעדען פאַר דיר", האָט ער איר מילד גע־

ענטפערט. „איך גיי טענה'ען פאר דיין דינסט, וואס זי האָט נישט ווער עס זאָל זיך אָנגעמען פאר איר". און אויסברעכנדיג אין א געוויין, האָט ער איבערגע'חזר'ט דעם פסוק פון איוב: „אויב איך האָב פארשפאָט דאָס רעכט פון מיין קנעכט אָדער פון מיין דינסט, וואָס זשע וועל איך טאָן ווען גאָט וועט אויפשטיין?"

אָט די און א סך אזעלכע זאכען, פון לומדים און פון פשוט'ע מענשען האָב איך נאָך צו פארשרייבען פאר דער יוגענט פון ישראל. נאָר איבער אַלעם זאָל דער אָנדענק פונ'ם בעל שם אַליין זיין פאר זיי א ניגון און א ברכה. ער, וואס זיין לעבען האָט מיך געלערענט צו פארשטיין אז דער גרעסטער מענש איז נישט דער וואס וואוינט אין גרוים עשירות, אין פאלאצען און מיט הויפלייט, באצוימט און באוואכט, און געגרויסט דורך פאלשער פראכט, נאָר דער וואָס רע־דענדיג מיט בטחון צו זיינע מיטמענשען אויפ'ן מארק, עניות'דיג, גלייך מען וואָלט אים נישט פארהארליכט, און אָרעם, ווי מען וואָלט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט, טראָגט ער אין זיך א געטליך פייער, אז א ליכט לייכט פון אים, דורך וועלכען מען קען דערקענען די זעעוודיגע אָנוועזענהייט פון גאָט.

פארלאג

# מאַקס יאַנקאָוויטץ

## 179 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק.

---

THE FLIRT (אין ענגליש) — — — — — — — .25

ליטעראַרישער דעקלאַמאַטאָר און פאָרלעזער — .30 .70

### א בוך צום לאַכען:

הומאָריסטישע פאָרלעזונגען — — — — — 1.50

### חיים שוים:

די גרויסע אידישע געשיכטע, 4 בענדער 10.00

### לאָרד בייראָן:

אידישע מעלאָדיעס — — — — — — — — .40

### ראָמאַן ראָלאַן:

שוועסטער אַנעט און סילוויא — — — — — 1.75

זומער (פאַרכישופטע נשמה) ראָמאַן אין 3 טיילען — — — — — — — — 2.25

מוטער און זון, ראָמאַן אין 3 טיילען — — — 2.25

### ישראל זאַנגוויל:

טרוימער פון דער גהעטא אין 2 בענדער — 4.50

### ראָבערט אינגערסאָל:

טעות'ן פון משה רבנו — — — — — — .40 .75

### אַרטור שאָפּענהויער:

די חכמה פון לעבען און אַנדערע עסייען — 2.00

### דר. מוזיקאַנט:

דאָס נייע אָפּערא בוך מיט 40 אָפּעראָס — 2.25

### ברוך שפּינאָזא:

טעאָלאָגיש-פּאָליטישער טראַקטאַט — — 2.25

### אנאטאל פראַנס:

דער אויפשטאַנד פון די מלאכים — — — 2.00

### אָסקאַר ווײַלד:

דאָס בילד פון דאָריאַן גרעי — — — — — 1.50

### מ. אַרציבאַשעוו:

סאַנין — — — — — — — — 1.50

מיליאָנען — — — — — — — — 1.20

פרויען — — — — — — — — 1.00

אייפערזוכט — — — — — — — .50 1.00

דער לעצטער שטריך (אין 2 בענדער) — 3.50

**לאה קאַפּילאָוויטש האָפמאַן:**

אין קינדער לאַנד, פאַר קינדער צו דעקלאַמירען — — — — — — — — — 2.00

**לעאָניד אַנדרעיעוו:**

דער רויטער געלעכטער — — — — — — — — .40 .70

**פ. דאָסטאָיעווסקי:**

אָרימע מענשען — — — — — — — — — 1.00

ערנידעריגטע און באַליידיגטע (אין 2 בענד) 3.00

פאַרברעכען און שטראָף (אין 2 בענד) — 3.50

אידיאָט (אין 2 בענד, 1,000 זייטען) — — 5.00

**טאָמאַס פּיין:**

די צייט פון פאַרשטאַנד — — — — — — 2.00

**ווינישענקאָ:**

ערליך צו זיך אליין — — — — — — — — 2.00

**וויקטאָר הוגאָ:**

דער מענש וואָס לאַכט (אין 2 בענדער) — 3.00

**אויגוסט סטרינבערג:**

דאָס רויטע צימער, ראָמאַן — — — — — — 1.50

געזאַמעלטע דראַמען (אין 2 בענדער) — 3.00

„די פאַרברעכער" דראַמע — — — — — — .25

**פּראָפ. א. פאָרעל:**

געשלעכטס פראַגע פולשטענדיג אין 2 ב. — 4.00

**ס. פּשיבישעווסקי:**

דעם טייוועלס קינדער — — — — — — — 1.50

**מאַרק ארענשטיין:**

מיין ווייב'ס משוגעת, קאָמעדיע — — — — .20

**ה. געלבוים:**

מרדכי עטינגער, ראָמאַן פון אידישען לעבען אין אמעריקא — — — — — — 2.50

**פּעטער אַלטענבערג:**

ווי איך זעה עס — — — — — — — — — 1.75

**ז. לעווין:**

אין לעבען — — — — — — — — — — — 1.50

**ראובן לודוויג:**

שריפטען — — — — — — — — — — — 2.00

179 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.
Telephone Dry Dock 7695